STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09573

# VIDERKLANGEN

Charles A. Freilich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# י. פריילעך

# ווערטערקלאַנגען

## דערציילונגען

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אונדזער וועג"

ניו־יאָרק
1948

# WIDERKLANGEN
## (ECHOES)

By

**CHARLES A. FREILICH**
(YUD FREILICH)

Copyright 1948
by
"UNZER WEG"
New York, N. Y.

Printed in the U. S. A. by
The Shoulson Press
New York, N. Y.
255

מיינע ליכטיקע טאַטע־מאַמע, וואָס כ'האָב פון זייער געביין נישט געהערט זינט דעם אָנהייב פון אונדזער חורבן פוילן, און דיר, אָסטראָווע מאַזאָוויעצקער, שטאָט פון מיין געבוירן, וואָס קיינער האָט דיין ערלעך יידיש לעבן נישט באַזונגען, שטאָט אָסטראָווע, וואָס ביסט נישטאָ מער, — איך איז מיין בוך דערציילונגען געווידמעט.

מיין לאנגיאָריקן חבר פּ. ל. גאָלדמאַן, סעק־
רעטאַר פון אחדות־העבודה־פּועלי־ציון אין
די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע,
מיין האַרציקן דאַנק פאַרן מעגלעך מאַכן
די דערשיינונג פון בוך.

י. פרייליך

# אינהאַלט

זייט


| | |
|---|---|
| דעם טאַטנס ספרים | 9 |
| ווען דער מערזשל האָט זיך צעקלונגען | 33 |
| דער סופר | 41 |
| ר׳ יונה דאַזוערס באַרג אַראָפּ | 63 |
| אַליין | 85 |
| יאַנטשעס דרשה־געשאַנק | 97 |
| טעג אַזוינע (פון מיין געבוירן־שטאָט אָסטראָווע) | 115 |
| די לעצטע לעקציע | 135 |
| אַ לעפל אָן חמץ | 149 |
| דן יצחק אברבנאל | 159 |
| נולן | 183 |
| וועלוול טאָקער | 195 |
| צוויי אָמניבוסן | 211 |
| דאָס פאַרבאָטענע ליד | 233 |
| אַליין אין דער סוכה | 251 |
| פון קוואַל | 259 |
| די שטאָט אויף זיבן בערג | 299 |

# דעם טאַטנס ספרים

**נאָכדעם** ווי מרדכי האָט זיך שוין געהאָט באַזעצט אין ניאַניאַקס ברישקע און ער האָט געזען ווי זיין טאַטנס הויז גליטשט זיך פּאַמעלעך אַוועק פון אים אַלץ ווייטער און ווייטער, האָט ער ערשט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו באַנעמען אַ סך פון טאַטנס ווענגן, וואָס זיינען אים ניט קלאָר געווען ביז דעם מאָמענט. אַפילו זיין טאַטנס בייסן דעם קנאָכן פון ווייז־פינגער פון דער רעכטער האַנט, זיין מאַכן אַן אַ שיעור קייקעלעך פון ווייכע ברויט, זיין כסדרדיקן מאַרשירן פון איין ווינקל פון זיין בית־דין שטוב ביזן אַנדערן ווינקל, האָט מרדכי ערשט געזען אין אַ ניי ליכט. און ווען די ברישקע האָט זיך געהוידעט אויף אירע רעסאָרן, ווען זי איז אַריינגעשוואומען מיטן זילבער גרויען שאָסיי צווישן די צוויי ווענט הויכע, שפּיציקע סאָסנע־ביימער, וואָס האָבן זיך פרום און התלהבותדיק געשאָקלט אין שעפּטשנדיקע תפילות; ווען די סודות־דיקע טונקלקייט האָט איינגעהילט אין אירע אָרעמס מרדכין מיט זיינע ניי־געבוירענע געדאַנקען וועגן זיין טאַטן, דעמאָלט, אין יענער מינוט, אין יענער ווייט־ווייטער סעקונדע האָט זיך צו מרדכין אין בוזעם אויף שטענדיק אַריינגעגנבעט אַזאַ מין בייסיקע נאָגנדיקייט, אַזאַ מין ווייטיק־דיקע בענקשאַפט, וואָס האָט מיט פעקיקער קלעפּיקייט זיך איינגעגעסן אין אים און אים אָנגעפילט מיט אַ מוראַדיקער אומרו.

מרדכי האָט זיך צוגעזעצט צו ניאַניאַקן אויף דער קעלניע; ער האָט געוואָלט פאַרטרייבן, פאַרשרייען דאָס געוויין אין זיך. ער האָט פּרובירט פאַרפירן אַ שמועס מיטן באַריידעוודיקן ניאַניאַק. ניאַניאַק דער בעל עגלה האָט טאַקע מיט אַ שטראָמיקער שנעלקייט גערעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט, אָבער מרדכי האָט אים לחלוטין ניט געהערט. ער איז געזעסן און האָט געשטאַרט אין די טיפענישן פון וואַלד און ער האָט זיך אַליין געוואונדערט פון וואַנען עס קומט צו אים אַזאַ מין יינגלשע שוואַכקייט, אַזאַ מין ווייבערישע צעגאַסנקייט. ער האָט זיך דערמאָנט מיט וואָסער ביטערקייט ער האָט מיט זיין פּאָטער גע־

קעמפט די לעצטע פּאָר חדשים. ער האָט פּרובירט זיך אַליין באַווייזן ווי גליקלעך ער דאַרף זיין, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער שטוב, וואָס איז שטענדיק פול מיט מחלוקתן מיט די שטאָט־באַלעבאַטים, מיט קריגערייען מיטן דיין, מיטן שוחט און מיט מחותנים, וואָס אָדער זיי ווילן נדן פאַר זייערע זין אָדער דער טאַטע וויל מער נדן פאַר זיינע זין. ער האָט אויך אַרויסגעשלעפּט און אויסגעלייגט פאַר זיינע אויגן דעם שטענדיקן דלות, וואָס האָט געבושעוועט אין הויז. ער האָט פאַר זיך אָפּגעמאָלן דעם לאַנגן, פאַרלאַטעטן, געלן טלית־קטן מיט די וואַק־סענע ציצית, וואָס גרייכן ביז דער ערד; ער איז קינאָמאַטאָגראַפיש דורכגעלאָפן אַ רייע בילדער פון אומעט און נויט אין הויז; און צום סוף האָט ער אַפילו אַרויסגעשלעפּט פון די סודותדיקסטע ווינקלען אין זיך דעם פּאַטש, דעם ערשטן און דעם לעצטן אמתן פּאַטש, וואָס דער טאַטע האָט אים געגעבן. ניין, וועגן דעם פּאַטש האָט ער ניט געוואָלט טראַכטן. ער האָט זיך געהאַט צוגעזאָגט, אַז דער פּאַטש וועט בלייבן אויף שטענדיק אַ פאַרחתמעטער סוד, אַן אָפּגעשלאָסן קאַפּיטל געשיכטע אין זיין לעבן. דער פּאַטש, צי ער האָט אים פאַרדינט צי ניט, האָט געמוזט בלייבן פאַרזיגלט אין אַ טיף קעמערל פון זיין איך. נאָכדעם ווי די מאַמע האָט אים יענעם פרימאָרגן דערציילט, אַז דער טאַטע האָט געוויינט אַ גאַנצע נאַכט צוליבן פּאַטש, אַז ער האָט די קישן אַזש אויס־געווייקט מיט טרערן, נאָך יענעם פרימאָרגן האָט מרדכי וועגן דעם פיינלעכן פּאַטש קיינמאָל מער ניט געוואָלט טראַכטן, און דאָ איז גאָר דער פּאַטש אויפגעשוואומען פאַר אים און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין טאַטנס פינף־דאַרע־פינגערדיקייט אויף זיין לינקער באַק. יאָ, מרדכי האָט ערשט באַשיינפּערלעך געפילט ווי דעם טאַטנס פינף פינגער צעלייגן זיך ווי בראַנד־צייכנס אויף זיין, מרדכיס, לינקער באַק. און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער באַק מיט אימפּעט, ער האָט צוגעהאַלטן מיט בײדע הענט די באַק, וואו ס'איז ערשט בולט געלעגן אויסגע־שטעמפּלט דעם טאַטנס פּאַטש. אָבער ניט קיין ווייטיק האָט מרדכי ערשט געפילט אין באַק, ניט קיין חרפּה אָדער באַליידיקונג האָט ער געפילט. ער האָט געפּרעסט די האַנט צו דער באַק מיט פּחד, אַז די צייכנס פון טאַטנס פּאַטש זאָלן זיך ניט אָפּמעקן. ער האָט מורא געהאַט,

אַז דאָס שעפּטשענדיקע ווינטל פֿון וואַלד זאָל ניט אַראָפּיאָגן די וואַרעמ־קייט, וואָס איז געלעגן אויף זיין באַק.

„פאַרוואָס האָט ער מיר אַ פּאַטש געטאָן?" האָט זיך מרדכי געפרעגט. און דער ענטפער איז פאַר אים ערשט געוואָרן קלאָר, אַזוי קלאָר ווי עס איז דאָס ראַוועקל וואַסער, וואָס פליסט פון אונטערן בריק אויפן וואַרשעווער וועג. „דער טאַטע האָט אָנגעהויבן צו בענקען נאָך מיר איידער איך בין נאָך אַוועק פון דער היים. ער האָט מיר געבעטן, ער האָט מיט מיר געטענהט מיט גוטן. ער האָט מיר באַוויזן, אַז איך בין נאָך צו יונג צו זיין אַליין אין דער וויסטער, פרעמדער וועלט. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ווען איכ'ל עלטער ווערן, וועט ער מיר לאָזן פאָרן. איך בין געבליבן איינגעשפּאַרט ווי אַן אייזל. איך האָב אַליין גענומען געלט פון מיין שוועסטערס נדן און איינגעצאָלט אויף דער שיף־קאַרטע".

מרדכי האָט נאָך שטאַרקער געדריקט דעם טאַטנס פּאַטש צו זיין באַק. ער האָט דערפילט ווי עס קייקלען זיך אַ פּאָר טרערן פון זיינע אויגן און זיי מאַכן פייכט זיינע הענט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט אויף דער קעלניע, האָט אַ שנייץ געטאָן די נאָז און אַ זאָג געטאָן צו ניאַניאַקן:

— „אַ פּרעכטיק שטיקל וועלט".

ניאַניאַק האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז מען דאַרף דעם רבס זינדל אַ טאַפּ טאָן ביי דעם קאָפּ:

— „וואָס איז דאָ די פּראַכט?", האָט ניאַנאַק געפרעגט: „אַז שלאָגן שלאָגט מען יידן, קיין פּרנסה איז נישטאָ, טעכטער ווילן חתנים און די פערד ווילן האָבער".

ניאַניאַק האָט נאָך געשטראָמט מיט ווערטער, אָבער מרדכי האָט אים מער נישט געהערט. ער איז געזעסן און ער האָט זיך בעסער צו־געהערט צום ריטמישן קלאַפּן פון די פערדישע קאָפּיטעס אויפן שאָבער פון שאָסיי, ער האָט זיך צוגעהערט צום אומעטיקן שעפּטשען פון גרייז־גרויען וואַלד, ער האָט זיך צוגעהערט צו דער נאָגנדיקער בענקשאַפט, וואָס איז געווירן אין אים מיט יעדן ווייאָרסט, וואָס ניאַניאַקס פערד האָבן אים אַוועקגעטראָגן פון זיין היים, פון דעם הויז, וואָס האָט אַראָפּ־

געקוקט צום טיפן טאָל, וואו עס האָט זיך געשלייכט סודותדיק־שטיל דער אור־אַלטער, זילבערנער בוג, דער בוג, וואָס האָט זיך געשלענגלט, ווי אַ ברייטע סטענגע אַרום דעם גרינעם קאָפּ פון געדיכטן וואַלד, וואָס איז געלעגן עט־וויט, אויף יענער זייט טייך.

— „כ׳וועל דעם פּאַטש נישט פאַרגעסן״. „כ׳וועל דעם פּאַטש נישט פאַרגעסן״. „כ׳וועל דעם פּאַטש נישט פאַרגעסן״. „כ׳וועל דעם פּאַטש נישט פאַרגעסן״, האָבן די פערדישע קאָפּיטעס ריטמיש זיך צעזונגען אויפן שאָסיי.

— „פאַרוואָס האָב איך דעם טאַטן אַזוי ווי געטאָן?״ — האָט מרדכי זיך אַ בייטש געטאָן אין מיטן דערינען.

— „פאַרוואָס האָב איך אים אַזוי געפּייניקט צוליב אַזאַ נישטיקן פּאַטש?״ האָט מרדכי זיך ניט געקענט פאַרגעבן, פאַרוואָס ער איז זיך אַזוי אכזריותדיק באַגאַנגען מיטן טאַטן. ער האָט געטאָן אַ פּאָר נאַקעטע הוסטן און זיך אָוועקגעלאָזט מיט ר׳ יהודה הלוין איבער די ימען:

— „כ׳האָב פאַרלאָזן מיינע אַלע ליבסטע״.

שטיל און פרום און פחדיק איינגעהאַלטן האָבן די ביימער פון וואַלד, די פייגל אויף די ביימער און אפילו די פּאַדקאָוועס פון די פערד האַרמאָניש מיטגעזונגען מיט מרדכין:

— „כ׳האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן״.

— „טראָג מיך״ — און דאָ האָט מרדכי צוגעגעבן זיינעם אַן איי־גענעם קנייטש צו דער פּראָזע אין ליד:

— „פון מיין מוטערס שויס״.

:: :: ::

אויף די פּאָליצעס אַרום די ווענט אין מרדכיס צימער זיינען געשטאַנען רייען ביכער מיט גאָלד־געליישטע, ברייטע, לעדערנע רוקנס ווי עס זיינען געשטאַנען רייען ספרים אויף די פּאָליצעס ביי זיין טאַטן אין בית־דין שטוב. ווי זיין טאַטע דאָרט ביים ברעג פון טייך בוג, אַזוי האָט דאָ מרדכי אַרומגעשפּרייזט איבער זיין באַקוועמען צימער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום טייך האָדסאָן. מיט דער זעלביקער התמדה ווי זיין טאַטע דער רב פון קליינעם שטעטל ביים בוג האָט זיך פאַרטיפט אין זיינע ספרים און זיך מפלפל געווען אין אַ שווערער סוגיה, אַזוי

האָט מרדכי מיט התלהבות און התמדה זיך פאַרטיפט אין די ביכער, וואָס זיינען מיט פרומער אָפּגעהיטקייט געשטאַנען אויף זיינע פּאָליצעס. סאָקראַטעס און פּלאַטאָ, שפּינאָזע און דאַרווין, שאָפּענהויער, מאַרקס און קאַנט, לעניז, געטע און היינע, האָמער און ניטשע, די אַלע ביכער, גוט אָפּגעשטויבט, האָבן זיך געפונען אויף מרדכיס פּאָליצעס און ער האָט זיי געלערנט מיטן זעלביקן יראת־הכבוד ווי ס'האָט זיין טאַטע געלערנט אַ מהרש"א און אַ מהר"ם, אַ תוספות און אַ שטיקל רמב"ם. נישט איינמאָל האָט זיך געטראָפן אַז ביי מרדכין איז אין זיין פאַרחושטקייט אַרויסגעפאַלן אַ בוך פון האַנט, אָדער אַ בוך האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין שרייב־טיש און איז געבליבן צעעפנט מיטן פּנים אַראָפּ אויף דעם דיל. מרדכי האָט מיט האַרץ־קלעמעניש דאָס בוך אויפגעהויבן ווי מ'הייבט אויף אַ קינד פון דער ערד, און האָט, ווי זיין טאַטע, דאָס בוך מיט דרך ארץ און ליבע אַ קוש געטאָן. און אַז אַן ענין איז אים אָנגעקומען שווער צו פאַרשטיין, אַז ער האָט ניט געקענט צעקייען אַ געדאַנק ביי שאָפּענהויערן אָדער ביי ניטשען האָט ער געהאַט אַ געפיל, אַז ווען ער האָט אַ שפּיץ באָרד ווי זיין טאַטע האָט געהאַט, וואָלט ער זיכער דעם שפּיץ באָרד גענומען אין מויל אַריין און אים געקייט אַזוי לאַנג, ביז ער וואָלט זיך דערגרונטעוועט צום סוד פון געדאַנק.

נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז זיין פרוי דינה, וואָס האָט אים נאָך געקענט פון ייִנגלווייז אין דערהיים, איז אַריינגעקומען אין זיין צימער אַריין און זי האָט אים געטראָפן אַרומשפּרייזן פון איין ווינקל אין אַנדערן און זשעסטיקולירן מיט די הענט און ריידן צו זיך אַליין. זי האָט אים אָנגעקוקט אַ מינוט, צוויי און זי איז אַרויס פון זיין צימער מיט אַ שמייכל אויף איר פּנים:

— „פונקט ווי זיין טאַטע דער רב אַזוי איז ער, מיין פּראָפעסאָר", האָט זי מיט ליבע און מיט שפּאַס אַ זאָג געטאָן צו זיך, און שפּעטער ביים עסן האָט זי אים אָפט געזאָגט:

— „הערסט, מרדכי, לויט די מעשות, וואָס דו אַליין האָסט מיר דערציילט וועגן דיין טאַטן ביסטו אַן אמתע קאָפּיע פון אים".

מרדכי פאַליק, מרדכי, וואָס האָט פאַר דער וועלט און אין זיינע קלאַס־צימערן געהייסן מאַרטין פאַליק, אָבער וואָס איז באמת געבליבן

אַזאַ מרדכי װי עס איז זײַן טאַטע געװען אַ ר׳ יאָסעלע, דער מרדכי האָט געפֿילט װי ימען פֿרייד צעגיסן זיך איבער זײַנע אַלע גלידער װען זײַן דינה האָט אים אַזױ אַ זאָג געטאָן. ער האָט געװאוסט, אַז דינה מײנט עס נישט װי קײן קאָמפּלימענט. ער האָט שױן נישט אײנמאָל געהערט פֿון איר זאָגן מיט שנײַדנדיקער בײַסיקײט:

— „ביסט דאָך דײַן טאַטע דער רב׳ל פֿון אױג אַרױס״.

אָבער יעדן מאָל װען זי האָט אים אַזױ געװאָלט קריטיקירן און באַװײַזן װי קלײנשטעטלדיק ײדישלעך ער איז געבליבן, כאָטש ער איז הײַנט אײנער פֿון די אָנגעזעענסטע ליטעראַטור־פֿאָרשער פֿון לאַנד, יעדן מאָל װען זי האָט אים אַזױ פֿאַרגליכן צו זײַן טאַטן האָט ער זיך געפֿילט װי זי װאָלט אים אַ הײב געטאָן אױף פֿליגל צו די הײכן פֿון יום־טובדיקײט צו װעלכע זײַן טאַטע איז בײַ אים אין די אױגן געשטיגן, װאָס לענגער ער איז געװען אַװעק פֿון דער הײם.

נאָך אַזאַ פֿאַרװאורף איז מרדכי געבליבן זיצן בײַם טיש אײַנגעהילט אין אַן עקשנותדיקער שטילקײט. זײַנע קורצזיכטיקע אױגן האָבן זיך געװענדט צום זילבערנעם האָדסאָן, װאָס איז פֿאַרחלומט געלעגן אין גרינעם טאָל.

דער קלענערער אױג זײַנער האָט זיך שטאַרק פֿאַרשמורעט און װי דורך אַ פּריזם זײַנען פֿאַר אים פֿאַרבײַגעשװאומען די בילדער פֿון דער הײם, פֿון דער װײַט־װײַטער, פֿרעמד־אײגענער הײם, װאו עס דרײט זיך אַרום דער טאַטע, שױן ניט קײן יונגערמאַן, אײנער אַלײן אודאי, — אין זײַן בית־דין שטוב און ער שטעלט זיך אַלעמאָל אָפּ בײַם פֿענצטער, װאָס גײט אַרױס צום אור־אַלטן בוג און פֿאַרקוקט זיך אױפֿן שלענגלדיקן טײַך און קײַט דעם װײַז־פֿינגער פֿון זײַן רעכטער האַנט.

יאָ, יעדן מאָל װען מרדכי האָט זיך אַזױ פֿאַרטראַכט װעגן זײַן טאַטן, יעדן מאָל װען ער איז אַזױ געבליבן זיצן בײַם פֿענצטער, װאָס איז אַרױסגעגאַנגען צום האָדסאָן האָט ער זיך צוגעזאָגט מיט פֿולער זיכערקײט, אַז הײַנטיקס יאָר, טאַקע נאָך פֿאַרן סוף פֿון יאָר, װעט ער מוזן טאָן אַלץ אין דער װעלט, איבערלאָזן אַלע, אַפֿילו די פֿרוי מיט בײדע קינדער, און זיך אָװעקלאָזן אױף אַ באַזוך אַהײם. ער מוז, ער װעט דאָס יאָר זען טאַטע־מאַמע. ער קען מער ניט, ער טאָר מער ניט אָפּלײגן און

ווי אַ שטן אויף צו להכעיס האָט זיך אַלעמאָל געמאַכט עפּעס אַזאַ אָדער אַנדער צוטשעפּעניש, אַן אַנדער אָפּהאַלט, וואָס האָט מרדכין ניט דער־לאָזט אויספירן זיין באַשלוס.

יאָרן און יאָרן, טויזנטער מאָל האָט ער געשפּיגט און געוועבט דעם חלום פון קומען צוריק צו זיין פאָטערס הויז; פאַר יעדער דערגרייכונג זיינער האָט ער זיך צוגעזאָגט:

„אַזוי שנעל ווי איך קריג נאָר די ערשטע זיכערע שטעלע, איז גאָרניט, פלי איך אַהיים!" אָדער:

„באַלד נאָך מיין חתונה בין איך אין הויז!"

אַזוי זיינען אַוועק וועלטן מיט יאָרן, אַזוי האָט זיך מרדכי כסדר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיין דאָרט אין יענעם הויז, וואָס האָט אים אַמאָל אויסגעזען אַזוי חושכדיק ענג, אַזוי תפיסהדיק פאַרשטיקט, אין יענעם הויז, וואָס האָט אים שוין פון יאָרן געלאָקט, ווי עס לאָקט אַ פאַנטאַס־טישער פּאַלאַץ אין אַן ערגעץ לאַנד.

און אַז דינה האָט אים דערמאָנט און אַז זי האָט אַ ריס געטאָן די וואונד אין אים, אַז זי האָט אים שפּילעוודיק אַ טשעפּע געטאָן: „דער טאַטע פון אויג אַרויס", איז ער געבליבן אַזוי זיצן ביים פענצטער און ער האָט געקוקט מיט דעם קלענערן פאַרזשמורעטן אויג און ער האָט געזען דעם טאַטן אין די לאַפּטשעס מיט די גומעס ביי די זייטן, און ער האָט געזען זיינע געקרייזלטע פאות, וואָס האָבן באַזוימט זיין ברייט צעקעמטע באָרד, און ער האָט געזען דעם טאַטנס צווי קליינע, פייכטע, טיפע אויגן און ער האָט געהערט ווי דער טאַטע זינגט אויס בענקענדיק אַ ניגון, אַן אַלטן, אַ וויינענדיקן ניגון, וואָס שניידט דאָס האַרץ, וואָס נאָגט און ציט און וויגט איין אין ווייטע, גאָר ווייטע טרוימען פון גרויסע נעכטנס, און ער האָט געפילט ווי עס ציט אים צום טאַטן מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט, וואָס צערייסט און צעפליקט זיינע אינגעווייידן.

אַ שטילער האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש. ער איז אַריין צו זיך אין צימער און האָט אַריינגענומען מעכאַניש דעם וויז־פינגער פון זיין רעכטער האַנט אין מויל אַריין און אַזוי קייענדיק דעם פינגער געקוקט צום שלענגלדיקן האָדסאָן, ווי זיין טאַטע האָט געקוקט אויפן בוג. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן פון איין ווינקל צימער צום אַנדערן און

ער האָט זיך צעזונגען מיטן טאַטנס גמרא ניגון. ער האָט אַראָפּגענומען אַ ספר פון דער פּאָליצע; ער האָט געעפנט דאָס בוך, אַ שווער, אַ גראָב בוך, און כאָטש עס איז געווען געשריבן אין אַ שפּראַך, וואָס איז געווען אַזוי ווייט פון דער שפּראַך אין וועלכער זיין טאַטנס ספרים זיינען געווען געשריבן ווי ער איז ערדשט געווען ווייט פון טאַטן, פונדעסטוועגן האָט ער זיך צעשאָקלט איבערן בוך און ער האָט זיך צעזונגען ווי ס׳האָט זיין טאַטע געזונגען איבער אַ שווערן מהרש״א. —

„איז ווען וועט עס פאַרקומען?״ — האָט מרדכי זיך געפרעגט זיין שטענדיקע פראַגע מיטן זעלביקן גמרא ניגון. אים האָט ערשט גענאָגט די פראַגע מער ווי שטענדיק; די בענקשאַפט אַהיים האָט אים ערשט פיינלעך געוויייטיקט:

„איך וועל זיך שוין אַזוי מאַטערן אַ גאַנץ לעבן, ווייזט אויס, און פאַרן זען דעם טאַטן, פאַרן אַרומנעמען דער מאַמען וועל איך שוין קיינמאָל ניט!״

און אַזוי שנעל ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער „שוין קיינמאָל ניט״ איז זיין לייב געוואָרן גערונצלט און ער האָט געהאַט דאָס געפיל ווי ער וואָלט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די קינדערשע שרעק זיינע ווען ער האָט געטראַכט, אַז ער קען נאָך חלילה ווערן אַ יתום. יאָ, יענע שרעק, די שרעק ווען ער האָט געהערט זיינעם אַ חבר זאָגן קדיש נאָך אַ טאַטן אָדער נאָך אַ מאַמען, יענע שרעק איז געווען אַזאַ, וואָס האָט אַזש איינגעשרומפן זיין נשמה און ווי אַ שטרויס־פויגל האָט ער פאַר פּחד געוואָלט באַגראָבן דעם קאָפּ אין די פעדערן פון קישן. ערשט ביים זאָגן „שוין קיינמאָל ניט!״ — האָט מרדכיס קערפּער זיך געטאָן אַ שרומפּ איין און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די שלייפן פון קאָפּ.

„כ׳מוז, כ׳וועל זיי זען!״

„כ׳האָב אַ לעבן־לאַנג אָפּגעלייגט, ערשט לייג איך מער ניט אָפּ!״ — האָט ער זיך צעשריגן.

„כ׳וועל דאָס מאָל ניט אָפּלייגן. אָט וועל איך שרייבן דעם טאַטן, אַז אַזוי אין אַ האַלב יאָר, העכסטנס אין ניין חדשים אַרום קום איך אַהיים!״ — האָט מרדכי זיך פאַרזיכערט. ער האָט אָנגעהויבן צוזאַמענצושטעלן אַ בריוו צום טאַטן. אים איז אָנגעקומען שווער צו שרייבן צום טאַטן

אויף העברעאיש, אָבער שוין פון יאָרן האָט ער זיך געפירט, אַז כאָטש ער האָט געמוזט נוצן אַ העברעאישן ווערטער־בוך, פונדעסטוועגן האָט ער זיך געמאַטערט און געשריבן דעם טאַטן אויף לשון־קודש. ער האָט זיך געפרייט ווי מיט אַן אוצר ווען דער טאַטע האָט אים געגעבן קאָמפּלימענטן פאַר זיין פיינעם העברעאישן סטיל, פאַר זיינע פאַסיקע מאמרים, וואָס ער האָט דאָ און דאָרט אַריינגעבראַקט, מאמרים וואָס ער האָט נאָך געדענקט פון זיינע ישיבה־יאָרן. ער איז געווען גאָר גליקלעך ווען דער טאַטע האָט אים אומאויפהערלעך פאַרזיכערט, אַז ער זעט איין, אַז כאָטש ער, מרדכי, איז אַוועק לתרבות רעה, ס'הייסט ער איז ניט געוואָרן קיין מורה בישראל ווי ער האָט געהאָפּט, אַז ער וועט אַמאָל זיין, פונדעסטוועגן איז ער געבליבן אַן אמתער תלמיד חכם אין ידישע ענינים און דערצו אויך אַ גרויסער קאָפּ און אַ קענער אין וועלטלעכע לערנעריי. דעם טאַטנס איינפאַך האַרציקע פאַר ווערטער זיינען ביי מרדכין ווערט געווען מער ווי אַלע אַרטיקלען, וואָס אַנגעזעענע קריטיקער האָבן געשריבן וועגן זיינע ליטעראַטור־היסטאָרישע אַרבעטן. מיטן טאַטנס קריטיק האָט ער זיך געגרויסט, דעם טאַטנס ווערטער האָט ער געלייענט פאַר אַלע זיינע באַקאַנטע און אַ נאַאיוו־קינדערשע פרייד האָט געשוועבט אויף זיין פנים ווען ער האָט פאַרגעלייענט זיין טאַטנס אַזאַ בריוו.

ערשט האָט ער זיך באַזונדערס געפלייסט צו שרייבן דעם טאַטן אַן אויסערגעוויינלעך האַרציקן בריוו. ער האָט אויך אין זינען געהאַט צוצושרייבן אַ באַזונדער זייטל אָדער צוויי אויף יידיש פאַר דער מאַמען. צו איר האָט ער ליב געהאַט צו שרייבן זכרונות. ס'איז גענוג געווען ער זאָל איר דערמאָנען ווי ער איז געזעסן אויפן נידעריקן בענקעלע ביים אויוון און האָט געריבן געפרוירענע קאַרטאָפלעס אויף אַלקעס און אַריינגעריבן אַ שטיקל הויט און באַפאַרבט דאָס טייג מיט זיין בלוט, די מאַמע זאָל לייענען די בריוו צענדליקער מאָל און דערביי זאָל זי פאַרגיסן בעך טרערן. ער האָט אַלע מאָל אויסגעזוכט עפעס אַן עפּיזאָד פון זיינע קינדערשע אָדער יינגלשע יאָרן און אים באַשריבן. די מאַמע האָט דערנאָך געשריבן גאַנצע בערג מיט קאָמענטאָרן און באַמערקונגען וועגן יענער געשעעניש און ביים סוף פלעגט זי אַריינגנבענען אַ פּאָר ווערטער :

„דער טאַטע לייענט איבער דיינע יידישע בריוו שיעור ניט אַזויפיל מאָל ווי דיינע העברעאישע בריוו און זיינע אויגן ווערן רויט און זיין נאָזטיכל גייט ניט אַרויס פון זיינע הענט.‟

און ביים סוף האָט זי געווײנלעך צוגעגעבן איר מיינונג:

„כ׳בין זיכער, אַז דער טאַטע, אַזוי ווי איך, האַלט, אַז דו, מיין קינדעלע, וואָלסט געקענט שרייבן נאָך שענערע ביכער ווי יענער שרייבער וואָס האָט געשריבן „יאָסעלע‟ און „הערשעלע‟, וואָס איך פלעג לייענען נאָך מיט יאָרן צוריק.‟

און כאָטש ביי מרדכין איז דינעזאָן ניט פאַררעכנט געווען פאַר קיין געוואַלדיקן קינסטלער, פונדעסטוועגן איז ער געווען גליקלעך צו הערן, אַז די מאַמע פאַרגלייכט אים צום שרייבער פון „הערשעלע‟, וואָס איז ביי איר אין די אויגן געווען דער גרעסטער שרייבער אין דער וועלט.

„היינט וועל איך דער מאַמען דערמאָנען ווי איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין קעסטעלע פון היזון און ווי איך האָב זיך געלאָזט „לאָדקעווען‟ דערמיט איבערן בוג!‟

מרדכי האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען אַלע דעטאַלן פון זיין באַרימטער רייזע קיין ערגעץ־לאַנד. ער איז דעמאָלט געווען זיכער, אַז אין דעם קעסטעלע פון היזון מיט די צוויי „קיאַנקעס‟ פאַר וועסלעס וועט ער זיך אַוועקלאָזן ערגעץ ווייט וואו די מומע צינה, די ליכטציערקע, וואוינט, און ער וועט ביי איר פועלן, אַז זי און איר הויזגעזינד זאָלן אָפּהיטן איין שבת כדת וכדין, וועט זיכער באַלד משיח קומען און ס׳גאַנץ ביסל יידן וועלן זיך אַ לאָז טאָן אויף דער פאַנטשינע בריק קיין ארץ ישראל. די ווערטער: „די מומע צינה, די ליכטציערן‟, האָבן אויף אים געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק: זיי האָבן געקלונגען עקזאָטיש־פרעמד און גלייכצייטיק וואַרעמלעך־היימיש, ווייל כאָטש ער האָט דער מומע צינהן דעמאָלט קיינמאָל ניט געהאַט געזען האָט ער פונדעסטוועגן געוואוסט, אַז אַלע גוטע זאַכן אין הויז: זעקלעך מעל, ראַזשינקעס אויף וויין, אַ נייער שאַל, אַ ציגיינער מעסערל און אַ ניי סידורל, אַלץ קומט דורך ניאַניאַק דעם בעל עגלה, וואָס פאָרט אַריבער

מיטן פּראָנט אויף יענער זייט טייך און ברענגט אַלץ פון דער מומע צינה די ליכטציערן.

מרדכי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז די מומע צינה איז דאַר, לאַנג און הויך, אַז זי טראָגט אַ טשיפּעק פון גאָלדענע סטענגעס, באַזעצט מיט ליטער שמאַראַגדן און אַז איר קלייד איז געמאַכט פון זיידנס, וואָס האָט אין זיך אַלע רעגנבויגן קאָלירן. ווען ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין קעסטעלע פון הייוון און זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער רייזע צו דער מומע צינה האָט זיין האַרץ געציטערט און געפלאַטערט. ער האָט פאַר פרייד אַזש געהאַלטן אַלע פיר ציצית פון טלית־קטן אין איין האַנט און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אַ שטויס געטאָן דאָס קעסטעלע פון ברעג פון זאַמד־באַרג, וואָס האָט געהייסן „האַקע". ער האָט גערעכנט אָנצוקומען צו דער מומע צינה אויף אַרום שבת צייט, אָבער אָנשטאָט צו קומען צו דער מומע צינה האָט מרדכי דערזען, ווען ער האָט געעפנט די אויגן ביי זיך אין בעט, אַז דער טאַטע, די מאַמע און אַ סך פרעמדע מענטשן שטייען אַרום אים. ער האָט אויך געהערט באַלד נאָכדעם ווי די מאַמע כליפּעט פאַר פרייד און זי רעדט:

„כ'דאַנק דיר גאָט פאַר מיין קינדעלע, כ'דאַנק דיר!"

אָט דעם עפּיזאָד וועט ער ערשט באַשרייבן דער מאַמען. ס'וועט זיין סימבאָליש, צוגעפּאַסט צו זיין ווידער קומען אַהיים צו טאַטע־מאַמע.

„אפילו איך זאָל דאַרפן פאַרלירן מיין שטעלע, פאַר איך!" האָט מרדכי געקרעפּטיקט זיין באַשלוס. ער איז צו צום פענצטער, ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן האָדסאָן און ווי ער וואָלט געזוכט שטיצע און הילף ביי דעם שלענגלדיק־זילבערנעם טייך אין טאָל לעבן זיין הויז אין ניו־יאָרק אַזוי האָט ער צום האָדסאָן געטענהט:

„איז ווי זאָגסטו, האָדסאָן, ביסט דאָך עפּעס אַ קרוב צום טייך בוג, ווי אַ טייך מיט אַ טייך, איז פאַר איך?"

און דער האָדסאָן האָט מיט זיינע זילבער־גרויע פאַלדן געענטפערט:

„אוודאי, וואָס דען?"

„איז וועל איך נעמען מיין דינהן, די קינדערלעךביידע און גאָרניט, כ'פאָר מיר אַריין אין שטאָט אַריין", האָט מרדכי זיך געגלעט מיט דער האָפענונג.

„שאַ, שטיל, אַלע שלאָפן דאָרט. קיינער ווייסט ניט ווען מיר קומען. כ׳גיי מיר צו צום טאַטנס הויז. דער פענצטער, וואָס גייט אַרויס צום מאַרק, שטייט סודותדיק שטיל און ווינקט צו מיר היימיש־נאָענט. דער בית־המדרש איז איינגעהילט אין אַ מוראדיק־לאַקנדיקער פינצטער־ניש. פון בוג קומען אַרויף לולודיקע שעפטשערייען און די שטערן שווימען ווי אין אַ גרויסער באַלייע בלויעכץ. פּאַמעלעך גיי איך צו צום הויז, נעם אָן די קליאַמקע פון דער טיר און...״

„אָט קום איך שוין אַריין!״

מרדכיס חלומות זיינען איבערגעריסן געוואָרן. ער האָט געהערט דינהס קול. זי האָט אים שוין מסתמא געהאַט גערופן אַ פּאָר מאָל פריער אָבער ער האָט איר נאָרוואָס דערהערט. ערשט דערקענט ער שוין אין איר שטימע, אַז זי איז אַביסל ברוגזלעך אויפגערעגט. אוודאי איז שוין צייט צו גיין עסן. איז ווען וועט ער שרייבן די בריוו?

„אָט קום איך, טאַקע שוין!״

„הערסט, דינה, כ׳האָב שוין באַשלאָסן, אַז מעג די וועלט זיך איבערקערן. כ׳לייג מער ניט אָפּ. כ׳וועל אפילו ניט וואַרטן ביז מיין בוך איז פאַרטיק צום דרוק. כ׳פאָר. כ׳מיין, מיר פאָרן!״

„נו, גוט, אדרבא, לאָמיר טאַקע זען צי דאָס מאָל וועסטו האַלטן וואָרט!״ האָט דינה סקעפּטיש געטענהט בעתן דערלאַנגען דאָס עסן צום טיש.

„דאָס מאָל קענסטו זיך שוין אָנהויבן גרייטן אין וועג אַריין!״

„ווען וועט עס מיט מזל פאַרקומען?״

מרדכי האָט אַ קוק געטאָן שאַרף אויף דינהן. „מיר געפעלט ניט דיין סאַרקאַזם!״ האָט האַלב אין כעס גערעדט מרדכי.

„כ׳מיין עס טאַקע, מאַרטיק, כ׳בין ניט אויסן געווען צו זיין סאַר־קאַסטיש, כאָטש איך האָב דאָך אוודאי אַ רעכט צו וועלן זיין סקעפּטיש!״

„זיי זיך סקעפּטיש וויפל דיין האַרץ גלוסט, אָבער גרייטן מעגסטו זיך גרייטן צו פאָרן אין אַ וואַסערע זעקס חדשים אַרום!״

„זעקס חדשים!״ האָט דינה אַ זאָג געטאָן. „נו, איז גיסטו מיר טאַקע גענוג צייט, איבער גענוג צייט אויף גרייטן זיך.״

„זעסט שוין, סוף כל סוף וועט מיינער אַ חלום, דער שענסטער

חלום אין מיין לעבן, דאָך פאַרווירקלעכט ווערן." האָט מרדכי געטרוימט אויפן קול: „וויפל יאָרן זיינען דורך זינט איך חלום אַזוי?"

„ס'ווערט דאָך קאַלט דאָס עסן!" האָט דינה אים אַ שלעפּ געטאָן צו דער ערד. אָבער מרדכי האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן מיט די פליגל אין דער לופטן:

„זעסט שוין, דינה, אָט האָב איך זיך געאַמפּערט מיט דיר. אָט האָב איך מיט ציין און נעגל געדאַרפט קעמפן, אַז מיינע קינדערלעך זאָלן גיין זיך לערנען אַ וואָרט יידיש. זעסט שוין ווי ערשט, אַז זיי וועלן קומען צום זיידן, צו דער באָבען וועלן זיי קענען נוצן די שפּראַך, וועלן זיי ניט זיין קיין פרעמדע, קיין „גויאישע" אייניקלעך! נו, ווער איז געווען גערעכט?"

דינה האָט געשמייכלט; זי האָט אירע אויגן אַנגעשטעלט שאַרף אויף מרדכין און מיט איר געצאַמטער, געמאַכטער רואיקייט, מיט אירע פאַרשנורעוועטע, דינע ליפּן האָט זי מרדכין, ווי אַלע מאָל, אַ טשעפּע געטאָן:

„ס'לוינט זיך טאַקע צו מאַטערן די קינדער כדי זיי זאָלן איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין זייער לעבן קענען רעדן יידיש מיט דער באָבען אָדער מיטן זיידן!"

דינהס אַרגומענטן זיינען ביי מרדכין ניט געווען קיין נייעס. ער האָט אירע טענות געהערט יעדן מאָל ווען ער איז געגאַנגען פאַרשרייבן אַ קינד אין שול אַריין. דינה האָט ניט איינמאָל איבערגעחזרט אירע רייד ווען באַקאַנטע, פריינט אָדער חברים זיינען געווען אין הויז. זי האָט זיך פאַרקלאָגט אויף מרדכין, אַז כאָטש ער אַליין האַלט, אַז יידיש אין אַמע־ריקע האָט אַ זייער שוואַכע צוקונפט פונדעסטוועגן שיקט ער זיינע קינדער אין קעלטן און אין רעגנס אין דער שול, וואָס געפינט זיך מיילן ווייט פון הויז. אַ סך פון זיינע באַקאַנטע האַלטן, אַז דינה איז גערעכט. אָבער מרדכי איז עקשנותדיק אין זיין באַשלוס. זיינע קינדער מוזן קענען יידיש.

„ביין, ניט נאָר צוליב מיין טאַטן און מיין מאַמען לערנען מיינע קינדער יידיש, כאָטש דאָס איז אויך וויכטיק, זיי לערנען יידיש ווייל יידיש איז דערוויל אונדזער עספּעראַנטאָ, אונדזער „אינטערנאַציאָנאַלע"

ייִדישע שפּראַך!" האָט מרדכי צום הונדערטסטן מאָל איבערגעזאָגט דינהן זיין מיינונג.

„ווי עס גלוסט זיך דיר אַזאַ קדושה טאַנצסטו!" האָט דינה אומ־געדולדיק שוין געטענהט. „אַט האָסטו נעכטן באַנאַכט זיך געהיצט און דו האָסט מיט געשיכטלעכע פאַקטן באַוויזן, אַז שפּראַך האָט קיינמאָל ניט געשפּילט קיין ראָל אין דעם צוזאַמענהאַלט און קיום פון אונדזער פאָלק, אַז מיר ייִדן קענען ריידן אויף אַנצאָליקע שפּראַכן און דאָך בלייבן מיר, זיינען מיר שטענדיק געבליבן ייִדן, און אַט גייסטו מיר ערשט באַווייזן, אַז ייִדיש איז דער צעמענט, וואָס האַלט צוזאַמען דאָס ייִדיש פאָלק."

„כ'האָב קיינמאָל נישט גערעדט וועגן קיין „צעמענט" און דו דאַרפסט נישט נאָכריידן, וואָס בערל האָט נעכטן ביינאַכט געטענהט". האָט מרדכי זיך צעשריגן. „איך האַלט זיך שטענדיק ביי דער מיינונג, אַז כאָטש געשיכטלעך האָט שפּראַך נישט געשפּילט קיין געוואַלדיקע ראָלע אין צוזאַמענהאַלט פון אונדזער פאָלק פונדעסטוועגן האַלט איך, אַז כּל זמן אַ שפּראַך, אין דעם פאַל ייִדיש, איז אַ גאַר וויכטיקער אינסטרומענט פון פאָלק־שאַפן, כּל זמן גרויסע קולטורעלע ווערטן זיינען דאָ און ווערן געשאַפן אין דער שפּראַך, כּל זמן מיליאָנען פון פאָלק נוצן אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן די שפּראַך, טאָרן מיר, מיר די האַלב־אָפּגעפרעמדטע, האַלב־נאָענטע ייִדישע אינטעלעקטואַלן נישט אַראָפּלאָזן די הענט אין יאוש און זאָגן: ייִדיש גייט דאָ אָדער דאָרט אונטער, בכן, מוזן מיר אָפּלאָזן די לייטשעס, נייִן, גראָבן אַ גרוב, און זיין די קברנים פון דער שפּראַך!"

דינה האָט דערפילט איר מאַנס אויבערמאַכט איבער איר. זי האָט, ווי שטענדיק אין אַזאַ פאַל, ווען זי האָט זיך לאָגיש געפילט באַזיגט, געזוכט שוץ אין אירע פּרוואוון אָפּצואווענדן דעם געשפּרעך פון דעם געגעבענעם ענין. דאָס מאָל האָט איר פאַרדראָסן, וואָס איר מרדכי האָט איר באַשולדיקט, אַז זי האָט נאָכגערעדט זייער חבר בערלס רייד.

„דו קענסט דרייען דעם פּסוק ווי דיר גלוסט זיך!" האָט זי מיט איר בייטשיקייט אַ זאָג געטאָן. מרדכי האָט אין איר שטים געפילט

באַזיגטקייט. ער האָט איר ניט געוואָלט ווײ טאָן ערשט. ער האָט אַליין אַ דרײ געטאָן דעם געשפּרעך:

„גערעכט צי ניט גערעכט, גרייטן אין וועג אַריין מעגסטו זיך גרייטן און פרייען וועסטו זיך זיכער פרייען, אַז דו וועסט הערן דודן און תמרן ריידן יידיש מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען!"

מרדכי און דינה זיינען געזעסן שטיל ביים טיש. בלויז זייער אָטעמען האָט זיך געטראָגן איבער דער שטילקייט פון הויז. מרדכיס געדאַנקען האָבן אים געטראָגן דאָ צו דער ברייוו צום טאַטן, דאָ צו דער ברייוו צו דער מאַמען. און אַט האָט ער זיך גאָר פאַרטראַכט וועגן פלאָבערס איינפלוס אויף בלאַסקאָ איבאַניעזן. ער האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן די לעצטע קאַפּיטלעך פון דעם בוך וועגן די ווירקונגען און איינפלוסן פון די פראַנצויזישע קלאַסיקער אויף די שפּאַניש און שפּאַניש־אַמעריקאַנער ליטעראַטורן.

„אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועל איך פאַרטיק מיט מיין אַרבעט, איך מאַך זיך גרייט צו דער רייזע, און אין אַזוינע זעקס חדשים אַרום פאָרן מיר!" האָט מיט קינדערשער פרייד געטראַכט מרדכי. ער האָט זיך צעזונגען שטיל, נאָסטאַלגיש־פריידיק, מאַמע־בענקענדיק.

„פאַרוואָס איז דאָס בלימעלע פאַרוויאַנעט?"

„דאָס האָט געשריבן טאַגאָר, דוכט זיך?" האָט ער סתם אַזוי אַ פרעג געטאָן און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער איז ער אַריין צו זיך אין צימער.

:: :: ::

„ווען כ'וואָלט זיך געווען געהאַלטן ביי מיין באַשלוס וואָלט איך געווען געזען דעם טאַטן און דער מאַמען!" האָט מיט אַ פאַרשטיקט קול, מיט בייסיקן פאַרדרוס מרדכי זיך געשמיסן שוין צום הונדערטסטן מאָל.

„און אפשר וואָלטן מיר מיט די קינדער אויך געווען געפאַנגען געוואָרן אין דער נעץ ווען מיר וואָלטן געווען געפאָרן!" האָט דינה פּרובירט צו היילן מרדכיס וואונד, וואָס איז געוואָרן אָנגעצויגן מיט אַלץ מער מאַטעריע, וואָס מער צייטונגען און באַריכטן ער האָט געלייענט וועגן דעם שוידערלעכן מבול, וואָס האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבער דער לענג און ברייט פון פּוילן. „אפשר האָבן זיי זיך אָפּגעראַטעוועט? אפשר

זיינען זיי אַנטלאָפן?" האָט מרדכי זיך פּרובירט טרייסטן. „אַלע יידן זיינען געלאָפן. כ'בין זיכער, אַז דער טאַטע און די מאַמע זיינען אויך אַוועק!"

מרדכי האָט געשפּרייזט איבער דער הויז. מער ווי שטענדיק האָט ער ערשט אַרומגעשפּרייזט איבער זיינע צימערן. ער איז געזעסן שעהן ביי דער ראַדיאָ און האָט זיך צוגעהערט צו די באַשרייבונגען וועגן דער פאַרוויסטונג פון וואַרשע. נאָך לאַנגע יאָרן לייענען בלויז די ענגלישע פּרעסע האָט ער ערשט אָנגעהויבן צוריק צו קויפן יידישע צייטונגען און געלייענט יעדעס וואָרט וועגן די פּייניקונגען און אכזריותן, וואָס די נאַצי־מאָנסטערס נוצן קעגן די יידן.

ווי ער וואָלט בכיוון געוואָלט פּייניקן זיין נשמה אַזוי האָט ער נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל געלייענט די איינצלהייטן וועגן די אוממענטשלעכע גרוילטאַטן, וואָס די תליינים באַגייען קעגן קינדער און פרויען פון יידישן פאָלק. ער איז געלעגן אין די שלאָפלאָזע נעכט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט די קולות פון די אומצייליקע יידן, וואָס ווערן טאָג־טעגלעך געפּייניקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ער האָט אין די נעכט געזען ווי אויסגעפּוצטע לאַנגע, שוואַרצע טאָרקוועמאַדאָס שפּרייזן מיט פייערדיקע שפּיזן איבער די קערפּערס פון יידישן פאָלק. צווישן די אַלע קערפּערס האָט ער געזען זיין טאַטנס קאָפּ. די קאָפּ שטעקט אַרויס העכער איבער אַלע סקעלעטן. די קאָפּ, זיין טאַטנס קאָפּ, האָט אויגן און די אויגן מאָנען און רופן און פאָדערן: „זאָג קדיש זון, זאָג קדיש נאָך מיר."

און מרדכי האָט זיך אָפּט אויפגעריסן פון שלאָף און ער האָט שוין זייענדיק וואַך גערופן: „טאַטע, מאַמע!" און אַ קאַלטער שוויס האָט באַדעקט זיין גוף און ער האָט געציטערט און זיינע ציין האָבן זיך געוואָרפן.

ער איז געקומען אין זיינע קלאַסן. ער האָט געהאַלטן לעקציעס אין פאַרגלייך־ליטעראַטור. ער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז מאָליערס „דאָן זשואַן" איז שיער ניט קיין פּלאַגיאַט פון טירסאָ דע מאָלינאַס „דאָן כואַן" שוין בלויז דערמיט אַליין וואָס די טעמע איז איינגאַנצן אַ „געבאָרגטע", איידל גערעדט. ער האָט געלערנט ווי אַלעמאָל מיט זיין עקסטאַטישן

ברען, וואָס האָט אים געמאַכט אַזוי באַליבט אין זיינע קלאַסן, אָבער ער האָט געפילט, אַז וואָס ער רעדט, וואָס ער אַרגומענטירט, איז בלויז אַ מעכאַנישער אַקט, וואָס פאָדערט ניט פון אים ערשט קיין באַזונדער אָנשטרענגונג. אין מיטן לערנען האָט ער ניט איינמאָל זיך אַוועק־געטראָגן צו זיין טאַטנס הויז. ער איז אַריין אין בית־דין שטוב און האָט געזען: דער טאַטע איז ניטאָ; זיינע פאַרטריקנטע קייקעלעך ברויט ליגן צעוואָרפן איבער דער גרויער, אויסגעגעסענער סאַראַטע. די פאָליצעס פון די ספרים זיינען ליידיק און דער דיל איז באַדעקט מיט געלע שמות, ווי דער בית המדרש פלעגט זיין באַדעקט מיט שטרוי תשעה באָב! ער לויפט אַרויס פון בית־דין שטוב. ער פראַלט אויף די טיר, וואָס פירט אין בית־המדרש אַריין און זיינע אויגן זעען: הרוגים ליגן אויסגעלייגט פון טיר צו טיר און איבער די הרוגים ציען זיך ווי ווייסע פאַסן, ווי סטענגעס, די יריעות פון צעפליקטע, צעריסענע ספרי תורות!

„גיין, שעקספּירס „שיילאָק” איז זיכער קינסטלעריש אַ סך אַ רייפער ווערק ווי קריסטאָפער מאַרלאָוס „דהי דזשו אָוו מאַלטא!” האָט מרדכי געזאָגט דעם קלאַס אָנשטאָט צו שרייען ווי ער האָט ערשט געוואָלט אַרויסרייטשען: „טאַטע!”

די סטודענטן אין מרדכי פאַליקס קלאַסן האָבן שטאַרק אָנגעקוואָלן פון זייער פּראָפעסאָרס באַזונדערע חריפות אין די לעצטע פּאָר וואָכן. מרדכי האָט בעתן ריידן איבער ליטעראַטור זיך אַוועקגעטראָגן אַלץ אָפטער אַהיים צום טאַטן אין בית־דין שטוב און ער האָט פּאָר זיך געזען דעם טאַטנס צוויי קליינע, שאַרפע, שטענדיק גלאַנציקע אויגן. ער האָט געזען זיין צעקעמטע געלבלעכע באָרד, וואָס האָט איינגעראַמט זיין אויסגעדאַרטן פנים. ער האָט געזען ווי דער טאַטע זיצט און לערנט מיט יאַנקל ליכטנשטיינס זון, מיטן עילוי, אַ שיעור פון מסכת חולין. דער טאַטע האָט אָפט ליב געהאַט צו זיצן בייטאָג אין בית־דין שטוב און לערנען אַ שיעור מיט איינעם פון די וואויל־געלערנטע יונגע־לייט פון שטאָט. דעם טאַטנס פנים האָט געשטראַלט און זיין שטימע האָט פריידיק זיך געטראָגן איבער דער הויז בעת ער האָט מיט אַ באַזונדער התמדה מסביר געווען עפּעס אַ שווערע סוגיה. מרדכיס

אויערן זיינען געווען אָנגעשפּיצט אויפצוכאַפּן יענע ווייטע, נאָגנדיקע קלאַנגען פון טאַטנס שטימע.

ער האָט גערעדט צום קלאַס וועגן שעקספּירס געניאַליטעט אין פאַרשטיין די לײַדן, די באַליידיקונגען פון געקריוודעטן ייד שײַלאָק. ער האָט אָפּט גערעדט מיטן טאַטנס ברען, מיטן טאַטנס התמדה, און אַט איז ער ערשט געשטאַנען פאַרן קלאַס. און זע: ער הערט דײַטלעך ערשט פון הינטער דער טיר זיין טאַטנס קול, דעם קול, וואָס קלינגט שיער ניט ווי זיינער. און וואָס זעט ער? מרדכי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. דער טאַטע עפנט די טיר פון קלאַס־צימער. דער טאַטע גייט פּאַמעלעך. ער גייט גלייך צו מרדכין. ער איז איינגעהילט אין גאָלן טלית מיט דער גאָלדענער עטרה. ער קומט צו צו אים און בעט אים מיט אַ גלעטנדיקער שטימע.

„זאָג קדיש נאָך מיר, זון. זאָג קדיש, מיין קינד!"

מרדכי האָט זיך געפּלאָנטערט אין זיינע רייד. ער האָט געפילט ווי עס ציטערט די הויט אויף אים. ער האָט זיך אַ שאַר געטאָן אויפן שטערן. מיליאָנען שפּיזיקע נאָדלען האָבן געגאַלאָפּירט איבער זיין קערפּער. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט איין האַנט אין דער קאַטעדרע און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער געווישט די אַרבעסן שווייס פון זיין פּנים.

:: :: ::

„און אַז איכ'ל אויפהערן צו לייענען די צייטונגען, און אַז איך וועל אַפילו ווערן טויב און שטום, וועט מיין בלוט דען ניט הערן דעם ביטערן געיאָמער, וואָס דערטראָגט זיך צו מיר פון דעם טאָל פון בלוט און טרערן וואו מיין פאָלק ליגט געבונדן און געפּענטעט און וואַרט מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער, אַז דעם תלינס האַק זאָל שוין וואָס שנעלער זיי באַפרייען פון די פּיינען פון פּחד?"

אַזוי האָט מרדכי אין זיין צער געשריבן אין זיין טאָג־בוך, אַזוי האָט ער זיך געפרעגט טאָג־טעגלעך ווען ער האָט דערפילט, אַז משוגעת, ווי אַ שווידערלעך פינצטערע כמאַרע, שלינגט אים איין און איז גרייט אים צו דערדריקן. ער האָט צוגעזאָגט זיין פרוי, אַז ער וועט ניט קויפן אַזויפיל יידישע צייטונגען, אַז ער וועט בכלל ניט לייענען

די אַלע איינצלהייטן וועגן די גרוילטאַטן, וואָס די רויבער באַגייען קעגן זיין פאָלק.

„העלפן קענסטו דאָך זיי מיט גאָרניט, איז וואָס וועט דיר אַרויס־קומען, אַז דו וועסט חלילה אַראָפּ פון זינען?" אַזוי האָט דינה יעדן טאָג געטענהט צו אים און אָפט האָט ער געטראַכט, אַז זי איז אפשר גערעכט. אָבער כאָטש ער האָט איר געגעבן גערעכט איז ער אַ מינוט שפּעטער שוין געווען אין זיין צימער און איז באַלד געזעסן ביי דער ראַדיאָ אָדער מיט אַ צייטונג אין האַנט און האָט זיך ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל געפּייניקט מיט אַלע איינצלהייטן, מיט יעדן קלענסטן דעטאַל, וועגן אַלץ, וועגן גאַנצן אומגליק, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פאָלק:

„זייף! זייף! זייף! זיי מאַכן זייף פון דעם פעטס פון אונדזערע לייבער!" האָט מרדכי געברומט, האָט מרדכי געיאָמערט, האָט מרדכי זיך געקאַטעוועט! „זיי, די וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אויף דער קולטור פון די־אַ ריזן פון געלערנטקייט און וויסן, פון קונסט, פון מאָלעריי, פון עטיק און עסטעטיק. זיי די אייניקלעך, די קינדער פון אייך!" האָט מרדכי געריטשעט צו זיינע פאָליצעס." זיי, אייערע תלמידים, מאַכן זייף פון דעם ביסל פעטס פון די קינדערלעך פון מיין פאָלק! זיי, אייערע קינדער, פירן אונדז אין די קאַלכאויוונס אַריין, אין גאַז־קאַמערן אַריין! ווי צו אייך, וויסט און ווי צו אייערע יאָרן!" האָבן מרדכיס איינגעווויידן געשריגן מיט באַנומענע קולות און זיינע פויסטן האָבן זיך געביילט! „דאָס האָט איר זיי געלערנט אַזאַ תורה פון מאָרד, פון בלוט, פון היהשער אכזריות! דאָס זיינען זיי אויסגעוואַקסן אַזוינע וויסטע באַשעפענישן אויף אייער תורה!" האָט ער מיט אַ בייסיקן צאָרן געברומט.

„און איר מיינט, אַז איר זיגט איבער אונדז, איבער מיין שוואַך פאָלק?" האָט ער געפרעגט און זיך צעלאַכט מיט טרערן אין די אויגן: „בהמות וואָס איר זייט! פערד! זעט, איר האָט דאָך שוין פאַרלוירן די מלחמה קעגן אונדז, שוין, אויף אייביק פאַרלוירן!" האָט מרדכי מיט נקמה געשטראַלט.

„איר, איר זייט דאָך די מערדער און מיר זיינען ווי שטענדיק

געבליבן די הייליק געמאָרדעטע!" ער האָט מאַרשירט פון איין עק צימער אין אַנדערן און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די פּאָליצעס:

„איז דאָך מיר גוט, איז דאָך מיר וואויל, וואָס איך בין אַ מיט־גליד פון אַ פאָלק קדושים און חלילה ניט קיין טייל פון אייך, איר אויסגעוואייקטע און באַפלעקטע מיט אומשולדיק בלוט!"

ער איז געשטאַנען מיט אויגן פאַרגאָסענע מיט זודיקע טרערן און האָט געקוקט אויף די רוקנס פון די ביכער. זיין אויג האָט געוואַנדערט איבער די פּאָליצעס; דאָ האָט ער דערזען דעם זעלטענעם עקזעמפּלאַר, „די ווידויס פון אויגסבורג" פון מעלאַנכטאָנען; דאָרט זיינען געשטאַנען „די ניבעלונגען", פון אַן אַנדער אָרט האָט קלאָפּשטאָקס „משיח" עפּאָס אַראָפּגעקוקט צו אים און אָט האָט ער דערזען לעסינגס „עמיליע גאַלאָטי" און „נתן דער קלוגער", און אָט איז זיין אויג געפאַלן אויף אַ פּאָליצע וואו עס זיינען געשטאַנען געטהעס „ווערטהערס ליידן", „פּאָעזיע און אמת", „פאוסט", „איפיגעניע" און אַנדערע ווערק. מרדכי האָט אויף אַ מינוט זיך אָפּגעשטעלט אויף די רוקנס פון געטהעס ווערק און באַלד איז ער אַוועק אויף אַן עקסקורסיע איבער די ווייטערדיקע פּאָליצעס און ער האָט דערזען: קאַנט, שלעגעל, העגעל, ניטשע! „וואָס טוט איר דאָ אין מיין צימער? ווי קומט איר צו מיר, צו אייער קרבן, אין הויז אַריין? פאַרוואָס זאָל איך אייך, איר, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט דורות פון ווילדע חיות, פאַרוואָס זאָל איך אייך לאָזן זיין געסט אין מיין הויז, אונטער מיין דאַך!"

מרדכי האָט געביילט די פויסטן, האָט געקריצט מיט די ציין.

„אַרויס, אַרויס פון מיין הויז!" האָט ער געדראָעט ניטשעס רוקנס!

„איך וויל אייך אויך ניט ביי מיר אין צימער!" האָט ער געשריגן צו קאַנטס „קריטיק פון ריינעם דענקען" און „קריטיק פון פּראַקטישן דענקען". ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן העגעלס „אַבסאָלוטע לאָגיק"; ער האָט פאַרשעמט געקוקט אויפן רוקן פון בוך און זיין צאָרן איז אין אים געוואַקסן. ער האָט די אויגן אָפּגעווענדעט אויך פון העגעלן. ער האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אויף אַ נידעריקערע פּאָליצע.

„דו, דו קענסט בלייבן!" האָט מרדכי גערעדט צו היינען. „כאָטש דו האָסט אונדז מיט דיין ייִנגלשן טעמפּעראַמענט אַמאָל פּאַרראַטן, ביסטו דאָך אונדזערער, איינער פון די געשאַכטענע!"

מרדכי האָט דערזען די גאָלד־געליישטע רוקנס פון מאַרקס קאַפּי־טאַל, זיין מאַניפעסט, און ער האָט זיך צעלאַכט מיט טרערן!

„האָסט גענומען צעבערעס מענטשן־ליבע פון אונדזערע נביאים; האָסט גענומען זייערע שטיקער האַרץ און דו האָסט זיי איבערגעשמידט אויף אייזערנע לאָגישקייטן; האָסטו אויסגעהאָדעוועט מיליאָנען שטאָ־לענע ראָבאָטן אין לאַנד פון דיין געבורט און דערנאָך האָבן זיי און זייערע קינדער און זייערע אייניקלעך געשאָכטן די באַשיצער פון די קוואַלן פון דיין אומשטייגסגעזאָגטער אינספּיראַציע! כאַ, כאַ, כאַ!"

און מרדכי האָט דערפילט אַ שניידנדיקן ווייטיק אין זיין האַרץ. און ער האָט אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין זיין שרייב־טיש און פאַרמאַכט זיינע אויגן. ער איז געזעסן אַזוי און האָט געהערט ווי עס האַמערט זיין האַרץ אין אים. ער איז געזעסן און האָט מיט די פאַרמאַכטע אויגן דערזען ווי עס עפנט זיך די טיר פון זיין לייען־צימער, און עס מאַרשירן אַריין אין רייען די ספרים, וואָס זיינען אַמאָל געשטאַנען אויף די פּאָליצעס ביי זיין טאַטן אין בית־דין שטוב. און די ספרים זיינען אָנגעטאָן אין טליתים און אין קיטלען און זיי גייען צו צו זיינע פּאָליצעס. און מרדכי האָט דערקענט זיין טאַטנס לעדער־געבונדענעם ש"ס און ער האָט דערזען דעם זוהר מיט זיין אָפּגעריבענעם רוקן, און ער האָט באַמערקט דעם טאַטנס כוזרי און דעם יורה דעה און די שולחן־ערוכס. עס האָט אויך אַריינגעשפּאַצירט דער מורה נבוכים, דער עין יעקב, דער שבט יהודה און אַ פאַרשעמטער איז אויך נאָכגעגאַנגען נאָך זיי, ווי אַ שטיקל פרעמדער, אַן אַלטער יוסיפון. און מרדכי האָט געקוקט אויף זיין טאַטנס ספרים און ער האָט געזען ווי צווישן זיי שפּאַצירן אויך אַרום אין פריידיקער באַגלייטונג דער שמחת הנפש, דער צמח דוד און קליינע ספרימלעך מיט מעשות און דערציילונגען און משלים, וואָס דער טאַטע האָט ליב געהאַט צו לייענען אין זיין פרייער צייט.

אויך דער מאַמעס קרבן מנחה סידור; איר צאינה וראינה, אירע תחינות־ספרימלעך, אַלע, אַלע גוט באַקאַנטע, אַלע היימיש־נאָענטע

ספרים מיט זייערע פאַרגעלטע בלעטער, מיט זייערע פאַרלאַטעטע רוקנס פילן אָן זיין צימער.

און די ספרים שטעלן זיך אויס לעבן די פּאָליצעס פון זיינע ביכער. און די ספרים אין זייערע טליתים און קיטלען קוקן אויף די פּאָליצעס וואו עס שטייט אי קאַנט, אי ניטשע, אי שאָפּענהויער, אי געטהע, אי שילער און אַלע אַנדערע זיידעס און אור־זיידעס פון די אַרישע חיות. און עס הויבן מיט זייער גוטסקייט דעם טאַטנס ספרים אויף די רוקנס פון די ביכער אויף די פּאָליצעס, און ווי שניי אין זון אַזוי צעגייען און צעשמעלצן די ביכער און עס ווערן אָפּגערייניקט מרדכיס פּאָליצעס און אויף די ערטער פון די ביכער שטעלן זיך אויס איינער נאָכן אַנדערן דעם טאַטנס ספרים. און מרדכיס צימער ווערט אָנגעפילט פון ווינקל צו ווינקל מיט אַ גלעטנדיקער וואַרעמקייט, מיט אַ צאַרטער, מיט אַן אָנגענעמער היימישקייט.

און מרדכיס טאַטע, ר׳ יאָסעלע קאָזשניצער, קומט אַריין אין צימער און ער שמייכלט מיט פרייד, בעת ער קוקט אויף די פּאָליצעס. ער צעזינגט זיך מיט זיין אומעדיק־פריידיקן גמרא־ניגון און עס זינגען מיט מיט אים אַלע ספרים אויף די פּאָליצעס. און ווען דער צימער איז פול מיט געזאַנג, הערט מרדכי ווי זיין טאַטע רופט צו אים און בעט אים און רעדט מילד און צאַרט:

„ערשט, מיין קינד, אין אַזאַ הויז, אין אַזאַ פיינער הויז, קענסטו שוין און מעגסט — ניין, מיין זינעלע, דאַרפסט זאָגן קדיש נאָך מיר און נאָך דיין הייליקער מוטער!"

מרדכיס ליפן האָבן געשעפּטשעט:

„טאַטע, פאָטער מיינער!"

ער האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ צווישן זיינע עלנבויגנס און איז געבליבן זיצן פאַרקנוילט. איבערן צימער איז געהאנגען אַ נאָגנדיקע שטילקייט.

# ווען דער מערדשל האָט
# זיך צעקלונגען

**כאָטש** ר׳ הערשל איטקעס האָט שוין פון יאָרן געלעבט פון דעם וואָס די קינדער האָבן אַריינגעשיקט אין הויז אַריין, פונדעסטוועגן האָט ער געפירט שטאָט מיט דער זעלביקער פּאָמפּע ווי אין די גוטע יאָרן; יעדן אָנהויב הערבסט, ווי נאָר די ערשטע רעגנס האָבן זיך באַוויזן, האָט ר׳ הערשל אָנגעטאָן אויף זיינע לאַקירטע שטיוול אַ פּאָר שיינעדיקע, אמתע פּעטערבורגער קאַלאָשן; יעדן ווינטער, ווי נאָר די ערשטע פּוכיקע שניי־פליטערלעך האָבן זיך צעלייגט אויף דער ערד, האָט ער אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם שאָפּענעם פּוטער, די פּוטערנע שפּיציקע היטל, די פיינע וואוילאַקעס און דעם וואַרעמען שאַל אויפן האַלדז. יעדן פרילינג, ווי נאָר דיביימער האָבן זיך אָנגעהויבן צו צירן אין זייערע בלאַכע־קליידער, האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין זיין עליפּאַגן סאַקל, אָנגעטאָן די לאַטשן מיט גומעס, וואָס האָבן אים געפּאַסט ווי הענטשקעס, גענומען זיין שטעקן מיט דער זילבערנער גאַלקע אין האַנט אַריין און זיך לאַנגזאַם געלאָזט אויפן בראָקער וועג.

חוץ דעם שטאָט אַרום זיך און אַרום זיין הויז, האָט ר׳ הערשל נאָך אָנגעהאַלטן די מידה פון נעמען אַן אורח יעדן שבת און אויף יעדן יום־טוב און דער עיקר האָט ער געזען, אַז אַלע יידן, וואָס וואוינען מיט אים צוזאַמען ביי משה וואַסער־מאַכער אין הויף, זאָלן יעדן ערב פּסח זיין באַזאָרגט מיט חרוסת צו די סדרים.

מיט דער גרעסטער ליבע, ווי ער וואָלט באַשאַפן אַ קונסט־ווערק, האָט ער געמאַכט חרוסת פאַר די יידן פון הויף. מיט אַ ברייטער האַנט האָט ער אַליין אויסגעטיילט די חרוסת צו די שכנים און דערביי גע־טראַכט: „זאָלן יידן הנאה האָבן פון פּסח". און ר׳ הערשל איטקעס חרוסת האָט געהאַט אַ שם אין דער שטאָט. קיינער האָט נישט געקענט דערגיין דעם סוד, ווי אַזוי ר׳ הערשל האָט פאַרפּראַוועט זיינע חרוסת ס׳זאָל האָבן אַזאַ ספּעציעלן טעם. אַז ער איז ערב פּסח בייטאָג פאַרטיק געוואָרן מיטן צוגרייטן די חרוסת, האָט ער זיך אָנגעטאָן זיין יום־טובדיקע

געהאַקטע קאַפּאָטע, ברייט צעקעמט זיין באָרד אַזוי, אַז יעדער זילבערנער האָר איז זיך מאַיעסטעטיש געלעגן אויף זיין ברוסט־קאַסטן, צעעפנט אַ פענצטער, אַרויסגעשטעקט דעם יראת־שמימדיקן קאָפּ און מיט אַ באַזונ־דער פּייערלעכקייט געלאָזט וויסן די יידן פון הויף, אַז דער געשמאַקער סדר־ביסן איז שוין גרייט פאַר זיי, אַז זיי קענען שוין קומען נעמען חרוסת.

אַזוי זיינען יאָרן געגאַנגען, אַזוי האָבן ביימער געבליט און אָפּגעב־בליט, אַזוי האָט מען סדרים געפּראַוועט און וואָכעדיקע טעג זיינען געקומען — און ר' הערשל האָט יאָר־איין, יאָר־אויס מיט ליבע און פלייס יעדן ערב פּסח צוגעגרייט חרוסת פאַר די יידן פון משה וואַסער־מאַכערס הויף.

נאָר אָט האָבן זיך אָנגעיאָגט שווערע, פאַרוואָלקנטע מלחמה־טעג. אויסגערונען איז די יום־טוב פרייד פון יידישע הייזער. עס זיינען אַרומגעגאַנגען קינדער מיט בייכלעך געשוואָלענע פון קאַרטאָפל און וואַסער; עס האָבן זיך אַרומגעדרייט דערוואַקסענע מיט פאַרמעט־געלע פּנימער, מיט אויגן פאַרלאָשענע און צוגעזען ווי דער הונגער פאַרצערט זייערע קינדער, ווי ער מאַכט אָן אַ חורבן אין זייערע היימען.

ווי אַלע מאָל, איז דער פרילינג געקומען אַ לויטערער און געגאָסן צעברעס ליכט אויף דער ערד. אָבער די ימען ליכט האָבן נישט געקענט אַראָפּשווענקען דעם פּעכיקן אומעט וואָס איז געלעגן ווי אַ שטיק בליי אויף די געמיטן פון די יידן יענעם ערב־פּסח.

מען האָט ווי אַלע מאָל אין יידישע הייזער געשייערט און געכשרט, גערייניקט און געוואַשן, אָפּגעשטויבט און געלופטערט און זיך געגרייט דעם גאַסט פּסח אויפצונעמען. נאָר מאָדנע, עפּעס האָט דאָס שייערן נישט געהאָלפן: די כלים האָבן געגלאַנצט נישט געוואָלט; עס האָבן די טעפּ נישט געשיינט און די דילן האָבן זיך נישט געלאָזט אָפּרייניקן. ס'האָט אויסגעזען ווי די וואָכעדיקייט וואָלט זיך איינגעעקשנט און נישט געלאָזט אַריינקומען דעם יום־טוב אין די יידישע הייזער.

ס'איז שוין געווען דער טאָג פון ערשטן סדר. ר' הערשל איטקעס איז געקומען פון אַמשענאַווער שטיבל און פאַרשעמט געטראָגן אַ קליין פּעקעלע. ער האָט דאָס פּעקעלע פאַנאַנדערגעוויקלט און מיט אַ גע־

מאַכטער שמחה אָנגעזאָגט זיין ווייב, אַז ס'איז גאָט־צו־דאַנקען דאָ מצה־שמורה, וואָס מ'האָט אַליין אין אויוון אין שטיבל אויסגעבאַקן. ער האָט פאַרזיכטיק אָוועקגעלייגט די פּאָר מצות, געטאָן אַ פּאָר שפּרייזן איבער דער גרויסער קיך און האָט געזאָגט ווי אַמאָל אין די גוטע יאָרן: „נו, הוידא־דאַנאַ, (אַזוי האָט ער גערופן זיין ווייב לאה דינהן ווען ער איז געווען בגלופין) נו, וואָס־זשע, וואו זיינען די ניס?" דעם „וואָס־זשע" האָט ער לאַנג געצויגן, ווי ער איז געוואוינט געווען נאָך פון די גוטע צייטן צו זאָגן, ווען עפּעס איז נישט געווען אין אָרדענונג.

לאה דינה האָט אָנגעשטעלט אויף איר מאַן אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן; זי האָט אַ וויש געטאָן די נאָז מיט איר יום־טובדיקן פאַרטוך און איז געבליבן שטיין אין שטילשווייגן. זי האָט אויף איר הערשלען געקוקט ווי ער וואָלט געווען אַ חסר דעה. ר' הערשל איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אַן ענטפער. ער האָט אַ גלעט געטאָן זיין זילבערנע־באָרד און מיט מער שטאַרקייט איבערגעפרעגט: „נו, וואָס־זשע, די ניס וואו זיינען?"

אַ ביטערער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף לאה דינהס פּנים. „אַ שוואַרצער חלום אויף מיינע שונאימס קעפּ!" האָט זי אַרויסגעשטאַמלט און באַלד האָט זי צוגעגעבן: „ביסט חלילה פון זינען געריררט? וואו זאָל איך דיר נעמען ניס?" זי האָט זיך מיט כעס און ווייטיק גענומען צו איר קיך־אַרבעט.

ווי אַ געליימטער איז ר' הערשל געבליבן שטיין, געגלעט זיין זילבערנע באָרד און געשוויגן. ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז לאה דינה האָט נישט געהאַט פאַרוואָס צוזוגרייטן קיין ניס. ער האָט זיך אויס־געדרייט, אָנגעהויבן צו גיין צו דער סאַלע, געטראַכט און ווי פאַר זיך אַליין אַרויסגעזאָגט: „יידן מוזן האָבן חרוסת צו די סדרים!"

הין און צוריק האָט ר' הערשל איטקעס געשפּרייזט איבערן ווייכן טעפּיך אין זיין סאַלע. זיין שטערן האָט זיך געררונצלט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פענצטער, אַרויסגעקוקט צום הויף און מיט זיך אַליין געטענהט: „כ'קען נישט, כ'טאָר נישט דערלאָזן, אַז יידן זאָלן בלייבן אָן חרוסת!"

ער האָט דערפילט אַ מאָדנע שוואַכקייט אין די פיס. ער איז פאַר־בייגעגאַנגען דעם גרויסן שטיי־שפּיגל און זיך דערזען. אים האָט זיך

געדאַכט, אַז ער איז ערשט מיטאַמאָל אַלט געוואָרן. זיין זילבערנע באָרד האָט אים ערשט אויסגעזען געל, אָפּגעבליאַקעוועט. מיט געאײַלטע טריט איז די זקנה געקראָכן איבער אים. ער האָט זיך אָוועקגעריסן פון שפּיגל און ווידער אָנגעהויבן צו גיין איבער דער סאַלע.

אַ געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן אין זיין מוח. ער איז צוגעגאַנגען צו דער כלים־שאַפּקע און האָט אָנגעהויבן צו לויפן מיט די אויגן איבער די זאַכן, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער די גלעזערנע טירן. באַלד האָט ער געעפנט די שאַפּקע, געקוקט אויף דער אויבערשטער פּאָליצע, אויף דער צווייטער און צו זיך גערעדט: „די לייכטער טאָר מען נישט, ניין! דאָס בשמים־ביקסל? דעם בעכער? ניין, ניין!" ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו דער אונטערשטער פּאָליצע און פון דאָרט עפּעס אַ כאַפּ געטאָן: „אָט, דאָס איז גוט!" — האָט ער מיט פרייד אויסגערופן.

ר' הערשל האָט אין האַנט געהאַלטן אַ בליאַסקעדיק, געקאַרבירט פּושקעלע. ער האָט עס געצערטלט און געגלעט און צו זיך אַליין געשעפּטשעט: „אי"ה ביז סוכות וועט גאָט העלפן!" מיטן פּושקעלע אין האַנט איז ער אַריינגעלאָפן אין קיך צו לאה דינהן און אַ צעשטראַלטער אויסגערופן: „הוידא־דאַנאַ, לויף שוין אַריין צו טוביהן אין וואָרשטן־האַנדל און נעם אַ פּאָר פונט ניס, נישט ווייניקער ווי אַלע יאָר!" ער האָט איר דערלאַנגט דאָס פּושקעלע און צוגעגעבן: נאַ, גיב אים דאָס־אָ". ווי מיט געבעט האָט ער שטיל געזאָגט: „גאָט וועט העלפן, מ'וועט אויסלייזן!"

„הערשל!" — האָט לאה דינה שטאַמלדיק געזאָגט דערזעענדיק דאָס פּושקעלע: „הערשל, גאָט איז מיט דיר, דאָס אתרוג־פּושקעלע, אַ ירושה פון דיין זיידן ז"ל גייסטו פאַרזעצן?"

„נו, וואָס־זשע!" האָט ר' הערשל מיט אַ טיף־ערנסטער שטימע געענטפערט: „לאה דינה, מיר האָבן אַ גאָט אין הימל, ביז סוכות קען ער נאָך ברענגען אַ ישועה אויף כל ישראל! דערווייל, לאה דינה, טאָרן קיין יידן נישט בלייבן אָן חרוסת צו די סדרים. גיי, ברענג ניס, עס וועט צו שפּעט!"

צוויי מאָל האָט ר' הערשל זיין ווייב גערופן לאה דינה. לויטן טאָן פון זיין שטימע, לויטן אַרויסזאָגן זיין „נו, וואָס־זשע", האָט לאה דינה

פאַרשטאַנען, אַז אירע רייד וועלן זיין אַרויסגעוואָרפן, זי האָט גענומען דאָס פושקעלע, עס איינגעוויקלט און שטיל אַרויס פון הויז.

מיט אומגעדולד האָט ר׳ הערשל געוואַרט אויף זיין ווייב. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי זאַמט זיך לענגער ווי שטענדיק. ער האָט שוין מורא געהאַט, אַז טוביה זאָל חלילה נישט וועלן געבן קיין ניס אויף דעם פושקעלע. ער האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען צי דאָס פושקעלע האָט די ווערט פון אַ פּאָר פונט ניס. אָבער אַז ער האָט דערזען לאה דינהן מיט אַ בייטל אין דער האַנט האָט אַ ים פרייד אַ שפּאַר געטאָן אין זיין האַרץ.

מיט אַ קינדערשער שפּילעוודיקייט האָט ער אויסגעשאָטן די ניס פון בייטל, געכאַפּט אַ ניס־קנאַקער און זיך גענומען צו דער אַרבעט. געוואַקסן איז דער הויפן ניס אונטער זיינע הענט. שפּרינגענדיק האָט ער אַראָפּגענומען דעם מערזשל און דעם שטויסל. נאָך קיינמאָל האָט ר׳ הערשל נישט געפילט אַזאַ גבורה אין זיך ווי דעם ערב פּסח. זיין האַנט איז גאָרנישט מיד געוואָרן כסדר צו רייבן, האַקן און שטויסן. ווי מיט מוזיק פון אַ הימלישן כאָר, אַזוי האָט דאָס קלינגען פון מערזשל און שטויסל אים אָנגעפילט מיט פרייד. אויפן געבלימלטן פּולמעס האָט ער צעלייגט די צעריבענע ניס. ווי אַ מייסטער אין זיין פאַך האָט ער זיך גענומען צו פאַרפּראַווען די חרוסת. אָט האָט ער אַביסל ווייַן אַריינ־געגאָסן, אָן עפּל אַריינגעשניטן, דאָ האָט ער געשיקט אַ מיש געטאָן, צוגעטאָן אַביסעלע צימערינג, צוגעשאָטן צום טעם אַביסעלע זאַלץ. פאַרזוכט, ווידער אַ גאָס געטאָן, געמישט — און שוין איז פאַרטיק געוואָרן אַ טעלער חרוסות.

און אַז ר׳ הערשל איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער שנעל זיין באָרד צעקעמט, זיין געהאַקטע אַטלאַסענע קאַפּאָטע אָנגעטאָן, דעם פענצטער צום הויף געעפנט, אַרויסגעשטעקט די זילבערנע באָרד און געוואַרט, אַז די שכנים זאָלן פאַרבייגיין. מיט קינדערישער פרייד האָט ער יעדן אָנגעזאָגט: „יידן, חרוסת! קומט נעמען חרוסת!״

מיט פאַרוואונדערונג האָבן די שכנים אָנגעקוקט דעם יום־טובדיקן ר׳ הערשלען. זיי האָבן זייערע אויערן נישט געגלויבט, אַז ר׳ הערשל, וואָס קריגט שוין קיין הילף נישט פון די קינדער זינט אַ לאַנגער צייט,

ווייל די קינדער אַליין לעבן אין דחקות, ווען ווי אַלע מאָל אויך דעם פסח צוגרייטן חרוסת פאַר אַלעמען. נאָר, אַז זיי האָבן געזען ר׳ הערשלס צעשטראַלטן פנים, האָבן זיי מיט אומזיכערע טריט זיך געלאָזט גיין צו אים אין הויז אַריין.

ביים טיש אין קיך איז געשטאַנען ר׳ הערשל און געטיילט חרוסת. עס זיינען געקומען די שכנים מיט טעלערלעך, מיט כוסות, מיט גלעזער און מיט טעפּעלעך. ר׳ הערשל האָט יעדן אויסגעטיילט אַ חלק און אין זינען געהאַט איבערצולאָזן אַביסל פאַר זיך און אַביסל פאַר אַזוינע וואָס וועלן פאַרשפּעטיקן אָדער וואָס וועלן צום צווייטן סדר דאַרפן נאָך. ער האָט יעדן איינעם געגעבן די חרוסת און דערביי צוגעוואונטשן: „איר זאָלט האָבן אַ כשרן סדר און אַ גוט יאָר”. מיט דאַנקבאַרקייט האָבן די שכנים אים געענטפערט: „איר זאָלט ביז איבעראַיאָר דערלעבן און ווידער טיילן חרוסת!”

ביי ר׳ הערשלען אין הויז איז שטיל געוואָרן. אין זיין סאַלע איז ר׳ הערשל אַרומגעגאַנגען, זיך פריילעך אונטערגעזונגען, געפּאַטשט אַ האַנט אין אַ האַנט און געפילט ווי עס קוועלט זיין האַרץ. געשטאַרקט און פריש איז ר׳ הערשל געווען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן סאַלע און די הענט אויפגעהויבן צום הימל און שטיל אַ תפילה געשעפּטשעט: „כ׳דאַנק און לויב דיין ליבן נאָמען פאַר דער טייערער מחשבה, וואָס דו האָסט מיר איינגעגעבן. ס׳האָבן נאָך חלילה צוליב מיר די יידן אין הויף געקענט בלייבן אָן חרוסת צו די סדרים!”

ער האָט אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער און געזאָגט: „צייט זיך צוצוגרייטן צו גיין דאַווענען”.

# דער סופר

**אין** דעם איינציקן חדר אין וועלכן ר׳ אברהם דער סופר האָט געוואוינט צוזאַמען מיט זיין משפחה, האָט זיך געפונען איין ווינקל וועלכער איז אָפּגעהיט געוואָרן ווי אַ קדשי־קדשים. אין דעם דאָזיקן ווינקל איז געשטאַנען אַ לאַנגער, דעמבענער טיש. דער דאָזיקער טיש און דער שטח אַרום אים זיינען געווען ר׳ אברהמס אַרבעטס־פּלאַץ. דער דאָזיקער ווינקל איז געווען ר׳ אברהמס אַבסאָלוטע מלוכה; דאָ ביים טיש ביי וועלכן דורות מיט סופרים זיינען געזעסן נאָך איידער ר׳ אברהם האָט זוכה געווען צו פאַרנעמען זייער אָרט, דאָ איז איצט ר׳ אברהם געווען דער העכסטער געוועלטיקער און אַזוי גיך ווי ער האָט זיך נאָר אַוועק־געזעצט צום טיש האָט ער תיכף דערפילט ווי ער איז אינגאַנצן אויס־געטאָן פון דער אַרומיקער וועלט און איז געוואָרן איינס מיט זיין מלאכת־הקודש.

ביי די זייטן פונעם טיש און אויך אויף זיינע פיס אַפילו האָט מען געקאָנט בולט אַרויסזען די קינסטלעריש־אויסגעקריצטע דאַטעס פון געבורטן, חתונות און יאָרצייטן; ר׳ אברהמס אורעלטערן האָבן הפנים מורא געהאַט טאָמער וועלן די ספרים, אויף וועמעס גליונות עס זיינען געווען אַזוי פינקטלעך פאַרשריבן די אויבנדערמאָנטע דאַטעס, חלילה פאַרלוירן גיין, האָבן זיי דעריבער די זעלביקע דאַטעס נאָכ־אַמאָל איבערגעחזרט אויפן שטאַרקן טיש גלויבנדיק, אַז ער איז מער דויערהאַפטיק ווי די ספרים...

---

אייניקע דערציילונגען אין דעם בוך האָט דער מחבר אָריגינעל געשריבן אויף ענגליש און זיי זיינען געווען געדרוקט אין „אָפּיניאָן.” די דערציילונגען האָט דער מחבר אַליין איבערגעזעצט אָדער איבערגעשריבן אויף יידיש. די דערציילונג „דער סופר” האָט איבערגעזעצט פון ענגליש דער אורוגווייער איבערזעצער ה. זאַטאָרסקי. די איבערזעצונג איז געווען געדרוקט אין דער אורוגווייער יידישער צייטונג. צוליב דער ערלעכקייט, פּיעטעט און ליבע מיט וועלכע ה. זאטארסקי האָט די דערציילונג איבערגעזעצט מאַכן מיר אַן אויסנאַם און מיר נעמען זי אַריין אין זיין איבער־זעצונג. — פאַרלאַג אונדזער וועג.

אויף דעם דאָזיקן טיש, ר׳ אברהמס וואַרשטאַט, האָט מען געקענט זען שניי־ווייסע יריעות פון פּאַרמעט, אויפגעהאַלטענע אין אַ גלייכ־ליגנדיקער פּאָזיציע מיט דער הילף פון שווערע האָלצשטיקער; געגנ־דזענע פעדערן, פון פאַרשידענע גרייסן און אַנדערע מינים פּענעס פון אַלערליי פאַרמעס.

טייל פּענעס וועלכע זיינען געווען מייסטעריש־פאַרשניצט און פאַרשאַרפט דורך ר׳ אברהמס קינסטלער־האַנט, זיינען געלעגן אין אַ שורה ביי זיין רעכטער האַנט גרייטע צום באַלדיקן געברויך, בעת ביי זיין לינקער זייט האָט מען געקאָנט זען אַ געוויסע צאָל פּענעס, וואָס האָבן געוואַרט אויפן גרויסן כבוד געגומען צו ווערן אין דער האַנט פון דעם ספרא־רבא, ר׳ אברהם, און פון פשוטע פעדערן פאַרוואַנדלט צו ווערן אין הייליקע אינסטרומענטן.

ר׳ אברהם דער סופר איז געווען אַ בריה אויף צונויפצושטעלן פאַר־שידענע מינים טינט. ער האָט געוואוסט פון עטלעכע געהיימע פאָרמו־לעס פון טינט מאַכן. קיינמאָל האָט קיינער נישט געהאַט די זכיה צו זען ווען און ווי אַזוי ער מאַכט זיינע טינטן. פונדעסטוועגן האָט מען געגלויבט, אַז ער מוז דאָס אוודאי טאָן נאָך „חצות״, בעת די גאַנצע וועלט איז פאַרזונקען אין טיפן, זיסן שלאָף.

ס׳איז אָן ספק, אַז ר׳ אברהמס טינט איז געווען די בעסטע אין דער גאַנצער שטאָט, — אויב נישט אין דער גאַנצער מדינה אפילו. זיין טינט, שוואַרץ ווי פעך, האָט תמיד קאָנסערווירט אַ גלאַנציקן, כמעט בליש־טשענדיקן רעפלעקס אויפן פאַרמעט אפילו אַ לאַנגע צייט נאָכדעם ווי די טינט איז שוין לאַנג געהאַט געווען אָפּגעטרוקנט. ר׳ אברהם האָט אויס־געלערנט דעם סוד פון מאַכן דעם דאָזיקן טינט ביי זיין פאָטער, ר׳ אהרן, זכרונו לברכה.

זיין באַרימטער פאָטער, ר׳ אהרן דער סופר, האָט אים מגלה־געווען דעם סוד בשעת ער איז שוין געהאַט געלעגן אויפן טויטן־בעט. דעמאָלט האָט ער אים אַריינגעשעפּטשעט גלייך אין אויער אַריין די דאָזיקע ווערטער: „מיין זון, איידער איך גיי אַוועק פון דער וועלט, וואו מיר זיינען נישט מער ווי צייטווייליקע געסט, וועל איך דיר מגלה־זיין דעם סוד פון דעם בלישטשענדיקן טינט; בויג זיך אָן נעענטער צו מיר,

מיין זון, אויב נישט וועל איך נאָך אַראָפּנידערן אין קבר אַריין איידער איך וועל האָבן אַנטפּלעקט פאַר דיר, מיין זון, דעם דאָזיקן סוד.״

עס שטייט אים נאָך איצט פאַר די אויגן זיין פאָטערס געשטאַלט; ער הערט נאָך אַפילו אויך דאָס פּליסטערנדיק, שוואַך קול זיינס, בעת ער האָט געגוסטט. און טאַקע תיכף נאָכן מגלה־זיין פאַר אים דעם סוד האָט ער, זיין פאָטער ר׳ אהרן, אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

פון דעמאָלט אָן טראָגט ר׳ אברהם דעם סוד באַהאַלטן אין זכרון און מאַכט זיך טינט בשפע פאַר זיינע סופרישע הצטרכותן. ער וועט אייך נישט פאַרקויפן קיין טראָפּן אַפילו פאַר כל־הון־דעלמא. ער האַלט די טינט אין קליינע פלעשעלעך, אין גאָנשערלעך און אין אַ ספּעציעלן טינטער, וואָס שטאַמט פון ארץ־ישראל און איז געמאַכט פון ריינעם טענענהאָלץ. דער דאָזיקער טינטער איז כמעט תמיד פאַרמאַכט; ר׳ אברהם טונקט אין אים איין די פעדער זיינע נאָר אין זעלטענע פאַלן — ספּעציעל, ווען ער דאַרף שרייבן אַ „שם״ אָדער ווען עס קומט צו די „עשרת־הדברות״.

אויף ר׳ אברהמס טיש האָבן זיך אויך געפונען ווירעס מכל־המינים; שטיקער האַרטע, שניי־ווייסע קרייט; פּימס־שטיינער, רצועות און גידין פון שעפּסענע אָדערן געמאַכטע, וועלכע ווערן גענוצט צונויפצונייען די יריעות פון אַ ספר־תורה, אָדער צום פאַרנייען די בתים פון די תפילין.

ר׳ אברהם, אַ הויכגעוויקסיקער ייד, מיט אַ מאָגער געשטאַלט, אין די הויכע פּערציקער שוין, — האָט זיך געזעצט צום טיש. זיין גוף האָט זיך אויסגעבויגן ווי אַ סערפּ. דאָס פּנים זיינס איז געווען כמעט אינגאַנצן באַדעקט מיט אַ לאַנגער, שמאָלער באָרד וועלכע האָט שוין אָנגעהויבן גרוי צו ווערן ביי די זייטן; די ליפּן זיינע האָט מען קוים אַרויסגעזען ווייל זיי זיינען געווען פאַרדעקט מיט געדיכטע וואָנסעס. פון די שלייפן זיינען אַראָפּגעהאַנגען צוויי דיקע, געקרייזלטע פּיאות, וועמעס וואָרצלען עס זיינען געווען פאַרשטעקט אונטער דער יאַרמולקע וועלכע ער פלעגט קיינמאָל נישט אויסטאָן, — סיידן ביים באָדן זיך. די געדיכטע ברעמען האָבן געוואָרפן אַ שאָטן איבער די שוואַרצע און גלייכצייטיק מילדע אויגן זיינע.

ר׳ אברהם האָט ליב געהאַט דאָס אומנות זיינס. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אויסדערוויילטן מענטשן; זיין אַ סופר און שרייבן

גאָטס תורה, איז באמת אַ גרויסע זכיה, וואָס נאָר יחידי־סגולה זיינען דערצו זוכה. כאָטש ער האָט שוין אין זיין לעבן אַ סך ספר־תורהס געשריבן, פלעגט ער זיך פונדעסטוועגן יעדעס מאָל נעמען צו דער מלאכת־הקודש מיט אַ באַנייטער יראת־הכבוד. ער פלעגט זיך אפילו נישט דערוועגן אָנצורירן אַ שטיקל פּאַרמעט ביז ער האָט זיך פריער נישט געוואַשן די הענט...

ר' אברהם פלעגט אַלע טאָג אויפשטיין השכמה און גיך לויפן אין מקוה אַריין. דאָ האָט ער זיך אָפּגעטובלט דריי מאָל און איז גיך אַרויס פון וואַסער.

נאָך דער טבילה איז ער גלייך פון מקוה געלאָפן אין בית־המדרש אַריין, נישט קוקנדיק אויף דעם ווי קאַלט עס איז געווען אין דרויסן. נאָכן אָפּדאַווענען שחרית פלעגט ער זיך תיכף אַנידערזעצן ביי איינעם פון די לאַנגע בית־המדרש טישן און אָפּלערנען עטלעכע בלאַט גמרא. דאָס קול זיינס פלעגט זיך אויפהויבן וואָס אַמאָל אַלץ העכער און העכער און פלעגט אָנפילן דאָס בית־המדרש מיטן גוט־באַקאַנטן גמרא־ניגון: מיטן ניגון פון „קשיות־ואבעיות", „שקלא וטריאס". — ווי אַן אַדוואָקאַט, וואָס פאַרטיידיקט אַ משפט פאַרן העכסטן טריבונאַל אַזוי האָט ר' אברהם זיך אַנגעשטרענגט מיט אַלע זיינע כוחות צו געווינען וואָס מער וויכוחים אין די הלכות פון תלמוד.

געענדיקט דאָס לערנען, האָט ר' אברהם אַ קוש געטאָן די גמרא, זי פאַרמאַכט און איז אַוועק אַהיים, כדי זיך צו נעמען צו זיין הייליקסטער מלאכת־הקודש, שרייבן די תורה.

שטיל ווי אַ שעפּס פלעגט ער אַריינקומען צו זיך אין שטוב אַריין, אויפהויבן די ברעמען און אַ קוק טאָן אויף זיין ווייב עטל. זי פלעגט תמיד דערפילן זיין בליק אויף זיך, אַפילו דעמאָלט ווען זי איז געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אים. קיינמאָל פלעגט ער נישט פרעגן צי ס'איז פאַראַן עפּעס צום עסן, ער האָט נאָר בלויז געקוקט אַ שווייגעדיקער, אַ זיפץ געטאָן און צוגעגאַנגען שטיל צו זיין אַרבעטס־טיש. עטל פלעגט דעמאָלט זיך אָפּרופן צו אים: „נעם פריער עפּעס אין מויל אַריין, איידער דו זעצסט זיך צום טיש שרייבן." — דעמאָלט פלעגט ער זיך אויפהויבן פון זיין אָרט ביים שרייב־טיש, צוגיין צום עמער און אָנ־

שעפן אַ קוואַרט וואַסער און זיך וואַשן צו „שאו־ידיכם", יעדע האַנט מיט אַ פולער קוואַרט. די ליפּן זיינע פלעגן זיך בשעת־מעשה באַוועגן בנעימותדיק און מיט יראת־שמים מאַכנדיק די ברכה „על־נטילת־ידים".

ביים עסן פלעגט ר׳ אברהם נזהר־זיין נישט צו שלינגען קיין צו־גרויסע ביסנס, נאָר עסן פּאַמעלעך קליינע „כזיתן", כדי נישט אַרויס־צואווייזן זיך פאַר קיין „זולל־וסובא", חס־ושלום, פאַרן רבונו של עולם וועלכער איז תמיד דער אורח ביי אַ פרומען יידנס טיש.

הגם ר׳ אברהם האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אַ בשר ודם טאָר נישט משנה זיין אַפילו צום בעסערן, דעם טעם פון אַ מאכל, אַנדערש ווי דער כביכול האָט עס געהאַט בדעה צו באַשאַפן, האָט ער דאָך פונ־דעסטוועגן נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון פון טועם־זיין פון דער ציבעלע, וואָס דאָס ווייב זיינס האָט אָוועקגעלייגט פאַר אים אויפן טיש. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אָפּגעבראָכן אַ דין שטיקל פון דעם גרינס און עס פּאַמעלעך גענומען אין מויל אַריין. — דאָס איז באמת געווען אַ יום־טובדיק מאכל. אפילו אין גן־עדן וואָלט מען זיך קיין בעסערס נישט געקענט ווינטשן.

„אַ מענטש איז דאָך, פאַרשטייט זיך, נישט מחויב נאָכצוגעבן דעם מאָגן זיינעם פון דעם שענסטן און בעסטן". — פלעגט ר׳ אברהם בעת מעשה טראַכטן און פּאַמעלעך מיט ישוב הדעת קייען דאָס געשמאַקע מאכל. נאָכדעם האָט ער געפרעגט זיין ווייב: „און וואו זיינען „זיי׳? " עטל האָט, ווי איר שטייגער איז, געענטפערט: „די קינדער זיינען אַוועקגעגאַנגען באַלד נאָכן אָנבייסן, ווער ווייס וואוהין!"

ר׳ אברהם פלעגט תמיד מרמז זיין אויף זיינע צוויי דערוואַקסענע זין מיטן זעלביקן נוסח: „זיי". ביי די נעמען פלעגט ער זיי קיינמאָל נישט אָנרופן. ער האָט פשוט מורא געהאַט זיך צוצולאָזן די מחשבה ווי שטאַרק ליב ער האָט זיי; ווייל ער איז זיכער געווען, אַז ס׳איז זייער אַ גרויסע עבירה ליב צו האָבן אַזעלכע קינדער, וואָס זיינען לגמרי אַראָפּ פון דרך הישר. די זין זיינע,ביידע כמעט פון זעלביקן עלטער, האָבן זעלטן־ווען גערעדט מיט אים, זייער פאָטער, ר׳ אברהם. זיי וואָלטן זיכער געווען גערעדט מיט אים ווען ער וואָלט זיי אַרויסגעוויזן אַ שמץ פון פאָטערלעכער ליבע און פריינטלעכער באַציאונג. אָבער ווי האָט ער

דען געקאַנט פועלן ביי זיך אַזעלכעס צו טאָן? — זייער אָפט האָט ער אפילו געוואָלט זיי פיינט קריגן, — אָבער דאָס האַרץ זיינס האָט הפנים נישט געוואָלט מסכים זיין מיט זיין ווילן, מיט זיין שכל; טיף אין האַרצן האָט ער זיי ליב געהאַט נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט גע־וואוסט, „ברי לי", אַז ער באַגייט דערמיט זייער אַ גרויסן „חטא": ליב האָבן אַזעלכע זין!!! — ר' אברהם האָט אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפץ און זיך פאַרטראַכט איבער די פאַרגאַנגענע יאָרן: ווי שטאָלץ ער איז עס אַמאָל געווען מיט זיינע צוויי זין! — ער פלעגט דאָן זיצן מיט זיי ביידע ביים לאַנגען בית־המדרש טיש; איינער פון זיין רעכטער און דער צווייטער פון דער לינקער זייט. ווי אַ פרינץ, ווי אַ מלך פלעגט ער זיך דאַן דעמאָלט פילן! ער זעט עס נאָך קלאָר פאַר די אויגן ווי ס'וואָלט איצט נאָר־וואָס געשען, ווי די גרויסע, בייכיקע גמרא ליגט אויפן טיש פאַר אים און ער לערנט צוזאַמען מיט די קינדער מיט אַ קלינגנדיקן גמרא־ניגון דעם תלמוד. — זיי פרעגן זיך קשיות, זיינען זיך מפלפל, ווענדן זיך אָפּ, כאַפּן אַ בליק אין „תוספות", אַ קוק אין „מהרש"א" און געפינען דאָרט אַ תירוץ אויף זייערע קשיות. — ווי וואונדערלעך־שיין דאָס איז געווען צו הערן ווי זיי זיינען עוסק אין הויכע, געטלעכע ענינים. אַפילו צו טרעפן אַ „תיקו", — איז אויך געווען אַ גרויסער נחת־רוח! — יאָ, דער „תיקו" האָט דאָך אייגנטלעך געמיינט צו זאָגן, אַז מ'דאַרף וואַרטן מיט אַ תירוץ ביז משיח וועט קומען אויסלייזן די וועלט. — האָט דאָך באמת געלוינט צו וואַרטן! — „תיקו" פאַר זיך אַליין, איז דאָך שוין אַזוי גוט ווי אַ תירוץ אויף אַ קשיא.

צוקוקנדיק זיך צו אַזעלכע סצענעס אין בית־המדרש, איז ר' אברהם געוואָרן מלא שמחה; זיין פאָטערלעך האַרץ פלעגט אים אָנקוועלן צו־זעענדיק ווי זיין בכור, הענעך, מיט די לאַנגע־געקרייזלטע פיאות שאָקלט זיך איבער דער גמרא זייענדיק פאַרטיפט אין אַ שווערער סוגיא פון תלמוד, צוזאַמען מיט זיין יונגערן ברודער זכריה, וועלכער פלעגט בשעת־מעשה צוזאַמענדריקן זיינע פוסטעלעך און זיי צוטראָגן צו די שלייפן און פרואוון איבערקלײַגלען דעם עלטערן ברודער זיינעם. וואָס פאַר אַ נחת־רוח, וואָס פאַר אַ שמחה דאָס איז געווען!!!

יאָ, דעמאָלט זיינען זיי נאָך געווען זיינע אמתע זין! אָבער מיט־אַמאָל האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן פון אים. צום אָנהייב — הענעך, דער עלטערער, דערנאָך — אויך דער יונגערער. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו בלייבן מיט אים אין בית־המדרש נאָכן דאַווענען. ווי פּחדימדיק עס איז געווען צוצוקוקן ווי זיי ווייכן אָפּ, ווי זיי פאַרלאָזן גאָטס תורה. אוי, ווי שרעקלעך, ווי ווייטיקלעך!!!

אָבער פאַרוואָס האָט ער זיי נאָך אַלץ ליב?! צי דאַרף ער דען נישט זאָגן זיי, איינמאָל פאַר אַלעמאָל: „איר האָט מער קיין פּלאַץ נישט אונטער מיין דאַך! גייט פון מיין שטוב, איר אפּיקורסים, איר בעלי־עבירה, וואָס איר זיינט!!!" — אָבער וואוהין זאָלן זיי גיין? וואָס וועלן זיי נעבעך טאָן? און חוץ אַלעמען, שטייט דען נישט בפירוש געשריבן אין דער הייליקער תורה: „כרחם אב על בנים"?! — אָט דאָס איז עס דאָך טאַקע! — נאָכאַלעמען איז ער דאָך זייער טאַטע און זיי זיינען זיינע קינדער! — יאָ, זיינע קינדער!!! — איז וואָס־זשע קאָן ער פאַרט טאָן, אַז ער האָט זיי דאָך ליב! יאָ, ער האָט זיי באמת ליב! — עטלעכע הייסע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט איבער זיינע באַקן און זיינען פאַרשוואונדן אין זיין געדיכטער, שוואַרץ־גרוילעכער באָרד. באַלד האָט זיך ר' אברהם דערפילט אַביסל דערלייכטערט אין זיין געמיט: — על פי דין, מעג ער זיי דאָך פאַרט ליב האָבן!...

זיצנדיק אַזוי פאַרזונקען אין די מחשבות זיינע האָט ער גאָרנישט באַמערקט ווי עטל, זיין ווייב, האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים אויפן טיש אַ טעלער מיט הייסע, פאַרעדיקע גריץ. דער ריח פון דער זופּ איז אַריינגעדרונגען אין זיינע נאָזלעכער. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען דאָס עסן שטיין פאַר אים. דער פיינער חוש־הריח זיינער האָט געהאַט די געהעריקע ווירקונג; דאָס מויל האָט אים אָנגעהויבן צו וואַסערן. — „דאָס איז די 'תאוות־האכילה', וואָס האָט זיך דערוועקט אין מיר, מיט איר גאַנצער חיהשקייט", — האָט ר' אברהם געטראַכט און זיך געמאַכט אַליין אַ פאַרוואורף.

„זאָל מיר דער רבונו של עולם מוחל זיין, מיין זולל וסובאדיקייט", האָט ר' אברהם מתפלל געווען און האָט אָנגעשעפּט אַ לעפל זופּ. יאָ, ס'איז דאָך טאַקע גערשטענע גריץ מיט קאַרטאָפל! — סאַראַ סעודה דאָס

וויב זיינס האָט עס פאַר אים היינט געמאַכט; דאָס איז דאָך מעדני־מלך: אַ באמת קייסערלעכער מאַלצייט! — ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אין טעלער און זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן איבער זיין ווייבס פאַרשווענדערישקייט, ווייל ער האָט בפירוש באַמערקט, אַז די גריץ איז געשמאַלצן מיט געפּרעגלטע ציבעלעס אין בוימל, כדי דאָס עסן זאָל זיין געשמאַקער, די זופּ זאָל האָבן אַ בעסערן טעם. ס'האָט באמת געשמעקט ווי אַ גבירישער חתונה־מאַלצייט! ... ר' אברהם איז פּשוט נשתומם געוואָרן פון זיין עטלס אויסברענגערישקייט... — „עטל" — האָט ער איר געפרעגט, — „וואָס פאַר אַ יום־טוב איז עפּעס היינט?! ברויט מיט ציבעלע, און חוץ דעם, נאָך אַזאַ וואונדערלעכע גריץ; דאָס איז באמת אַן אויסערגעוויינלעכע סעודה!"...

עטל האָט אַ זיפץ געטאָן. אַ קרענקלעכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר אָפּגעצערט פּנים. זי האָט אויף זיין באַמערקונג געענטפערט קורץ און מיט אַ שטיל קול: „אַזעלכע ימים־טובים, מיט אַזעלכע מאַלצייטן, רבונו של עולם, זאָל מען עס נאָר זען ביי מיינע שונאים!"

— „וואָס טוט זיך מיט דיר, עטל! וואָס האָסטו געזאָגט? „אַזעלכע מאַלצייטן"! וואָס הייסט דאָס, וואָס? מיר באַדאַרפן דאָך אָפּגעבן אַ שבח והודיה דעם רבונו של עולם פאַר אַזעלכע מאכלים! דו זינדיקסט דאָך קעגן דעם אייבערשטן, עטל!"

ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל חרטה געקריגן אויף אירע פריערדיקע רייד, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ לעסטערונג. זי האָט געזוכט וואָס גיכער צו פאַרריכטן איר טעות. — „כ'האָב באמת טאַקע געמיינט דאָס צו זאָגן, אברהם, אַז מיר דאַרפן דאַנקען און לויבן דעם רבש"ע פאַר זיינע חסדים וואָס ער טוט מיט אונדז; אָבער צי זעסטו דען נישט, אברהם, ווי בלאַס און אָפּגעצערט די קינדער זעען נעבעך אויס?! זיי זיינען דאָך בלויז הויט און ביינער! זיי מעגן זיך טאַקע זיין 'גויים', אָבער מיין מוטערלעך האַרץ קאָן עס נישט רואיק צוקוקן ווי זיי גייען איין פון טאָג צו טאָג".

דאָס מאָל איז עטל געווען מער באַרעדעוודיק ווי תמיד. אירע רייד האָבן טאַקע געטראָפן ר' אברהמען גלייך אין האַרצן אַריין ווי גיפטיקע

פיילן. ער אליין טראכט דאך אויך זייער אפט וועגן זיינע קינדער; עס טוט אים דאך אויך געגוג ווי דאס הארץ פאר זיי, אבער גאטעניו!...

ר׳ אברהם האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן זיין ווייב אויף אירע רייד. ער איז אויף א ווײלע געבליבן זיצן שטיל, דערנאך האט ער געוואשן די הענט צו „מים־אחרונים” און אנגעהויבן בענטשן „ברכת־המזון”. ס׳איז אים קלאר געווען, אז זי איז גערעכט. וואס האט ער אבער געקאנט טאן? ער האט זיך געפילט הילפלאז. ער האט גע־פרואווט פארגעסן די זין זיינע; ער האט אנגעהויבן בענטשן הויך אויף א קול.

תיכף ווי ער האט פארענדיקט מיטן בענטשן, איז ער גלייך צו־געגאנגען צו זיין „ווינקל”, זיך נעמען צו דער מלאכת־הקודש זיינער. היינט האט ער געדארפט אנהויבן שרייבן די צווייטע סדרה פון „ספר בראשית”. ער האט טאקע אנגעהויבן מיט „פרשת נח”, וועגן דער „תיבה” מיטן „מבול”, און ער האט באלד איגגאנצן פארגעסן וועגן ווייב און קינדער. די גאנצע וועלט האט בכלל אויפגעהערט צו עקזיסטירן פאר אים...

אוועקגעזעצט זיך צום טיש, האט ר׳ אברהם ראשית אויסגעקליבן א פענע מיט א ברייטן שפיץ, כדי מיט איר אנצוהויבן דאס ערשטע אות פון דער סדרה. פריער האט ער אויסגעפרואווט דעם שפיץ־פעדער אויפן פינגער־נאגל. דערנאך האט ער איינגעטונקען די פענע אין טינט; און איידער ער האט אוועקגעשטעלט דאס ערשטע אות, האט ער מתפלל געווען א ספעציעלע תפילה, אז דער רבש״ע זאל דערווייטערן פון זיינע רעיונות אלערליי וואכעדיקע מחשבות בשעתן שרייבן די הייליקע תורה זיינע. נאכדעם האט ער זיך גענומען צו דער עבודה...

ר׳ אברהם האט אנגעהויבן אויסצוצירקלען אן „אלף”, דאס ערשטע אות פון פרשת־נח. מיט גרויס פליסיקייט, מיט אמתער קינסטלעריש־קייט האט ער געפירט די פעדער איבערן ווייסן פארמעט און דער „אלף” איז באלד דערשינען אין זיין גאנצער פראכט. א גרויסער, שיער־נישט א פירעקיקער, שווארץ־סאמעטענער אות. — ר׳ אברהם האט געקוקט אויפן ניי־געבוירענעם „אלף”, און זיך געשפיגלט אין זיין שיינקייט...

ער פלעגט שטעלן זיין אויף יעדן אות וואס ער האט אנגעשריבן.

יעדער אות האָט פאַר ר׳ אברהמען פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ רמז פון אַ וואָרט פונעם בורא־עולם; יעדער בוכשטאַב האָט געהאַט זיין געהיימע כוונה, זיין הייליקע באַדייטונג. דער „אַלף" איז אַפילו מער חשוב געווען ווי אַלע אַנדערע אותיות, חוצן „יוד", פאַרשטייט זיך, ווייל חוץ דעם וואָס דער „אַלף" איז דאָס ערשטע אות אינעם „אַלף־בית", איז ער אויך דער ערשטער וואָרט אינעם וואָרט „אחד", וואָס מיינט: „דער איינאונאייג־ציקער", דער נאָמען פון אַלמעכטיקן. נאָכדעם ווי דער „א" איז אַרויסגע־קומען ווי ער האָט געוואָלט, האָט ר׳ אברהם שוין אָנגעהויבן צו שרייבן גי־כער. ער איז אָבער תמיד נזהר געווען ער זאָל חלילה־וחס קיין טעותים ניט מאַכן: אַ שלעכט אויסגעלייגט וואָרט, אַ מחק אויפן פאַרמעט, אַ שלעכט אָוועקגעשטעלט אות, — אָט־אָ־די־אַלע „פּליטת־הקולמוסן", פלעגן שטענ־דיק שווער דריקן אויף זיין געמיט. ער פלעגט פירן אַ גענויען חשבון פון דעם מספר פון די טעותים, וואָס ער האָט געמאַכט זינט ער שרייבט ספרי־תורות. ער וואָלט זיך עס קיינמאָל נישט געקאָנט מוחל זיין ווען די צאָל גרייזן זאָל ביי אים איבערשטייגן דעם מספר, וואָס זיין באַרימטער פאָטער האָט אים איבערגעגעבן, אַז זיי זיינען דערלויבט, נישט האָבנדיק דערמיט מחלל־השם געווען, חלילה...

בכדי אויסצומיידן טעותים ביים שרייבן די תורה האָט זיך ר׳ אברהם באַמיט מרחיק־צו־זיין אַלע וואָכעדיקע מחשבות פון זיין רעיון. זיין געדאַנק, ווי בכלל זיין גאַנצער „יש", האָט געמוזט זיין פולשטענדיק איבערגעגעבן צו די כתבי־הקודש. היינט, ווי תמיד, בשעת זיין רעיון איז געווען ריין און לויטער, האָט ער אָנגעהויבן זיך אַריינצוטראַכטן אין דער באַדייטונג פון יעדער אות, וואָס זיין פעדער האָט אַרויסגעבראַכט אויפן ווייסן פאַרמעט. די אותיות פון דער תורה האָבן פאַר אים געמיינט אַ סך מער ווי געוויינטלעכע קלאַנגען פון וועלכע ס׳ווערן צונויפגע־שטעלט ווערטער. אַן אות איז אַ רמז, אַ „נוטריקון", אַ גאַנצע קייט פון רמזים. דורך דער הייליקער קראַפט פון די אותיות וואָלט מען געקענט אויסגעפינען דעם „קץ", דעם סוד פון „ביאת־המשיח", ווען מ׳זאָל נאָר ווערט זיין ביים רבונו־של־עולם, — אותיות, אויסגעטאָנענע פון זייער אויסערלעכן „לבוש"; אותיות צעגלידערטע, ווערן פאַרוואַנדלט אין לעבעדיקע וועזנס, וואָס קאָנען ביי אַ פּאַסיקער אָנווענדונג, מגלה־

זיין סודות פון נייע, אומבאַקאַנטע עולמות, וואָס דאַרפן איצט באַשאַפן ווערן פון אַזעלכע וועלטן, וואָס זיינען ביזן הייַנטיקן טאָג נאָך נישט נתגלה געוואָרן.

נאָר די יעניקע, וואָס באַזיצן די העכסטע רוחניותדיקע מידות, זיי זיינען זוכה און זיינען בכוח אַריינצודרינגען אינעם תוך פון די געהיימע כוונות פון די אותיות און ווערטער, — נאָר דאַן ווען מען פאַרטיפט זיך אין נאָכטראַכטן וועגן דער גאָטהייט און אַלע איבעריקע וועלטלעכע ענינים ווערן נעלם פון פאַר זיינע אויגן, — ערשט דעמאָלט, און נאָר דעמאָלט, הויבן אָן די אותיות פון דער תורה זיך צו פאַרוואַנדלען אין זייער אמתדיקער געשטאַלט און מען דערזעט זיי אין זייער ריכטיקער ליכט...

יעדער אות איז אַ ציפער, יעדעס וואָרט — אַ סעריע פון ציפערן. דאָס פשוטסטע וואָרט פון דער תורה קאָן איבערגעשטעלט ווערן אין אַזאַ סדר, אַז עס זאָל דייטלעך אַרויסקומען זיין מיסטישע כוונה. דער סכום אותיות פון אַ וואָרט קאָן אויף זייער אַ לייכטן אופן פאַרביטן ווערן דורך אַנדערע, וואָס באַטרעפן דעם זעלביקן מספר. דורך דער דאָזיקער פאַרבייטונג קומט אַרויס אַ ניי, פולבאַדייטנדיק וואָרט. דאָס דאָזיקע נייע וואָרט קאָן אַמאָל זיין אַ געוויסער רמז צו דער אַנטדעקונג פונעם „קץ". — 'גימטריא', הייסט די געהיימע קאָמבינאַציע דורך וועלכער נייע ווערטער ווערן געשאַפן פון דעם אַלגעמיינעם סכום פון אַנדערע ווערטער.

טיילמאָל טרעפט מען אָן אויף אַן אומקלאָרן זאַץ, אַן אומבאַשטימטע פראַזע, אָדער אַ פאַרנעפּלטן פסוק אין דער תורה, אַן אומשולדיק וואָרט פאַלט ערגעץ וואו אַריין. מיר קוקן זיך איין אין זאַץ אָדער וואָרט און מיר זעען נישט קיין ספּעציעלע כוונה אין זיי. מיר פאַרשטייען נישט, ווי ס'קומט בכלל אַהער, צו וואָס פאַר אַ מיין צילט עס. כאָטש מיר ווייסן וואויל, אַז אין דער תורה איז נישטאָ קיין איבעריקער „תג" אפילו, ווערן מיר דאָך אָפּטמאָל פאַרפּירט פון אונדזערע וויזועלע איינדרוקן און מיר ווערן אַוועקגעשטעלט פאַר אַ נסיון אָפּצופרעגן די נויטיקייט דער־פון. ווען מיר זיינען אָבער בכוח אויפצונעמען יעדעס וואָרט פונעם קוק־פונקט פון „נוטריקון", ד. ה. אַז דאָס וואָרט איז בלויז אַ קאָמבי־

נאַציע פון אותיות, וואָס זיינען גאָר די ראשי־תיבות פון אַ סעריע ווער־טער וועלכע זיינען מלא־וגדוש מיט הייליקע רמזים, — דעמאָלט ערשט וועלן מיר אויף אַן אמת משיג־זיין, ווי אויסערגעוויינטלעך וויכטיק דאָס דאָזיקע פּולבאַדייטנדיקע וואָרט איז! — די גאַנצע שווערקייט ליגט בלויז אין דעם, וואָס זייער ווינציק בשר־ודמס זיינען בכוח אַריינצו־דרינגען אינעם סוד ווי אַזוי צו דעשיפרירן די דאָזיקע ווערטער...

נעמט, למשל, אַזאַ פּשוט וואָרט ווי „ישמח". וואָס מיינט דען אייגנטלעך דאָס איינפאַכע וואָרט? — „זאָל ער זיך פרייען". איצט שיילט אַרויס דאָס דאָזיקע קליינע וואָרט פון זיין מיסטישער „תמורה"־קאָמפּאָזיציע, וועט איר תיכף דערזען, ווי עס ענדערט זיך זיין באַ־דייטונג; ווי עס קריגט גבורה; ווי ס'ווערט פאַרוואַנדלט פון אַ גע־וויינטלעך, אין אַן אויסערגעוויינטלעך־וויכטיק וואָרט. „ישמח" ווערט מיטן כוח פון „תמורה" פאַרוואַנדלט אין „משיח"...

דאָס איז דער כוח פון ווערטער, אותיות און תגין פון דער תורה! אַזוי אַרום אַנטהאַלט יעדעס וואָרט דעם סוד פון „בריאת־העולם"; אויף אַזאַ אופן קאָן אַ קליין וואָרט אַנטדעקן דעם „קץ". דעם זעלביקן „קץ", וואָס ס'איז פאַרבאָטן געוואָרן יעקב־אבינון אים מגלה צו זיין פאַר זיינע קינדער...

ר' אברהם איז אָנגעגאַנגען מיט זיין שרייבן אויף די יריעות פון ווייסן פּאַרמעט און איז אינגאַנצן געווען אַרויסגעטאָן פון דער אַרומיקער וועלט. ער האָט זיך געפונען אין הייליקן „יחוד" מיטן כביכול. וואָס ווייטער ער האָט געשריבן, אַלץ מער איז ער דערווייטערט געוואָרן פון דער גשמיותדיקער וועלט, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. זיין האַרץ האָט געשלאָגן מיט ליבע, מיט פרומקייט צו יעדעס וואָרט וואָס איז דערשינען אויף דער יריעה. די „תורה" איז געוואָרן זיין „כלה", זיין געליבטע, פאַר וועלכער ער איז יעדע רגע געווען מוכן־ומזומן מקריב צו זיין דאָס לעבן זיינס. אַ קדושהדיקע כלה וועלכע איז געקליידט אין ווייסן פּאַרמעט, מיט וועלכער ער איז הייליק געאָרעמט. איינגעהילט אין איר ווייסן שלייער, האָט זי געשוועבט מיט אים צוזאַמען אין די הימלען, אין די „עולמות־העליונים", און האָט אים אין אַ פליסטערנדיקן, מעלאָדישן, „קול־דממה־דקה" דערציילט די געשיכטע פון די ששת־ימי־בראשית...

אַזוי פלעגט ר׳ אברהם קאָנען אָפּזיצן שעהן און שרייבן אין שיין געפּורעמטע אותיות גאַטס וואָרט אויף ווייסע יריעות פון פּאַרמעט.

מיט שמחה און גרויס גליק פלעגט ער צוקוקן ווי דאָס „ספר” וואַקסט און ווערט וואָס־אַמאָל אַלץ דיקער און דיקער, ווי אַלץ מער יריעות, פעלן פון פּראָסטע בהמות, האָבן געקראָגן קדושה אין זיך דורך די הייליקע ווערטער. נאָך איין ספר־תורה וועט באַלד זיך מצטרף זיין צו די הייליקע אוצרות פון גאָטס אויסדערוויילט פאָלק. ס׳וועט פאַר־קומען אַ „חתונה”. דאָס פאָלק ישראל וועט טאַנצן אַנטקעגן דער כלה און וועט פייערלעך צוזאָגן זי געטריי־צו־זיין ביזן סוף פון די טעג... און ווער ווייסט, וויפיל קדושים וועלן זיך נאָך ווען ס׳איז איינוויקלען אין די דאָזיקע יריעות און אַריינשפּרינגען אין די פלאַמען כדי בעסער פאַרברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט, איידער צו פאַרלאָזן איר, דער „כלה־תורה”, זי זאָל פאַראומרייניקט ווערן פון די אומגלויביקע...

ר׳ אברהם דער סופר האָט פון תמיד־אָן געחלומט פון אַזאַ מין טויט, דעם שענסטן, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן; קיינער קאָן נישט פאַרלאַנגען קיין גרעסערן כבוד... אָ, ווי ער האָט עס געגאַרט נאָך דעם! — ווי שטאַרק ער האָט זיך דאָס געוואונטשן ער זאָל נאָך זוכה זיין אָנצוקומען אין הימל אַריין, איינגעהילט אין אַזאַ מין פלאַמיקן מאַנטל פון דער הייליקער תורה! — די „שערי־שמים” זיינען זיכער אָפן פאַר איינעם, וואָס דערשיינט אין אַזאַ מין לבוש... ער האָט חס־וחלילה נישט געוואָלט אַז אַ ספר־תורה זאָל, רחמנא־ליצלן, פאַרברענט ווערן בלויז צוליב דעם כדי ער זאָל קאָנען שטאַרבן מיט אַ טויט פון אַ קדוש. אָה, השם־ישמרנו פון אַזאַ מין איינפאַל אפילו! — נאָר, אויב דער אייבערשטער זאָל שומר־ומציל־זיין, ס׳וואָלט זיך חלילה געטראָפן אַזאַ פאַל, האָט ער זיך געוואונטשן צו זיין דער טרעגער פון דער תורהס פלאַמען צום אַלמעכטיקן. — ס׳איז אפשר אָן עבירה זיך צו ווינטשן צו שטאַרבן מיט אַזאַ וואונדערלעכן טויט, אָבער ר׳ אברהם האָט געהאָפט, אַז דער רבונו־של־עולם וועט אים מוחל־זיין דעם דאָזיקן נסיון...

---

עס איז געווען אַ ווינטערדיקער פרימאָרגן. די גאַסן זיינען געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטן שניי. די פענצטער־שויבן, — מיט וואונדער־לעך־שיינע פראָסט־בלומען. אַ בייז־וואָיענדיקער ווינט האָט געבושע־

וועט אין דערלופטן, אַריינגעדרונגען אין די קוימענס און דאָרט ווילד געברומט...

ר׳ אברהם האָט זיך דעם פרימאָרגן אויפגעהויבן פריער ווי אַלע טאָג ווייל ער האָט זיך היינט געדאַרפט מכין־זיין צו זייער אַ וויכטיקער עבודה: — ער האָט היינט געדאַרפט שרייבן די „עשׂרת־הדברות״. די צען געבאָטן אויף וועלכע דער גאַנצער בנין פון דער תורה איז געשטיצט האָבן היינט געדאַרפט אַוועקגעשטעלט ווערן מיט שוואַרצע, בלישטשענדיקע אותיות אויף ווייסן פּאַרמעט...

אין שטוב איז געווען מוראדיק־קאַלט. דער ווינט האָט זיך דורכגע־ריסן דורכן מאָך, מיט וועלכן די שפּאַלטן פון די ווענט זיינען פאַר־שטאָפּט געווען. ציטערנדיק אינגאַנצן פון קעלט האָט זיך ר׳ אברהם אויפדערגיך אָנגעטאָן, גענומען טלית־און־תפילין מיט אַ האַנטוך און פאַרלאָזט דאָס הויז אויף די שפּיץ־פינגער, כדי נישט אויפצוּוועקן דאָס ווייב מיט די קינדער.

ווי נאָר ער איז אַרויס פון שטוב האָט אים דער שניידנדיקער ווינט מיטן בייסיקן פראָסט אינגאַנצן אַרומגעכאַפּט פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאַלנער פונעם מאַנטל און אָנגעהויבן גיך לויפן אין מקווה אַריין. אין די נאָזלעכער איז אים אַזוי שטאַרק טרוקן געוואָרן, אַז ער האָט קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם. ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו לויפן, ביז ער איז אָנגעקומען צום רויט־ציגלנעם מרחץ, וועלכער איז געשטאַנען אין אָפענעם פעלד, הינטער דער אַלטער שול.

מיט פאַרגליווערטע פינגער פון קעלט האָט ר׳ אברהם געעפנט די טיר פון מרחץ. קיין לעבעדיקער נפש איז דאָרט נישט געווען. די צעמענטענע פּאָדלאָגע פון באָד איז אינגאַנצן באַדעקט געווען מיט אַ דין־גלאַנציקן שיכט באַפרוירטן אייז.

ר׳ אברהם האָט ווי מבטל־געמאַכט די עסנדיקע קעלט, וואָס האָט געהערשט אין מרחץ. ער איז אויפדערגיך אַראָפּגעלאָפן די מקווה־טרעפּ־לעך און נישט קוקנדיק וואָס דאָס וואַסער איז געווען אַזוי קאַלט, אַזוי געפרוירן, האָט ער זיך דאָך לכל־הפּחות געמוזט טובלען כאָטש דריי מאָל כסדר, כדי זיך מכין צו־זיין צו דער הייליקער עבודה פון שרייבן

די „עשרת־הדברות”. ער האָט זיך אין דער גיך אויסגעטאָן; דאָס לייב איז אים תיכף בלוי געוואָרן ווי אַ מילץ און שטייף פון קעלט...

דאָס וואַסער פון מקווה איז געווען באַצויגן מיט אַ היפּש הייטל פון אייז. ר׳ אברהם האָט געכאַפּט אַ שטיוול און מיט אים אָנגעהויבן קלאַפּן איבערן אייז. ס׳האָט זיך תיכף דורכגעבראָכן אַן עפענונג גענוג גרויס פאַר זיין קערפּער. ער האָט די עפענונג נאָך אַביסל גרעסער געמאַכט און איז אַריין אין וואַסער. דער גאַנצער גוף זיינער, אַפילו דאָס ביסל האָר פון קאָפּ, זיינען מיטאַמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן אונטערן וואַסער...

אין עטלעכע רגעס אַרום האָט ער זיך אַרויסגעהויבן פונעם וואַסער; ער האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט דער געפרוירענער האַנט און האָט זיך ווידער אונטערגעטונקען. נאָכן טובל־זיין זיך דריי מאָל איבערן קאָפּ איז ער אַרויסגעלאָפן פונעם וואַסער, האָט געכאַפּט דאָס האַנטוך און זיך אָנגעהויבן גיך אַרומצואווישן דעם קערפּער, רייבנדיק זיך מיטן גאַנצן כוח. די האָר פון זיינע באָרד־און־פּיאות האָבן זיך אים צוגע־קלעפּט צום פּנים. דאָס לייב איז אים אַזוי רויט געוואָרן ווי רויע פליייש. די ציין האָבן אים געקלאַפּט; די הענט האָבן זיך ביי אים מוראדיק געטרייסלט... ער האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און מיטן טלית־און־תפילין אונטערן אָרעם איז ער האַסטיק אַוועק אין בית־המדרש אַריין...

היינטיקן פרימאָרגן האָט ער געדאַוונט מיט מער ברען ווי תמיד. ס׳האָט אויסגעזען ווי יעדעס וואָרט פונעם דאַווענען וואָלט אַרויס־געקומען פון די טיפעניש פון זיין האַרצן. יעדע פראַזע האָט געהאַט אַ באַזונדער כוונה. מיט „כל עצמותיו” — אַפילו דער מאַרך פון די ביינער זיינע, האָט אַנטייל גענומען אין לויב צום השם־יתברך...

ביים אויסשרייען „שמע־ישראל”, איז ער אַ לאַנגע ווײַלע גע־שטאַנען אויף די שפּיץ־פינגער. ס׳איז אַרויסגעקומען, אַ לאַנג־אויסגע־צויגענער „שמ־ע־ע־ע”, — אַרויסגעבראַכט נישט דורך די ליפּן בלויז, נאָר מיט דער גאַנצער נשמה זיינער. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אויפ־געהויבן צום הימל; די אויגן — פעסט געשלאָסן, און דער גאַנצער גוף זיינער איז געווען שטייף אויסגעשטרעקט ווי אַ שטאַרק־אָנגעצויגענער דראָט. ער האָט פאַרקוועטשט די פויסטן אַזוי שטאַרק, אַז די פינגער־

נעגל האָבן זיך אים אַזש איינגעשניטן אין לייב. דער „ד" פון „אחד", האָט אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט פונעם בית־המדרש, און דער־גרייכט צום ארון־קודש, פונוואַנען ר' אברהם האָט דייטלעך געהערט אַן ענטפער אויף זיין „ש מ ע" — „יאָ, כ'האָב דיר געהערט, מיין זון!"...

אַז ר' אברהם האָט געעפנט די אויגן, איז ער געווען שטאַרק אי־בערראַשט דערפון, וואָס ער געפינט זיך גאָר מיט ביידע פיס אין בית־המדרש אויף דער ערד! — ווייל אין משך פון די דערהויבענע מאָ־מענטן פון עקסטאַז, בשעת ער האָט אַזוי שטאַרק באַטאָנט דעם „שמע־ישראל", האָט ער טאַקע באמת געשוועבט אין די עולמות־עליונים און איז געווען אין איין מחיצה מיטן כביכול.

אָפּגעדאַוונט שחרית, האָט ער זאָרגפעלטיק איינגעלייגט דעם טלית־און־תפילין און קושנדיק זיי עטלעכע מאָל, איז ער אַוועק אַהיים כדי זיך צו נעמען צו זיין מלאכת־הקודש.

ווי נאָר ר' אברהם סופר האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון הויז האָט ער דערשפּירט אַ מערקווירדיקע זאַך: ס'האָט זיך אים אויסגע־וויזן ווי מיליאָנען אייז־קאַלטע נאָדל־שפּיצן לויפן אים אַרום איבערן גאַנצן לייב. עס האָט אים אָנגעהויבן שווידערן. תחילת האָט ער גע־רעכנט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַזאַ מין הויט־בייסעניש. ער האָט געוואָלט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם פּיינלעכן שמערץ, וואָס די דאָזיקע שטעכעניש האָט אים פאַרשאַפט און ער האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער אַרבעט: ער האָט פאַרשניצט די פענעס און געעפנט דעם טינטער, וועלכן ער פלעגט נוצן נאָר ביי זעלטענע געלעגנהייטן, — ביים שרייבן אַ „שם", אָדער די „עשרת־הדברות".

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, האָט אויסגעשפּרייט פאַר זיך אַ יריעה פון פאַרמעט און איז שוין געווען מוכן־ומזומן אָנצוהויבן. אָבער די שטעכעדיקע שפּילקעלעך האָבן שוין אָנגעהויבן אַריינדרינגען אויך אין מוח אַריין. זיי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אונטערן שאַרבן און ס'האָט אויסגעזען ווי זיי קלייבן זיך צו אַטאַקירן דעם מוח זיינעם. אַ שאַרפער קאַפּווייטיק האָט אים כמעט ווי געצוואונגען צו פאַרמאַכן די אויגן. ר' אברהם האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט זיי צו שליסן. — וואָס הייסט? ער באַדאַרף דאָך שרייבן די עשרת־הדברות! ער האָט אָנגעבויגן דעם

קערפּער זיינעם אין דער געהעריקער פּאָזיציע, זייענדיק גרייט אָנצו־הייבן דעם הייליקן אַקט. סיי דער גוף, סיי דער גאַנצער רעיון זיינער זיינען געווען געריינ̇יקט: דער ערשטער אינעם אייז־קאַלטן וואַסער פון דער מקווה; און דער צווייטער —ביים דאַווענען און מיטן פאַר־טיפן זיך אין הייליקע מחשבות, טאָ ווי קאָן ער איצט, אינמיטן דערינען, גאָר נעמען און פאַרמאַכן די אויגן?! — ווי קאָן ער עס גאָר פועלן ביי זיך זיך אָפּצוזאָגן פון דער גרויסער זכיה און אומפאַרגלייכלעכן כבוד צו שרייבן גאָטס הייליקסטע ווערטער?...

ר' אברהם האָט גענומען די פעדער אין האַנט אַריין, די האַנט האָט אים שטאַרק געציטערט, זיך מוראדיק געטרייסלט. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם עלנבויגן אויפן טיש און אים שטאַרק צוגעדריקט צום האַרצן. ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן. און ווי נאָר ער האָט באַרירט דעם פּאַרמעט האָט דער שטורעם וועלכער האָט געהאַט אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן קערפּער זיינעם זיך תיכף איינגעשטילט און ער האָט זיך דערפילט ווי איינגאַנצן אַ באַרואיקטער, מיט אַ קלאָרן מוח און ריינעם געדאַנק. אַ שיין־געפורעמטער, קינסטלעריש־געצייכנטער, שוואַרץ־סאַמעטענער „אַלף" האָט זיך באַוויזן אויפן פּאַרמעט. דאָס איז געווען ס'ערשטע אות אינעם וואָרט פון די עשרת־הדברות. באַלד נאָכדעם איז אַרויסגעשוואו־מען דאָס גאַנצע וואָרט אנוכי — איך בין!...

ביים אָנבליק פונעם וואָרט „אנוכי", איז ר' אברהם דער סופר דורכגעדרונגען געוואָרן מיטן רוח־הקודש וואָס האָט גערוט אויפן דור־המדבר ביים „מעמד־הר־סיני". ניין, נאָכמער! — ער האָט גע־פילט, ווי ער וואָלט געווען משה רבינו אַליין; צו אים איז עס איבערגע־געבן געוואָרן די הייליקע מיסיע אויסצוקריצן גאָטס הייליקע ווערטער אויף די שטיינערנע לוחות. ער האָט נישט געשריבן מיט טינט־און־פעדער אויף אַ פּאַרמעטענע יריעה, נאָר ער האָט גאָר געאַרבעט מיט דלאָט־און־האַמער אויף די הייליקע „לוחות־האבן". ער האָט אויסגע־קריצט גאָטס וואָרט פאַר די קומענדיקע דורות. מיטאַמאָל האָט ער זיך דערפילט ווי ער שטייט אויפן „הר־סיני", וועלכער איז איינגע־הילט אין אַ געדיכטן „עמוד־הענן": פייערדיקע צונגען רייסן זיך אַרויס פונעם וואָלקן, דער גאַנצער באַרג סיני ציטערט; דער כביכול

גידערט אַראָפּ אין פייער און רופט אים, אברהם דעם סופר, ער זאָל אַרויפשטייגן אויפן שפּיץ באַרג...

דער כביכול רעכנט־אויס די „דברות" פאַר די פאַרזאַמלטע, וואָס הערן־צו מיט אימה און יראה. ער הויבט־אָן מיטן ווייט־אָפּקלינגענדיקן וואָרט „אנוכי!"...

דער באַרג ציטערט אינגאַנצן, פאַרטויבנדיקע דונערן, אויגן־בלענדנדיקע בליצן קומען אַראָפּ פון שפּיץ באַרג...

ר' אברהם דער סופר הערט דאָס מעכטיקע קול פון גאָט; ער ציטערט און פלאַטערט פון פחד. ער איז דורכגעדרונגען מיט יראה. — פלוצלונג האָט דער גאַנצער באַרג מיטן באָדן צופוסנס פון באַרג, אָנגעהויבן מוראדיק צו ציטערן, און פון צווישן די פלאַמען און רויך האָט ער דערהערט גאָטס קול רופן צו אים: „אברהם, מיין זון, איך לאַד דיר איין אין הימל אַריין; שטייג־אַרויף צו מיר דורך דעם דאָזיקן עמוד־הענן. זעץ זיך אַוועק ביי מיין רעכטער האַנט אין דעם פייערדיקן רייטוואָגן און רייט מיט מיר צו מיין הימלישן געצעלט!"

ר' אברהם האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און זיך געלאָזט גיין צום עמוד־הענן. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז ר' אברהם האָט געעפנט די אויגן, נאָכן אָפּליגן אָן באַוואוסטזיין שיינע עטלעכע טעג, האָט ער דערזען לעבן זיין בעט די צוויי זין זיינע. זיי האָבן אין זיינע אויגן איצט אויסגעזען אַזוי יונג און פריש ווי אין יענע געבענטשטע טעג, בשעת ער פלעגט זיצן צווישן זיי ביידן פול מיט פאָטערלעכן שטאָלץ אין בית־המדרש און פלעגט לערנען גמרא מיט זיי. זיינע צוויי זין, הענעך און זכריה, האָבן געקוקט אויף אים מיט פייכטע אויגן. זיי האָבן באַטראַכט זייער פאָטערס געל־וואַקסן פנים, די טיף־איינגעפאַלענע אויגן, און ס'האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַ גוואַלדיקער פאַרלאַנג אים אַרומצונעמען און אויסקושן זיין הייליק פנים...

אַ ווײַלע איז ר' אברהם געלעגן אָן באַוועגונג. פלוצלונג האָט ער זיך מיטאַמאָל אַרומגעזען אַז דאָס שטייען נישט פאַר אים זיינע צוויי קליינע, גאָטספאַרכטיקע ייִנגלעך, נאָר צוויי גרויסע, דערוואַקסענע זין פון וועלכע ער איז שוין אָפּגעפרעמדט אַ לאַנגע, לאַנגע צייט...

ער האָט געמאַכט אַ פּרואוו זיך אויפצוזעצן. ער איז אָבער תיכף צוריקגעפאַלן און מיט אַ שוואַך קול האָט ער זיך געווענדעט צו זיי:

— „קינדער מיינע, זין פון מיין פלייש־און־בלוט, — — — איך — — — יאָ, — — — איך האָב נאָך צוטרוי — — — צו אייך, מיינע קינדער, כאָטש איר זיינט — — — ווײ איז מיר, וואָס איך דאַרף פאַרן מויל ברענגען אַזעלכע ווערטער — — — כאָטש איר זיינט אַראָפּ־געגאַנגען פון דרך־הישר, פון גאָטס וועג. איך האָף, אַז אייער דער־ווייטערן זיך איז, מיטן רבונו־של־עולמס הילף, נאָר צייטווייליק. אַ ליכט פון אויבן וועט אַראָפּנידערן אויף אייך און וועט אייך צוריק אַרויפ־פירן אויפן זעלביקן דרך, אויף וועלכן אונדזערע אבות־אבותינו זיינען תמיד געגאַנגען — — — דער דאָזיקער וועג, קינדער מיינע, איז דורכ־געווייקט מיטן הייליקן בלוט פון אונדזערע קדושים; דאָס איז זייער אַ שווערער וועג, אָבער דערפאַר — אַ וואונדערלעכער, ביי וועמעס סוף ס׳געפינען זיך אייביקע גליקזעליקייט און צופרידנקייט — — — דו, מיין זון הענעך, און דו מיין זון זכריה, איר וועט זיך אומקערן צום זעלביקן וועג אויף וועלכן איר זיינט געגאַנגען, ווען איר זיינט קליין געווען!" — — — ער האָט זיך אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט, האָט שווער געאָטעמט און באַלד ווייטער פאַרגעזעצט:

— „איצט, קינדער מיינע, פאַרלאַנג איך פון אייך איר זאָלט מיר צוזאָגן, אַז ווען איר וועט צוריק ווערן מיינע אמתע קינדער זאָלט איר אויך אויף ווייטער פאַרזעצן די משפּחה־טראַדיציע און זיין געטרייע אמת־פרומע סופרים: שרייבער פון גאָטס וואָרט! . . . זאָגט איר מיר עס צו? וועט איר זיך באַמיען צו זיין נאָך אַ ווייטערדיקער רינג אין דער גאָלדענער קייט? !"

דאָס קול זיינס איז שוואַכער געוואָרן. די קלאַנגען וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט האָט מען קוים געקאָנט דערהערן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן; ער האָט געמורמלט: „גיב מיר דיין האַנט, הענעך, מיט אַ פייערלעכן נדר, אַז דו... ער האָט ווידער געעפנט די אויגן... כ׳זע, אַז דו זאָגסט צו! אַה, ווי גליקלעך איך שטאַרב! אַך!"... ער איז שטיל געבליבן און שווער אָפּגעזיפצט:

„איצט קאָן איך אייך שוין מגלה זיין דעם סוד, ווי ס'ווערט געמאַכט דער גלאַנציקער טינט. דער טינט, מיינע ליבע קינדער, ווערט געמאַכט פון . . . — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

די פעדער וואָס מ'האָט צוגעטראָגן צו ר' אברהמס נאָז איז געבליבן אומבאַוועגלעך. עטלעכע איינציקע שטרוי זיינען אויסגעשפרייט געוואָרן אויף דער ערד. אויף זיי, מיט די פיס צום טיר, איז געלעגן ר' אברהם דער סופר. אַ צופרידענער, גליקלעכער שמייכל איז געבליבן פאַרגליווערט אויף זיין געל־ווייסן פנים, וואָס איז געווען אַרומגעזוימט מיט גרוילעכע פיאות און מיט אַ לאַנגער שוואַרץ־גרויער באָרד, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט צוויי שאַרפע שפּיצן.

אַ ווייסער לייַלעך איז אויסגעשפרייט געוואָרן איבער ר' אברהם דעם סופר. אַרום דעם בר־מנן זיינען געווען אַרומגעשטעלט מעשענע לייכטער מיט ברענענדיקע ליכט, און זיינע צוויי זין זיינען געזעסן אויף נידעריקע בענקעלעך פון ביידע זייטן און האָבן געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים מיט אַ טרויעריק־מעלאַנכאָלישן ניגון...

# ר׳ יונה דאָזערס באַרג אַראָפּ

**דער** דרויסן איז געווען אַן אָנגעברוגזטער, אַ פאַר־כמאַרעטער. דער הימל — אַ בלייאיק־שווערער, אַ נישט אויסגעשלאָ־פענער. פליטערלעך שניי האָבן זיך איינציקווייז פויל געהוידעט אין לופטן, זיך געשובעט צי זיי זאָלן זיך אַראָפּלאָזן צו דער גרוי־פאַרפרוירע־נער ערד און זיך לאָזן צעטרעטן פון שווערע, באַטשוועקטע שטיוול. פון געצײלטע קוימענס האָט אַ רויך זיך געהויבן צו די הויכן, זיך געמישט מיטן שניי און ערגעץ וואו פאַרשוואונדן געוואָרן. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ הילך פון אַ שטאַבע פון לאָדנס, וואָס האָט זיך אין אַ וואַנט אָנגעשלאָגן און די פרימאַרגנדיקע שטילקייט צעריסן. ביי די לאָדנס זיינען געשטאַנען איינגעהויקערטע יידן מיט באַפּעדערטע בערד, מיט צעקנייטשטע פנימער, מיט רויטלעך־פאַרזשמורעטע אויגן און האָבן צוגעטשעפּעט די לאָדנס צו די טשוועקלעך און האַקעס אין די ווענט. זיי האָבן אונטערגעטאַנצט אויף איין פוס און זיך געהויכט אין די הענט.

קוטשער ,דער תהילים־וועקער, איז אַ געפרוירענער, אַ בלויער גע־לאָפן אַהיים מיט דער פאַרלאָשענער לאַמטערנע אין איין האַנט און מיט זיין גראָבן וועק־שטעקן אין דער אַנדערער האַנט. שוואָר־פיסיקע, גראָב־הויטיקע, אויסגעמאַטערטע בעלי־מלאכות זיינען שוין געגאַנגען פון ערשטן מנין מיט די טלית־זעקלעך אונטער זייערע אָרעמס.

צום קאָמעראַווער געסל, צום נייעם טערטאַק, צום פּלאַץ וואָס האָט אַמאָל געהערט צו ר׳ יונה דאָזער, האָבן זיך געצויגן די נישט דער־שלאָפענע, ניי־אויפגעקומענע יידישע אַרבעטער. עס זיינען געגאַנגען מיט געבויגענע קעפּ יונגעלייטלעך, „אַמאָליקע" נגידישע איידעמס ; עס האָבן זיך געשלעפּט געוועזענע ישיבה בחורים, „טאַטעס־קינדער" ; עס זיינען געגאַנגען האָרעפּאַשנע ברייט־ביינערדיקע יונגען, קינדער פון דער אָרעמקייט, פון שטענדיקער אַרבייט און נויט. אַלע האָבן מיט זיך געטראָגן זייערע כלים, וואָס זיי האָבן אַ נאַכט פריער מיטגענומען אַהיים. מיט העק, מיט זעגן, מיט הובלעס, מיט האַקעס און שטריק

זײַנען זיי געװוען באַהאַנגען. ווער עס האָט זיין האָק אין גאַרטל פאַר־זעצט, ווער אויפן אַקסל זיין זעג געטראָגן, ווער זיין הובעל אונטערן אָרעם געהאַלטן.

נישט ווייט פון פלאַץ, וואָס איז מיט גיגאַנטישע בוימער־שטאַמען געווען פאַרלייגט, איז געשטאַנען אַ הויז מיט שיין געשניצטע גזשימשן באַצירט, מיט צוויי באַלקאָנען באַפּוצט, מיט אַ סך פענצטער באַשיינט. דאָס הויז האָט אַמאָל גאַוהדיק צו דער קאָמעראַווער גאַס אַרויסגעקוקט און דערציילט דער וועלט: „אין מיר, אין מיינע אינגעווײדן וואוינט דער האַר צו וועמען אַלע הייזער, אַלע פעלדער און סעדער געהערן. אַפילו די לופט איבער מיין רוים געהער צו אים.” דעמאָלט איז נאָך די הויז געווען יונגטלעך און פריש. דעמאָלט איז זי נאָך געווען געקליידט אין אַ מאַנטל פון ווייס און גרין. דעמאָלט איז נאָך אַרום איר געווען פאַר־שפּרייט אַ טעפּיך פון גראָזן אַרומגעשווירענע און פאַרקעמטע. ערשט אָבער איז זי געשטאַנען אַ פאַרווײנטע, אַ פאַרשעמטע, אַ צעוויטיקטע. שטיקער לייב האָבן זיך אַרויסגעוויזן פון איר פאַרלאַטעטן מאַנטל. מ'האָט שוין קוים געקענט דערקענען וואָסער קאָליר איר קלייד האָט אַמאָל געהאַט. אין הויז האָט נאָך געוואוינט דער האַר פון אַמאָל, נאָר ווי זיין הויז אַזוי איז זיין געמיט געווען, ווי זיין הויז, אַזוי האָט זיין פּנים געשיינט.

אין דעם גרויען, ווינטערדיקן באַגינען איז ביי איינעם פון די פענצטער פון דער הויז געשטאַנען ר' יונה איינגעשרומפּען אין זיך און מיט זיינע פאַראומערטע אויגן האָט ער נאָכגעקוקט די רייען אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געצויגן, ווי אַ קייט פון מענטשן, צום פלאַץ, צו דער האַלץ־מיל, צו יענעם אָרט וואָס איז אַזוי פיל יאָרן געווען זיינס, זיין אייגן שטיקל ערד און ערשט איז עס גאָר אַריינגעפאַלן צום ניי־אויפגעקו־מענעם גביר שמולעוויטשן. וואָס לענגער ר' יונה האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, אַלץ קלענער איז ער געוואָרן, אַלץ מער האָט ער געפילט, אַז ער זינקט טיפער און טיפער צו דער ערד. ער האָט געפילט אַ קלעמעניש, אַ נאָגעניש ביים האַרצן. אַ פיינלעכער זיפץ האָט זיך אַרויס־געריסן פון זיינע אינגעווײדן.

געווען איז ר' יונה אַ ייד אַ הויכער, מיט אויגן צוויי שאַרף ווי דיי־מענטן, מיט אויגן צוויי וואָס האָבן געקענט אייזערנע ווענט דורכלעכערן

מיט זייער שפּיזיקייט. מיט חכמה און בייזקייט איז ר׳ יונה געווען באַרימט. איז די חכמה און די בייזקייט געלעגן אין די אויגן זיינע צוויי. האָבן די אויגן געקענט אי זידלען, אי גלעטן, אי בייטשן, אי צערטלען, אי פּאַרשן, אי אַנטפּלעקן. האָבן מענטשן מיט פּחד געקוקט אויף ר׳ יונה׳ן, געציטערט פאַר זיינע אויגן, מורא געהאַט ער זאָל זיי נישט דורכלעכערן מיט זיי. איז מען צו ר׳ יונה דאָזער, ר׳ יונה פּאָד־ראַטשיק, ר׳ יונה דעם חסיד געקומען נאָר דעמאָלט ווען דער חליף איז שוין אויפן האַלדז געלעגן; ווען קיינער האָט שוין נישט געקענט העלפן. איז מען צו אים געקומען ווען אַ קינד איז צו די זעלנער גע־שטאַנען, ווען מ׳איז פאַר עפּעס פאַרמשפּט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן, אָדער ווען מ׳האָט קיין פּאַדאַטקעס נישט געקענט צאָלן און ס׳האָט געהאַלטן דער־ביי מ׳זאָל אַ טאַטן פון קינדער אין געפענגעניש אַוועקשיקן.

אין יענע טעג איז ר׳ יונה געגאַנגען איבער די גאַסן פון שטאָט און האָט אויף דער ערד געטראָטן מיט טריט אַזוינע, וואָס האָבן קלאָר און דייטלעך געזאָגט: „עס גייט ר׳ יונה דאָזער אויף זיין אייגענער ערד; אומעטום, אין דער גאַנצער שטאָט ליגט פריי און אָפן פאַר אים די גאַס ווי זיינע אַן אייגענע היים.״

ר׳ יונה׳ס הויף האָט געווירבלט מיט מענטשן, מיט וועגענער און פערד, מיט עופות פון אַלע סאָרטן. שפּייכלערס פולע, שטאַלן אָנגע־פּראָפּטע, קעלערס אָנגעפּאַקטע מיט האָב און גוטס זיינען דעמאָלט געווען. איבערן הויף, אין גרויסן סאָד האָבן זיך געקייקלט שווער אָנגעגעסענע, פּעטע גענדז און קאַטשקעס, הינדיקעס און הינער. ר׳ יונה׳ס עופות זיינען פריי אַרומגעפלויגן איבער די וועגענער און זיך געשפּייזט מיט האָבער, מיט ווייצן, מיט גערשטן און אַלערליי אַנדערע תבואות און קיינער האָט זיי נישט געוואַגט אַוועקצוטרייבן. און ר׳ יונה אַליין האָט נאָך שטאַרק ליב געהאַט צו גיין פרייטיק פאַרפרי אין מאַרק אַריין איינקויפן די אמתע העכט לכבוד שבת. ער פלעגט זיך אָנטאָן זיין לאַנגע געהאַקטע קאַפּאָטע, אַריינשטעקן די רויטע פּאַטשיילע אין דער הינטער־שטער קעשענע און אַוועקמאַרשירן אין פיש־מאַרק אַריין, וואו עס האָבן שוין מיט אומגעדולדיקער דערוואַרטונג די פישער אויסגעקוקט די אויגן אויף אים. ווי אַן עקספּערט האָט ער אַליין זיינע פיש אויסגעקליבן

און זיי אין דער רויטער פּאַטשיילע אַריינגעלייגט און זיי אַהיים געטראָגן מיט יראת־הכבודיקן שטאָלץ.

פלעשער בראָנפן און וויין, קאָניאַק און מעד זיינען מיט אַ סדר געשטאַנען אין שאַפע אויסגעשטעלט און אין די קעלערן האָבן זיך גע־קעלטערט פאַרשיידענע היימיש־געמאַכטע געטראַנקען.

איבערן גאַנצן הויף פלעגט ר' יונה אַ געשריי טאָן צו זיין משרת וואָס האָט געוואוינט אין בוידים־שטיבל: „לייבקעעע! לייבקעעע! גיי נאָר אַריין און גיב אַ רייניק אויס די הינערשטייג!" אָדער „לייב־קעעע, גיב די גענדז צו עסן!" „טראָג אַריין אַן אָרעם האָלץ צו דער באַלעבאָסטע!"

לייבקע, אַ שווערער ייד, מיט פּיס געשוואָלענע, איז בליק־שנעל פון די שמאָלע טרעפּלעך אַראָפּגעלאָפן, אויף ר' יונה'ן אַפילו קיין קוק נישט געטאָן און בלויז הכנעהדיק געענטפערט: „אָט לויף איך ר' יונה, אָט לויף איך!" געמיינט האָט עס דעמאָלט ביי לייבקען: „אַליין ביסטו געשוואָלן צו געבן דיינע גענדז צו פרעסן, ר' שמוינע דאָזער?"

ווי עס פאַרווישט אַ שטורעם־ווינט די שליאַדן פון טריט אויפן זאַמד אַזוי זיינען יענע טעג אָפּגעווישט געוואָרן אין ר' יונה'ס לעבן, קיין סימן איז שוין פון זיי נישט געבליבן.

שוין אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָט ר' יונה געזעען, אַז זיין באַרג אַראָפּ הויבט זיך אָן. קיין דאָזער האָט מער ביי דער מאַכט קיין חשיבות נישט געהאַט. עס זיינען אַנדערע צייטן אָנגעקומען. אָבער דעם ערשטן ווייטיקדיקן שפּיז אין האַרצן האָט ר' יונה געקראָגן ווען ס'האָט אים אין איינעם אַ שבת, אין די לעצטע טעג פון דער רוסישער הער־שאַפט, אַ יונגער אָפיצער, אַ שנעקל, פון אַמשענאָווער שטיבל אַרויסגע־רופן אין מיטן דאַווענען. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ גרויסער פּאַטש אין פּנים אַריין דעם גביר און דאָזער ר' יונה'ן. אָבער ערגער נאָך איז געווען ווען ס'האָט אים חוצפּהדיק דער יונגער אָפיצירל געהייסן אויפ־עפענען די שפּייכלערס און געבן פּראָוויאַנט דער אַרמיי. ר' יונה האָט אים מיט זיין אַמאָליקער גרויסקייט אָנגעקוקט און אים געענטפערט: „שבת איז אונדזער הייליקער טאָג פון רו. איך עפן נישט קיין גע־שעפטן אום שבת!" דעמאָלט האָט דער אָפיצער מיט די שווערע שטיוול

אַ טופּע געטאָן אַזוי אַז ר׳ יונה איז אַ דערציטערטער געוואָרן און ער וואָלט שוין אוודאי געלאָפן עפּענען די שפּייכלערס, אָבער אַ חרפּה האָט אים באַנומען: אַזוי פיל מענטשן זיינען געשטאַנען אַרום, זאָל ער, ר׳ יונה, זיך אָפּשרעקן פאַרן אָפּיצערל, ער זאָל ברעכן זיין וואָרט, ער זאָל זיך לאָזן בויגן? ניין, האָט ר׳ יונה באַשלאָסן און ער האָט דעם אָפּיצער זיין באַשלוס געזאָגט און געשעען איז דאָס אויף וואָס נישט ר׳ יונה און נישט דער עולם אַרום האָבן זיך גערעכנט. עס האָט דער יונגער אָפּיצער אַראָפּגעלאָזט ר׳ יונה׳ן אַ פייערדיקן פּאַטש איבער זיין אויסגע־איידלטן פּנים! ער האָט נאָך דערצו דעם רעוואָלווער פון לעדערנעם שיידעל אַרויסגענומען און שטרענג באַפוילן: „גיי, זשיד, טו וואָס מ׳הייסט דיר אויב נישט שיס איך דיר ווי אַ הונט!”

און ס׳האָט ר׳ יונה דעם טלית פון זיך אַראָפּגעלאָזט, דעם שטאָלצן קאָפּ געבויגן און אַ דערנידעריקטער איז ער צו די שפּייכלערס געגאַנ־גען. געגאַנגען איז ער און געפילט אַז אַט, די וועלט הויבט אָן אונטער־צוגיין צוזאַמען מיט אים, ר׳ יונה דאַזער.

פון יענעם טאָג אָן, פון יענעם פּאַטש, וואָס איז אויף שטענדיק גע־בליבן אויסגעקריצט אויף זיין פּנים ווי ער וואָלט מיט אַ פייער־בראַנד אָפּגעשטעמפּלט געוואָרן, האָט ר׳ יונה מיט גיכע טריט אָנגעהויבן צו גיין באַרג אַרונטער, צום אָפּגרונט, צו זיין אונטערגאַנג.

צערונגען איז דער פּאַדראַט געוואָרן. ליידיק זיינען די שפּייכלערס געשטאַנען און די רעשטלעך פון צאַרס אַרמייען זיינען פון שטאָט אָפּגע־טראָטן און מיט זיך מיטגעפירט ר׳ יונה׳ס האָב און גוטס. האָט אָן אומעט אַרומגעשוועבט אין הויז; האָט אַ שרעק פאַרן מאָרגן אַרויסגע־קוקט פון אַלע ווינקלען פון דער רייך־געצירטער שטוב; איז מען אין הויז אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער און מורא געהאַט צו קוקן אויפן בייזן, פאַראומערטן ר׳ יונה׳ן.

און אַז די צווייטע ווייב, וואָס ר׳ יונה האָט שוין צו די עלטערע יאָרן גענומען, האָט צום אומגליק נאָך אַ זיבעט קינד געבוירן און איז דערביי קראַנק געוואָרן, האָט עס שוין פאַרזיגלט ר׳ יונה׳ס אָנהויב פון סוף.

האָט ר׳ יונה אַלע מאָל אין הויז פאַררופן אַ ניי אויפגעקומענעם גביר און אים בסוד אַ פלאַץ, אַ הויז, אַ פעלד פאַרקויפט אויף דער קאָ־

מאַראָווער גאַס. האָט ער די הייזער אויף שפּיז פּאַר ביין מיילער און אויף דאָקטוירים און מעדיצינען פּאַרביטן. איז אים ענג געוואָרן אויף קאָמעראָווער גאַס. זיינען די גאַסן פון שטאָט אים פרעמד געוואָרן. ביז ער האָט דעם לעצטן, גרעסטן פּלאַץ פאַרהאַנדלט אויף ברויט און שיך צום אויסגעצויגענעם, צום לאַנגן שמולעוויטש. ביז ס׳האָט שמולעוויטש אויפן פּלאַץ דעם טערטאַק אויסגעבויט, ביז ס׳האָבן אין טערטאַק אַריין זיך פאַרדונגען אויף פּראָסטער, שווערער אַרבעט אַפילו די אייניקלעך ר׳ יונה׳ס, די אייניקלעך פון זיין ערשטער ווייב. דאָס האָט שוין ר׳ יונה נישט געקענט פאַרטראָגן.

און אַז ר׳ יונה איז דאָס לעצטע מאָל אַרויס אין הויף און האָט אַ רוף געטאָן לייבקען מיט אַ צעוויטיקטער, בעטנדיקער שטימע: „לייבקע!״ איז לייבקע דער משרת פאַמעלעך אַראָפּגעקומען פון די טרעפּ, זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן ר׳ יונה׳ן, די הענט פאַרלייגט „פאַדבאָקים״ און חוצפּהדיק אויסגעשריען: „נישטאָ שוין מער, ר׳ יונה, קיין לייבקעלע! אויס לייבקעלע משרת!״ און דערביי באַלד צוגעגעבן: „אויס ר׳ יונה! אויס דאָזער מיטן קולכעלע — טראָג מיר לייבקעלע אַריין אַן אָרעם האָלץ.״

איז ר׳ יונה אין שטוב אַריין און אַ טראַכט געטאָן: „גערעכט איז אַוודאי לייבקע. שוין נישטאָ מער קיין יונה!״

אַרום גרויסן טיש אין סאַלע זיינען געזעסן ר׳ יונה׳ס ווייב און קינדער און געקלעפּט באַנדראָלן אויף פּעקלעך שוועבעלעך. אַן אַרבעט אַזאַ וואָס מ׳האָט געקראָגן פון נייעם סוחר, אַ יחסן ביי די דייטשן, וואָס האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף שוועבעלעך און טאַבאַק געהאַט. אָט דער יצחקל, דער געוועזענער פּאַמעראַנצן פּאַרקויפער אויף די באַנען, איז עס ערשט געוואָרן דער פרנסה־געבער פון ר׳ יונה׳ס הויזגעזינד. האָט ר׳ יונה אַ קוק געטאָן אויפן טיש, אויף די פּעק שוועבעלעך, אויף די קינדער אַרום און ס׳האָט אים עפּעס אַ שפּיז אַ שאַרפע אַ שטאָך געטאָן אין דער לינקער זייט ברוסט־קאַסטן. האָט ער זיך דערמאָנט אַן לייבקעס ווערטער: „אויס ר׳ יונה, נישטאָ מער קיין ר׳ יונה״ און האָט אַ הוסט געטאָן אין פּויסט אַריין, אַ הוסט גלאַט אַזוי...

האָט ר׳ יונה זיך אַוועקגעזעצט, אַ כאַפּ געטאָן אַ פּאַר באַנדראָלן און אָנגעהויבן קלעפּן. באַלד האָט ער זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום

ספרים־שראַנק, אַרויסגענומען אַ משניותל אין לעדער געבונדן און מיטן פיינסטן גאָלד געליישט און אָנגעהויבן לערנען. געווען איז דאָס משניותל מיט יידיש פאַרטייטשט. האָט ר׳ יונה דעם יידישן טעקסט, ווי ער האָט ליב געהאַט, הויך געלייענט: „שניים, צוויי, אוחזין, האַלטן, בטלית, אַ טלית." דאָס מאָל האָט ר׳ יונה באַשיינפּערלעך געהערט ווי דאָס קול וויינט פון אים אַרויס. זיין זינגען האָט אויסגעזען ווי אַ מין איכה־געזאַנג, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרשרייען זיין אייגענעם פּיין.

ר׳ יונה האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער דער הויז, אויסגעזונגען די ווערטער פון משניות מיט צער און אומעט און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער.

ווי אַלע מאָל האָט ער געזען ווי עס ציען זיך פורן און שליטנס באַ־לאָדענע מיט קלעצער, מיט ריזיקע שטאַמען פון בוימער. גאַנצע רייען ציען זיך אַהין, צו זיין געוועזענעם פּלאַץ, צום טערטאַק, וואָס שמולע־וויטש האָט אויסגעבויט אויף זיין, אויף ר׳ יונהס קאַרק.

געשטאַנען איז ר׳ יונה און האָט זיינע אויגן זיך געלאָזט אָנזעטיקן מיט ווי און פּיין, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט באַשטראָפן פאַר זייער חכמה. זיין ברייטער גערונצלטער שטערן האָט זיך נאָך מער צעפאַלדע־וועט. אין יעדן פאַלד האָט זיך באַהאַלטן אַן אַנדער וויטיק, יעדער פאַלד האָט געחוזקט פון אים, פון חכם ר׳ יונה, יעדער פאַלד האָט געשפּאָט און געזאָגט: „זעסטו, ר׳ יונה, ווער ס׳איז דער חכם? שמולעוויטש, ער קען די וועלט, ער האָט אפילו דיינע אייניקלעך פאַר זיינע קנעכט גע־מאַכט; צוגענומען האָט ער דיין בעסטן פּלאַץ. ערשט האָט ער שוין אפילו דיינע אייניקלעך אויך פאַרכאַפּט, ר׳ יונה!"

נישט ווילנדיק האָט ר׳ יונה געטאָן נאָך אַ צוויי הוסטן אין פויסט אַריין און ער איז אַוועק פון פענצטער. ער איז געגאַנגען און האָט זיך אונטערגעזונגען שוין שטילער ווי פריער: „בטלית — אין טאַאַלעעס."

אַזוי אונטערזינגענדיק זיך איז ר׳ יונה פאַרבייגעגאַנגען דעם גרויסן שטיי־שפּיגל אין סאַלע. דער שפּיגל מיט דער שוואַרצער, ברייטער ראַם האָט ווי מיט מאַגנעטן צוגעצויגן צו זיך ר׳ יונה׳ן. ער האָט אַהין געוואָרפן אַ בליק, אַ זייטיקן קוק, און ער האָט פאַר זיך דערזען: זיין פּנים איז בלייך, געל, אַלט. די אויגן — מיד, פאַרלאָשן. די בריי־

צעקעמטע באָרד — גרוי, געלבלעך גרוי, זי זעט אויס ווי זי וואָלט געקלאָגט אויף איר באַלעבאָס' חורבן, ווי זי וואָלט אים אָנגעזאָגט: „ר' יונה, דו טויגסט נישט; ר' יונה ביסט אַ לא יצלח."

ר' יונה האָט זיך אָפּגעקערט פון שפיגל און האָט אויף אַ הויכן קול זיך צעזונגען: „בטלית — אין טאַלעס!" אָבער ער האָט נישט געקענט איבערשרייען דעם פּיין, וואָס האָט אַרויסגעזונגען פון זיינע אינגעווייַדן. העכער ווי זיין געזאַנג האָט זיך דאָס געשריי פון זיין האַרץ געריסן צו די אויבערפלאַכן און ר' יונה האָט אַפילו קלאָר געהערט אַז דאָס וואָרט „טלית" — האָט זיך אַליין פאַרטייטשט אַנדערש ווי ער האָט עס געוואָלט פאַרטייטשן. עס האָט אים דאָס וואָרט „טלית" דייַ־לעך געזאָגט: „וועסט נאָך חלילה אַמאָל דיין טלית אויך אויף ברויט דאַרפן פאַרזעצן."

אויף די פּיס, וואָס האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט ווי שטיקער בלייַ, האָט זיך ר' יונה אַריינגעשלייכט אין זיין שלאָף־צימער. ער האָט די טיר הינטער זיך פאַרמאַכט און איז אַ צעוויטיקטער, אַ מידער, אַן איינגע־גראָבענער אין זיך געבליבן ליגן אויף זיין ווייכער, ברייטער בעט, דער לעצטער בעסטער חבר אין זיין לעבן.

טאָג און נאַכט האָט ערשט איין געדאַנק באַגלייט ר' יונה'ן; אַ סוד איז אים כסדר נאָכגעגאַנגען; דער סוד האָט זיך פאַרקליבן צו זיין אויער און האָט אים כסדר געשושקעט: „דו טויגסט נישט ר' יונה, דו ביסט אַ לא יצלח!"

איז אין אָנהויב האָט ר' יונה דעם סוד פון זיך געטריבן, אים פּרו־בירט פון צייט צו צייט צו פאַררעדן די ציין, געזוכט תירוצים ווי אַזוי פון אים פּטור צו ווערן, נאָר אַז דער סוד האָט עקשנותדיק זיך געהאַלטן ביי זיינס און נישט געוואָלט אָפּטרעטן אויף קיין מינוט, איז ר' יונה ווייכער געוואָרן, האָט ער זיך מיטן פרעמדן געדאַנק איבערגעבעטן. ער האָט געפּירט מיט זיך אַ ווערט מיט חשבונות און באַשלאָסן: „גערעכט, כ'טויג טאַקע נישט!" נאָך דעם באַשלוס האָט דער סוד זיך נאָך טיפער איינגעבירגערט אין ר' יונה'ס מוח און איז געוואָרן זיין נאָענטער חבר, זיין שטענדיקער באַגלייטער.

אַ סך באַווייזן האָט ר' יונה פאַר זיך געהאַט, אַז ער טויג נישט. חוץ דער פּרנסה, וואָס קיין סימן איז שוין פון איר נישט געווען, האָבן

נאָך גרעסערע ווייטיקן אים גענאָגט ביים האַרץ: דוכט זיך, אַז עס זייַנען בלויז קליינינקייטן, אָבער ר׳ יונה׳ן האָבן די קליינינקייטן געשטאָכן ווי מיט אָנגעגליטע שפּיזלען: אין אַמשענאַוווער שטיבל וואַרט מען נישט אויף אים שבת מיטן דאַוונען. יידן טראָגן אים נישט אַנטקעגן דעם ברייטן „גוט שבת" ווי אַמאָל. דער רבי האָט אים אויף יום־טוב נישט צוגעשיקט קיין ספּעציעל בריוול ווי אַלע יאָר. ששי פאַרקויפט מען אים שוין נישט ווען ער וויל קויפן נאָר ווען קיין אַנדערע בעלנים זייַנען נישטאָ.

אָבער גרעסער פון אַלע ווייטיקן איז געווען דער געדאַנק אַז אויך לייבקע דער משרת, לייבקע פון גאָרן־שטיבל, האָט אָפן געחוזקט פון אים. לייבקעס ווערטער: „אויס לייבקעע!" זייַן נאָכשפּעטן ר׳ יונה׳ן, און נאָכמער, זייַן אויסגעשריי: „נישטאָ שוין מער קיין ר׳ יונה!" זייַנען כסדר געשטאַנען פאַר ר׳ יונה׳ס אויגן, האָבן אָן אַן אויפהער געקלונגען אין זייַנע אויערן און אים נישט געלאָזט רוען.

לייבקעס ווערטער האָבן געמאַטערט, געפּרעגט, געמאָנט. און געטראַכט האָט ר׳ יונה: הייסט עס, טאַקע נישטאָ מער קיין ר׳ יונה. נישט נאָר טויג ער נישט, דער ר׳ יונה, נאָר ער איז שוין אינגאַנצן נישטאָ. עס גייט נאָך אַרום אויף דער וועלט אַ שאָטן פון אַמאָליקן ר׳ יונה, באמת איז ער שוין געשטאָרבן, לאַנג געשטאָרבן. איז באַלד שוין יאָ געשטאָרבן, צו וואָס זיך נאָך מאַטערן? צו וואָס נאָך אויסשטיין אַזוינע בושות און חרפות? צו וואָס נאָך ליידן?

און אַזוי טראַכטנדיק האָט ר׳ יונה געוואָרפן אַ בליק אויף זייַן ברייט צעקעמטער באָרד, אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף זיך און זיך באַלד איבערגעצייגט, געוואָרן זיכער אַז גאָרנישט: „טאַקע טויט. די באָרד איז טויט און איר באַלעבאָס איז אויך טויט."

מיט שטילע טריט האָט ר׳ יונה אַרומגעשפּרייזט איבערן הויז. ער האָט אַ קוק געטאָן און ער האָט ווידער דערזען ווי עס שטייט דער גרויסער שפּיגל, וואָס גרייכט פון דיל ביזן סופיט, דער שפּיגל אין דער ברייטער, שוואַרצער ראַם. ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט: „סטייטש, ווי קומט עס, וואָס דער שפּיגל איז נישט באהאנגען מיט קיין ווייסן ליילעך? אַ מת איז דאָ אין הויז און דער שפּיגל איז נישט פאַרדעקט!"

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צום שפּיגל, זיך איינגעקוקט און דערזען פאַר זיך: עס שטייט אַ געל־וואַקסן פּנים מיט צוויי פאַרלאָשענע אויגן.

ער האָט געקוקט אויף זיין ליימיקן פּנים: יאָ, דאָס איז ר' יונהס פּנים. הייסט עס אַז טויט איז ער טאַקע. נאָך דאָס וואָס ער זעט פאַר זיך איז אַ גרויסע פאָטאָגראַפיע פון געוועזענעם ר' יונה, אַ פאָטאָגראַפיע איינגעראָמט אין אַ שוואַרצער ראַם. און ר' יונה האָט אַרויסגעשעפּטשעט אַ נייעם סוד צו זיך אין אויער אַריין: „געווען אַמאָל אַ ר' יונה, אַ דאָזער פון שטאָט, אַ פאַדריאַטשיק, אַ ייד פאַר וועמען אַ וועלט האָט געציטערט, געווען און נישטאָ!"

מיט דעם געדאַנק איז ר' יונה געשטאַנען ביים גרויסן שפּיגל אין זיין סאַלע, דער געדאַנק האָט ווי אַ שטיק בליי אים אַראָפּגעשווערט צו דער ערד.

ס'האָט ווער אַ שאַרך געטאָן ביי דער טיר. אַ שפּאַרע האָט זיך געעפנט. אַ פאַראומערטע קאָפּ האָט זיך אַריינגעריסן, פאַרוויינטע אויגן האָבן ר' יונה'ן אָנגעזאָגט, אַז אַ נייער אומגליק איז געשען.

„וואָס?" האָט ר' יונה געפרעגט אָן ווערטער. און גיטל זיין ווייב, האָט מיט טרערן, מיט אַ מבול טרערן דערציילט, אַז אָט, מען איז געקומען פון קאַמעראַוועו מיט דער טרויעריקער בשורה, אַז —

ר' יונה האָט שוין נישט געוואַרט, אַז זיין ווייב זאָל ענדיקן. ער האָט פאַר איר געענדיקט מיט אַ פרעמדער, מאָדנער שטימע. „אַז יצחק, מיין ברודער..."

און מיט אַ קוואַל פון טרערן האָט גיטל צוגעגעבן: „„אין מיטן דאַווענען אין שול. ווי אַ ליכט איז ער אויסגעגאַנגען!"

האָט ר' יונה עפּעס אַ שלונג געטאָן אַ פּאָר פאַרגליווערטע גאַלקעלעך, וואָס האָבן אים שיער דעם גאַרגל צעריסן און געזאָגט: „נו!"
— באַלד האָט אַ פאַרוואונדערונג אים באַנומען: „ווי קומט עס וואָס מ'קומט אָנזאָגן אַ טויטן וועגן אַזוינע, וואָס זיינען אָט ערשט געשטאָרבן? אויפן קול האָט ער געזאָגט: „ברוך דיין האמת", און באַלד האָט ער געהייסן מען זאָל אים זיין פוטער דערלאַנגען און די הויכע פוטערנע היטל. ער האָט זיך איינגעוויקלט אין פוטער, כאָטש ס'איז שוין געווען

פרילינג אויף דער וועלט, ער האָט גענומען דעם גאַרטל, אַ שטעקן אין האַנט און איז אַוועק קיין קאַמעראַווע, צום ברודערס לויה.

ווען ר׳ יונה איז געשטאַנען לעבן זיין ברודער יצחקס קבר, ווען ער האָט געזען ווי מען גלייכט אויס די זאַמד, ווי מען מאַכט אַ שפּיציק בערגל פון געלד איבער זיין ברודער און דאָס שטיקל פּלאַץ וואו די זאַמד לעבן קבר איז געלעגן ווערט אָפּגערייניקט, האָט ער אַ קוק געטאָן אַרום זיך און באַמערקט, אַז עס איז בלויז געבליבן איין שטיקל קרקע אין דער ריי וואו זיין ברודער איז צו קבורה געקומען. זיינע אויגן זיינען געבליבן צוגעקלעפּט צום שטיקל קרקע. ער האָט עס געמאָסטן, עס פאַרגליכן צו זיין אייגענער לענג און ברייט און באַשלאָסן, אַז ס׳פּאַסט זיך ריכטיק פאַר אים. „און פאַרוואָס זאָל טאַקע עפּעס אַ ווילד פרעמדער האָבן די זכיה צו ליגן לעבן זיין ברודער יצחק? פאַרוואָס זאָל ער, יונה, נישט זיין אין שכנות מיט זיין ברודער?״

דער געדאַנק, אַז ער וועט ליגן לעבן ברודער האָט אים אָנגעפילט מיט פרייד. ער האָט שטיל אַ שעפּטשע געטאָן צו זיך אַליין: „אַ טייערער איינפאַל, אַ גוט שטיקל פּלאַץ. מ׳דאַרף עס טאַקע באַלד אָפּקויפן.״ אין דער באָרד אַריין האָט ער אַריינגערעדט: „ר׳ יונה, ווי צוגעפּאַסט פאַר דיר!״ און די ברייט־צעקעמטע באָרד האָט מיט אַ שאָקל געענטפערט: „איינשטימיק, צוגעפּאַסט פאַר אונדז״.

צוריק פון בית־עולם איז ר׳ יונה געגאַנגען דער לעצטער. לעבן אים האָט שפּאַצירט דער קליינער קעלעוויטשל, דער דעה־זאָגער פון דער חברה־קדישה אין שטאָט. אַ ייד איז קעלעוויטשל געווען מיט אויגעלעך פלינקע און שאַרפע ווי די שפּיצן פון נאָדלען, און אויף זיין פּנים האָט שטענדיק געשוועבט אַ שמייכעלע וואָס האָט אויסגעזען צו זאָגן: „מיר ווייסן וואָס איר טראַכט, מיר פאַרשטייען זיך אויף אייערע געדאַנקען״. ביים וואָרט „מיר״ האָט דער שמייכל געמיינט ר׳ קעלעוויטשן מיט זיינע שפּיציקע אויגן.

געגאַנגען איז ר׳ יונה מיטן פעלד, וואָס האָט געפירט פון נייעם בית־עולם. ר׳ טעוול קעלעוויטש און ר׳ יונה האָבן זיך אַלע מאָל איינגעבויגן, אויסגעריסן אַ בערגל גראָז, עס געוואָרפן אויף הינטער זיך און געשוויגן. ווען דער צעבראָכענער פּלויט פון אַלטן בית־עולם האָט

זיך באַוויזן, ווען ר׳ יונה האָט דערזען די איינגעפאַלענע מצבות, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט מיט אומעטיקן, סודותדיקן שטילשווייגן פון צווישן די שטאַכעטן פון פּלויט האָט ער צום לעצטן מאָל אַ ריס געטאָן אַ בערגעלע גראָזן און אַ מורמל געטאָן גלאַט אין דער וועלט אַריין: „הם!”

ר׳ טעוולס אויגעלעך האָבן שנעל אָנגעהויבן צו לויפן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף ר׳ יונה׳ס פּנים, וואָס איז געל געווען ווי אַן אַלטע שטיק פּאַרמעט און ער האָט באַלד די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד.

ר׳ יונה האָט אַ מינוט געשוויגן. באַלד האָט ער מיט אַן אומעטיקן קול אַרויסגעשטאַמלט.

„נו, ר׳ טעוול, ווי זאָגט איר? אַ מענטש איז געגליכן צו אַ שישקע”.

ר׳ טעוול האָט איבערגעדרייט זיין גראָבן סענקעוואַטן שטעקן פון איין האַנט אין דער אַנדערער און געטאָן אַ מאָדנעם זיפץ. און ר׳ יונה האָט ווייטער געצויגן זיין געדאַנק:

„ווי זאָגט דאָרט דער פּסוק, ר׳ טעוול? „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר”, אָט איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געהייסן יצחק, און אָט איז ער נישטאָ, אַ נאַרישע וועלט ר׳ טעוול, אַ נאַרישע וועלט”.

„יאָ, נו, זעט טאַקע אויס נאַריש, אָבער, ר׳ יונה, נישט אַזוי נאַריש ווי מיר קליינע מענטשעלעך גלויבן. פּאַרט דאָ אַ סדר... ווי זאָגט מען עס: „דור הולך ודור בא”, אַזוי מוז עס גיין. און טאַקע יאָ, ר׳ יונה, ווען אַלע וואָלטן געבליבן לעבן, איז וואו וואָלט געווען פּלאַץ אויף גאָטס ערד פאַר אַזוי פיל מענטשן? אַזוי ר׳ יונה איז דער סדר פון דער וועלט!”

ר׳ יונה האָט זיך צוגעהערט צו ר׳ טעוולס ווערטער און ער האָט דערביי געהאַט דאָס געפיל, אַז דער קליינער קעלעוויטשל מיינט טאַקע אויף זיכער, אַז ער וועט נאָך לאַנג, גאָר לאַנג לעבן און וועט נאָך דער־לעבן צו באַגראָבן אַלע באַלעבאַטים פון שטאָט.

געטראַכט האָט ר׳ יונה: „אוי ווי איך האָב ליב אָנצוקומען צו אים. כ׳וואָלט שוין בעסער געוואָלט האַנדלען מיטן מלאך המות. נאָר געזאָגט האָט ער הויך אויפן קול: „איר זייט טאַקע גערעכט, ר׳ טעוול, ווי זאָגט איר, עס שטייט דאָך אַזוי געשריבן דאָרט”.

ר׳ יונה׳ן האָט פאַרפעלט אַ פּאַסיקער פסוק האָט ער פאַרענדיקט מיט זיינע פריערדיקע ווערטער: „סיי ווי סיי איז די וועלט אַ נאַרישע, נישט זינדיקן זאָל איך מיט די רייד״.

בײדע האָבן ווידער געשוויגן. עס איז שווער געווען ר׳ יונה׳ן זיך צו ווענדן דירעקט מיט זיין קשה צו ר׳ טעוולען. ער האָט גלאָט אַזוי אַ קרעכץ געטאָן: „הם, הם! איי, ר׳ טעוול!״...

און ר׳ טעוול, ווי ער וואָלט שוין אַלץ פאַרשטאַנען, האָט געענטפערט: „וואָס זאָל מען טאָן ר׳ יונה?״

און אַז דאָס שאַרכן פון די בוימער פון אַלטן בית־עולם האָט זיך געהערט קלאָר און דייטלעך, האָט ר׳ יונה זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַרויסגעזאָגט:

„ס׳לעצטע שטיקל קרקע, ס׳לעצטע שטיקל אין דער רייע, ר׳ טעוול, נישט קיין שלעכטער שכל ר׳ טעוול.״

„הם, ווי זאָגט איר, נישט קיין שלעכטער שכל״.

„אַ מענטש, ר׳ טעוול, דאַרף שטענדיק זיין גרייט אין וועג אַריין״.

„כחומר ביד היוצר זיינען מיר, ר׳ יונה״.

ר׳ יונה׳ן איז אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן. אָט ווייסט שוין דער כיטרער ר׳ טעוול צו וואָס ער, ר׳ יונה שפּאַצירט מיט אים. ערשט קען ער שוין רעדן אָפן. ר׳ יונה האָט ווייטער געצויגן זיין געשפּרעך שוין מיט דרייסטקייט:

„דערפאַר, טאַקע, ר׳ טעוול, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, מ׳איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש. ווער ווייס וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען...״

„מ׳קען גאָר נישט וויסן, ר׳ יונה״.

„איז, וועט איר זען, ר׳ טעוול, עס איבערשרייבן אויף מיין נאָמען״.

„וואָס מיינט איר, ר׳ יונה?״

„נו, יאָ, נו, כ׳מיין דאָס שטיקל קרקע לעבן מיין ברודער יצחקן מיין איך. טאַקע פאַר מיר אַליין...״

„הם, איבערשרייבן?״

„יאָ, נו, עס ווילט זיך נישט ליגן אַליין. לעבן אַ ברודער איז היימלעכער״.

„אוודאי היימלעכער. נאָר, כ׳מיין, ס׳הייסט איבערשרייבן? און וועגן... כ׳מיין?"

„מיר׳ן דורכקומען, ר׳ טעוול. איר ווייסט דאָך, פּרנסה, נישט פאַר איך געדאַכט, נישט נאָר געשלאָגן, נאָר, גאָרנישט, אַן עק!".

„איז וועט איר אַריינקומען נאָך שבעה, וועלן מיר זען".

„אָבער ר׳ טעוול, קיינער קען עס פון מיר נישט צונעמען, לעבן ברודער, איר פאַרשטייט?"

„נו דאָס וועל איך שוין זען, אַבי געזונט".

און אַזוי האָט ר׳ יונה באַלד ביים פרישן קבר פון זיין ברודער זיך איינגעהאנדלט אַ היים, אַ שטענדיקע היים, וואו אוועקצולייגן זיינע געשטאָרבענע ביינער, וואָס האָבן זיך נאָך דערווייל אַרומגעדרייט אויף דער ערד בלויז אויף „פריקאַט", ביינער וואָס האָבן אומגעדולדיק גע־וואָרט אויף דער נייער היים.

באַלד ווי ר׳ יונה איז אָפּגעזעסן שבעה נאָך זיין ברודער האָט ער פאַררופן צו זיך אין הויז אַריין דעם לאַנגען מאירן פון גלאָז געשעפט, וואָס האָט געהאַלטן אין בויען אַ הויז, און האָט זיך מיט אים לאַנג געסודעט אין אַ באַזונדערן צימער. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן אַראָפּצוזייסן דעם נייעם שפּייכלער, וואָס איז געשטאַנען אין סאָד און פאַרן געלט, וואָס ר׳ יונה האָט אָפּגענומען פאַרן שפּייכלער, האָט ער אָפּגעקויפט דאָס שטיקל קרקע לעבן זיין ברודערס קבר. נאָכדעם ווי ר׳ יונה האָט איינגעצאָלט פאַרן שטיקל קרקע האָט ער מיט זיך אַליין אַ פּיר געטאָן אַ חשבון הנפש: „אַ שטיקל קרקע האָב איך שוין, געשטאָרבן בין איך שוין אויך, איז פעלט נאָך איין זאַך: מ׳דאַרף מיר מקבר זיין, איז מסתמא וועט עס באַלד געשען".

ער איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער איבער דער הויז ווי ער וואָלט מורא געהאַט זיך אַליין אויפצואוועקן פון זיינע שוידערלעכע געדאַנקען. ער האָט פּרובירט אָנטאָן די שטיוול אויף זיינע פיס. די אָפּצאָסן האָבן אָנגעמאַכט צופיל טומל אין הויז. האָט ער אויסגעטאָן די שטיוול און זיך אַרומגעדרייט אין די לאַטשן, אין די ווייכע שטעק־שיך וואָס ער האָט געטראָגן אין די טעג, וואָס ער איז געזעסן שבעה. אים האָט זיך אָנגעהויבן צו דאַכטן, אַז נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיק

געוואָרן מיטן ברודערס שבעה זיצט ער ערשט שבעה נאָך זיך אַליין; ער האָט שוין אַפּילו בדעה געהאַט זיך אַוועקצוזעצן אויפן פיר־פוסיקן נידעריקן בענקעלע און זיצן אַזוי ווי ער איז געזעסן נאָכן ברודער, נאָר עס האָבן אים זיין ווייבס, גיטלס אויגן, ווי מיט אַנגעגליטע שפּיזן דורכגענומען. ער האָט פאַרשטאַנען איר בליק; ער האָט געזען ווי עס בעטן זיך אירע וויינענדיקע אויגן: „יונה, געגנוג אומעט איז דאָ אין הויז. האָב רחמנות, גיס נישט קיין אויל אויפן פייער", און ער האָט רחמנות געהאַט. ער האָט זיך געזעצט אויף דער קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו דער קאַמעראַוווער גאַס, צו דער גאַס, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אים, צו ר׳ יונה׳ן.

דער הוסט, וואָס האָט שוין אַ צייט געמאַטערט ר׳ יונה׳ן, האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרשטאַרקט. מיט אַ רויטער פאַטשיילע אין האַנט איז ר׳ יונה אַרומגעגאַנגען און געזאַמלט שטיקער פון זיינע לונגען. ער האָט אָפט געקוקט אין דער פאַטשיילע און מיט אַ געפאַלדעוועטן שטערן באַוואונדערט די רויטע פינטעלעך, וואָס זיינען געזעסן ווי דימענטן אַריינגעפּאַסט אין אַ גרויען הינטערגרונט. „אַ מאָדנע זאַך", — האָט ער געטראַכט — „ווי איך דאַרף עס אויסשפּייען מיין לעבן פּיצ־לעכווייז. ווער וויס ווי לאַנג איך קען אַזוי שפּייען!" אים האָט פאַר־דראָסן פאַר וואָס ער קען מיטאַמאָל נישט טאָן אַ שפּיי אַרויס דאָס גאַנצע ביסל לעבן וואָס איז נאָך אין אים געוועזן און פּטור אַן עסק. און אַז ר׳ יונה האָט דערזען אַז די רויטע פאַטשיילע ווערט צו שנעל אָנגעפילט, אַז אויך דאָס שפּיי־קעסטעלע לעבן דער קאַנאַפּע דאַרף מען אייניקע מאָל אין טאָג אויסליידיקן; אַז ער האָט דערפילט ווי די פיס אונטער זיין אויסגעצערטן קערפּער הייבן זיך אָן וויגן און ווילן אים שוין באַלד נישט פאָלגן האָט ער געהייסן און באַפוילן מ׳זאָל צוזאַמענרופן די קינדער פון דער ערשטער ווייב און מ׳זאָל הייסן קומען דעם נאָטאַריוס פון שטאָט.

ר׳ יונה האָט זיך אָנגעטאָן אין זיין געהאַקטער אַטלעסענער קאַפּאָטע, צעקעמט די אָפּגעבלאַקעוועטע באָרד, אַרויפגעשלעפּט די שטיוול אויף זיך און אָנגעהויבן צו געבן קאָמאַנדעס ווי אַמאָל אין די גוטע צייטן.

ער האָט געהייסן באַדעקן דעם גרויסן טיש אין עס־צימער מיטן

פסחדיקן טישטוך. ער האָט אױפֿגעשטעלט די זילבערנע און מעשענע לײַכטער, אָנגעצונדן ליכט און אַלע קינדער זיך געהײסן זעצן אַרום טיש.

דערשראָקענע זײַנען די צװײ טעכטער און דער אײנציקער אײדים, װאָס איז געװען אין שטאָט, געזעסן אַרום טיש און זיך געװוּנדערט װאָס מיטן טאַטן קומט פֿאָר. אָבער אַז דער נאָטאַריוס איז אַרײַנגעקומען האָבן זײ שױן פֿאַרשטאַנען דעם טאַטנס אױפֿטו. מיט געװײן אין די אױגן האָבן די טעכטער געבעטן דעם טאַטן ער זאָל זיך נישט נאַריש מאַכן, אַז ער איז נאָך אַזױ יונג און װעט נאָך לעבן און לעבן מיט גאָטס הילף. ר׳ יונה האָט זיך צו זײערע רײד נישט צוגעהערט. מיט אַ קלוגן שמײכל אױף די געשטאָרבענע ליפּן האָט ער זיך געװענדט צום נאָטאַריוס און געמײנט האָט ער די קינדער: „כ׳האָב זײ אַלע צונױפֿגערופֿן װײַל כ׳װיל ס׳זאָל דערנאָך קײן בײז בלוט נישט זײַן, אדרבא, זאָלן זײ זײַן דערבײַ, און זען, אַז איך בין בײַם פֿולן זינען װען איך שרײַב די צװאה״. ער האָט געטאָן אַ פּאָר שטאַרקע הוסטן, אַזױ אַז זײַן פּנים האָט זיך באַדעקט מיט פֿלאַם־פּײַערדיקע קאָלירן, באַלד האָט ער זיך אױסגעגלײַכט און געזאָגט צום נאָטאַריוס: „שרײַבט״!

מיט אַ מאָדנער יום־טובדיק־אומעטיקער, מיט אַ תּהילים שטימע האָט ער אַזױ דיקטירט: „די קינדער פֿון דער ערשטער װײַב, װאָס װױנען אין פּױלן, די צװײ טעכטער און דעם זון, צו דרײַ הונדערט מאַרק אין מזומנים.

„די קינדער פֿון דער ערשטער װײַב, בײדע זין, װאָס, כאָטש זײ זײַנען אַנטלאָפֿן קעגן מײַן װילן קײן אַמעריקע, אָבער ליב זײַנען זײ מיר געבליבן עד היום, צו צװײ הונדערט מאַרק.

„די קינדער פֿון מײַן צװײטער װײַב, די מיט װעלכער איך לעב ערשט, און זי, די װײַב גיטל אַלײן, קריגן אַלע גלײַכע חלקים פֿון אַלץ װאָס װעט בלײַבן נאָך מײַן טױט. אַלע הױז זאַכן, הײזער, מזומנים אא״װ איז זײערס, קײנער האָט קײן רעכט נישט אױף דעם חוץ זײ.״

מיט אײנגעהאַלטענע אָטעמס זײַנען אַלע געזעסן אַרום טיש. דאָס סקריפּען פֿון דער פֿעדער האָט באַגלײט ר׳ יונהס אומעטיקע שטימע. טראָפּנס חלב האָבן אַראָפּגעקאַפּעט פֿון די ליכט און האָבן אױסגעזען װי זײ װאָלטן באַקלאָגט ר׳ יונה׳ס טעג.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ר׳ יונה גענומען די פּעדער און האָט לאַנג געדרייט אין דערלופטן, איבערן פּאַפּיר און גאָרנישט געשריבן, און אָט האָט די פּעדער דערגרייכט דאָס פּאַפּיר און ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ געקינצלטער, אַן איינגעפּלאָכטענער נאָמען, וואָס איז געווען אונטערגעצויגן מיט אַ געדרייט ווידעלע: „יונה טוכמאַן״. ווי אַמאָל אויף גרויסע רעגירונג־וועקסלען, אויף זייער וויכטיקע דאָקומענטן, אַזוי האָט דער נאָמען מיט רוסישע אותיות אויסגעזען.

גלייך ווי דער נאָטאַריוס איז אַרויסגעגאַנגען האָט ר׳ יונה זיך געווענדט צו זיינע קינדער: „ערשט קינדער מיינע, קענט איר גיין. כ׳האָב שוין מיינס אָפּגעטאָן!״ ער האָט די פּאָר ווערטער באַגלייט מיט אַ פּאָר שטאַרקע הוסטן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט; ער האָט דערפילט אַ שוידערלעכע מידקייט אין די ביינער, עס האָט אים אַ מיש געטאָן פאַר די אויגן. מיט אַ שוואַכער שטימע, מיט קינדערישער אומבאַהאָלפנקייט האָט ער געבעטן: „בעט מיר אויס אָט דאָ ביים פענצטער. איך וויל ליגן און אַרויסקוקן צו דער קאַמעראַוועך גאַס.״

ר׳ יונה האָט זיך אָנגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע וואָס איז געווען באַצויגן מיט סאַראַטע, האָט געהייסן צומאַכן די טיר, האָט פאַרצויגן אויף זיך די איבערבעט און פאַרמאַכט די אויגן.

אין קאָפּ האָבן גאַלאָפּירט געדאַנקען. יאָרן זיינען געלאָפן איינער נאָכן אַנדערן. בילדער זיינען געפלויגן; ווערטער און קלאַנגען פון אַמאָל האָבן אָפּגעעכאָט אין די אויערן, אַלץ איז געוואָרן פאַרמישט, נאָר איין רעפראַן איז כסדר געשוואומען פאַר די אויגן ווי אַ פאַן צעווייעט אין ווינט: „געווען אַ מענטש וואָס האָט געהייסן ר׳ יונה און נישטאָ.״ אַזוי האָט דער רעפראַן מאָנאָטאָן געשעפּטשעט, אַזוי האָט ער זיך געלייענט, אַזוי האָט אים ר׳ יונה געזען.

ניין, ר׳ יונה האָט נישט געוואָלט הערן דעם רעפראַן. ער האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן און באַטראַכטן כאָטש איין אַמאָליקן טאָג, נאָר ווי אויף צו להכעיס זיינען די בילדער געלאָפן מיט קינאָמאָטאָגראַפישער שנעלקייט: „די ערשטע ווייב, סאַראַ ליבע, סאַראַ טייערע נשמה — פּאָדריאַטן, וואַרשע, אַסטראַלענקע, הייזער, נאָך הייזער... די ירושה... רייסערייַ מיט ברידער. ס׳ערשטע ווייב געשטאָרבן. אַ צווייטע; קינ־

דער... אַ זיידע און ווידער אַ טאַטע... ר׳ יונה, אַ טובה, איין זון, ראַ־טעוועט, ער דאַרף שטיין צום פּריזיוו... די דייטשן קומען.. אויס געשעפטן. אויס ר׳ יונה, אויס לייבקעטע!״

ר׳ יונה האָט געדרייט מיטן קאָפּ אַהין און צוריק ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַפרייען פון לעצטן געדאַנק. לייבקע דעם משרת׳ ווערטער האָבן שטיקער לייב געריסן פון אים. וואָס מער ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ און פאַרקוועטשט די אויגן אַלץ העכער האָבן די ווערטער געקלונגען אין זיינע אויערן; איבער די ווערטער האָט הילכיק זיך געהערט דער רעפּראַן: „געווען אַ מענטש, וואָס האָט געהייסן ר׳ יונה און נישטאָ!״

---

לויטערע פרילינג טעג, ווי אויסגעשלאָפענע קינדערשע אויגן, האָבן געגאָסן ימען ליכט אויף דער וועלט. נאָר ביי ר׳ יונה׳ן אין סאַלע איז געהאנגען אַ געדיכטע, אַ פּעכיקע פינצטערניש. עס איז געווען שבת פאַרנאַכט... פון אַמשענאָוער שטיבל זיינען געקומען ר׳ יונה׳ס אַלטע באַקאַנטע אים מבקר חולה זיין. עס זיינען געזעסן יידן מיט ברייט צעקעמטע בערד, מיט שווערע געמיטער און גערעדט וועגן דעם, אַז ס׳איז שוין געווים משיחס צייטן. ר׳ יונה איז געלעגן און געקוקט אויף זיי מיט זיינע אויסגעלאָשענע, קלוגע אויגן און געשוויגן. אַ פּאַר־גליווערטער שמייכל איז געלעגן אויף זיין וואַקסענעם פּנים. ער האָט מיט אַמאָל דערפילט עפּעס אַ מאָדנע, נייע מידקייט אין די ביינער. ער האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן; האָט געמאַכט אַ פאַרזוך זיך איבער־צודרייען מיטן פּנים צו דער וואַנט.

ר׳ יעקב, דער גבאי פון שטיבל, האָט זיך איבערגעבויגן איבער ר׳ יונה׳ס בעט און אים שטיל געפרעגט: „איר ווילט עפּעס, ר׳ יונה?״ ר׳ יונה האָט געעפנט די מויל; ער האָט געשעפּטשעט שטיל: „כ׳האָב געוואַרט, געוואַרט, און דער טאָג איז געקומען!״... ער האָט זיך מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן פון בעט, אַראָפּגערוקט די איבערבעט, אַרויס־געשטעלט אַ געלן, אַ ליימענעם פוס; אַרויסגערוקט פאַראויס די טויטע באָרד פון קאַנאַפּליעס, זי אַנגעשטעלט אַזוי שאַרף ווי ער וואָלט גרייט געווען צו זאָגן: „נו, יידן. לאָמיר זיך שטעלן דאַווענען״, באַלד איז ער

צוריקגעפאַלן צו דער קישן. ער איז געבליבן ליגן אַן אָנגעשטייפטער, אַ בליי־שווערע. די באָרד איז געבליבן שטיין אַן אָנגעשפּיצטע, אַ פאַרריסענע.

שאָטנס זיינען אומעטיק געקראָכן אויף די ווענט. אונטער ר׳ יונה׳ס נאָז איז געלעגן אַ פעדער, וואָס האָט זיך פון אָרט נישט געוואָלט רירן. מיט געבויגענע קעפּ זיינען די חברים פון אַמשענאָווער שטיבל געשטאַנען לעבן ר׳ יונה׳ס שטייפן קערפּער, איבערן הויז האָבן זיך געטראָגן דריי ווערטער: „ברוך דיין האמת!״ און דורך די פענצטער האָט זיך אַריינגעריסן פון די פעלדער אַ פאַרשטיקטער געיאָמער פון אַ פאַרבלאָנדזשעט פרילינגדיקווינטל.

# אַליין

נאָכדעם ווי וועלוול ראַבינאָוויטש האָט געקראָגן זיין דיפּלאָמע האָט ער הויך אויפן קול איבערגעלייענט זיין נייעם נאָמען: „וויליאַם ראָבערטסאָן" און אַ צעפרידענער שמייכל האָט זיך אָנגעהויבן צו צעגיסן פון די ליפּן ביז איבער דער ברייט און לענג פון זיין קיילעכדיקן, חן־גריבלדיקן פּנים. „וויליאַם ראָבערטסאָן", האָט זיין שטימע אים געגלעט מיט נייע, צערטלענדיקע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך ערגעץ וואו אָנגעקערט, געווען שטיקלעך משפּחה מיט די קלאַנגען „וועלוול ראַבינאָוויטש", אָבער בלויז אַן עקספּערט אין פאָנעטיקס האָט זיך געקענט דערגרונטעווען, בלויז אַ באַהאוונטער אין עטימאָלאָגיע האָט געקענט דערגיין צו אָט דעם אַבסורדן אורשפּרונג פון זיין ערשטיקן נאָמען.

וועלוול איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל. ער האָט געהאַלטן די פּאַרמעט־ווייסע דיפּלאָמע מיטן גאָלד־געציינדלטן זיגל. ער האָט געקוקט אויף זיין נייעם נאָמען, וואָס איז געווען אויסגעקינצלט אין גאָטישע אותיות און ער האָט איבערגעחזרט די קלאַנגען: „וויליאַם ראָבערטסאָן." ער האָט ערשט פאַרגליכן זיין נייעם נאָמען, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן צו קלינגען נאָענט און היימיש אין זיינע אויערן, מיט זיין פּנים, וואָס האָט אים אויסגעזען ווייט און פרעמדלעך.

„דו, דו, וועלוועלע, מיט אַזוינע אויגן, וואָס ווייַנען און אַ פּנים, וואָס פּרובירט שמייכלען; דו, מיט דיינע צעפּאָכעטע, ברייטע נאָזלעכער ווי מיעכן; דו מיט אַ שטערן אויף וועלכן ס'ליגט אויסגעגאָסן דער צער פון אַ שטיק יידישן גלות, דו וועסט קענען טראָגן אויף דיינע שוואַכע פּלייצעס אַזאַ מין עקזאָטישן נאָמען?" האָט וועלוול זיך געפרעגט מיט אַ יאושדיקער שטימע. ער האָט דערזען ווי זיין פּנים צעקרימט זיך, ווי זיין רעכטער אויג איז מיטאַמאָל קלענער געוואָרן און ווי ער, וויליאַם ראָבערטסאָן, הייבט גאָר אָן אויסצוזען מער און מער ווי זיין זיידע ר' יצחק בראָקער. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרימצאָרן

אויף זיך אַליין: „כ׳האָב געחלומט וועגן דעם נייעם נאָמען; כ׳האָב געקעמפט מיטן טאַטן ער זאָל מיר לאָזן בייטן מיין נאָמען; כ׳האָב מיין קאַמף געוואונען און ערשט וועט, מוז דער נאָמען בלייבן מיינער, פאַר מיר, פאַר מיינע קינדער, פאַר די דורות, וואָס וועלן קומען נאָך מיר!״ האָט וועלוול געשריגן אויף זיין אייגענער שוואַכקייט.

ער האָט געקוקט אויף זיין דיפּלאָמע און זיינע אויגן האָבן זיך אָוועקגעלאָזט מיט אים אויף אַן עקסקורסיע אין זיינע קלאַסן אַריין, אין פאָלק־שול, אין מיטל־שול און אין אוניווערזיטעט. ער האָט זיך דערמאָנט מיט אַ ציטער אויף זיין לייב וויפל חרפּות און בושות ער איז זיך עס אויסגעשטאַנען צוליב זיין נאָמען, וועלוול ראַבינאָוויטש, וויפל שפּיזלדיקע אויגן עס זיינען געפאַלן אויף אים מיט שפּאָט יעדן מאָל ווען מ׳האָט אויסגערופן זיין „שוידערלעכן״ נאָמען. ווי מיט גרייצערס האָט יעדער אות פון זיין נאָמען אים דורכגעלעכערט דאָס האַרץ, די נשמה ווען ער האָט געהערט רופן זיין נאָמען. ער האָט נאָך אין הייר־סקול באַשלאָסן, אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט ווערן אַ דערוואַקסענער און האָבן אַ רעכט צו טאָן מיט זיך וואָס ער וועט וועלן וועט ער קודם כל אָוועקשליידערן דעם נאָמען, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אים ווי אַ שטיק בליי גלייך ביי זיין געבוירן ווערן. נישט איינמאָל האָט ער געוואָגט צו בעטן דעם טאַטן מיט טרערן אין די אויגן: „בייט דעם נאָמען, פּאַפּ, לאָמיר נישט שרייען איבער די גאַסן, אין יעדן קלאַס, אויף יעדן שטיקל פּאַפּיר, וואָס איך שרייב: „אָט בין איך עס וועלוול ראַבי־נאָוויטש, דער פרעמדער, דער ייד!״

יאָ, ער האָט געזוכט בלויז פאַרגאַסן יעדעס מאָל ווען ער האָט געדאַרפט אָוועקשטעלן זיין נאָמען איבער אַן אַפּליקאַציע, איבער אַ קאַרטל, איבער אַ פּשוטער קאָמפּאָזיציע. ער האָט געפילט בעת ער האָט געשריבן עפּעס אַ קאָמפּאָזיציע אָדער אַרבעט פאַר זיינע פּראָפעסאָרן אין אוניווערזיטעט, אַז אַזוי שנעל ווי ער שטעלט נאָר אַוועק זיין נאָמען ראַבינאָוויטש אויבנאָן האָט ער דערמיט אַליין שוין פאַרלוירן וויניקסטנס צען פּראָצענט פון דעם צייכן, וואָס זיין אַרבעט איז ווערט. ער האָט בכלל געקראָגן אַ פּחד פאַרן געדרוקטן וואָרט „נאָמען״, וואָס האָט אים מיט שוידער דערמאָנט, אַז נאָכדעם דאַרף ער אָוועקשטעלן זיין

װאָרט „ראַבינאָװיטש״. זײן טאַטע האָט אים קײנמאָל נישט געװאָלט מיטפּילן בעת ער האָט זיך פּאַר אים פּאַרקלאָגט, אַז דער נאָמען ראַבי־נאָװיטש שטײט אים שטענדיק װי אַ דאָרן אין װעג.

„שעמסט זיך מיט דײן נאָמען!״ האָט דער טאַטע אױסגערופן מיט סאַרקאַזם. „אַנשטאָט זיך צו גרײסן, זײן שטאָלץ דערמיט װאָס דו ביסט אַ ייד װילסטו גאָר באַהאַלטן דײן אידענטיטעט!״ האָט ער געשטורעמט אַ באַלײדיקטער, אַ דערנידעריקטער, װאָס ער, זײן אײן־און־אײנציקער זון װעלװול, װיל גאָר בײטן דעם נאָמען, װאָס דורות גײסטיקע גיבורים אין דער משפּחה האָבן געטראָגן מיט שטאָלץ.

„גײסטיקע גיבורים!״ האָט װעלװול ציניש געשמײכלט יעדעס מאָל װען ער האָט געהערט דעם טאַטן אַרױסזאָגן די װערטער. ער האָט נאָך גוט געדענקט דעם זײדן, ר׳ יצחק בראָקער, אײנעם פון „די גײסטיקע גיבורים״, װאָס זײן טאַטע גרײסט זיך אַזױ שטאַרק מיט זײ. אַ װאָזשנער גיבור איז געװען דער זײדע, אַז יעדעס מאָל װען ער האָט אױפגעגעסן אַ האַלבן בײגל האָט ער געקראָגן אַ שװידערלעכע אומפּאַרדײאונג פון „איבערעסן זיך!״ דאָר איז ער געװען װי אַן אױסגעטרוקנטער פײג און קלײן װי אַ פּיפּערנאָטערל. נײן, װעלװול איז נישט געװען שטאָלץ צו זײן אַן אָפּשטאַם פון יענע „גײסטיקע גיבורים״ און ער האָט זיכער נישט געװאָלט טראָגן זײער נאָמען. ער האָט נישט געװאוסט װי אַזױ דעם טאַטן צו באַװײזן, װי אַזױ אים איבערצוצײגן, אַז גערעכט איז ער, װעלװול, און נישט דער טאַטע, דערפאַר טאַקע האָט ער זיך אָפּגעמאַר־דעװעט מיט דעם נאָמען אַזױ פיל יאָרן און ער האָט אַלץ געװאַרט אױף דעם־אָ מאָמענט װען ער װעט קענען טאָן אַ שלײדער אַװעק דעם נאָמען מיט אַלע זײנע ביטערע, עגבײערנדיקע קלאַנגען, װאָס האָבן אים כמעט אַ לעבן לאַנג פאַרפאָלגט מיט שנײדנדיקע, מיט סם־המותדיקע, מיט גיפטיקע שפּיזן.

װעלװול האָט װידער אַ קוק געטאָן אױף זיך אין שפּיגל און ער האָט נאָכאַמאָל פאַרגלײכט זײן „אַלטן״ פּנים מיט זײן נײעם נאָמען און ער איז ערשט געװאָרן צופרידענער מיט זיך אַלײן. „נישטאָ קײן גװאַל־דיקע דיסטאַנץ צװישן מײן נאָז און מײן נאָמען״, האָט ער זיך שמחהדיק אָנגעזאָגט. ער האָט זיך ערשט געכאַפּט, אַז ער האָט זײן לוסין פּאַר־

שפּראָכן זיך צו טרעפן מיט איר נאָכמיטאָג. ער מוז מיטנעמען זײַן דיפּלאָמע מיט זיך. ער מוז איר װײַזן, זאָל זי זען, אַז זי האָט שױן מער נישט צו טאָן מיט קײן סתם װעלװול, װיליאַם אָדער אַפילו ביל ראַבי־נאָװיטש, נאָר זי זעט ערשט פֿאַר זיך אַ מאַסטער װיליאַם ראָבערטסאָן, אַן אמתן אַמעריקאַנער, אַ יענקי שיער נישט אַזױ יענקעדיק װי איר טאַטע דער אײַרישמאַן און איר זײדע דזשאָן. ער איז אױך אַ מין דזשאָן, אַ יונגער דזשאָן, אַזאַ דזשאָן װי אַלע דזשאָנס אין אַמעריקע זײַנען. מיט זײַן נײַעם נאָמען, מיט דער דיפּלאָמע זײַנער װעט ער ערשט װעלטן אײַננעמען און זײַן לוסי װעט זיך שױן מער נישט קװענקלען, װעט שױן מער נישט צװײפֿלען צי זי זאָל מיט אים חתונה האָבן.

אױף װעלװולס פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ טריאומפֿירנדיקער שמײכל. ער האָט זיך לוסטיק און הילכיק צעפּײַפֿט, װי זײַן שטײַגער איז געװען אין געהױבענע מאָמענטן. ער האָט אַ פּאָר מאָל פֿאַר זײַן אײגענעם פֿאַרגעניגן איבערגעחזרט זײַן נײַעם נאָמען „װיליאַם ראָבערטסאָן", ער האָט אים פֿאַרקורצט אױף „װיל" באַלד אױף „ביל ראָבערטסאָן" און ער איז זיך אַלײן מקנא געװען, װאָס ער איז געקרױנט געװאָרן מיט אַזאַ װאַזשנעם נאָמען, װאָס װעט אָן ספק אױפֿעפֿענען אַלע טירן פֿאַר אים.

פֿאַרן אַרױסגײן פֿון הױז האָט ער אָבער נישט פֿאַרגעסן צו מאַכן אױך אַ שטיקל קאָנצעסיע צו זײַן טאַטן און מאַמען. ער האָט דעריבער הױך אױפֿן קול צוגעזאָגט אי זיך אי דעם טאַטנס הױז: „װאָס, װאָס, אָבער אין קײן קירכע װעל איך קײנמאָל נישט אײַנשטימען מיט איר חתונה צו האָבן." מיט דעם־אַ צוזאָג האָט װעלװול ערשט באַשײַנפּער־לעך געפֿילט, אַז ער איז געװען, איז און װעט בלײַבן דעם טאַטנס אַ געטרײַער זון און דער מאַמעס איבערגעגעבן קינד, װאָס איז גרײט צו ברענגען גרױסע קרבנות צוליב זײער ייִדישקײט.

2

די װײַס־געפֿאַרבטע הױז מיט די קלײנע, בלױע לאָדנס, װאָס מ'האָט קײנמאָל נישט גענוצט, מיטן רױטן דאַך, װאָס מ'האָט געקענט זען מײלן פֿון װײַטן, די הױז איז זיך מאַיעסטעטיש געשטאַנען אױפֿן רוקן פֿון אַ

באַרג, וואָס איז געווען באַוואָקסן מיט דזשאַנגלדיקע גרינסן; אַ ברייטער, הויכער פענצטער און אַ גלאָז־וואַנטיקע וואַראַנדע האָבן אַראָפּגעקוקט צום טאָל, וואָס איז געלעגן צופוסנס ביים באַרג און איז געווען שטענדיק איינגעהילט אין וואָלקנס שטויב און רויך.

וויליאַם ה. ראָבערטסאָן, אַדוואָקאַט און פּראָמינענטער לאַנד־מעקלער, ריעל־עסטייטניק, איז געזעסן איינער אַליין אין אַ ווייכער וויג־שטול אויף דער וואַראַנדע און ער האָט אַראָפּגעקוקט צום טאָל וואו צווישן די טויזנטער הייזער, עס איז געשטאַנען ערגעץ דאָס אָרעם, צוויי־שטאָקיק הייזל וואו ער איז געבוירן געוואָרן און וואו עס וואוינט נאָך ביז היינט זיין מאַמע וועמען ער האָט שוין גאָר לאַנג ניט געזען.

די ווייכע שטעק־שיך זיינען געווען ווי קלאַמערן אויף זיינע פיס און די וויג־שטול האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער אים. אַן איינזאַם ווינטל האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די פרילינגדיקע צווייגן, וואָס האָבן זיך אומעטיק געוויגט אויפן בוים לעבן זיין וואַראַנדע, און ס'האָט בענקענדיק געכליפּעט אַ קינדערש געוויין. אויפן טיפן, בלויען, לויטערן הימל איז געשוואומען אַ קליין, דורכזיכטיק וואָלקנדל און ס'האָט מיט פאַרלאָרנקייט, מיט פּחד געקוקט אויף דער אומענדלעכקייט אַרום. ערגעץ ווייט, ווייט אין טאָל האָט אַ באַן זיך געשלענגלט צווישן הייזער און וועלדער און האָט מוראדיק געריעוועט.

וויליאַם ה. ראָבערטסאָן, דער אַמאָליקער וועלוול, האָט מיט אָנגעשפּיצטע אויגן געזוכט ס'אָרט אין טאָל וואו זיין טאַטנס הויז איז געשטאַנען, ס'פּלאַץ וואו ער האָט זיך שטיפעריש פריי געשפּילט אין זיינע קינדער יאָרן. ער האָט ערשט ס'ערשטע מאָל צייט ער וואוינט דאָ אויפן רוקן פון באַרג פּרובירט געפינען כאָטש אַ סימן פון דער גאַס, וואו זיין פאָטערס הויז שטייט. ווען ער קען כאָטש דערקענען די פּאַבליק־סקול וואו ער האָט געלערנט, די קירכע לעבן זייער גאַס, וואָלט ער אפשר דערנאָך געקענט דערגיין וואו ס'הויז שטייט. אָבער אַלץ איז אַזוי קליין, אַזוי ווייט פון אים, איז אַזוי ווי אַזוי וועט ער ערשט אויסגעפינען וואו דאָס קליינע הייזעלע געפינט זיך? אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וואָלט ערשט געקענט געפינען דאָס פּלאַץ וואו זיין פאָטערס הויז שטייט וואָלט ער מיטאַמאָל פון זיך געטאָן אַ וואָרף

אַראָפּ כאַטש אַ טויזנט פוד אומעט, וואָס האָט זיך אָנגעלייגט אויף זיינע אַקסלען. זיינע אויגן האָבן פיבערדיק געבלאַנדזשעט איבער דער געדיכט־אָנגעפיקעוועטער מאַסע הייזער, פינטעלעך אין טאָל, און זיי זיינען צוריקגעקומען פאַרצווייפלטע, און זיי האָבן אָנגעזאָגט וויליאַמען:
„מיר קענען דאָרט גאָרנישט געפינען!"

„לאָז זיך אַראָפּ פון דיין באַרג אין טאָל אַריין און גיי זען דיין מאַמען!" האָט וויליאַם־וועלוול געהערט עפּעס אַ פרעמד־אייגענע שטימע אַ רוף טאָן. ער האָט דערפילט אַ מאָדנע נאָגעניש אין די ביינער און יעדער אבער אין זיין קערפּער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און האָט זיך געצויגן צום טאָל. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין וויג־שטול און ער האָט דערפילט ווי די פּענטעס אַרום זיינע פיס זיינען לויז געוואָרן. אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט: „ווידער אויפרייסן די אַלטע וואונדן!" און אַ שטיק בלייַ האָט אַ פאַל געטאָן אויף זיינע אַקסלען און ער איז אַריינגעפאַלן אין אָנמאַכט אין זיין וויג־שטול אַריין. ער האָט דער־פילט ווי דער קאָפּ לייגט זיך אויף זיינע אַקסלען מיט מוראדיקער שווערקייט. ער האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין זיינע הענט און ער איז געבליבן זיצן אויף זיין וויג־שטול ווי ירמיה אויפן באַרג שטיינער פון די חורבות פון ירושלים. ער האָט פאַרקלאַמערט זיינע מידע אויגן און ער האָט זיך צוגעהערט צום כליפּן פון ווינטל צווישן די צווייגן.

„פאַרגיב מיר, טאַטע, כ'בעט דיר!" האָט וויליאַם ס'ערשטע מאָל אין יאָרן זיך געווענדט אויף יידיש צום טאַטן, וואָס איז שוין יאָרן געווען טויט. ער האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס ער האָט ערשט גערעדט יידיש. מאָדנע, ווי היימיש־נאָענט, ווי צערטלענדיק־ליב די פּאָר ווערטער האָבן ערשט געקלונגען אין זיינע אויערן. ער האָט איבער־געזאָגט דאָס וואָרט „טאַטע" אַ פּאָר מאָל. ער האָט עס געקייט ווי אַ גאָר געשמאַקן ביסן און די קלאַנגען האָבן אים ווי מיט באַלזאַם געהיילט זיין געמיט. ער האָט צוגעפּרעסט די הענט צו די שלייפן און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט זיין גאַנצן איך צו יענע ווייט, ווייטע טעג ווען ער פלעגט מיט שפּאַט הערן דעם טאַטנס „אַלטע, אויסגעדראָשענע טענות", ווי ער האָט דעמאָלט אָנגערופן דעם טאַטנס רייד. ער האָט אַזוי אָפּט געהערט דעמאָלט דעם טאַטןריידן וועגן יענעם אָנגעווייטיקטן פּראָבלעם,

אַז ערשט, זיצנדיק אויף דער וואַראַנדע, זייַנען גאַנצע זאַצן, זאַצן ווי קלישעס פון טאַטנס שפּראַך, געקומען צו אים און האָבן פאַרביימאַר־שירט אין אַ פּראָצעסיע פאַר זיינע אויגן: „מיר זיינען ווי וואַסער מיט בוימויל, מיר מישן זיך נישט.״ „קינד מיינס, זיי קענען זיך פאַרגינען דעם פאַרגעניגן פון זיך לאָזן פאַרשלינגען איינער פון אַנדערן, ווייל זיי זיינען גרויס אין צאָל; זיי האָבן לענדער, אַ שפּראַך, אַ קולטור, וואָס בלייבט גאַנץ ערגעץ וואו, דאָרט, כאָטש זיי דאָ, זייערע קינדער, מישן זיך אין גרויסן טאָפּ אַמעריקע!״ „אַן אָפּטריניקער איז אַ פאַר־רעטער פון זיין פאָלק!״ „יעדעס יידיש קינד, מיין וועלוועלע, איז נאָך אַ זייל, וואָס העלפט אויפהאַלטן דעם אַלטן, דעם פּראַכטיקן בנין, יידיש פאָלק.״

אָט די אַלע זאַצן האָט וועלוול־וויליאַם געהערט דעם טאַטן איבער־זאָגן אַזוי אָפט, אַז זיי האָבן זיך פּשוט איינגעקריצט אין זיין זכרון, אָבער ווי נאַריש, ווי נישטיק, ווי פרעמד די טענות האָבן אַמאָל געקלונגען אין זיינע אויערן! מיט וואָסער חוזק ער האָט זיך דעמאָלט געמאַכט, אַז ער הערט זיך צו צום טאַטנס רייד. אויב די רייד זיינען פאַרבליבן ערגעץ וואו אין זיין מוח איז עס נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דער טאַטע האָט זיי איבערגעחזרט אַזוי אָפט און אַזוי רעגלמעסיק, מיט אַזאַ מאָנאָ־טאָנעם ריטם, אַזוי אַז נישט ווילנדיק האָט ער זיי געמוזט אויסלערנען.

„האָט דער טאַטע געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז מיט מיר וועט געשען אָט דאָס וואָס עס געשעט מיט מיר די לעצטע צייטן?״ האָט וויליאַם אין פאַרצווייפלונג זיך געפרעגט. ער האָט געהערט זיין אייגענע שטימע: „איז וואָס איז מיט דיר טאַקע געשען?״ ער האָט זיך אויסגעגלייכט אין זיין וויג־שטול און ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן פּראַכטיקן אָרום, וואָס האָט ערשט פּשוט לולודיק־ווייט געזונגען, וואָס האָט ממש פאַר־שיכורט מיט די פרילינגדיקע ריחות. „וואָס איז דיר, וועלוועלע?״ האָט ער געהערט אַ צאַרטע שטימע, דעם טאַטנס שטימע שוועבן צו אים פון צווישן די צווייגן. און וויליאַם האָט געהערט ווי זיינע ציין ציטערן. „וואָס האָב איך זיך דאָ צו שרעקן פאַר מיין אייגענעם טאַטן?״ האָט ער זיך געוואונדערט און ער האָט געפילט ווי עס צעיאָמערט זיך זיין האַרץ אין אים און ווי אַ קינד האָט ער זיך פאַרקלאָגט פאַרן טאַטן:

„הערסט, טאַטע מײַנער, כ'האָב זי ליב, כ'האָב זי נאָך הײַנט ליב, דער לוסין מײַנער; כ'האָב זי שיער נישט אַזױ ליב װי דו, פֿאָטער מײַנער, האָסט אַמאָל ליב געהאַט דער מאַמען. און, טאַטע מײַנער, פֿונדעסט־װעגן זע װי אומגליקלעך איך בין! װי אומעטיק ס'איז מיר אױפֿן האַרצן! װי פֿרעמד, אױ, װי פֿרעמד מיר איז אין מײַן אײגענער הױז!"

װיליאַם האָט פֿאַרמאַכט די אױגן. ער האָט אָפּגעװישט די טרערן, װאָס האָבן זיך געקײַקלט אױף זײַנע באַקן.

„אָט, טאַטע מײַנער, בין איך אין מײַן הױז בלױז אײנמאָל אַ װאָך, זונטיק, און זע, אַלײן, אײנעם אַלײן האָבן זײ מיר געלאָזט אין דער גרױסער, קאַלטער הױז, און זי און די קינדער מײַנע, װײ, טאַטע מײַנער, כ'שעם זיך דיר דערצײלן, זײ זײַנען אַװעק דינען זײער גאָט, אַ פֿרעמדן גאָט; זײ זײַנען אַװעק זינגען לידער, פֿרעמדע לידער, זינגען אין אַ כאָר פֿרעמדע געזאַנגען! און איך, איך טאַטע...?"

װיליאַם האָט דערפֿילט װי אײז־קאַלטע שרױטן קײקלען זיך אין זײַן גאָרגל און די אַקסלען האָבן אים געצױגן צו דער ערד װי שװערע בעלקעס. ער האָט ערשט געװאָלט װײנען, ריטשען אױפֿן קול; אָנ־שפּאַרן דעם קאָפּ אױפֿן טאַטנס אַקסל און װײנען אָן אױפֿהער. צו זײַנע אױערן האָבן זיך אין דעם מאָמענט דערטראָגן פֿרײדיק־קינדערשע געלעכטערס; ער האָט הינטער זיך דערהערט: „פּאַפּאַ איז אַנט־שלאָפֿן געװאָרן," האָט זײַן זינעלעס קלינגענדיקע שטימע אָנגעזאָגט דער מאַמען. װיליאַם האָט אָן עפּן געטאָן די אױגן. ער האָט דערזען פֿאַר זיך לוסין מיט די קינדער. זײ זײַנען אַלע געװען יום־טובדיק צעשטראַלט, פֿרײדיק, פֿרילינגדיק, זינגעװדיק. „הער, פּאַפּאַ, דעם נײַעם הימן װאָס מיר האָבן הײַנט אַלע געזונגען אין כאָר!" האָט זײַן טאָכ־טערל אײריס זיך צעזונגען. „קומענדיקן זונטיק מוזסטו מיטגײן מיט אונדז װעסטו הערן װי שײן מיר זינגען!" האָט בוירט, זײַן זונעלע, מיט אַ קינדערשער מינע אים געבעטן און באַפֿױלן.

װיליאַם האָט דורך פֿאַרגלײזטע אױגן געקוקט אױף זײַן פֿאַמיליע און ער האָט געפֿילט װי דער ברוסט־קאַסטן װערט אים ענג. ער האָט װי דורך אַ פּריזם געזען װי עס שטײען ערשט זײַנע קינדער ערגעץ דאָרט בײַם פֿרעמדן אַלטאַר, װאָס שמעקט מיט פֿרעמדע װײַרױך־ריחות.

און זיי זינגען קאַלטע, ווייטע געזאַנגען צו אַ גאָר פרעמדן גאָט. ער האָט געזען דורכן פריזם ווי מיט יעדן געזאַנג גליטשן זיך זיינע קינדער ווייטער און ווייטער אַוועק פון אים. ער האָט געזען ווי עס שטייגט אויף אַ וואַנט, אַ הויכע מחיצה צווישן אים און זיינע קינדער און פון יענער זייט וואַנט, פון זיינע קינדער, בלאָזן צו אים, וויען צו אים אייז־קאַלטע, בייטשנדיקע ווירדיך ווינטן, וואָס קאַטעווען זיין נשמה.

ווילּיאַם איז צוגעגאַנגען צו דער גלעזערנער וואַנט פון זיין וואַ־ראַנדע. מיט צעשטאַרטע אויגן האָט ער געזוכט אין טאָל די הויז וואו ער איז געבוירן געוואָרן; ער האָט געשעפטשעט צו די ווייטקייטן: „טאַטע, טאַטע מיינער!"

# יאַנטשעס דרשה־געשאַנק

נאָך אין זיין פריסטער יוגנט האָט יאַנטשע ביק זיך אויסגעלערנט צוצוקוועטשן אַ קאַלטן זעקסער אָדער צוצולייגן אַ פּענעץ פון אַ רויער קאַרטאָפל צו אַ בייל אויפן שטערן, אַרומצובינדן אַ נאַסע שמאַטע אויף אַ צעקאַלטעשעטער קני, צו רייבן מיט זיינע קלעצל־דיקע פינגער די אויפגעבלאָזענע, בלויע קישקעס, וואָס זיינען געבליבן אויף זיין לייב נאָכדעם ווי ער איז אַרויס פון אונטער אהרן רימערס הענט, וואָס האָבן מיט פּאַסן און קאַנטשיקעס געקאַטעוועט זיינע הפקרדיקע הויט און ביינער.

יאַנטשע האָט אויך געקענט אָפּלעבן אַ פּאָר טעג אויף גרינע עפּל, שלאָפן אַליין אויפן בית־עולם מיט אַ קבר פאַר זיין צוקאָפּנס, זיך איינ־נורן אין אַ ביסל שטרוי און איבערנעכטיקן אַ נאַכט אין אַ חזיר־שטעלכל אין די פּראָסטיקסטע ווינטער־נעכט, וואָס האָבן אַפילו דורכגעבייערט אַ שאָפּענעם פּעלץ מיט זייער גרייצעדיקער בייסיקייט.

ייִנגלווייז האָט יאַנטשע זיך געחברט מיט האַלבע און קייַלעכדיקע יתומים, מיט קינדער פון יאַטקע־געסל, מיט קינדער פון הינטערן בית־עולם, מיט געזעלן און שמייסער־יונגען. וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער זיך דערווייטערט פון זיינע יידישע חברים, אַלץ אָפטער פלעגט ער פאַרשווינדן פון שטאָט אויף גאַנצע טעג און אַלץ מער איז ער געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער חברה פון פערד־גנבים, קאָרטן־שפּילער, שיכורים און אויסגעלאַסענע שיקסעס, וואָס האָבן זיך צוזאַ־מענגעטראָפן ביי מאָשטשיצקין אין שענקל הינטער דער שטאָט.

אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז יאַנטשע פרעסט חזיר, טרינקט בראָנפן פון פלאַכעס און ווערט ניט שיכור און שלאָפט מיט שיקסאָכעס ביי מאשטשיצקין אויפן בוידעם שטיבל. די שטאָט האָט יאַנטשעס נאָמען געוואָלט אויסמעקן פון צווישן די יידישע קינדער, אָבער יאַנטשע, בעת ער איז געזעסן מיט אַ הירזשנדיקער שיקסע אויפן שויס, בעת ער האָט

געזשלאָקעט די קוואָרט־פלעשער אָקעוויט, האָט אָפט געפילט ווי עס זיצט אַ פּיאַווקע אין זיין ברוסט און זי נאָגט דעם קליאַק אַרויס פון זיינע ביינער. און ווי עס ציט זיך אַ פלאַנץ צו זונשיין, אַזוי האָט זיין ביסל יידישקייט, וואָס האָט ערגעץ וואו געטליעט אין אים, אים געצויגן צו דער שטאָט, צו די יידן. ווי עס בענקט אַ מוטער נאָך איר קינד אַזוי האָט ער געבענקט נאָך אַ שבת, אַ יום־טוב, נאָך דער געמיטלעכקייט פון אַ יידישער היים. ערגעץ־וואו האָט ביי יאַנטשען אין בוזים זיך געפונען אַ פונק, אַ האָפענונג, אַז אָט־באַלד וועט ער צוריקקומען אין שטאָט אַריין, אַז באַלד וועט ער ווערן אַ ייד מיט יידן גלייך.

אין די ימים־נוראים־טעג, און פאַר פסח־צייט, האָט יאַנטשע פאַר־לאָזט זיין נעסט פון זינד, האָט אויסגעטאָן די היטל מיטן גלאַנציקן דאַשעק און האָט זיך באַזעצט ביי העניען די היגערפליקערין אין אַלקערל. ער האָט צו העניען דער אלמנה געבראַכט פון כל טוב, זי זאָל פאַר אים און פאַר איר הויזגעזינד פּראַוועון אַ יום־טוב כיד המלך. היגטערן ראָק האָט ער אויף פסח געבראַכט אָן אויסגעפּאַשעטע גאַנדז, אין אַ קויש האָט ער געטראָגן אַ האַלב שאָק אייער און אין די קעשענעס האָט ער געשלעפּט פסחדיקן בראָנפן און וויין.

אויף יום־כיפור האָט ער פאַר זיך געבראַכט אַ וויסן, אָנגעפּראָפּטן האָן מיט אַ שפּיציקער, רויטער קאַם, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ זעג אויסגעוויייקט אין בלוט. און פאַר העניען מיט אירע קינדער האָט ער געבראַכט אַ הון און אַ פאַר קליינע „קורטשעקלעך".

ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון שטאָט, זיך געוואַקלט אויף זיינע בערן־פיס. זיינע קליינע, פינקלדיקע, בליי־שנעלע אויגן האָבן געקוקט צו דער ערד. זיין שמאָלער געדונצלטער שטערן, וואָס איז געווען באַוואָקסן מיט בלאָנדע געדיכטע האָר, שיער נישט ביזן ביישטעדל פון נאָז, דער שטערן האָט אַרויסגעקוקט פון זיין פאַררוקטער היטל און זיך נאָך מער געפאַלדעוועט. ער האָט געטראָגן אויף זיינע גראָבע ליפּן, ווי אָנגעפילטע רויטע קישקעלעך, אַ שטענדיקן גוט־מאָרגן פאַר יעדן יידן, וואָס האָט בלויז אַ בליק געוואָרפן אין זיין זייט, פאַר יעדן יידן, וואָס האָט פון אים בכיוון ניט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

אין בית־המדרש איז יאַנטשע געשטאַנען ביי דער סאַמע טיר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מען זאָל אים באַפאַלן און אים אַרויסשליידערן פון מקום קדוש ווי עפּעס אַ מין נבלה, וואָס איז מטמא גאָטס הייליק הויז. זיין גרויסער קאָפּ ווי אַ קאַווענע איז געווען איינגעגנורעט אין זיינע ברייטע אַקסלען, ווי ער וואָלט יעדע מינוט דערוואַרט, אַז אַ בעלעק פון סופיט זאָל אויף אים אַרויפפאַלן און אים צעפּלעצלען. דער איינציקער צווישן דער עדה יידן אין בית־המדרש, וואָס האָט מיט אים גערעדט נאָענט, ממש מיט אַ טאַטעשער פריינטשאַפט, איז געווען ברוך בעל־עגלה, ביי וועמען יאַנטשע האָט געדינט ווי אַ שמייסער ביז וואַנען ער איז אַוועק צו די גויים.

„איי, יאַנטשע, ווי דו האָסט זיך פאַרפּאַסקודיעט מיט דיינע ערלים!" האָט ברוך צו אים גערעדט מיט ווייטיקדיקער און פאָטערלעכער ליבע. „שוין צייט זאָלסט אַ שפּיי טאָן דיינע שיקסאָכעס אין די לעפּעס אַריין און פאַרקערעווען דעם געשפּאַן צוריק אין דיין שטאָל אַריין!"

מיט ביוורעס שוויס, ווי ביישן קרעלן, אויף זיין פּנים, וואָס איז געווען פון ווינט צעביסן, איז יאַנטשע געשטאַנען און געהערט ווי ברוכס זעגיקע ווערטער גריזשען זיך איין, און צעגרייצערן זיין נשמה. ער איז גרייט געווען אַראָפּצואוואַרפן פון זיך דעם ראָק, דאָס שאַרסטקע, דרילכן העמד, זיך אַוועקצואוואַליען ביי דער טיר פון בית־המדרש און אויסצושריטשן מיט זיין ביקיש קול: „קאַטעוועט, פּאַסעוועט, יידן, מיין ליבע, וואָס איז אויסגעפּענזלעוועט פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק מיט זינד ווי אַ חזיר איז איינגעגנורעט אין בלאָטע!" אָבער, געזאָגט האָט יאַנטשע ביק מיט אַ פאַרשטיקט קול צו ברוכן: „שוין צו טיף פאַרקראָכן, ר׳ ברוך."

נאָכן דאַווענען איז יאַנטשע ביק אַוועק, האָט זיך אַוועקגעקייקלט צו העניע דער הינער־פליקערין. מיט אַ דערשלאָגן געמיט האָט ער אָפּגעדרעפּטשעט אַ שטיקל קידוש און מיט אַ טרוקענעם גומען געקייט די געשמאַקע מאכלים, וואָס זי האָט מיט מלכותדיקער רחבות צוגעגרייט פאַר אים. די טעמעדיקע מאכלים האָבן אין זיין מויל געהאַט אַ געשמאַק פון קלייען, פון צעריבענע שטרוי.

יעדן יום־טוב האָט יאַנטשע ביק זיך געגעבן אַ תקיעת־כף, גע־שוואוירן איבער אַ געבאָרגטן טלית־קטן, אַז גאָרניט: ער מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, ער מוז ווערן אַ ייד.

ער האָט זיך נאָכן עסן צוגעשפאַרט אויף העניעס סאָפקע; ער האָט פאַרקלאַמערט די אויגן, איז געלעגן און האָט געחלומט: „איך וועל מיר דינגען אַ רבין, איך וועל זיך אויסלערנען גוט דאַווענען און זאָגן אַ יום תהילים, איך וועל מיר קויפן אַ פאָר פערד און אַ „דראַביאַסקן" וואָגן און — וואַליי, עס וועט זיך שוין געפינען אַ יידישע טאָכטער, וואָס וועט וועלן מיט מיר חתונה האָבן."

און יאַנטשע ביק איז געשוואומען אין זיינע חלומות, געלאָזט זיין פאַנטאַזיע שפינען און וועבן פאַר אים אַ מאַרגן מיט אַ גוטער און פרומער יידישער טאָכטער פאַר אַ ווייב, מיט אַ הויז פול מיט יינגלעך, וואָס לערנען אַזש ביי שכר דעם מלמד, דעם בעסטן רבין פון שטאָט.

נאָך קיין זאַך האָט יאַנטשע אַזוי ניט געבענקט, צו קיין זאַך האָט אים ניט געצויגן מיט אַזאַ מאַגנעטישער קראַפט ווי צו קריגן אַ צניעות־דיקע יידישע טאָכטער פאַר אַ ווייב.

ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל, איז זיין אויג געפאַלן אויף ביילע ר' איטשעס. זי, ביילע, אַ מיידל מיט אַ לענגלעך פנים, מיט גלאַנציק־שוואַרצע, געקרייזלטע און געלאָקטע האָר, מיט צוויי צניעותדיקע ליכ־טיקע אויגן, זי האָט יאַנטשען אַזוי פאַרכישופט, זי האָט אים אַזוי פאַרבלענדט, אַז יאָרן נאָכאַנאַנד האָט איר געשטאַלט אים באַגלייט סיי וואַכנדיק און סיי שלאָפנדיק.

יאַנטשע האָט געוואוסט, ער האָט שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז ביילע איז נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר אים. ער האָט אַפילו נישט געוואָגט צו שטיין אין אירע ד' אמות. אָבער ער האָט זיך פון ווייטן געשפיגלט אין איר אָפּגלאַנץ, ער האָט אין די טעג און נעכט פון זיין אומעט גע־חלומט וועגן דעם צניעותדיקן חן, מיט וועלכן זי באַשטראַלט און באַ־קראַנצט די וועלט.

יעדעס מאָל ווען ביילעס אויגן האָבן אַזוי אויפגעבליצט פאַר אים, יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך אַליין אויסגעזידלט, איז ער אויפצומאָרגנס אַוועק אין שטאָט אַריין און האָט זיך אַרומגעדרייט, אַרומגעקאַלאַטשעט

אַרום ר׳ איטשעס הויז. ער האָט פאַרריסן זיינע קליינע, פלינקע אויגן צום באַלקאָן פון ר׳ איטשעס סאַלע און מיט אייזערנער איינגעשפאַרטקייט געוואַרט ביזביילע האָט זיך באַוויזן אויפן באַלקאָן. פון וויטן האָט ער געזוכט ביילעס אויגן. מיט זיינע וואורשטלדיקע ליפּן, וואָס האָבן געפיבערט און געציטערט, האָט ער געשעפּטשעט אַ געבעט צו ביילעס אויגן: „פאַרגיט מיר, איר ליכטיקע אויגן, זיי מיר מוחל, ביילע!”
און כאָטש ביילע האָט אים נישט געזען, און כאָטש אירע אויגן זיינען גאָר געווען פאַרנומען און זיי האָבן געקוקט צו די ווייטקייטן פון די וועלדער אַרום שטאָט, פונדעסטוועגן האָט יאַנטשע ביק געפילט, אַז זיין נשמה, וואָס האָט אין אים געהויערט אַ צעמזיקטע פון דער נעכטיקער זינדיקער נאַכט, אַז זיין הארץ, וואָס איז געלעגן פאַרוואונדעט פון די פּויסטן על חטא, וואָס ער האָט אין דעם אריינגעהאַמערט, אַז זיין גוף אַפילו ווערט געהיילט ווי מיט זאַלבן און באַלמען. זיינע אויגן האָבן ערשט פרייער און אָפענער געזויגן פון ביילעס חן, פון דעם חן און מוטער רחל־צניעות, וואָס האָבן אַרויסגעשטראַלט איבערן גאַנצן רוים אַרום איר.

ווי אַ געטובלטער אין שוועבל און אין פייער איז ער אַוועק פון ר׳ איטשעס הויז און זיינע בעלעקדיקע, בערישע פיס האָבן לייכט גע־שוועבט אונטער זיין ברייטפלייצעדיקייט. ער איז געגאַנגען און האָט געהערט ווי עס זינגט זיין איינגעווייד דאָס געזאַנג פון ריינעם ווידער־געבורט.

אָבער די פינצטערע גבורה, די טליענדיקע לוסט, דאָס זינדיקע בינטל פלייש אויף זיינע ביינער האָט נאָך אַזאַ ריינקונג פון גוף און נשמה זיך נאָך שטאַרקער צעהוליעט אין אים.

„פאַרשאָלטן זאָל ווערן די גבורה אין מיר! אויסגעדעכניעט זאָל ווערן די אָגער־קראַפט פון מיין געביין!” האָט יאַנטשע מיט קללות זיך באַהאַגלט און ער האָט ביי זיין טאַטן אין קבר און ביי זיין מאַמעס הייליקער נשמה געשוואוירן, אַז אויב ער קען זיך מיטאַמאָל אינגאַנצן פון זיין טריף לעבן נישט באַפרייען, וועט ער כאָטש נעמען אויף זיך די מי זיך צוביסלעך צו דערווייטערן פון קוואַל פון זינד.

און יאַנטשע האָט זיך אַריינגעצויגן צו העניע דער הינער־פליי־קערין אין הויז. ער האָט זיך געקויפט אַ שמאָל בעטל און עס אַוועק־

געשטעלט אין אַ װינקל פון צימער: „אָט דאָ, צװישן יידן װעל איך װאױנען; אויף דעם האַרטן בעטל װעל איך פּייניקן מײן אָנגעזױפּטן גוף; איך װעל נאָענט זײן לעבן בײלעס הױז און אירע אויגן, װאָס איך װעל ערשט אָפּטער זען, װעלן מיר העלפן זיך צו שיצן קעגן מיין נבזהדיק לעבן״.

אין זײן פריערדיקער צײט איז יאַנטשע ביק געשטאַנען אויפן בריקל לעבן העניעס הױז און ער האָט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ געקוקט צו ר׳ איטשעס באַלקאָן. אים האָט אַפילו נישט געאַרט, װאָס בײלע באַװײזט זיך נישט. מיט זײנע קלײנע, פינקלענדיקע אויגן האָט ער געזען װי איר חן רוט אויף די אײזערנע שטאַנגען פון באַלקאָן. ער איז געשטאַנען און האָט געװעבט אַ גאַנג אַן װערטער צו בײלע ר׳ איטשעס. שעהן איז ער אַזױ געשטאַנען און זײן אויג האָט זיך נישט געקענט אָנזעטיקן מיטן חן, װאָס האָט צו אים אַראָפּגעשטראַלט פון ר׳ איטשעס באַלקאָן. און אַזױ שטײענדיק האָט ער באַמערקט, אַז בײלע איז װי דורך אַ כישוף פאַר זײנע אויגן איבערגעגאַנגען פון קינד צו מײדל און פון מײדל צו יונג־פרױ. ער האָט גאַרניט געזען ביז אַהער, אַז איר בלוזקע האָט זיך צעבערגלט, אַז דאָס חן־גריבעלע אויף איר לינקער באַק איז טיפער געװאָרן, אַז אירע לאָקן זײנען פאַרװאַנדלט געװאָרן אין פאַסמעס גלײכע האָר, װאָס קומען זיך צוזאַמען אין הױפּנס אויף אירע בײדע אויערן. בײלע איז מיט אַמאָל אויסגעװאַקסן, אַ פרױ געװאָרן. יאַנטשע האָט מיט װאונדער געגלאָצט זײנע אויגן. ער האָט זײ געריבן מיט די גײפּטלעך פינגער פון זײנע קלעצלדיקע הענט און געהױבן זײנע בעלקעס־אַקסלען. „אַזױ גאָר?״ און ער האָט געהערט װי דער װינט האָט אים אײנגערוימט אַ שרעקלעכן סוד אין אויער. און פון סוד איז אַרױסגעװאַקסן אַ מוראדיקע פראַגע, װאָס האָט זיך חוצפּהדיק געשטעלט פאַר אים. ער האָט די פראַגע געטריבן פון זיך מיט ברױזנדיקער רוגזה, מיט בײטשיקן כעס, נאָר די פראַגע האָט זיך אים אויף צו־להכעיס אײנגעעקשנט און זי האָט געפאָדערט אַן ענטפער: „איז בײלע פּעאיק מיט איר פרױען־לײב צו זײן אַזױ זינדיק װי עס זײנען דײנע שיקסעס?״ און פאַרסמטע נאָדלען האָבן זיך צעגאַלאָפּירט, צעװילדעװעט זיך אין יאַנטשעס פּיבערדיקן מוח. ער האָט מיט צאָרן אויף זיך,

אויף זיינע לעסטערנדיקע געדאַנקען געברומט; ער האָט גאַנצע הויפנס פלייש געקניפּט פון זיינע באַקן; ער איז גרייט געווען אַ שפּיי צו טאָן מיט גאַל אויף זיך, אָבער ער האָט געהערט ווי עס שרייט אַ קליפּע אין אים: „ביילע קען זיין אַזוי זינדיק ווי עס זיינען דיינע שיקסעס אין היי. אין ביילעס פלייש און ביין, אין ביילעס אָדערן איז דאָ אַזוי פיל גלוסטונג ווי אין דיינע גבורהשע לענדען, וואָס זיינען אָנגעפּאַקט מיט זינד!"

און יאַנטשע האָט געציטערט און געפּלאָטערט פאַר שרעק און ער האָט זיך צוגעזאָגט, אַז אַזוי ווי מען היט אָפּ דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, וועט ער היטן ביילען פון אַלעם בייזן, קעגן אַלע געצן זינד, וואָס קענען געלייגט ווערן פאַר איר.

און פאַר יאַנטשען האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, אַ לעבן, וואָס האָט אים געלאָקט, אַ לעבן וואָס איז געווירן מיט צוזאָגן, אַ לעבן, וואָס איז געווען אָנגעפּראַפּט מיט פריידיקן פחד און פחדיקער פרייד. ווי אַ שטילער שאָטן איז ער אויף סטעזשקעס און זייטיקע וועגלעך נאָכגע־גאַנגען ביילען, ווען זי האָט זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר אין וואַלד אַריין. איינגעטאָיעט אין גראָז פון די ראָוועס ביי דער זייט פון שאָסיי איז ער געלעגן און האָט מיט שפּיזיקע אויגן געוואַכט איבער ביילען בעת זי איז געזעסן אין אַ שאָטן פון אַ בוים און האָט באַטראַכט די נאַטור. און בעת עס האָבן זיך צו זיינע אויערן דערטראָגן די פוס־טריט פון אַ שייגעץ, וואָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג וואו ביילע איז געזעסן, האָבן זיך זיינע הענט געביילט און זיינע נאָז־לעכער האָבן זיך צעפּאַכעט ווי מיעכן.

„אַ מיתה משונה וועט איינעמען דער שייגעץ, וואָס וועט אַן איבעריקן אָטעם טאָן אויף ביילען", האָט יאַנטשע ביק געוואָרטשעט. „אויסהויכן וועט ער זיין היגטישע נשמה אויב ער וועט אַפילו מיט אַ וואָרט פאַראומווירדיקן מיין ביילען."

בעתן ליגן אין וואַלד אין אַ נאָרע צווישן די נאָדל־ביינער, בעתן ליגן איינגעקאָרטשעט אין די ראָוועס ביי דער זייט פון שאָסיי, האָבן יאַנטשעס אויגן צוגעזען ווי ס'ראָיען זיך אין זינד אַפילו בעל־הביתישע יידישע טעכטער און זין. ווי מיט אָנגעגליטע שפּיזן האָבן אים זיינע

אויגן געברענט. ער האָט מיט פאַרקריצטע ציין געוויטיקט אויף די בזיונות, וואָס זיינע אויגן האָבן געזען צווישן יידישע קינדער. ער האָט שטענדיק געחלומט וועגן דער יידישער צניעות. ער האָט אַלע מאָל געמיינט, אַז נאָר די שיקסעס מיט שקצים וואַליען זיך אַזוי חוצפּהדיק פאַרשייט אין די גראָזן, ווי די הינט אין מאַרק, און אַט האָט ער מיט־אַמאָל דערזען, אַז אויך צווישן זיינע יידישע טעכטער איז אַ פאַרפליי־צונג פון אויסגעלאַסנקייט. אַ געשוויר איז זיך צעוואַקסן אין זיין געמיט; אַ בלאָטער אַן אָנגעצויגענער האָט געגאָגט און געפּיבערט אין אים. „ביי אונדז יידן טאָר אַזאַ זינד נישט זיין", האָט ער געמורמלט און געברומט מיט צאָרן. נאָר וואָס לענגער ער האָט געוואַכט איבער ביילען, אַלץ מער איבערגעצייגט איז ער געוואָרן, אַז גאָרנישט, בלוט איז בלוט און פלייש איז פלייש, און וואו בלוט און פלייש קומען זיך צוזאַמען מיט בלוט און פלייש, דאָרט צעוויגט זיך די תאווה. ס'איז אַרויסגעוואָרפן זיין אַרבעט, האָט ער געטראַכט, ער קען זיך נישט קעגנשטעלן דער ווילדער גלוסטונג, וואָס האָט אַזאַ מעכטיקע גבורה.

געפּייניקט האָט יאַנטשען נאָר די מורא פאַר די אָרעמע מוידן, פאַר די דינסט־מוידן, וואָס האָבן נישט ווער עס זאָל זיך אָננעמען זייער קריוודע.

און ניט איין מאָל איז יאַנטשע ביק מיט פאַרשעמטע אויגן, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען דער שולדיקער, צוגעגאַנגען צו אַ דינסט־מויד, ביי וועמען ער האָט געזען, אַז דער פאַרטעך האָט זיך צעבאָרגט, און ער האָט איר סודותדיק אַ פרעג געטאָן: „זאָג, שעם זיך ניט, זאָג אויס, ווער איז דער הינטישער זון?" און אַז די מויד האָט אים פאַרטרויעט דעם סוד, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט מיט צע־ביילטע פויסטן צום הויז וואו דער יונג האָט געוואוינט און האָט אים מיט איינגעטאַמעוועטער רוגזה אַ פרעג געטאָן: „ווען שטעלסטו חופּה?" יאַנטשעס פראַגע האָט זיך ווי מיט אַ ריבאייזן איינגעגראָבן אין יונגס לייב און אַז יאַנטשע איז פון אים אַוועק, האָט ער אין זיין בוזים גע־טראָגן אַ בשורה דער טראָגנדיקער מויד: „נאָך פּסח וועלן מיר טרינקען לחיים, אי"ה".

אָבער ניט אַלע מאָל איז יאַנטשען גרינג אָנגעקומען צו פירן צו דער חופּה די מויד, וואָס איז באַבויכט געוואָרן. עס איז געשען, אַז

בערל, יאַסקע גנבס זון, האָט שווער־לייביק געמאַכט נתן טרעגערס ייִנגסטע טאָכטער פּעשע. יאַנטשען איז מיט ביטערן שווייס אָנגעקומען אויסצו־געפינען פון פּעשען ווער דער טאַטע פון איר ממזר איז. זי האָט געשוויגן ווי די נאַכט און זי האָט אויף אַלע פֿראַגעס, וואָס יאַנטשע האָט איר געפרעגט, אַנגעשטעלט אויף אים אַ גולמדיק פּנים. יאַנטשע האָט זיך ווי אַ פּיאַווקע איינגעגעסן אין איר. ער האָט זי געבעטן, ער האָט איר געדראָעט, ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז איר סוד וועט אייַנזינקען אין זייַן בוזים ווי אַ שטיין זינקט איין אין טייַך. פּעשע האָט מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן געקוקט אויף יאַנטשען און זי האָט געפילט ווי ס'האַרץ פֿאַלט פון איר אַרויס פאַר פּחד. איר לייַב, וואָס איז געווען צעקיילט און צעביילט, פון די קלעפּ וואָס איר טאַטע, נתן דער טרעגער, האָט איר שוין געהאַט געגעבן אויף זייַן אייגענעם חשבון, כדי אויסצוגעפינען איר פינצטערן סוד, דאָס לייַב אירס האָט ערשט געפיבערט מיט אימה און פּחד פאַר יאַנטשעס צוויי בליצנדיקע אויגן, וואָס האָבן זי שפּיזיק דורכגענומען. זי וואָלט מיט פאַרגעניגן צוגענומען פון יאַנטשעס קלעצל־דיקע הענט נאָך אַ פאַרציע קלעפּ אָבי זיך צו באַפרייַען פון זייַנע פלאַם־פייַערדיקע אויגן. נאָר אָט האָט זי מיט אַמאָל באַמערקט ווי די בייזקייט פון יאַנטשעס פּנים איז צעשמאָלצן געוואָרן. זייַן פּנים איז געוואָרן באַ־דעקט מיט מיטגעפיל, מיט ליבע, מיט ברודערלעכער האַרציקייט: „זאָג, פּעשקעלע, זאָג ווער דער יונג איז, וועל איך אַפילו מיט מייַן לעבן באַ־צאָלן און איך וועל דייַן קינד געבן אַ טאַטן.”

און פּעשע האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. יאַנטשעס פּנים האָט איר עקשנות געבראָכן. יאַנטשעס אויגן האָבן איר האַרץ געעפנט. זי האָט כליפּענדיק אַרויסגעמורמלט: „בערל יאַסקע גנבס”, און אַזוי שנעל ווי אירע ליפּן האָבן זיך באַפרייַט פונעם סוד, וואָס האָט איר שוין חדשים געוואָרגן, איז זי מיט ביידע הענט פאַרפאַרן אין איר צעפּאַטלטער קאָפּ האָר. זי האָט מיט אַן איכה־שטימע געוויינט, געריסן טשופּרינעס האָר און האָט יאָמערדיק מיט פלאַקערדיקע אויגן געזאָגט: „ער וועט מיר דערווערגן. ער וועט מיר מיט זייַן ציגיינער־מעסערל די הויט שינדן.”

יאַנטשע האָט זי געגלעט; ער האָט זי געצערטלט ווי עס צערטלט אַ מאַמע איר קינד און געזאָגט: „מיר זאָל זייַן פאַר דיר, פּעשקעלע.

זאָרג נישט מיין קינד." און ער האָט איר צוגעזאָגט: „ס'וועט זיין אַ חופּה אינגיכן."

מיט געאײַלטע טריט איז ער אַוועק הינטער די מילן, וואו יאָסקע גנב האָט געוואוינט. ער האָט אַ פּול־פּויסטיקן באַנץ־געטאָן אין טיר און אַרויסגעברומט: „בערל, כ'דאַרף דיך זען!"

בערל האָט זיך באַוויזן אין טיר מיט זיינע גלאַנציקע שטיוול, מיט די הויכע לאַקירענע כאָלעוועס. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף יאַנטשען און דערפילט, אַז עס האָט אים פאַרקלעמט ביים לעפעלע פון האַרצן.

„וואָס זאָגסטו עפּעס גוטס, יאַנטשע?" האָט ער אַ פרעג געטאָן מיט אַ געמאַכטן קוראַזש. ער האָט אַ שרויף געטאָן די שפּיצן פון זיינע וואויל־יונגערישע וואָנסעס ווי ער וואָלט אין זיי געזוכט שוץ און הילף קעגן יאַנטשעס לייבישע פויסטן.

„ס'טאָזוי גוט זיין און אַרויסקומען מיט לשון, בערל!" האָט יאַנטשע אַרויסגעזעצט. „דו האָסט פאַרפּאַסקודעוועט די שטילע פעשקע?"

בערל איז אויך קיין עופּהלע ניט געווען. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אין זיין גאַנצער לענג און גרייס פאַר יאַנטשען און פון זיין גליותדיקער הייך האָט ער קרום אַראָפּגעקוקט אויף יאַנטשעס ברייט־פּלייצעדיקייט.

„וואָסער כאָלערע האָט דיר געשיקט צו זיין פעשעס מליץ־יושר?" האָט ער אַ בורטשע געטאָן איבער יאַנטשעס קאָפּ.

יאַנטשע האָט אַ ציי געטאָן די הויזן אויף זיך; ער האָט אָנגעגורט זיין קערפּער אויף די בעלקעס פיס און ער האָט זיינע צוויי הענט צעביילט.

„זאָג, נבזה, בעבע אַרויס, צי דו האָסט פאַריוירן דאָס טייג?"

און ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו בערלען. אַ הייסע פאַרע ווי פון אַ זודיקן קעסל וואָסער האָט אַ שלאָג געטאָן בערלען אין פּנים אַריין. ער האָט געזען יאַנטשעס צוויי בלוט־פאַרגאָסענע אויגן. אַ פּחד איז אים באַפאַלן. ער האָט שוין אַ ביסל ווייכער געשטאַמלט: „און אַז יאָ, איז וואָס איז דיין באָבעס דאגה?"

„אַז יאָ, הינטישער זון, וועסטו ביי מיר שטיין מיט איר אונטער דער חופּה!"

„אַ קרענק וועל איך שטיין מיט דער נפקה, וואָס האָט מיר פאַר־נאַרט אין זאַק אַריין, אונטער איין חופּה!" האָט בערל געברומט מאַכנדיק דערביי אַ פּאָר טריט אויף הינטער זיך. נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך צו דערווייטערן פון יאַנטשען, האָט ער דער־פילט ווי עס פאַלן אויף אים קלעפּ ווי מיט האַמערן. די אויגן זיינען ביי אים מיט בלוט פאַרלאָפן געוואָרן און ווי דורך אַ נעפּל האָט ער דערזען ווי יאַנטשע פויזעט איבער אים מיט געקריצטע ציין און מיט פאַרשטייפטע פויסטן און ער האָט געהערט יאַנטשעס לייבן־געברום: „אָדער דו וועסט ביי מיר שטיין מיט פעשקען אונטער דער חופּה, אָדער דיין פאַרעיפּושטער גוף וועט נאָך מאָרגן פוילן אונטער אַ בערגל ערד אויפן בית־עלמין!"

פון בערלס מויל האָט זיך געצויגן אַ רויט שנירעלע. מיט אַ געליימטער צונג האָט ער גערעוועט: „לאָז אָפּ, יאַנטשע, לאָז אָפּ, יאַנטשע, האָב רחמנות, כ'וועל שטיין".

דער צאָרן אויף יאַנטשעס פּנים איז צערונען געוואָרן. אַ שמייכל האָט זיך באַלד צעגאָסן פון זיינע ליפּן און האָט זיך צעלייגט אויף זיינע באַקן. ער האָט בערלען אויפגעהויבן פון דער ערד מיט איין האַנט און אים אַוועקגעשטעלט ווי מען שטעלט אַוועק אַ זאַק צעמענט. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ ריין נאָז־טיכעלע און געווישט די ריזלקעס בלוט פון בערלס פּנים: „אַזוי, ברודערשי, ביסטו אַ יאַט!" האָט ער מיט פאָטערלעכער ליבע געקלאַפּט בערלען אין פּלייצע אַריין. און אַז בערל איז דערנאָך אַ צעמזיקטער געזעסן הינטער דער מיל און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זיך פאַרקלאָגט פאַר יאַנטשען אַז ער האָט אַפילו ניט קיין געלט זיך צו קויפן אַן אָנצוג צו דער חתונה, האָט זיך יאַנטשע פריידיק צעכאַכאַטשעט און מעשה מחותן אַ זאָג געטאָן: „אויף אויסשטאַטונג גיב איך!" און באַלד האָט ער צוגעגעבן: „איך באָרג אַפילו אויס, אַן אַ באַשטימטן טערמין, אויף אַ פערד מיט אַ בריטשקע, און ווער זיך, בערטשע, אַ טאַטע, אַ בעל־הבית מיט אַלע פידשיוועקעס."

די מעשה בערל האָט מיט בליץ־שנעלקייט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט. שמייסער־יונגען און דינסטמוידן האָבן מיט מער פּחד און דרך־ארץ געקוקט אויף יאַנטשען, און בעל־הביתשע יידן האָבן אים מיט פרייד אַנטקעגן געטראָגן אַ ברייטן גוטמאָרגן. אַפילו יאַנטשעס געשעפטן, זיין פערד־האַנדל, איז ערשט אַוועק מיט אַזאַ געבענטשט מזל, אַז יאַנטשע האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז גאָט צאָלט אים כפל כפלים פאַר זיין טרחה, פאַר דער הייליקער מצווה פון פאַרהיטן יידישע טעכטער פון אויסגעלאַסנקייט.

מיט מער גלויבן אין זיך, מיט אָפענע אויגן, האָט ער זיך ערשט גענומען צו וואַכן איבער זיין ביילען. ער האָט געזען ביילען בליען און זיין האַרץ האָט אַנגעקוואָלן ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן ווי זיכער זי איז פון אַלעם בייזן אונטער זיין שטענדיקער שוץ.

און מיטאַמאָל, ווען די לויטערקייט פון יאַנטשעס הימל האָט אויס־געזען צו זיין אָן אַ פּגם, ווען ער האָט אַפילו געפילט, אַז דער יצר־הרע אין אים האָט אים אַ ביסל צורו געלאָזט, מיטאַמאָל האָט זיך אויף זיין לויטערן הימל באַוויזן אַ פינצטערע כמארע אין דער געשטאַלט פון אַ יונגן, חוצפּהדיקן אונטער־אָפיצערל מיט שמאָלע, באַוואַקסטע וואָנסעס, ווי דינע סטענגעלעך, מיט אַ קאָפּ פאַרפּאָמאַדעטע האָר, מיט אַ חן־גרי־בעלע אין רעכטן מיטן פון זיין שפּיציקער גאָמבע.

ער איז אָנגעריטן אין שטאָט פון די קאַזאַרמעס. זיין פערד האָט געשוימט פון מויל און געבריקעוועט ווי אַ ווילדער אָגער. מיט גאווה איז ער געריטן אויפן וואַרשעווער וועג און האָט זיינע שפּאָרן צעקלונגען לעבן ר׳ איטשעס הויז. צום שלימזל איז ביילע געזעסן אויפן באַלקאָן. דאָס אָפיצערל האָט איר פון דערווייטן דערזען. ער האָט געטאָמעוועט זיין בליציקן פערד און געריטן פּאַמעלעך. ער האָט פאַרריסן זיינע באַוואַקסטע וואָנסעס און מיט אַ נבזהדיק שמייכעלע באַגריסט ביילען. זי האָט אים געענטפערט מיט אַ צניעותדיקן בליק און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אָבער דאָס אָפיצערל, ווי פאַרכישופט, איז שוין ווייט פון הויז נישט אַוועק. יאַנטשע האָט געזען ווי דאָס אָפיצערל איז געריטן הין און צוריק און ער האָט מיט צעבראַשטשעטע אויגן באַמערקט ווי ביילע הייבט אָן שמייכלען אַליך אָפּטער צום אָפיצערלס וואָנסעס, צו זיין

חן־גריבעלע אין דער שפּיציקער גאָמבע. יאַנטשעס האַרץ האָט זיך צעוואַקלט אין אים מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט אַזוי, אַז עס האָט אים אַזש אָטעם פאַרפעלט און אַנגסטן פון פּחד זייַנען אים באַפאַלן. ער האָט דערפילט, אַז אַ מוראדיקער שטורעם גייט אויסברעכן אויף זייַן הימל און יאַנטשע איז געבליבן אַ געפּלעפטער. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי זיך קעגן צו שטעלן אָט דעם דאָזיקן אומגליק.

און איידער יאַנטשע האָט נאָך צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, איי־דער ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט שוין די שטאָט געוואוסט, אַז ביילע ר׳ איטשעס, די אויסדערווייילטסטע טאָכטער פון שטאָט, די וואָס האָט נאָך אויף זיך קיין בחורשן הויך ניט געפילט, שלעפּט זיך אַרום גאַנצע נעכט אין וואַרשעווער וואַלד מיטן רייכן אונטער־אָפיצערל. גע־שמועסט האָט מען אין שטאָט, אַז דאָס אָפיצערל איז אַ זונדל פון אַ רייכן האָלץ־סוחר, אַ פאַרדייטשטן יידישן גבירס אַ בן־יחיד, אָבער יאַנטשע ביק האָט מיט זייַן האַרץ דערפילט, אַז דאָס אָפיצערל איז אַ גוי, אַ פאַרשייטער שייגעץ, וואָס איז געקומען מטמא זייַן יאַנטשעס הייליקייט.

ווי אַ פינצטערער שאָטן איז יאַנטשע נאָכגעגאַנגען ביילען מיט איר אָפיצערל איבער שטעג און וועג און איז געלעגן איינגעקאָרטשעט אין זיך און האָט זיך צוגעהערט צו די פאַרשייטע לידלעך, וואָס דאָס אָפיצערל האָט געזונגען פאַר ביילען. ער האָט דורכגעגעבערט די געדיכטע פינצטערניש פון וואַלד און געזען ווי ביילע ליגט מיט צעפלאָשעטע האָר ביים אָפיצערל אין די אָרעמס. ער האָט געהערט זייער פליסטערן און זייער צערטלען זיך האָט דורכגעלעכערט זייַן האַרץ. ער איז געלעגן איינגעקלאָמערט אין דער חושכניש אַרום אים און אין דער פינצטערניש אין אים און ער האָט מיטאַמאָל פון די טיפענישן פון וואַלד געהערט ביילעס אַ פאַרשייטן, אַן אויסגעלאָסענעם לאַך, וואָס האָט אים דערמאָנט אין בראָניע דעם קעלבאַסניקס הירזשען בעת זי איז אַ צעווילדעוועטע געלעגן מיט אַ יונג אין אַ סטויג היי.

יאַנטשע האָט זיך געזעצט אין קאָפּ אַריין מיט פויסטן און זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַריין מיט אַזאַ אימפּעט ווי ער וואָלט געיאָגט געוואָרן פון אַ וויכער־ווינט. ער האָט זיך אייַנגעגאָרעט אין קישן און

געהערט דאָס ביטער געיאָמער פון זיין האַרץ. אין מיטן פון זיין יאָמער האָט ער געהערט ביילעס פאַרשייטן געהירזש. ער איז אַראָפּ פון בעט און זיך מיט ווילדן געלאַף געלאָזט גיין צו מאַשטשיצקין אין שענק אַריין. ער האָט פלעשער בראָנפן געגאָסן אין זיך און ביילעס געלעכטער האָט זיך געטראָגן איבער אים מיט אַ וויסטער קלאָרקייט. ער האָט אַ וואונק געטאָן צו בראָניען און זי אַרויפגעשלעפּט צו מאַשטשיצקין אויפן בוידים־שטיבל. ער האָט פון איר די קליידער אַראָפּגעפליקט, איר נאַקעטע לייב געביסן, גאַנצע הויפנס פלייש פון איר אויסגעקניפּט. ווי אַ ווילדע חיה איז ער אין אירע אָרעמס געלעגן און האָט געדרעוועט. מיט אַמאָל האָט ער געפילט ווי זיין אַמאָליקע גבורה איז פון אים אַנטרונען, ווי דער קוואַל פון גלוסטונג האָט זיך אויסגעטרוקנט.

„ליב מיר, יאַנטש, ליב מיר ווי אַמאָל!" האָט בראָניע געמורמלט און זי האָט זיך צעכאַכאָטשעט מיט איר פאַרשייט געלעכטער. יאַנטשע האָט ערשט דערזען ליגן פאַר זיך ביילע ר' איטשעס אַ צעפרייכטע, אַ ווילד־פאַרשייטע. ער האָט קלאָר געהערט ביילעס געלעכטער.

אַן עקל, אַן אימה, אַ שוידער איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בראָניעס אָרעמס; ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין ראָק; האָט אָנגעהויבן צו לויפן אָן אַן אָטעם.

פון וואַרשעווער שאָסיי איז געגאַנגען דאָס אונטער־אָפּיצערל און האָט געהאַלטן ביילען איינגעקלאַמערט אין זיך. ביילעס קול, אַ פאַר־שייט קול, האָט זיך דערטראָגן צו יאַנטשעס אויערן. די פיס אונטער אים האָבן זיך שוידערלעך צעוואַקלט, זיין האַרץ איז געבליבן פאַר־גליווערט.

„וואָס זאָל איך טאָן?" האָט עפּעס אין זיינע אינגעווייידן אַ וויסט קול אַ ריטשע געטאָן. „וואָס טוט מען?" האָט יאַנטשע אַרויסגערעד־וועט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט און מיט אימפּעט האָט ער אַ שלעפּ געטאָן זיינע געליימטע פיס. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט אין דער ריכטונג פון וואַנען ביילעס קול האָט זיך דערטראָגן צו אים. ער איז שטיין געבליבן, זיך באַלד פאַרקערעוועט און מיט געאיילטע טריט איז ער געלאָפן צו העניע דער הינער־פליקערינס הויז.

---

אויפצומאַרגנס, ווען העניע איז געגאַנגען אויפן בוידעם אַראָפּנע־

מען אַ זעקל פעדערן צו פליקן, האָט זי דערזען ווי צוויי קלעצלדיקע פיס הענגען אין דער לופטן. זי האָט די פיס דערקענט. אויף דער ערד, לעבן יאַנטשען זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן שטיקלעך און פיצלעך פאַפיר. און ווען מען האָט יאַנטשען פון שטריק אָפּגעשניטן, האָט מען ביי אים אין בוזים־קעשענע געפונען אַ קעסטעלע מיט צוויי פינקלדיקע אויערינגלעך. אַז מען האָט צוזאַמענגעשטיקעוועט די שטיקלעך פאַפיר, וואָס זיינען געלעגן לעבן יאַנטשען אויפן בוידעם, האָט מען איבערגע־לייענט אַ בריוועלע, וואָס איז געווען געשריבן מיט סאָרקע דער שריי־בערקעס קאַליגראַפישער האַנטשריפט: „די אויערינגלעך זיינען מיין דרשה־געשאַנק פאַר ביילע ר׳ איטשעס״. מיט זיג־זאַגישע אותיות איז געווען באַצויגן מיט טינט איבער בלייפעדער אַן אונטערשריפט: „יאַנקל גערצייג״.

# טעג אַזוינע

(פון מיין געבוירן-שטאָט אָסטראָווע)

**ווי** אַן אינדזעל אַזוי איז אסטראָווע געלעגן אַרומ־גערינגלט מיט געדיכטע, טיפע שטיל־שווייגנדיקע וועלדער. די בוימער פון וואַלד, הויכע, שפּיציקע, פאַרחלומטע סאָסנעס זיינען געשטאַנען צו־געטוליעט איינער צום אַנדערן. זיי האָבן זיך געשושקעט, זיי האָבן גע־וויספּערט, זיי האָבן זיך דערציילט וואַלדישע סודות, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף זיי אַליין. פון צווישן די וועלדער, פון זייערע אינגעווייד האָבן זיך אַרויסגעשיילט באַזילבערטע וועגן מיט שאַרפע שטיקלעך און פּיצלעך שאבער, וועגן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער די גרינע לאנקעס און פעלדער ווי סטענגעס אויף גרין־צעקעמטע קעפּ. ווי אָדערן צו אַ האַרץ אַזוי האָבן זיך געצויגן צו דער שטאָט דער בראָקער וועג, דער וואַרשעווער שאָסיי, דער רוזשאַנער, דער מאַלקינער, דער זעמבראָווער, דער קאָמעראָווער און דער באַן־וועג. אויף די וועגן האָבן זיך יעדן באַגינען, יעדן פרימאָרגן געשלעפּט פויערים־וועגעלעך, דראָזש־קעס, פּראַכט־וואָגנס, קאָטשן און סתם וועגענער באַלאָדענע מיט שפּייזן, מיט סחורה, מיט האָלץ און מיט מענטשן, וואָס זיינען געפאָרן קיין אָסטראָווע אָדער פון אסטראָווע; געפאָרן קיין בראָק, קיין מאַלקין, קיין אסטראָלענקע, קיין זאַראָמב, קיין ביאַליסטאָק און קיין וואַרשע.

אַרום דער זוים פון שטאָט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַז אַ הונגער זאָל איר חלילה נישט פאַרצערן, זיינען געשטאַנען ווינט־און־פאַרע־מילן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פאַנטאַסטיש־גיגאַנטישע שומרים וואָס זיינען מיט זייער ריזן־מאַכט גרייט צו באַשיצן די שטאָט פון אַלע שונאים. די ווינט־מילן האָבן מיט זייערע פליגל־אָרעמס געפּאַטשט די לופט און געוואָרנט דעם אַרום, אַז קיינער זאָל נישט וואַגן צו שטערן די רו פון שטאָט. די פאַרע־מילן, מאַסעס מיל אויף מאַלקינער וועג און קאַגאַנס מיל אין קאַסע געסל, זיינען מיט זייערע ריזיקע וואַלצן שטענדיק געווען גרייט צו צערייבן, צעמאָלן קערנדלעך און זשאַרקעלעך אויף מעל, אויף

ברייט צו שפּייען די שטאָט אסטראָווע, וואָס האָט אויסגעזען שטענדיק צו זיין גרייט אויפצונעמען אַזוי פיל עסנוואַרג וויפל די מיילן האָבן נאָר געקענט אָפּשפּאָרן פאַר איר. די קירכע אויף פּשעדמיעשטשער גאַס, קעגנאיבער עליע לאַכס הויז, קעגנאיבער זיין גרויסן הויף, וואָס איז שטענדיק געווען באַלייגט מיט פאַרזשאַווערטע סערפּן, אַקערס, בראָנעס און מאַטיקעס, די קירכע מיט אירע שאַרפע שפּיצן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי טייטלענדיק־דראָענדיקע פינגער, וואָס פאַרמעסטן זיך קעגן הימל אַליין, די קירכע מיט אירע הילכנדיק־שאַלנדיקע גלאָקן, וואָס האָבן מיט זייער קלינגען דערמאָנט אין אינקוויזיציעס, שייטער־הויפנס, גויאישע שיכּרות און פּאָגראָמען, די קירכע האָט אַראָפּגעקוקט אויף דער שטאָט, האָט אַראָפּגעקוקט מיט אירע שטיינערנע געטשקעס, מיט אירע טונקל־געפאַרבטע, באַגראַטעטע פענצטערלעך, וואָס זיינען געזעסן טיף איינגעמויערט אין די מאַסיווע שטיינערנע ווענט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ווענט פון אַ פּחדיקער, מיטלאַלטערלעכער, פּייניקונג־טורמע.

אַ פאַרשעמטע, אַ דערשלאָגן, פאַרוואָרלאָזטע איז אויף וואַרשעווער וועג, אין אַנדערן עק שטאָט, געשטאַנען די צערקווע מיט אירע פאַרוויינטע קופּאָלן, מיט אירע צלמים, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צעבראָכענע אָרעמס וואָס הענגען אין גיפּס אָרום האַלדז אויף אַ בענדל. דער פּאַרק אַרום דער צערקווע איז געווען ווילד באַוואַקסן מיט הויכע גראָזן, מיט שטעכלקעס, מיט בלעטער פון ווילדע רעטעכער און ריבן און אין אַ ווינקל פון פּאַרק, לעבן צלם פון שפּאַציר־גאָרטן זיינען געווען עטלעכע קברים איבער וועלכע עס זיינען געשטאַנען דרעגנלעך באַשלאָגענע מיט ברעטלעך. אויף די ברעטלעך איז געווען אָנגעשריבן אויף דייטש: „היר ליגט איין טאַפּפערער רוסישער סאָלדאַט", אָדער: „דאָ ליגן טאַפּפערע רוסן באַהאַלטן."

אין מיטן שטאָט, ווייט אי פון דער צערקווע אי פון דער קירכע, ערגעץ וואו צווישן די איין־און צוויי־שטאָקיקע הילצערנע און ציגלנע הייזער מיט שינדלען און בלעך באַדעקטע דעכער, דאָרט האָבן זיך באַהאַלטן דער נייער בית־המדרש, דער אַלטער בית־המדרש, און די אַנצאָליקע שטיבלעך וואו יידן האָבן טאָג און נאַכט געלערנט, געדאַוונט, געבעטן גאָט און אים געדאַנקט פאַר זיינע חסדים, געפאָרשט זיינע וועגן

און געוואָלט דערגיין אַ דעם סוד פון דער יצירה אי דעם טאָג פון ביאת המשיח. זיי זיינען געזעסן אַרום די טישן אין די שולן, געשטאַנען ביי די שטענדערס און זיי האָבן פאַרשנדיק און לערנענדיק, בעטנדיק און דאַנקענדיק גאָט, שטאַרק רחמנות געהאַט אויף די גויים אי פון דער קירכע אי פון דער צערקווע פאַרוואָס זיי איז נעבעך נישט באַשערט קיין חלק לעולם הבא.

---

ווען די דייטשישע אַרמייען האָבן פאַרטריבן פון שטאָט די רעשט־לעך פון צאַר ניקאָלייס סאָלדאַטן, ווען זיי האָבן זיך באַפעסטיקט אין שטאָט, איז די פרייד ביי די יידן געווען אַזאַ, וואָס האָט אַזש אַרויסגע־שפּאַרט פון יעדן אבר זייערן. מיטן אויסנאַם פון לאַנגן פרידמאַן, נחמן בראָמבערגס איידים, מיטן אויסנאַם פון נח דאַזער, מיטן אויסנאַם פון דעם הייזעריקן חיים שאַפּס, מיטן אויסנאַם פון געצייילטע יידן האָבן אַלע אין שטאָט שוין לאַנג געהאַט געהאָפט און געוואַרט אויף די דייטשן ווי מ'וואַרט אויף משיחן.

ערשט זיינען די האָניק־טעג פון דער דייטשישער אָקופּאַציע שוין געווען אַריבער. די פרייד, וואָס האָט געהאַט געהערשט אין יענע ערשטע טעג ביי די יידן פון שטאָט, די פרייד האָט שוין לאַנג געהאַט צערונען. אויף דער שטאָט האָבן זיך אָנגעטראָגן מוראדיקע דאגות. אויף אַסטראָוועוע האָט זיך צעלייגט אַ דריקנדיקע שטילקייט. עס האָבן דער שטאָט שוין נישט געקענט העלפן אַפילו אירע שומרים־מילן. ווי לעכצנדיקע צונגען און גומענס נאָך אַ טרונק וואַסער אַזוי זיינען די וואַלצן געשטאַנען אין די ווינט־און פאַרע־מילן. אַפילו ביי פיש־קאַשעמאַכער, אויף קאַמאַראָווער גאַס, אַפילו ביי שיע און מאָטל־קאַשעמאַכער אין יאַטקע געסל זיינען אויך זייערע בלינדע פערד געשטאַנען מיט איינגעשרומפּענע זייטן און זיי האָבן זיך באַלעקט מיט די אויסגעטרוקנטע פלעווע, די הייטלעך פון קערנדלעך, וואָס האָבן זיך ערגעץ וואו פאַרוואַלגערט אין די טונקעלע שפּאַרעס פון זייערע רונדע טרעט־ווענן, וואָס זיינען ערשט זעלטן ווען געוואָרן באַטראָטן. אין טשעליאַקס אַליאַרניע האָט די פּעטס פון אויל אויף די פּרעסן שוין געהאַט אויסגעטרוקנט און קיין קאָלאַץ פאַר די בהמות האָט מען פאַר קיין געלט נישט געקענט קריגן.

ביי אהרן וואַסערמאַכער אין קוואַס־פאַבריק זיינען די רעדער געשטאַנען שטיל און די ליידיקע פלעשער אויף די פּאָליצעס האָבן געלעכצט נאָך אַ טראָפּן קוואַס. דאָס ביסל סאַכאַרינקעס, וואָס די דייטשן האָבן אין דער שטאָט פאַרטיילט, האָט מען פאַרנוצט אויף טיי, מיט וואָס צו דערוואַרעמען די איינגעשרומפּענע געדערים און אויף קיין קוואַס צו פאַרזיסן איז גאָרנישט געבליבן.

ביי נחום לעוואַרטאָוויטש אין הורט־געשעפט זיינען די פּאָליצעס געווען ערב־פסחדיק ליידיק און ביי מענדל־זינדלס זיינען די ווינקלען פון שמאָלן, לאַנגן הויף געווען אָן אַ שטיקל אייזן.

אַ פריידיקער שמייכל האָט זיך געוויגט אויף „דער קרומער קאָפּ" און אויף זיינע זין, ווייל זיי האָבן אין די באַהאַלטענישן פון זייער קעלערדיק־פינצטערער שטוב געהאַט אַ געהיימען ווינקל וואו ס'זיינען געלעגן שטאַבעס פאַרטרוקנטע זייף, וואָס איז געווען מיט רענדלעך צוגלייך, און זיי האָבן אויך געהאַט איינגעגראָבן אין נאַסן קעלער ביי זיך אין הויז אַ גאַנצע פאַס נאַפט פון וואַנען איטשע מאיר, קרומע קאָפּס מיטלסטער זון, האָט בגנבה, קונציק, מיט אַ רערעלע יעדן טאָג אַרויסגעזויגט אַ קוואַטירל נאַפט, וואָס מ'האָט אויסגעטוישט ביי פויערים אויף קאַרטאָפלעס, גאָמעלקעס פוטער, אייער און קערנדלעך אַ זעקעלע.

ביי דער אברהם יעקבטשיכע אין איינפאָר־הויז זיינען געשטאַנען ליידיקע טעפּ אויף די דרייפוסן און אונטער די גלעזערנע צודעקן אויפן טאָנבאַנק זיינען געלעגן נאַקעטע טעלערס, וואָס האָבן זיך אַמאָל געגרייסט מיט פּופּקעס, מיט געגנדזענע לעבערלעך, מיט געבראָטנס, מיט וואורשטן און מיט שניי־ווייסע, גליטשיק־גלאַנציקע האַרטע אייער.

שייע מענדל באָק, מיט די פאַרלאַטעטע שטיוול, מיטן רויטן גאַרטל אַרום די לענדן, מיט דער בייטש אין גאַרטל איז געשטאַנען ביים טאָנבאַנק און ער האָט מיט בענקשאַפט געקוקט אויף די ליידיקע טעלערס און ער האָט דערביי אַ סמאַקע געטאָן מיט די ליפּן ווי ער וואָלט נאָר וואָס געהאַט אַראָפּגעוואָרפן אַ גלעזל און פאַרביסן מיט אַ גאָר וואַזשנעם געגנדזן לעבערל. זיין רעכטע האַנט איז געווען אָנגעשטעלט אין אַזאַ פּאָזיציע ווי ער וואָלט ערשט די מינוט גרייט געווען אָנצושטעלן דאָס גלעזל און טאָן אַ זאָג צו דער אברהם יאַנקעוויטשיכע: „גיסט

אַריין נאָך אַ קעלישיקל !" ער האָט געטאָן אַ לעק אָפּ די צעפּלאַצטע, פאַרטרוקנטע ליפּן און ער האָט אַ מורמל געטאָן : „אַ ניכפּע די „לאַנגאַצן" אין די נירקעס אַריין !", וואָס די אברהם יאַנקעוויטשיכע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט דערביי, אַז אַ בראָך זאָל אַריין די דייטשן אין די זייטן. זי האָט צוגעשאָקלט מיט איר קאָפּ און זי האָט פאַרקוועטשט אירע רויט צעפּלאָמטע אויגן און האָט געזאָגט מיט תחינההדיקער פרומקייט : „אמן !"

טיק איז געשטאַנען ביי דער טיר פון זיין פאַרבן־געשעפט און ער האָט נאָך געהוסט אויפן חשבון פון די טערפּענטינען־ריחות, פון די ריחות פון שעלאַקן, אוילן, בענזינען און פאַרבן, וואָס האָבן כסדר געגעסן זיינע לונגען. מער ווי די ריחות און אַביסל גיפּס און קאַלך און קיט פאַרטרוקנטע איז שוין אין זיין קראַם נישט געווען, אָבער זיין הוסטן איז ערשט נאָך שטאַרקער און נאָך אָפטער געוואָרן, אַזוי אַז ער האָט געפילט ווי גייפטלעך פינגער וואָלטן אים געוואָרגן אַרום האַלדז. און לעבן מאיר לעשטשן זיינען געשטאַנען די מאַלקינער בעל־עגלות מיט זייערע קאַטשן און זיי האָבן געשאָלטן זייער אייגן געביין, וואָסערע צייטן זיי האָבן דערלעבט. בערל ניאַניאַק האָט פאַר צאָרן, פאַר ווייטיק, פאַר ביטערן רחמנות אויף זיך, אויף זיין ווייב און קינדער געקאָפּעט די רעדער פון זיין קאַטש, די אַקסן פון די רעדער און ער האָט מיט טרערנדיקער־רוגזה געברומט : „אַז אויסגעדעוועדט זאָלט איר ווערן, וואָס איר האָט פון מיין פּרנסה געמאַכט." ער האָט אַזוי גערעדט צו זיין קאַטש, וואָס האָט אים יאָרן געגעבן פּרנסה ברוח אָבער געמיינט האָט ער, ווי זיין שונא שייע באַק, וואָס איז מיט זיין קעטשל געפאָרן קיין קאַמאַראָווע צו די קאַזאַרמעס, געמיינט האָט ער אויך די דייטשן, מיט זייער זשאַנדאַר, דעם הויכן מאַטעס, וואָס האָט זיך ווי אַ פינצטערער שאָטן, ווי אַ מוראַדיקער געשפּענסט אַרומגעדרייט אי־בער די גאַסן פון שטאָט און האָט אַלעמען פאַראומערט דאָס לעבן.

דער מאַרק־פּלאַץ איז געלעגן אַ נאַקעטער, אַ פאַריתומטער, אַ פאַרוואַרלאָזטער. דער „וואַדעטשאַנג", דער פּלומפּ אויף צוויי רעדער פון וואַנען אַלע אין שטאָט האָבן געצויגן קרישטאָל־קלאָרע וואַסער אויף טיי, דער וואַדעטשאַנג איז געשטאַנען אַ ווייסטער קאַליקע, אַן הענטלעך

אויף זיינע רעדער און ער האָט הייזעריק־קראַנק געסקריפּעט ווען מ׳האָט אים געטאָן אַ ריר. זיינע רעדן זיינען געווען פאַרזשאַווערט און זיין אַקס פאַרטרוקנט; ס׳איז נישט געווען קיינער אין שטאָט, וואָס זאָל וועלן זיינע קראַנקע אברים היילן. ס׳האָט די נייע באַלעבאַטים פון שטאָט, די דייטשן, נישט געאַרט, אַז דער וואָדעטשאַנג שטייט אַ מוראַ־דיק קראַנקער אין מיטן גאַס און ער גוססט. נאָך טיי־וואַסער האָט די שטאָט געמוזט לויפן אַזש ביזן וואַסערל, וואָס האָט געריזלט אויפן וואַרשעווער שאָסיי, אונטערן בריקל לעבן פרײמאַן דעם קצב, ביי דער סאַזשאַווקע. פון אַלע פיר פּלומפּן אין די פיר ווינקלען פון מאַרק האָבן בלויז דער פּלומפּ לעבן דער משוגענער פייגעלעס קראָם און דער פּלומפּ לעבן פּאַדבעלעוויטשעס גאַלאַנטעריי קראָם אַרויסגעשפּיגן פון זיך צו ביסלעך וואַסער און דאָס נאָר דעמאָלט ווען מ׳האָט זיי פריער „אָנגעפּאָיעט״ מיט אַן עמער וואַסער כדי זייערע געדערים צו געבן שטאַרקייט, זייערע לונגען צו געבן כוח זיי זאָלן פון זייערע טיפענישן קענען אַרויפברענגען דינע סטענגעלעך וואַסער מיט וואָס אָנצוטרינקען די לעכצנדיק־הונגעריקע שטאָט.

איבער די גאַסן פון שטאָט האָבן זיך אַרומגעדרייט, ווי ס׳וואָלט געווען חול־המועד אָן דער יום־טובדיקייט פון חול־המועד, שניידערס און שוסטערס, סטאָליערס און סטעלמאַכערס, בעקערס און קצבים, טאָ־קערס און רימערס; שלינג און שלאַנג זיינען זיי געגאַנגען און האָבן געחלומט וועגן זייערע זאַטע נעכטנס און זיי האָבן געחלומט וועגן מאָרגנס וואָס וועלן אפשר ווידער ברענגען ברויט און פלייש און פוטער אַפּיצל און אַ שבת מיט טשאָלנטן און קוגלען, אַ גוט גלעזל ווײַן און מייערן־צימעס, וואָס „ווײַנט״.

פון די פעלדער אַרום שטאָט, פון די וועלדער, פון די לאָנקעס האָבן זיך געטראָגן ריחות פון נייעם געבלי, פון וואוקס, פון רײַפקייט פון דער ערד געמישט מיט ריחות פון קערפּערס פון מענטשן און פערד, וואָס האָבן געפוילט ביי די איבערפלאַכן פון די נישט פאַרזייטע פעל־דער. צוזאַמען מיט די מוראַדיק־אימהדיק, שטאַרקע ריחות פון די צעפוילטע מענטשלעכע קערפּערס האָט זיך צו דער שטאָט דערטראָגן אַ פעסט אַזאַ, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין די ליידיקע געדערים

פון די מענטשן פון שטאָט און האָט זיי אומברחמנותדיק פאַרשניטן און פאַרצערט ווי אַ היישעריק אויף אַ רייפן פעלד. פון הויז צו הויז, פון שטוב צו שטוב, פון שוועל־צו־שוועל איז די מגפה געגאַנגען אויף שפּיץ־פינגער און האָט פאַרוויסט, און האָט פאַרניכטעט אַלץ, וואָס איז געשטאַנען אין איר וועג. אַלט און יונג, מאַן און פרוי, קינד אין וויג און זקן אויפן שטעקן. זי האָט קיינעם נישט געמיטן.

איז אָט איז יוסף אשר פון באַפּטקלייטל אַוועקגעפאַלן ווי אַ סנאָפּ אין פעלד; ער האָט אַפילו קיין ווידוי נישט געהאַט קיין צייט צו זאָגן; און זע, ביי רייזלען דער בעקערקע איז איר קליין עופ'לע פון שלאָף נישט אויפגעשטאַנען. און, ווי, פון וואַנען קומט דאָס האַרצ־רייסנדיקע וויינען? ס'איז יאָסל דעם שרייבערס עלטסטע טאָכטער אין וויטיקן זיך פאַרגאַנגען און שוין פירט מען זי אין איר ווייס חופה־קלייד, אין אירע ווייסע, זיידענע לאַטשן צום נייעם בית־עולם. ס'גייט דער טאַטע, יאָסל שרייבער, און שווייגט ווי די נאַכט און די מאַמע האָט ביים קבר שוין איין שוך אַ ווייסן אַראָפּגעריסן פון איר טויטער טאָכטערס פוס און ווען מ'וויל דעם שוך ביי איר צונעמען קלאַמערט זי אים און שרייט: „ניין, כ'וועל נישט געבן; בעסער וועל איך לעבעדיקערהייט אין קבר מיט מיין טאָכטער זיך לייגן איידער איר חופה־שוך אָפּגעבן!"
אין מיטן איר געיאָמער, איידער דעם שרייבערס טאָכטער ווערט נאָך מיט דער רויער ערד באַדעקט, טראָגט זיך אָן די שוואַרצע עגלה און זי ברענגט אין אירע פינצטערע איינגעווייַדן דעם שטייפן קערפּער פון לייבל דעם פּאַפּיר־סוחר. נייך, ס'איז די עגלה נישט גענוג צו פירן אַלע מתים צום בית־הקברות. מ'טראָגט מתים אויף טראָג־ברעטער, מ'פירט זיי אויף פורן און וועגענער און האַנט־וועגעלעך. דער נייער בית־עולם אויף מאַלקינער וועג איז שוין באַלד פול ביז די טויערן.

עס גייט אַרום די שטאָט אויף די שפּיצן פינגער. קאַגאַן דעם אַפּטייקערס צעברענטער פּנים, וואָס זעט אויס ווי אַ שטיק ווילד־פלייש, איז נאָך צעפלאַמטער ווי שטענדיק. ער גיסט פלעשער קאַרבאָל און מ'צעבאַפּט זיי פון אים ווי מצה־וואַסער. מענטשן שפּייען אין נאָז־טיכלעך אַריין און מ'קאָכט וואַסער צו טרינקען. די ראָוועס פון שטאָט זעען אויס יום־טובדיק; זיי זיינען ריין און ווייס געקאַלכט, זיי זיינען

ציכטיק, ווי באַדעקט מיט פּריש־געפּאַלן שניי. אויף די גאַסן, אויף די טראָטואַרן איז קיין שפּרענקעלע נישטאָ.

הערשל טשוזש, פּאַפּעלער, מאַטשע מענדל, אַלע שטאָט משוגעים האָבן זיך שוין אויף יענער וועלט אָוועקגעפּעקלט; און ס׳גייט בן־ציון־אַ־נייער־אַקסל אַרום און ער דראָעט די שטאָט, אַז אויב מ׳וועט אים קיין „טעג" נישט פאַרזאָרגן פאַרט ער אַוועק קיין יענדזשעווע און אָסט־ראָווע וועט בלייבן אָן אַ משוגענעם אַפילו פאַר אַ רפואה.

ר׳ יוסף קאַליש, דעם אַמשינאָווער רבינס זון, דער רב פון שטאָט, האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון נח פיינצייגס הויף. ער גייט און עס באַמבלען זיך פאַר אים זיינע אומעטיקע צוויי שפּיצן באָרד. ער גייט און ביי זיין זייט שלעפּט זיך ר׳ נח פיינצייג אין זיין גרינלעך־שוואַרצער סאַטעלאַ־בענער, געהאַקטער קאַפּאָטע, מיטן זיידענעם גאַרטל אַרום די לענדן שטייף פאַרצויגן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַ מאַטער טאָן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פיניקן. ר׳ יוסף קאַליש און ר׳ נח פיינצייג גייען צום אַלטן בית־המדרש אויף קאַמראָווער גאַס. ר׳ יוסף קאַליש גייט און שעפּטשעט צו זיך אַליין. דאָס חזרט ער זיך איין די דרשה, וואָס ער גייט ערשט האַלטן, די דרשה קעגן די מחללי שבת, די פּושעים, וואָס האָבן אַזאַ שטראָף געבראַכט אויף דער שטאָט. ער גייט און ס׳וויינט זיין האַרץ אין אים אויפן בראָך, וואָס האָט זיין קהילה געטראָפן. עס שרייט אין אים דער גרימצאָרן און עס ברענט אין אים דער כעס אויף די יונגען און מיידן, וואָס האָבן אין גאָט פאַרגעסן, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַ מין טורן־פאַראיין ערגעץ וואו ביי הערשל איסרס אין די אַלטע קאַזאַרמעס; אַ טורן־פאַראיין וואו מיידן און יונגען מיט נאַקעטע פיס, מיט אַנטבלויזטע האַלבע קערפּערס קומען זיך צוזאַמען און זיי מושטירן זיך מיט דרענגענער פאַר ביקסן. אַפילו אום שבת מאַרשירן זיי מיט די שטעקנס אויף די פלייצעס איבער די גאַסן פון שטאָט. עס גייט דער רב, ר׳ יוסף קאַליש, צאָרענען אויף זיי, אויף די פאַרשייטע, צעלאָזענע זין און טעכטער פון באַלעבאַטישע יידן; ער גייט אָבער ספּעציעל אויסגיסן זיין צאָרן אויפן געלן, אויפן חוצפּהדיקן, אויפן שנעק אייזשע טייטל, וואָס איז דער פירער פון די דאָזיקע מורדים, די מחללי שבת בפרהסיא צוליב וועמען די מגפה בושעוועט אַזוי שטאַרק אין שטאָט.

„די זינד מוז אױסגעראָטן װערן פון שטאָט!" האָט ר' יוסף קאַליש זיך אײנגעהזרט; ער האָט אַ קוק געטאָן צו ר' נח דאַזער, װאָס איז געגאַנגען שטיל בײ זײן זײט. ר' נח פײנצײיג, ר' נח דאַזער האָט אױסגעזען װאַקסיק געל און אײנגעשרומפּן קלײן. ער איז געגאַנגען און ער האָט געפילט װי שטיקער בלײיאיקע שרעק ליגן אויף זײנע אַקסלען. ער איז געגאַנגען און האָט געפילט װי זײנע פיס שלעפּן זיך נאָך אים װי קלעצער. ער האָט שױן לאַנג בײ זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז פאַר אַ מענטשן װי ער איז, איז ערשט בכלל נישטאָ קײן פּלאַץ צו לעבן אויף דער װעלט. נאָך מיט חדשים צוריק האָט ער געהאַט אַ זאָג געטאָן צו זײן טאָכטער ליבע רחל: „ליבע רחל, איך זאָג דיר, אַז אױב אַ צוקערקע קאָסט צען „פּפעניג" קען קײן ערלעכער מענטש נישט דערװאַרטן קײן פּרנסה." דערבײ האָט ער דעם „פּפעניג" אַרױס־געזאָגט מיט אַזאַ גאַל, מיט אַזאַ װײטיק, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'װײנט פון אים אַרױס זײן גאַנצער אונטערגאַנג מיט דעם דאָזיקן װאָרט. ר' נח איז געגאַנגען מיטן רב ר' יוסף קאַליש נישט אַזױ צוליב דעם, װאָס ער האָט מורא געהאַט די מגפה זאָל זיך חלילה נישט פאַרשפּרײטן צוליב די זינד פון די באַלעבאַטישע קינדער פון שטאָט, נאָר צוליב דעם ער, ר' נח דאַזער, זאָל צוליב דער זינד אין שטאָט נישט דאַרפן באַצאָלן מיט שמיץ אויף יענער װעלט. יאָ, ער, דער געװעזענער דאַזער פון שטאָט, האָט געפילט, אַז ער טראָגט אויף זיך די פאַראַנטװאָרטלעכקײט פאַר דער יוגנט, פאַר די קינדער פון שטאָט. ער האָט זיך שױן לאַנג געגרײט אַװעקצופּעקלען אויף יענער װעלט; ער האָט נאָר געװאָלט קומען אַהין מיט זײן אײגן פּעקל זינד, װאָס איז אוודאי גרױס גענוג, און נישט דאַרפן טראָגן אויף זיך די אחריות פאַר די זינד פון טאַטעס קינדער.

איז ער געגאַנגען אַזױ, ר' נח דאַזער, און ער האָט געפילט װי די ערד פון קאַמעראָװער גאַס, זײן קאַמעראָװער גאַס, גליטשט זיך אַרױס פון אונטער זײנע פיס. איז ער געגאַנגען און ער האָט געשעפּטשעט צו זיך: „איז װי לאַנג װעסטו, רבונו של עולם, מיר זיך לאָזן מאַטערן אויף דײן מאָדנעם װעלטל?"

אויף די טעלעפאָן־סלופּעס און אויף די װענט זײנען געהאַנגען

גרויסע באַקאַנטמאַכונגען אין דייטש, פויליש און יידיש, אַז אַלע אַן אויסנאַם מוזן אומבאַדינגט קומען אין די פּאַרע־בעדער זיך „אַנטלויזן". אויף נחמן בראַמבערגס מויער, אויף דער וואַנט לעבן געסל, וואָס האָט געפירט צום אַלטן בית־עולם און צום חזיר־מאַרק איז געהאַנגען אַ גרויסער אַפּיש אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעמאָלן אַ שווידערלעך גיגאַנטישע, אַ מוראדיקע לויז מיט פיס ווי פון בערן און מיט אַ שנאָבל פון אַ קרעט, אַ לויז וואָס האָט געטראָגן אַ שטיק סם אין מויל, סם וואָס האָט פאַרשפרייט די מגפה אין שטאָט. אונטער דער ריזיקער לויז איז געשטאַנען אָנגעשריבן אויף אַלע דריי שפּראַכן: „היט זיך פאַר דער חיה, זי איז געפערלעך. זי טראָגט דעם טויט פון הויז־צו־הויז."

די נעכט אין שטאָט זיינען געווען שלאָפלאָזע, הונגעריקע, מוראדיקע נעכט, וואָס האָבן אויסגעזען זיך צו ציען ביז דער אייביקייט. כאָטש קוטשער דער תהילים־וועקער האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַוויזן אין די באַגינענס אויפצורייסן פון שלאָף מיט זיין הייזעריקיאָמערלעכער שטימע, פונדעסטוועגן האָט זיך אין דער פינצטערניש פון די נעכט געדאַכט, אַז קוטשער באַנצעט מיט זיין סעגקעוואַטן שטעקן אין לאָדן אַריין און ער שרייט ווי דער מלאך הדומה איבערן קבר פון אַ מת: „צייט צו תהילים צו גיין, צו עבודת הבורא צו גיין; צייט, צייט שוין אויפצושטיין!" זיין הייזעריק־זעגיקע שטימע האָט אויסגעזען צו הויערן איבער דער שטאָט און צו וועקן יעדן איינעם און צו רופן: „צייט אין וויטיקן זיך צו פאַרגיין; צייט אין קבר צו גיין! צייט מער נישט אויפצושטיין!"

און ביי משה וואַסערמאַכער אויפן פיר קאַנטיקן הויף, וואָס האָט אין זיך איינגעשלאָסן, ווי אין אַ פאַרמאַכטן קאַסטן, אי משה יצחק דעם איינבינדער מיט זיין געזינד, אי אהרן וועלוול טאַקער, אי דעם רימער מיט זיינע טעכטער און זין, אי אברהמל בעל עגלה מיט זיין בויד, אי שוסטערס, אי שניידערס, אי קרעמערס, אי די דענטיסטין, אי די אַקושערקע, ביי משה וואַסערמאַכער אין הויף וואו ס'איז אויך געשטאַנען די וואַסער־פאַבריק, וואָס האָט ערשט געהערט צו ר' אהרנען דעם נורער רבס זון, אין דעם הויף האָט די מגפה זיך אַריינגעכאַפּט און זי האָט מיט אירע גיפטיק־טויטלעכע נעגל געריסן שטיקער פון הויז נאָך

הויז. ס'איז משה פון מעל קראַם מיט אַ ווייטיק אין די געדערים אַוועק־געפאַלן און ס'האָט דעם געלן יוסף אָשר, דעם קרעמערס ווייב, אין אַ פּאָר שעה איר נשמה אויסגעהויכט; ס'איז ליפּסקי פון האָטעל וויק־טאָריע זיך אין טויטלעכע פיינען פאַרגאַנגען און ס'האָט אַ געוויין זיך צעטראָגן פון טאָקערס הויז. און איבערן הויף האָט אויסגעזען ווי ס'וואָלטן די פליגל פון דער מגפה געהאנגען נידעריק, גאָר נידעריק.

דאָ האָט מען דעם רימער פון טויט אָפּגעשריגן, דאָרט האָט מען פּערלען דער גאַרבאַטער פון די הענט פון מלאך המות אַרויסגעריסן און באַלד האָט מען געהערט ווי מ'יאָמערט ביי ר' איטשע איטקעס אין הויז. אָבער ביי ר' אהרן וואָסערמאַכער אויפן בוידעם שטיבל, ביי ר' אהרן, וואָס האָט ליב געהאַט צו זיצן אין אַמשענאָוועער שטיבל אַזש ביי דער טיר, וואָס האָט אַרויסגעפירט אין הויף אַריין, ווייל ער האָט נישט גע־קענט פאַרטראָגן די ריחות, וואָס זיינען געווען אַזוי געדיכט, אַז ער האָט זיי אַזש געקענט זען מיט זיינע גוואַלדיק קורצזיכטיקע אויגן, ביי דעם ר' אהרן אין הויז איז אַרומגעגאַנגען אַ האַרץ צאַפּלענדיקע שטיל־קייט, וואָס האָט אַזש צעפליקט די אויערן־הייטלעך. טשיפּע, ר' אהרנס ווייב, ר' נח דאַזוערס טאָכטער, טשיפּע וועמען ר' איטשע איטקעס האָט געקרוינט מיטן נאָמען „דער תלמיד חכם”, זי מיט אירע טיפע, קלאָרע, שאַרפע אויגן איז אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיצן פינגער און זי האָט מורא געהאַט צו צערודערן די שטילקייט, וואָס האָט איינגעוויקלט אירע זעקס קינדער, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אַרום איר ווי שעפּסעלעך פאַר אַ שטורעם. מיט יעדן נייעם געוויין, מיט יעדן פרישן געיאָמער, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו אירע אויערן האָט זי אויפגעצאַפּלט, האָט זי אויפגעטרייסלט, האָט זי דערפילט ווי ס'האַרץ פאַלט פון איר אַרויס. זי האָט אירע טיפע, שטענדיק מאָדנע גלאַנציקע אויגן פאַרקלאַמערט מיט אירע לאַנגע, שוואַרצע ברעמען און זי האָט געשעפּטשעט אירן אַ געבעט צום רבונו של עולם, אַ געבעט, וואָס די נשמה פון איר האָט אַרויס־געתפילהט: „היט מיינע שעפּעלעך, פאָטער מיינער, היט זיי פאַר מיר און אויב כ'בין חלילה נישט ווערט זאָלסט זיין דער היטער פון מיין גאַנץ הויזגעזינד, איז בעט איך דיר פאָטער אין הימל!” און דאָ האָבן טרערן אַרויסגעפּלאַצט פון אירע פאַרקלאַמערטע אויגן און זי האָט צוגעגעבן:

„אויב דו ווילסט מיך יאָ שטראָפן, שלאָג, שלאָג טאַטע, אָבער נישט צו שטאַרק, מיט רחמים!"

זי איז געזעסן איינגעקלאַמערט אין איר פחד און זי האָט געניייט נייע זעקעלעך אָנצוטאָן אויף די העלדזער פון אירע קינדערלעך. זי האָט דאָס מאָל אַריינגעלייגט אין יעדן זעקעלע חוץ פעפער, זאַלץ און שפּיציקע נעגעלעך, אויך אָנגעריבענע טייוול-פינגער און אַ שיר למעלות געשריבן מיט איר מאַנסבילישן כתב יד. זי האָט זיי פאַרבונדן מיט רויטע בענדעלעך און זי האָט דערביי געהויבן אירע טיפע, פייכטע, צערטלענדיקע אויגן צום הימל: „יסר יסרנו יה!" האָט זי זיך ווידער געבעטן ביי גאָט און זי האָט צוגעגעבן אירע אייגענע ווערטער, ווי שטענדיק ווען זי האָט תפילה געטאָן: „אָבער גאָטעניו אין הימל, רייס נישט אַוועק קיין איין קינדעלע פון מיינע אָרעמס! כ'בעט דיר, פאָטער אין הימל!"

אַזוי איז זי געזעסן, טשיפּע ר' אהרנס, און זי האָט דערזען ווי איר מאַן האָט אָנגעטאָן אַ קאַפּל אונטער דער היטל, ווי ער האָט דעם גאַרטל אָנגעצויגן אויף זיינע לענדן, ווי ער האָט גענומען זיין שטעקן אין האַנט אַריין און האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. זי האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס; זי האָט געזען די געלקייט אויף זיין פּנים און די שרעק אין זיינע קליינע, קורצזיכטיקע אויגן. זי האָט רחמנות געהאַט אויף איר מאַן, אויף איר דערוואַקסן קינד, וואָס איז ערשט מיטאַמאָל געוואָרן אַ זקן מיט אַ גאַרטל, מיט אַ קאַפּל, מיט אַ שטעקן אין האַנט. זי האָט געוואוסט, אַז איר אהרנס פּלוצלונגדיקע פרומקייט איז געקומען פון פחד, פון שרעק, אַז אַט דאַרף מען האַלטן די נשמה גרייט זי איבערצוגעבן צום רבונו של עולם אַ ליאַדע סעקונדע, אַ ליאַדע מינוט. זי האָט בלויז אַ פרעג געטאָן איר מאַן בעת ער האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דער מזוזה: „אהרן, וואוהין?"

„שעפּסל איז אַוועקגעפאַלן, כ'וועל מוזן נעכטיקן ביי אים!"

ווי אַ שאָטן איז ר' אהרן אַרויס פון הויז און ער איז אַוועק זיך טרעפן פּנים אל פּנים מיט דער מגפה, מיטן טויט אַליין און ער האָט נישט געוואוסט צי ער וועט נאָך קושן זיין מזוזה פון דער טיר און טשיפּע האָט נישט געוואוסט צי איר אהרנס קליינע, קורצזיכטיקע אויגן וועלן

נאָך קוקן אויף איר מיט יענער שעמעוודיקער צאַרטקייט, מיט יענער נישט דרייסטער ליבע און באַוואונדערונג מיט וועלכע ער פלעגט אויף איר קוקן, ווען זי האָט מיט איר מאַמע־האַרץ דערפילט, אַז ס׳האָט זיך דאָס געמיט אַוועקגעלייגט אויף זיינע פלייצעס מיט בלייאיקער שווערקייט און זי האָט אין צייט געפונען פאַר אים אַ טרייסט־וואָרט.

פון שטעט און שטעטלעך אַרום אָסטראָווע, פון קרובים און פריינט זיינען אָנגעקומען פעק און פעקלעך מיט שפייז, מיט קליידער, מיט אָפּ־געשפּאָרטע ביסלעך איינגעמאַכטס, מיט פּאָמעראַנצן, וואָס מ׳האָט אויף רפואה ערגעץ וואו געקראָגן כדי צו העלפן די געשלאָגענע שטאָט.

דער נורער רב, ר׳ יצחק דוד, האָט אין זיין בית־דין נישט געקאָנט איינזיצן. נישט נאָר האָט אים געטריבן דער פחד, אַז עס זאָל די מגפה חלילה נישט פאַרצערן דאָס הויז פון זיין זון אהרן, נאָר ער האָט נאָך מער מורא געהאַט, אַז זיין זון זאָל פאַר שרעק פאַר דער מגפה חלילה פון זינען נישט אַראָפּ. ר׳ יצחק דוד נורער האָט גוט געקענט זיין זון, ער האָט געוואוסט, אַז ווען ס׳געשעט עפּעס אַן אויסערגעוויינט־לעכע זאַך מיט זיין קינד זעצט ער זיך אַוועק אין אַ ווינקל; ער פאַר־בייסט דעם קנאָכן פון פינגער פון זיין רעכטער האַנט און ער בלייבט אַזוי זיצן אין מוראדיקער פאַרגליווערטקייט, אין יאושדיק־פחדיקן שוויגן, וואָס צעפליקט דאָס האַרץ פאַר ווייטיק. ערשט מוז זיין זון אהרן פאַר שרעק זיצן אין אימת מותדיקע אַנגסטן און ווער ווייס וואָס ס׳קען נאָך מיט זיין קינד געשען איידער די מגפה רירט חלילה זיין הויז אָן.

און ס׳האָט ר׳ יצחק דוד, דער נורער רב, דעם שטריימל אָנגעטאָן איבער זיין קאַפּל; ער האָט אַרויפגעצויגן זיין אַטלעסענע נייע קאַפּאָטע; ער האָט אָנגעטאָן די נייע סאַנדאַלן מיט די גומעס ביי די זייטן און ער האָט אויף אַ פויערשער פור געהייסן אָנלאָדן אַ זאַק אַרבעס, אַ קערצל קאַרטאָפלעס, אַ פּאָר פלעשער אייל, אַ זעקעלע ציבעלעס און אַ שפּאָר ביסל „פּאָשלעדנע", געלבלעך־שוואַרצע מעל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעט באַדעקט מיט שטרוי און ער איז מיטן מאַלקינער שאָסיי אַריינגעפאָרן קיין אסטראָווע. ער איז נישט געפאָרן דורכן מאַרק נאָר ער האָט זיך פאַרדרייט פון מאַלקינער וועג און איז

אַרײַן אין אַלט־בראָקער געסל, פאַרבײַ די ישיבה, לעבן עסיק פאַבריק און פון דאָרט איז ער אַרײַן צו משה וואַסערמאַכער אויפן הויף.

אַז ר׳ אהרן האָט אויף מאָרגן נאָכן קומען פון דער לויה פון זײַן חבר שעפּסל דערזען דעם טאַטן מיט דער געלבלעך־גרויער, ברייט צע־קעמטער באָרד, אַז ער האָט דעם טאַטן דערזען אויפן הויף איז ער ווי אַ געשמיסן קינד, ווי אַ זינדיק קינד צוגעקומען צו אים און ער איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרגליווערטער און בלויז אַ זאָג געטאָן „טאַטע!"

דער נורער רב, ר׳ יצחק דוד, האָט מיט זײַנע פאַרשעריש קלוגע, מיט זײַנע שטענדיק פאַרטרערטע אויגן באַטראַכט זײַן זון און ער האָט באַשיינפּערלעך געזען ווי ס׳ליגט די לאַסט פון דער מגפה אין שטאָט אויף זײַן זונס פּלייצעס. ער האָט נישט אויסגעצויגן די האַנט צו געבן שלום זײַן קינד; ער האָט אים בלויז אַ זאָג געטאָן: „קום, אהרן, זעץ זיך דאָ צו און לאָמיר זיך דורכשמועסן!" אין דער אַטלעסענער קאַפּאָטע, מיטן שטרײַמל אויפן קאָפּ האָט דער נורער רב זיך אַוועק־געזעצט אויף אײנעם פון אהרן וועלוול טאָקערס קלעצער, וואָס זײַנען געלעגן אין הויף. ער האָט דעם זון געהייסן זיך זעצן לעבן זיך און ווי מיט אַ מאַמע־האַנט אַזוי האָט ער געצערטלט זײַן קינד, זײַן זון אהרן וואַסערמאַכער, דעם טאַטן פון זעקס קינדער.

פון די פענצטער פון די שטובן אַרום משה וואַסערמאַכערס הויף האָט מען אַרויסגעקוקט פאַרגאַפטע און מ׳האָט זיך געוואונדערט ווי ס׳קומט דער נורער רב אין שטאָט אַרײַן, אין דער צייט פון אַזאַ מגפה. ווי ער קומט צו זיצן אויף אַ קלאָץ אין הויף און וואָס ער רעדט אַזוי אַרײַן אין זײַן זון, אין ר׳ אהרן וואַסערמאַכער, אין ר׳ אהרן דעם קאָפּ־מענטש, דעם שאַרפן פּאָליטיקער פון שטאָט, אין ר׳ אהרן דעם חריף, אין ר׳ אהרן דעם וויצלינג. אָבער גראָד אין דער צייט ווען ר׳ יצחק דוד איז געזעסן און גערעדט מיט זײַן זון, גראָד דעמאָלט האָט אהרן וועלוול טאָקער פון זײַן טויטן־בעט אַ רוף געטאָן זײַן ווײַב און איר געבעטן זי זאָל אים געבן אַ טרונק וואַסער. ער האָט די אויגן ברייט־צעעפנט; ער האָט דאָס געקאָכטע וואַסער געטרונקען און ער האָט מיט די אָפּגענעצטע ליפּן אַ שעפּטשע געטאָן: „כ׳פיל מיר גאָט־צו־דאַנקען בעסער!" און קוקנדיק דורך די פענצטער פון זײַן שטוב, האָט דער רימער באַמערקט

ווי מיטן קומען פון נורער רב צו זיין זון ר׳ אהרן האָט זיך די געדיכטע פינצטערניש פון דער מגפה, וואָס איז געהאַנגען איבערן הויף ווי אַ שווערער וואָלקן אין ווינט, געטאָן אַ הייב פון אָרט און האָט זיך געריסן צו די הייכן.

טאַטע און זון זיינען געזעסן ביי אהרן וועלוול דעם טאָקער הינ־טערן פענצטער און ס׳האָט דער נורער רב מיט טרייסט־ווערטער גע־צערטלט זיין זון אהרן. „השם יתברך וועט העלפן און די מגפה וועט דיין הויז פאַרמיידן!״ האָט דער נורער רב צוגעזאָגט זיין זון. ר׳ אהרן האָט לעבן טאַטן געהאַט אַ געפיל ווי ער וואָלט ערשט געווען אַ פּיצל קינד. ער האָט זיך געוואָלט אַוועקזעצן ביים טאַטן אויפן שויס און זיך צוטוליען צו אים. אים איז געווען אַזוי גוט צו האָבן דעם טאַטן לעבן זיך. אים האָט זיך אויך געדאַכט, אַז די לופט אַרום אים איז ערשט ריינער געוואָרן און אַז די פינצטערע וואָלקנס, וואָס זיינען געהאַנגען איבער דער שטאָט צעשווימען ערשט ווי עס צעגייט שניי אין זון.

„כ׳וויל גיין מנחה דאַווענען און זיך אין וועג גרייטן,״ האָט ר׳ יצחק דוד אין מיטן צערטלען זיין זון אַ זאָג געטאָן. ער האָט געהייסן אויס־לאָדן פון וואָגן די שפּייזן פאַר זיין זון. ער איז אַרויף אין הויז אַריין; ער האָט מיט פאָטערלעכער ליבע געצערטלט יעדעס אייניקל באַזונדער; ער האָט אָפּגעדאַוונט מנחה, האָט געבענטשט די אייניקלעך און האָט שוין ביי דער טיר אַ זאָג געטאָן מיט אַ ליבלעך־פאַרשעמטער שטימע צו זיין שנור: „טשיפּעשי, אַלץ וועט אי״ה זיין גוט, אַלץ וועט אי״ה דורך בשלום!״ „הלוואי!״ האָט טשיפּע ר׳ אהרנס מיט איר תחינהדיק־זיסער שטימע געבעטן. זי האָט באַגלייט איר שווער ביזן גאַס אַרויס און זי האָט שוין ביים טויער פון משה וואַסערמאַכערס הויף נישט דרייסט דעם נורער רב אַ פרעג געטאָן: „פאַרוואָס האָט איר זיך אַפילו נישט געוואַשן און קיין כזית נישט פאַרזוכט אין מיין הויז?״

ר׳ אהרן האָט זיך ערשט געכאַפּט, אַז דער טאַטע האָט גאָר נישט טועם געווען אין זיין הויז. אים האָט ערשט שטאַרק געוואונדערט, וואָס דער טאַטע איילט זיך אַזוי אַוועקצופאָרן, וואָס דער טאַטע איז אַפילו נישט געבליבן ביז וועטשערע; זיין טשיפּעס פראַגע איז געווען אַ

געוועזן. „פּאַרוואָס האָסטו טאַקע קיין פּיצל ברויט אַפילו נישט פאַר־זוכט אין מיין הויז?" האָט ר' אהרן איבערגעפּרעגט זיין טאַטן. דער נורער רב האָט געזוכט אַן ענטפער אויף די פראַגעס. ער האָט זיינע קינדער נישט געוואָלט ווי טאַן, זיי דערמאָנען אין דער מגפה, וואָס בושעוועט אין שטאָט. „כ'בין נישט הונגעריק!" האָט ער געשטאַמלט און ער האָט זיך שנעל געזעגנט מיט זיין שנור.

„כ'וועל דיר באַגלייטן ביז נאָך מאָסעס מיל", האָט ר' אהרן זיך געבעטן ביים טאַטן ווען ער האָט געזען, אַז די פור איז גרייט.

טאַטע און זון האָבן ערשט שפּאַצירט פּאַמעלעך. די פור איז גע־פאָרן היגטער זיי. ווען זיי זיינען געווען לעבן ישיבה האָט ר' אהרן אַ פרעג געטאָן דעם טאַטן: „פּאַרוואָס טאַקע האָסטו זיך אַפילו נישט געוואָשן אין מיין הויז?" און כאָטש דער נורער רב האָט פּרובירט אויסמיידן צו געבן זיין זון אַן ענטפער אויף דער פראַגע, האָט ער אים דאָך געמוזט אויסזאָגן: „כ'טאָר נישט, כ'דאַרף אין דער שטאָט נישט עסן, ווייל כ'קען נאָך חלילה די מגפה פאַרשלעפּן צו זיך אין מיין קהילה אריין!" ס'האָט ר' יצחק דודן פאַרדראָסן פאַרוואָס ער האָט דעם זון אַזוי קלאָר דערמאָנט, אַז ער וואוינט אין דער שטאָט וואו די פלאַמען פון דער מגפה זיינען נאָך אין פולן ברען. ער האָט ערשט געזען ווי אַ וואָלקן פאַרציט זיך אויף זיין זונס פנים. ער האָט אויך געהערט ווי זיין זון בעט זיך ביי אים: „טאַטע, אפשר וואָלט גלייך געווען כ'זאָל נעמען טשיפּען מיט די קינדער און קומען צו דיר, צו דער מאַמען אהיים?"

ר' אהרנס שטימע איז געווען קינדעריש־צאַרט, בעטנדיק־שטיל, אומזיכער און שטאַמלענדיק. דער נורער רב האָט געפילט ווי זיין האַרץ צעגייט פאַר רחמנות אויף זיין קינד. ער האָט אים שיער נישט אַ זאָג געטאָן: „נעם, זון מייגער, און ברענג דיין הויזגעזינד צו מיר!" אָבער ער האָט דעם זון גענומען אונטערן אָרעם און ער האָט אים גע־בעטן: „ווייסט דאָך, מיין זון, איך דאַרף דיר נישט זאָגן, פון אַ מגפה, מיין קינד, קען מען נישט, דאַרף מען נישט, טאָר מען פשוט נישט אַנטלויפן, ווייל, דו ווייסט, אהרן, ווייסט אַז ס'איז דאָ אַ גרעסערע געפאַר אין דעם אַז די מגפה זאָל חלילה נאָכלויפן ווי"...

ר׳ יצחק דוד איז געבליבן שטיל אין מיטן ריידן. אים האָבן פאַרפעלט ווערטער ערשט. „כ׳ווייס, טאַטע, כ׳ווייס, אַז מ׳קען פון קיין מגפה נישט אַנטלויפן!" האָט ר׳ אהרן געזאָגט. „אָבער", „גאָר־נישט אָבער!" האָט אים דער טאַטע איבערגעריסן די רייד. „טאָקע אין זכות פון דעם וואָס דו מיין קינד ביסט זיך אַזוי מתעסק אין ביקור חולים, טאָקע דערפאַר וועט השם יתברך העלפן און דו און דיין הויז־געזינד וועלן ניצול ווערן פון דעם פייער!"

טאַטע און זון האָבן זיך געדריקט שטאַרק און שטאַרקער די הענט. און ווען דער נורער רב האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דער פור, און ווען דער פויער האָט מיט דער בייטש אַ טרייב געטאָן דאָס פערד האָט זיך ר׳ אהרנען געדאַכט אַז פון מאַלקינער וועג, פון די פעלדער אַרום טראָגן זיך מיט אימפּעט מיט רעש, מיט געאייל פרישע, שטאַרקע ווינטן, וואָס הייבן אָן צו צעפאָכן די פאַרסמטע לופט פון שטאָט, וואָס פאַר־טרייבן די ריחות פון די צעפוילטע מענטשלעכע קערפּערס אַרום דער שטאָט; וואָס פאַריאָגן די וויסטע מגפה, וואָס האָט מיט פלאַם־פייערדיקן צאָרן ביז אַהער פאַרצערט די שטאָט.

מיט הינטערשטע געסלעך האָט ר׳ אהרן זיך אומגעקערט אין שטאָט אַריין. דורכן יאַטקע געסל איז ער אַוועק צום אַמשענאָווער שטיבל. ער איז געגאַנגען און ער האָט געפילט ווי אַ בענקשאַפט צו זיין טאַטן צעברויזט זיך אין זיין האַרץ. ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם אַלטן בית־המדרש; ער האָט אָנגעטראָפן דעם הויכן מאָטקען, וואָס האָט פון הונגער און אויסגעצערטקייט נאָך אויסגעזען העכער ווי שטענדיק.

„וואָס ביסטו אַזוי פאַראומערט, אהרן?" האָט אים מאָטקע מיט זיין שטענדיקער בגלופנדיקער שטימע אַ פרעג געטאָן. ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און ער האָט פאַרגעזעצט: „היינט איז דאָך יאָרצייט נאָך „אים" ז"ל, איז דאַרף מען מאַכן אַ לחיים. און געדענקסט דאָך אהרן ווי „ער" ז"ל פלעגט שטענדיק זאָגן און אונדז וואָרנען: „עצבות קען חלילה פירן צו עבודה זרה!" איז לאָמיר טאָקע פריילעך זיין, אהרן!"

מאָטקע האָט ר׳ אהרנען אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, ער האָט אַרויסגענומען אַ פלעשל פון בוזעם־קעשענע און ער האָט זיך כמעט

צעזונגען אין מיטן גאַס: „מיר וועלן טרינקען לכבוד „אים" ז"ל. קום אהרן, לאָמיר אַ שפּרייז טאָן אין שטיבל אַריין.!"

אויפן וועג צום אַמשענאָווער שטיבל האָט מאַטקע געשווינד און גיך געריידט; ר' אהרן האָט נישט געהערט מאַטקעס רייד. אַ שווי־דערלעכע בענקשאַפט נאָך זיין טאַטן האָט ערשט גענאַגט זיין האַרץ. ער איז געגאַנגען און ער האָט געפילט ווי די פיס זיינע שלעפּן זיך נאָך נאָך אים. זיי זיינען צוגעקומען צום אַמשענאָווער שטיבל. מאַטקע איז אַריין דורך דער פאַדערשטער טיר און ר' אהרן איז אַריין דורך דער הינטערשטער טיר פון שטיבל; ער האָט דערזען ביים לאַנגען, ברייטן טיש דעם געל־וואַקסענעם, דעם איינגעשרומפּענעם פּנים פון זיין שווער, ר' נח דאַזער. ער איז געזעסן ביי זיינעם אַ גאָלד־געליישטן לעדער־גע־בונדענעם משניות און ער האָט זיך געשאָקלט איבער אים ווי אַ פאַר־טרוקנטער זאַנג שאָקלט זיך אין ווינט.

ר' אהרן האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון זיין שווער, ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און ער האָט זיך מיט אַ מוראדיק־בענקענדיקן ניגון צעדאַוונט ערב־יום־כיפּורדיק שטיל.

---

און די געדיכטע, טיפע וועלדער אַרום אסטראָווע, די וועלדער אויף בראָקער, אויף רוזשאַנער, אויף וואַרשעווער און אויף זעמבראָווער שאָסייען האָבן פּחדיק געוויספּערט און זיי האָבן איינגעהילט די שטאָט אין אַ נאַכטיקער, אַ בלייאיק־שווערער, אַ מוראדיקער, אומזיכערער שטילקייט.

# די לעצטע לעקציע

אויף אַ באַרג, אין צענטער פון שטאָט, איז געלעגן דער קעמפּוס פון אוניווערזיטעט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ שווערע קאָפּ אויף די אַקסלען פון שטאָט. די געדיכט־באַוואַקסענע בוימער פון קעמפּוס האָבן זיך געצויגן צו די הויכן און סודותדיק געשעפּטשעט און שטיל עפּעס געמורמלט. צווישן די בוימער זיינען געשטאַנען די אוניווערזיטעט געביידעס און האָבן זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער און איינגעזאַפּט אין זייערע דיקע ווענט די סודות פון די בוימער. די געביידעס האָבן אויסגעזען הויך און שפּיציק ווי די בוימער אַרום זיי. יעדער אבר פון די געביידעס, די פענצטער און טירן, די בויגנס און די זיילען, אַלץ האָט זיך מיט אַ שפּיזיקער שאַרפּקייט געצויגען צום הימל. די טורעמס פון די געביידעס האָבן אַרויסגעקוקט איבער די בוימער ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויסגעפינען וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט אויסערן קעמפּוס.

פון שטאָט האָבן זיך געצויגן צום קעמפּוס זיגזאַגישע וועגן און אויסגעטראָטענע סטעזשקעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי זילבערנע סטענגעס פאַרפלאָכטן אין גרין־באַוואַקסענעם קאָפּ פון קעמפּוס. אויף די וועגן האָבן יעדן פרימאָרגן געווירבלט מענטשן ווי פליגן און זיינען איינגעזויגן געוואָרן, ווי פון די שוואָמען, אין דער געדיכטקייט פון די בוימער און געביידעס.

אויף איינעם פון די וועגן איז יעדן פרימאָרגן געגאַנגען פּראָפעסאָר ווילי דיימען מיט געצעלטע טריט און האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פאַרריסן צו די הויכן. זיין קאָפּ איז שטאָלץ געזעסן אויף די אַקסלען און זיינע אויגן האָבן דערגרייכט ביז די שפּיצן פון די טורעמס. ווייל העכער האָט זיך פּראָפעסאָר דיימען געהאַלטן פאַר אַלע בוימער, טורעמס און פּראָפעסאָרן פון גאַנצן אוניווערזיטעט. ער, פּראָפעסאָר ווילי דיימען, איז געווען שוין פון יאָרן דער הויפּט פון פאַקולטעט פון קלאַסישע שפּראַכן. גריכיש און לאַטיין, די זיילן פון דער וועלט קולטור,

זיינען געלעגען אין זיין רשות. ווי אַ קעניג אויף זיין טראָן אַזוי האָט ער געהערשט אין זיין אָפּטייל, דעם וױכטיקסטן אין אוניווערזיטעט. ער האָט היינטער זיך געהאַט אַ גאַנצע אַרמיי. זיין שטאַב איז באַשטאַנען פון פּראָפעסאָרן, לערערס און געהילפן; די אַרמיי איז געווען די פּשוטע זעלנער פון ביידע געשלעכטן: סטודענטן און סטודענטקעס.

אַז ווילי דיימען איז געגאַנגען איבערן קעמפּוס האָבן אַלע אַן אויסנאַם זיך פאַרנויגט פאַר אים און אים באַגריסט מיט גרויס יראת־הכבוד.

געוואוסט האָבן אַלע סטודענטן, אַז עס זיינען דאָ קורסן אין אוני־ווערזיטעט, וואָס מען קען אויסמיידן, זיי נישט נעמען אויב מען וויל ניט, אָבער קיינער האָט ניט געקענט האָפן אַפילו, אַז ער וועט קענען גראַדואירן אויב ער וועט ניט נעמען איינעם אָדער מער קעגנשטאַנדן אין פּראָפעסאָר ווילי דיימענס אָפּטיילונג.

כאָטש פּראָפעסאָר ווילי דיימען איז געווען דער אויפזעער איבער לאַטיין און גריכיש, האָט ער פונדעסטוועגן וױיניק וואָס געהאַלטן פון לאַטיין. דער עיקר איז ביי אים געווען גריכיש. אַן גריכיש, האָט ער געגלויבט, קען קיין מענטש זיך ניט פאַררעכענען פאַר קיין קולטורעלער באַשעפעניש. לאַטיין איז געווען ביי אים די דינסט, אמת, די אויס־דערוויילטע, פון דער גריכישער שפּראַך. ער האָט איינגעטיילט די שפּראַכן אַזוי: גריכיש, דאָס איז דאָס פּריסטערטום פון אַלע שפּראַכן, די כהנים; לאַטיין, די לויים און די אַנדערע שפּראַכן זיינען דאָס פאָלק, די פּשוטע ישראלים. די קלאַסיפיקאַציע האָט ער געמאַכט ווייל ער איז געווען שטאַרק באַהאַוונט אין דער ביבל, און איז געווען באַזונ־דערס פאַרליבט אין ביבלישן לאָר. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז אַפילו די ביבל איז אויך אַ טייל פון דער גריכישער קולטור, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז די אמתע ביבל אויף וועלכער מען קען זיך פאַרלאָזן איז די סעפּטואַגינטע, אָדער דער תרגום השבעים. דערפאַר טאָקע האָט ער ליב געהאַט צו ריידן צו זיינע סטודענטן וועגן די נביאים און דערביי האָט ער זיך אָפּגעשטעלט דערהויפּט אויף ירמיהון און אַנגע־וויזן אויף דעם שטאַרקן איינפלוס, וואָס די לעסביאַנער פּאָעטעסע סאַפּפאָ האָט געהאַט אויף דעם ביבלישן דיכטער. און אַז ער האָט גערעדט וועגן

דוד המלך און געשילדערט ווי מאַיעסטעטיש ער האָט געטאַנצט אַנטקעגן אָרון מיט די לוחות איבער די גאַסן פון ירושלים, האָט ער אים געשיל־דערט אַזוי ווי ער, דוד, וואָלט געווען אַ גריכישער הערשער, וואָס וואָלט געטאַנצט אין אַ פעסטיוואַל פאַרן גאָט דיאָניסוס.

ביי זיין שרייב־טיש אין זיין פאַקולטעט־צימער איז ער אַלע מאָל געזעסן און איז געווען פאַרטאָן, צום טויזנטסטן מאָל, אין דער אַנטיגאָנע פון סאָפאָקלעסן. ער האָט שטענדיק אויסגעפונען עפּעס אַ נייעם וואונ־דער אין דער שפּראַך פון גרויסן דיכטער, אין די געדאַנקען, אין יעדער שורה און אין יעדן וואָרט. מיט די נייע דערפינדונגען און גע־דאַנקען האָט ער ליב געהאַט זיך צו טיילן מיט די מיטגלידער פון זיין פאַקולטעט, וואָס זיינען שטענדיק גרייט געווען צו נאַשן עפּעס אַ נייעם געדאַנק פון זייער גרויסן רבין.

כאָטש פּראָפעסאָר ווילי דיימען האָט שוין לאַנג ניט געדאַרפט לערנען מיט קיין קלאַסן, פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אָנגעהאַלטן אַזוי פיל קלאַסן וויפיל צייט ער האָט נאָר געקענט אָפּשפּאָרן פון זיין ביוראָ־אַרבעט אַלס הויפּט פון פאַקולטעט. געטאָן האָט ער עס דערפאַר ווייל ער האָט ליב געהאַט דאָס לערנען מיט די סטודענטן. ווי אַ שטאַרק איינגעוואָרצלטער צאָן אַזוי איז ער געווען אַריינגעוואַקסן אין קלאַס־צימער און זיך פון קיין שום קראַפט ניט געלאָזט אַרויסרייסן פון דאָרטן. האָבן די יונגע לערער באַוואונדערט זיין ענערגיע און די אַלטע האָבן געהויבן מיט די אַקסלען און געשוויגן. לערנען האָט ער געלערנט מיט אַלע קלאַסן וואָס האָט זיך נאָר געמאַכט: פון אָנפאַנגער ביז סעמי־נאַריסטן. מיט אַלע האָט ער געלערנט מיטן זעלביקן ברען, פאַר אַלע האָט ער אַרויסגעוויזן דעם זעלבן ענטוזיאַזם פאַר דער גרויסקייט פון דער גריכישער קולטור. דערפאַר טאַקע זיינען זיינע קלאַסן געווען אַ שם דבר אויפן קעמפּוס. איידער די רעגיסטראַציע פאַרן סעמעסטער האָט זיך אָנגעהויבן האָבן שוין סטודענטן געזוכט און גענישטערט, גע־פאָרשט און זיך נאָכגעפרעגט וואָסערע קורסן ער וועט געבן און זיי האָבן באַוואָרפן דעם רעגיסטראַרס ביוראָ מיט בריוו, באַשאָטן מיט אַזוי פיל אַפּליקאַציעס ווי עס באַשיטן די בוימער אין האַרבסט די וועגן מיט זייערע פאַרטרוקנטע בלעטער.

אַנגעפּילט זיינען געווען זיינע קלאַסן, אין יעדן ווינקל איז געשטאַנען אַ שטול; יעדער ליידיקער פּלאַץ איז געווען פאַרנומען און גליקלעך זיינען געווען די, וואָס האָבן נאָכדעם ווי אַלע זיץ־פּלעצער זיינען שוין געווען פאַרנומען, געקראָגן פון אים אַ ספּעציעלע דערלויבעניש צו קענען שטיין אַרום די ווענט, ביי די פענצטער, אַבי צו קענען זיין אין ווילי דיימענס קלאַס.

ביי אַלע איז געווען אַ יום־טוב דעם טאָג ווען דער סעמעסטער האָט זיך אָנגעהויבן. ווי צו עפּעס אַ פעסט, אַזוי האָבן זיך זיינע סטודענטן געגרייט צו קומען דאָס ערשטע מאָל אין קלאַס אַריין. און ער, פּראָפעסאָר ווילי דיימען, האָט אויך דעם ערשטן טאָג פון סעמעסטער געמאַכט פאַר אַ ספּעציעלן יום־טוב. ער האָט זיך אָנגעטאָן זיינע שוואַרצע הויזן מיט די גרוי־ווייסלעכע שטרייפן, זיין לאַנגן ראָק באַזוימט אַרום די קלאַפּעס מיט שוואַרצע זיידענע סטענגעס, מיט לאַנגע, שאַרפע שפּיצן פון הינטן. די שפּיצן האָבן שיער דערגרייכט די קנאָפּל פון זיינע שיך. ער האָט זיך אויסגעצירט אין אַ שטייף געקראָכמאַלעטער העמד מיט אַ פאַרלייגטן קאָלנער, מיט אַ שניפּס ווי צוויי פליגל פון אַ פויגל. אַ פינקלדיקער בריליאַנט האָט אַרויסגעקוקט פון שניפּס צו די סטודענטן אין קלאַס. אין קעשענע פון זיין ראָק איז זיך געמיטלעך געזעסן אַ וויס־זיידן נאָזטיכעלע אויסגעלייגט ווי אַ בלום מיט אַראָפּ־הענגנדיקע פּעטאַלן און אין לאַץ איז געווען פאַרשטעקט אַ ווייסע רויז, וואָס האָט אָנגעפּילט דעם קלאַס מיט ריחות פון אַ בלומען־גאָרטן אַזוי שנעל ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען אין קלאַס־צימער. זיין פּנים, גלאַט געראַזירט, האָט פריידיק געשטראַלט און זיינע קליינע, גלאַנציקע אויגן זיינען בליץ־שנעל געלאָפן איבער די פּנימער פון די סטודענטן און זיי גוט באַטראַכט.

ווי אַ פאָטער זיינע קינדער אַזוי האָט ווילי דיימען אַ צעשטראַלטער באַגריסט די סטודענטן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיין קאַטעדרע, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס אַזוי, אַז מען האָט אַרויסגעזען זיינע שוואַרצע זיידענע זאָקן אַזש ביז די גומעס און איז געבליבן זיצן אַזוי אין שטיל־שווייגן אַ פּאָר סעקונדן. מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם איז דער קלאַס געזעסן און געוואַרט, אַז דער פּראָפעסאָר זאָל איבעררייסן די שטילקייט.

אייניקע סטודענטן האָבן זיך געדרויטלט פּילנדיק דעם לערערס אויגן אויף זיך. אַז זיין בליק האָט זיך שוין געהאַט אָנגעזעטיקט מיט די פּנימער פון די סטודענטן האָט ער שטיל און געלאַסן אָנגעהויבן אויסצורופן די נעמען פון זיינע שילער. גערופן האָט ער אַלע מאָל די ריי פון די נעמען אָנהויבנדיק פון „זי", אַנשטאָט „איי", כדי צו געבן אַ געלעגנהייט די סטודענטן, וואָס האָבן ניט דאָס גליק צו האָבן אַ נאָמען וואָס הויבט זיך אָן מיט די ערשטע אותיות פון אַלפאַבעט צו זיצן אין די ערשטע רייען בענקלעך פון קלאַס און זיין נאָענט, האָבן די זכיה צו קענען קוקן דעם פּראָפעסאָר גלייך אין די אויגן אַריין.

אַז ער האָט גערופן אַלע נעמען און געגעבן יעדן סטודענט זיין באַשטימטן פּלאַץ האָט ער זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צו דער שרייב־ברעט און האָט מיט קאַליגראַפישע בוכשטאַבן אָנגעשריבן דעם גריכישן אַלפאַבעט. באַלד האָט ער גענומען אַ ווירע אין האַנט אַריין און קינדעריש, שפּילעוודיק, טייטלענדיק מיט דער ווירע צו דער ברעט האָט ער זיך צעזונגען פאַרן קלאַס: „אַלפאַ, בעטאַ, סעטאַ, עטאַ!". ער האָט געזונגען און איבערגעזונגען אַזוי לאַנג און אַזוי פיל מאָל, ביז אַלע אין קלאַס האָבן גוט געקענט דעם ניגון. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך געווענדט צו אַלע אַרום: „נו, חברה! געגאַנגען. לאָמיר אַ זינג טאָן אַ גריכישע מעלאָדיע, אַ ליד וואָס דער גרויסער סאָקראַטעס, דער ריזן־דענקער פּלאַטאָ האָבן אין זייער קינדהייט געזונגען!" ווי אַ דירי־גענט זיין כאָר, אַזוי האָט פּראָפעסאָר ווילי דיימען אַ פיר־געטאָן מיט זיין ווירע ווי אַ באַטאָן און באַלד זיינען די סטודענטן פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין כאָריסטן און איבערן קעמפּוס האָט זיך געשפּרייט דאָס גע־זאַנג, די טענער האָבן זיך געשפּאַרט דורך די פענצטער, זיי האָבן זיך דורך די טירן געריסן, די קאָרידאָרן אָנגעפילט און באַלד האָט זיך געדאַכט, אַז גראָזן און בלומען, ביימער און פלאַנצן, אַפילו די שטיי־נער פון די געביידעס זינגען מיט מיטן קלאַס, וואָס ווערט אָנגעפירט פון פּראָפעסאָר ווילי דיימען.

געזונגען האָבן אין זיינע קלאַסן ניט נאָר אָנפאַנגער, נאָר אַפילו אַזוינע וואָס האָבן שוין פריער געלערנט ביי אים: סעמינאַריסטן, פּאָסטגראַדואַנטן און געסט, וואָס זיינען געקומען באַזוכן זיינע קלאַסן,

זיינען אויך מיטגעריסן געוואָרן מיטן ענטוזיאַזם פון קלאַס און אַליין ניט וויסנדיק וואָס זיי טוען, האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז זייערע מיילער זיינען ברייט צעעפנט און טענער, וואָס זיינען אָט ערשט געווען ווייט און פרעמד, רייסן זיך אַרויס פון זייערע העלדזער.

דער קלאַס איז געוואָרן איינגעשטילט. יום־טוב׳דיק, פרייליך זיינען אַלע געזעסן און געוואַרט אויף ווייטערע דירעקטיוון פון זייער דיריגענט, פּראָפעסאָר ווילי דיימען.

ווי מיט אַ בוזעם־פריינט אַזוי האָט ווילי דיימען זיך דורכגעשמועסט מיט זיין קלאַס. ער האָט שטענדיק געהאַט מעשהלעך און וויצן זיי צו דערציילען. אַלץ וואָס איז מיט אים געשען אין פאַרלויף פון טאָג, האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן זיינע סטודענטן. ניט איינמאָל פלעגט ער קומען און זיי וויזן אַ פאַרשטאָכענעם פינגער, אַן אָפּגעריבן שטיקל הויט אויפן האַנט און זיי דערציילן, אַז ער האָט געהאַקט האָלץ פאַר זיין ווייב אָדער געוואַשן די דילן, אָדער געשאָבן מייערלעך אויף מיטאָג און זיך די הענט פאַרשניטן. די סטודענטן האָבן אין אָנהייב געגאַפט פון זיינע אינטימע מעשהלעך אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צוגעוואוינט צו זיין אינטימקייט און האָבן אַליין ניט געוואוסט ווי נאָענט ער איז זיי געוואָרן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו זייער פּראָפעסאָר נאָך די קלאַסן און אים פאַרטרויען זייערע סודות. ווי קינדער פאַר אַ חברשן טאַטן, אַזוי האָבן זיך די סטודענטן באַצויגן צו אים. ווי איין גרויסע, גליקלעכע משפּחה איז זיין קלאַס געוואָרן.

אַזוי האָט זיך געצויגן אַ סעמעסטער נאָך אַ סעמעסטער, אַזוי זיינען דורך יאָרן און יאָרן און פון יאָר צו יאָר האָט פּראָפעסאָר ווילי דיימען אויסגעזען אַלץ יונגער, קרעפטיקער און פריילעכער, ביז עס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן אַנדערע ווינטן צווישן די גאָטישע געביידעס פון קעמפּוס.

די צאָל פון סטודענטן איז געוואַקסן; פרישע פליגל צו די געביידעם זיינען צוגעקומען; נייע פאַקולטעטן האָבן זיך געעפנט. אין אוניווערזיטעט האָבן זיך באַוויזן נייע פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן געגעבן קורסן אין נייע געגנשטאַנדן. די נייע קורסן האָבן אָנגעהויבן צו שפּראָצן; צום ערשטן זיינען זיי געווען בלויז קנאָספּן און באַלד האָבן

זיי זיך צעעפנט, צעוואַקסן זיך און אָנגעהויבן צו פאַרנעמען וואָס מער רוים אין די אוניווערזיטעט געביידעס. מער און מער צימערן זיינען געוואָרן פאַרנומען מיט די נייע קורסן און אַט האָבן שוין די קורסן דערגרייכט אַזש די טירן פון פּראָפעסאָר ווילי דיימענס קלאַס־צימער. איבערן קעמפּוס האָבן זיך געטראָגן די קלאַנגען פון נייע טערמינען אין פּראַקטישע וויסנס. מען האָט גערעדט וועגן בריקן, וועגן ראַדיאָ, וועגן מאַשינען און וועגן אַרבעט־כּלים.

אין די קלאַסן פון קלאַסישע שפּראַכן האָט אָנגעהויבן צו ווערן שיטערער און שיטערער; אַלטע, איינגעפונדעוועטע לערער האָבן פאַרלוירן זייערע שטעלעס, אַנדערע, מער פּאַראויסזעענדיקע, האָבן זיך צוגעאיילט און זיך ווי עס איז פּראָבירט איבערצוקוואַליפיצירן. פון סעמעסטער צו סעמעסטער זיינען געוואָרן אַלץ ווייניקער לערער אין פּראָפעסאָר ווילי דיימענס פאַקולטעט. און ביסלעכווייז איז אין די קלאַסן פון פּראָפעסאָר דיימען אויך געוואָרן ליידיקער.

איז פּראָפעסאָר דיימען אַרומגעגאַנגען ברוגז אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט. האָט ער געשטורעמט און געצאַרנט און מיט יאוש געטענהט צו זיך אַליין: „אַ וועלט גייט אונטער. צוריק צו די פינצטערע צייטן גייען מיר, צו באַרבאַריזם. אַ וועלט אָן גריכיש איז גאָר קיין וועלט ניט."

מיט ווייטיק און פּיין האָט ער געזען ווי עס וואַקסן די קלאַסן אין נייע מאָדערנע שפּראַכן. „שנעקעס, פּוסטע קעפּ, פאַרנעמען די פּלעצער פון חכמה און וויסן," האָט ער מיט פאַרדראָס גערעדט וועגן די נייע שפּראַכן און וועגן די לערער. מען האָט קיינמאָל נישט געקענט וויסן וועמען ער באַצייכנט מיטן וואָרט שנעקעס און אויף וועמען ער ווענדט אָן דעם אויסדרוק „פּוסטע קעפּ". כאָטש ער האָט באַשיינפּערלעך געזען ווי זיינע קלאַסן רינען אויס, איז ער פונדעסטוועגן צו שטאַרק נאָך ניט געפאַלן ביי זיך. ער האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז ווי אייל אויפן וואַסער אַזוי וועט נאָך דער אמת ווידער אַרויפקומען צום אויבערפלאַך פון דער געזעלשאַפטלעכער אָנערקענונג און די נייע, פּוסטע לערן וועלן צוריק פאַרשווינדן אין די נאָרעס אַריין וואו זיי זיינען געווען ביז אַהער.

ביי פּראָפעסאָר דיימען אין קלאַס זיינען געשטאַנען נאַקעטע בענק־לעך און אים חוצפּהדיק געשטאַרט אין פּנים אַריין. געדאַכט האָט אים, אַז ער הערט ווי די בענקלעך זאָגן קלאָר און דייטלעך: „נישטאָ שוין דער אַמאָל, ווילי, אויף אייביק וועלן מיר שוין אַזוי שטיין און פּוס־טעווען; עס וועלן שוין מער זיך נישט רייסן קיין סטודענטן צו זיצן אויף אונדז און אַרויפקוקן צו דיר, גרויסער חכם." האָט ווילי געוואָלט פאַרשרייען די שפּאָטישע רייד פון די בענקלעך. האָט ער זיך צו זיי נישט געוואָלט אונטערגעבן.

איז ער נאָך דאַן אין קלאַס אַריינגעקומען אויסגעפּוצט ווי אַמאָל. האָט ער נאָך מיט יום־טובדיקער געהויבנקייט אָנגעהויבן זיין קלאַס מיט אַ געמאַכטער פרייליכקייט און זיך הויך צעזונגען: „אַלפאַ, בעטאַ!" נאָר קיינער האָט זיין געזאַנג נישט געהערט, ווייל קליין איז געווען זיין כאָר און פאַרמאַכט זיינען געווען די טיר און פענצטער פון זיין קלאַס, ווייל עס האָט זיך ווילי דיימען געשעמט צו האַלטן אָפן די טירן פון זיין קלאַס, טאָמער וועט אַ יונגער שנעק דורכגיין און אָפּלאַכן פון זיין גע־פאַלענער מלוכה, פון דער פּוסטקייט וואָס הערשט אַרום אים.

פּראָפעסאָר ווילי דיימען איז געזעסן לעבן זיין קאַטעדרע און פאַר־ביטערט געטראַכט: „אַ לעבן אָפּגעאַרבעט; געטריי געדינט דער וועלט־קולטור און ערשט פאַרלאָזן מיר אַלע, אַליין בלייב איך אין מיינע קלאַסן. קיינער וויל מער נישט טרינקען פון די קוואַלען פון אמתן וויסן. ווי אַזוי אַ אַ וויינגט איז דער וועלט צו וואָס זי האָט דערלעבט: יינגלעך ווערן וועלט־פירער; נייע, קולטורלאָזע שפּראַכן פאַרנעמען דאָס אָרט פון די וועטעראַנען־שפּראַכן פון דער ציוויליזאַציע." ער האָט אַפילו זיין ווייטיק נישט געקענט איבערדערציילן צו זיינע קאָלעגן, ווייל געדאַכט האָט אים, אַז זיי וועלן נאָך אָנקוועלן פון זיין געפאַלנקייט.

גאַנצע פרימאָרגנס איז ער געזעסן אין זיין גרויסער ביוראָ, וואָס איז געווען אַזוי פּוסט ווי פּוסט עס איז אים געווען אויפן האַרצן, געקוקט אויף די ליידיקע שרייב־טישן אַרום און פּרובירט לייענען, זיך פאַרטיפן אין די ווערק פון זיינע באַליבטע שרייבער. ער פלעגט אָפט פאַרגעסן וואָס עס טוט זיך אַרום אים און פאַר געוואוינהייט בלויז פלעגט ער, נאָכן איבערלייענען אַ פּאָר שיינע פּערזן אין סאָפאָקלעס, יוריפּידעס אָדער אסקעלעס, אויפהויבן דעם קאָפּ און אַ רוף טאָן: „באַיס, הערט

נאָר אַ פערד! נעמט נאָר אויף אַ מין געדאַנק אויסגעדרוקט אין צוויי שורות..." נאָר זיינע ווערטער האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין חלל אַרום אים און בלויז דער עכאָ פון גרויסן ליידיקן צימער האָט אים אָפּגעענטפערט שפּאָטיש, פאַרשייט: „קיינער דאַרף ניט דיינע חכמות, ווילי; דיין חריפות גייט אונטער צוזאַמען מיט דיינע קלאַסן!"

איינגעהילט אין דער שטילקייט פון דער ליידיקער ביורא איז געזעסן ווילי דיימען און געמישט די בלעטער פון די אַפּאָסטאָלן פון דער גריכישער ליטעראַטור, בלויז די גאָלד־געליישטע רוקנס פון די ביכער אין די שאַפּעס אַרום די ווענט, האָבן שטום מיטגעוויינט מיטן אומעט, וואָס האָט זיך געריסן פון זיין פאַרוואונדעט האַרץ.

דער פרילינג האָט אַ יאָג געטאָן מאַיאיקע פרישקייט אויפן גאַנצן וועלט־באַשאַף. די בוימער און גראָזן אויפן קעמפּוס האָבן זיך יוגנטלעך צעבליט און צעשיקט אין רוים אַרום אָן אַ צאָל ריחות, וואָס האָבן געוועקט, גערייצט און דערפרישט. די גאַנצע נאַטור האָט זיך צעזונגען מיט לוסטיקע מעלאָדיעס, מיט פריידיקע געזאַנגען. אַ סימפאָניע פון ווידערגעבורט און אויפלעב האָט זיך געטראָגן אין רוים. אַ לויטערער הימל ווי אויסגעשלאָפענע אויגן פון אַ קינד, איז געהאַנגען איבערן קעמפּוס. עס האָבן זיך דערנעענטערט די לעצטע טעג פון סעמעסטער.

מיט אַ שווער געמיט, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איז פּראָפעסאָר ווילי דיימען געגאַנגען מיטן וועג, וואָס האָט זיך ווי אַ זילבערנע סטעזשקע געשלענגלט באַרג אַרויף איבערן קאָפּ פונעם קעמפּוס צו די גאָטישע געביידעס. ווי אַלע מאָל, ווי אין די יאָרן פון „זאַטקייט" אין די קלאַסן אַזוי האָט ווילי דיימען מיט זיך געטראָגן אַ צוגעגרייטן עקזאַמען־פּאַפּיר טיף פאַררוקט אין זיין לעדערנער טעקע פון וועלכער עס האָבן אַראָפּגעבלאַנקט די גאָלדענע ראשי תיבות „וו", „ד". ווי שטענדיק אין פרימאָרגן פון די עקזאַמענס איז ער געווען אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע קליידער. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן דעם ווייסן בלום אין לאַץ פון זיין ראָק מיט די לאַנגע שפּיצן פון הינטן. נאָר לייכטער ווי אַלע מאָל איז דעם פרימאָרגן געווען ווילי דיימענס טעקע. אָנשטאָט אַ פּאַק עקזאַמען בויגנס האָט ער מיט זיך דאָס מאָל געטראָגן בלויז איין עקזאַמען פּאַפּיר, איין בויגן מיט פראַגן פאַר איין שילער. געוואָלט האָט ווילי דיימען אַוועקשטעלן איין פראַגע אויפן עקזאַמען בויגן, איין

פראַגע, אַ האַרבע, אַ זייער שווערע צו פאַרענטפערן. געוואָלט האָט ער פרעגן: „פאַרוואָס?" נאָר פאַר געוואוינהייט בלויז האָט ער ווי געווינלעך געשטעלט ענלעכע פראַגן צו די וואָס ער האָט אַלע זיינע יאָרן געפרעגט זיינע סטודענטן. מיט דעם איינעם עקזאַמען בויגן איז ער געגאַנגען איבערן קעמפּוס און האָט געהאַט דאָס געפיל ווי ער וואָלט מיט זיך געטראָגן דעם פּסק דין פון זיין אייגענעם אונטערגאַנג. די לייכטקייט פון דער טעקע האָט אים געצויגן צו דער ערד ווי ער וואָלט געווען באַלאָדן מיט בליי.

ווי וואַסער פון אַ זיפּל, אַזוי זיינען די סטודענטן אויסגערונען פון זיינע קלאַסן. געבליבן איז בלויז איין טראָפּן אין זיפּל און ערשט אָט באַלד, ווען דער איינער טראָפּן, דער לעצטער אויך אויסרינען און אַליין וועט ער, ווילי דיימען, בלייבן זיצן אין גרויסן קלאַס־צימער ווי ער זיצט שוין באַלד צוויי יאָר אין דער ביוראָ און הערט זיך צו צו זיין אייגענעם אומעט.

געוואוסט האָט ווילי דיימען, אַז ערשט וועט שוין צו אַלץ נעמען אַ סוף. כל זמן ער האָט נאָך געהאַט מיט וועמען צו לערנען, אַפילו מיט געציילטע סטודענטן, האָט מען נאָך ווי עס איז געדולדעט דעם „וועטעראַן" פון די קלאַסישע שפּראַכן, ווי די יונגע האָבן אים גערופן, אָבער אַז דער לעצטער סטודענט וועט אַוועק, וועט מען אים דעם קלאַס־צימער און די ביוראָ צונעמען. געננוג בעלנים זיינען דאָ, פון די יונגע, די ניי־אויפגעקומענע פאַקולטעטן, וואָס שאַרפן זיך שוין לאַנג די ציין אויף זיין ביוראָ און זיין קלאַס. ער ווייסט, אַז זיי וואַרטן אומגעדולדיק אויף דעם טאָג ווען ער וועט זיך פון דאָרט „אַרויסציען", און אָט האָבן זיי זיך שוין דערוואַרט. און אָט איז געקומען דער לעצטער מאָמענט.

ווי אַ שאָטן האָט זיך פּראָפעסאָר ווילי דיימען אַריינגעשלייכט אין קלאַס־צימער. אַ פאַרשעמטן, אַן אומעטיקן האָט ער געטראָפן זיצן דעם לעצטן סטודענט זיינעם און וואַרטן אויפן עקזאַמען. מיט אַ געמאַכטער פרייד האָט ער דעם סטודענט אַנטקעגנגעטראָגן זיין שטענדיקן „גוט־מאָרגן", נאָר מאָדנע, פרעמד האָט זיין שטימע אָפּגעקלונגען אין קלאַס. ווילי האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַרן קלאַנג פון זיין קול. ווי אַ געוויין פון אַ קינד, וואָס בענקט נאָך דער מאַמען, אַזוי האָט זיין קול געקלונגען. דער סטודענט האָט אויפגעהויבן די אויגן צום פּראָפעסאָר. זיי האָבן

זיך ביידע אָנגעקוקט אין שטילשווייגן און די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. ווי פון אָפּגרונט פון אַ טיפן גרוב אַזוי האָט פּראָפעסאָר ווילי דיימען צו זיין סטודענט זיך געווענדט: „מיר ביידע, דו, מר. דייוויד פינקעלסטיין, און איך, פּראָפעסאָר ווילי דיימען, דו, אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס האָט דער וועלט געגעבן די העכסטע מאָראַל און די שענסטע רעליגיע, איך, אַ לערער און טרעגער פון דער קולטור פון אַ פאָלק, וואָס האָט אַ וועלט ציוויליזירט, מיר ביידע זיינען די לעצטע, די לעצטע מאָהיקאַנער."

מיט פיבערדיקע הענט האָט ווילי דיימען אַרויסגענומען פון טעקע דעם עקזאַמען בויגן און אויף אים לאַנג געקוקט. אַ טרער האָט זיך פּאַמעלעך געקייקלט איבער זיין געראָנצלטן פּנים און אַראָפּגעפאַלן אויפן ווייסן, זיידענעם טיכעלע, וואָס איז געזעסן ווי אַ בלאַט פון אַ בוים אין הערבסט. ווי פאַרמעט פון אַן אַלטן שריפט האָט דאָס טיכעלע אויסגעזען אין ווילי דיימענס ראָק.

מיט געבעט אין די אויגן האָט ער זיך געווענדט צו זיין לעצטן סטודענט: „מר. פינקעלשטיין, איר ווילט אפשר צום לעצטן מאָל מיט מיר איבערזינגען דעם גריכישן אַלפאַבעט?"

ער האָט אַ נעם געטאָן די ווירע אין דער האַנט אַריין, איז אַרויף אויף דער קאַטעדרע, אַ פיר־געטאָן אין דער לופטן מיט דער ווירע ווי מיט אַ באַטאָן און זיך הילכיק צעזונגען.

דאָס געזאַנג האָט זיך געענדיקט. אין קלאַס האָט געהערשט אַ מוראדיקע שטילקייט. פּראָפעסאָר ווילי דיימען האָט גענומען דעם עקזאַמען בויגן און אים צוגעטראָגן צו זיין סטודענט. ער איז שטיין געבליבן מיט צעפלאַמטע, טיף־געזונקענע אויגן און געקוקט אויף דעם לעצטן סטודענט און אויף די ליידיקע בענקלעך אַרום. אין קלאַס האָט זיך געהערט דאָס שאָרכן פון אַ פעדער אויף שטייפן פּאַפּיר. פּראָפעסאָר ווילי דיימען האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן הין און צוריק איבערן צימער. זיין פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ פלאַמיקער רויטקייט. ער איז צוגעקומען נאָענט צום לעצטן סטודענט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים און געקוקט ווי ער שרייבט. מיטאַמאָל האָט ער זיך איינגעבויגן צום סטודענט און אַ שעפּטשע געטאָן: „אַנטשולדיקט" און צוגענומען פון אים דעם עקזאַמען בויגן. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער

אַנגעהויבן צו רייסן דעם פּאַפּיר און רייסנדיק דעם עקזאַמען־בויגן האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע געמורמלט: „דורכגעגאַנגען, דורכ־געגאַנגען, מר. פינקעלסטיין, יאָ, אַן „איי" געקראָגן, אויסגעצייכנט געענטפערט!"

מיט פיס ווי זיי וואָלטן געהאַנגען אויף ספּרוזשינעס איז ער שנעל אַרויס פון קלאַס און געלאָפן אין זיין ביוראָ אַריין. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין דריי־שטול, אויפגעפּראַלט די שופלאָדן און אַרויסגענומען פּעק מיט פּאַפּירן און זיי שנעל געריסן און געוואָרפן אויף דער ערד. ער האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו די שאַפעס ביכער און געקליבן געשווינדט און אַפּגעלייגט ביכער אין אַ זייט. ער האָט איינגעפּאַקט אַ שטויס ביכער, זיי אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און אַרויס פון ביוראָ.

איבערן קעמפּוס האָט אַ ווינטל געוויִעט. די גראָזן האָבן זיך געשושקעט, עפּעס שטיל געשעפּטשעט. פּראָפעסאָר ווילי דיימען איז געגאַנגען מיט דעם פּעקל ביכער אונטערן אָרעם און האָט געקוקט ווי זיינע טריט פּלאָנטערן זיך איינער אין אַנדערן. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן שנעלער. פון צווישן די ביימער און גראָזן האָבן זיך דער־טראָגן צו זיינע אויערן ווערטער און קלאַנגען. ער האָט דייטלעך גע־הערט ווי עס האָבן די ביימער און גראָזן געזאָגט מיט שפּאָט: „געפירט האָסטו, פּראָפעסאָר ווילי דיימען, געפירט אַ וועלט מיט יוגנט אויף די וועגן פון ציוויליזאַציע, פון קולטור, און זע וואוהין דו האָסט זיי פאַר־פירט! אויסגעשפּיגן האָט די ווערלט, וואָס דו האָסט דערצויגן."

געאיילט האָט ווילי דיימען, געלאָפן באַרג אַראָפּ פון קעמפּוס. אַן אַל־טער דעמב ביים טויער פון אוניווערזיטעט האָט שווער אַ קרעכץ געטאָן און קרעכצנדיק האָט ער געמורמלט: „אַ וועלט גייט אונטער, פּראָפעסאָר ווילי דיימען, אַ וועלט גייט אונטער, דיינע און מיינע!"

פּראָפעסאָר ווילי דיימען איז שנעל געגאַנגען און געקלאַפּט מיט די זוילן פון זיינע שיך אויפן צעמענטענעם טראָטואַר און געוואָלט פאַר־שרייען דעם געוויין וואָס האָט זיך געריסן פון זיינע אינגעווייידן; ער האָט שטאַרק געדריקט דאָס פּעקל ביכער צו זיין האַרץ און איז געלאָפן איבער די גאַסן צו זיך אַהיים, צום אומעט, וואָס וואַרט שוין פון יאָרן אויף אים אין זיין אַמאָליקן שטודיר־צימער.

# אַ לעפל אָן חמץ

מיט פֿאָרזיכטיקייט און יראת הכבוד האָט דער טאַטע אָפּגעשטויבט און אויסגעלופֿטערט די ספרים. אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען פֿאַרנומען מיט דער הייליקער אַרבעט. פֿאַרנאַכטצייט האָט ער די ספרים אַריינגעטראָגן אין הויז און זיי אויסגעשטעלט אויף דער ספרים־שאַפֿקע, וואָס איז געהאַנגען איבער דער טיר. די גאָלד־געלייַשטע גמרות האָבן פֿאַרנומען דעם אויבן־אָן — נאָך זיי זיינען די משניותן געשטאַנען, און לסוף די חומשים, מחזורים און אַנדערע ספרים, וואָס זיינען בישט געווען קיין „מיטגלידער" פֿון קיין גאַנג־ביכער, נאָר סתם אַזוי איינצלנע, ניט קיין מיוחסים.

אַז ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיטן איינשטעלן די ספרים, האָט ער זיך גענומען צוצוגרייטן די כלים צום ביינאַכטיקן מיסטעריעזן אַקט פֿון זוכן חמץ. פֿון אַ באַהאַלטן ווינקעלע אין הויז האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאָר געגנדזענע פֿעדערן, אַ קאַליקעוואַטן הילצערנעם לעפֿל, אַ שטיקל פּאָדעם און אַ שמאַטקעלע. ער האָט די פֿעדערן צונויפֿגעבונדן און געמאַכט אַ בעזימל פֿון זיי. דאָס גאַנצע כּלי־זיין האָט ער אַוועקגעלייגט ס'זאָל זיין גרייט פֿאַר דער נאַכטיקער צערעמאָניאַלער חמץ־זוכעריי.

ווען ער איז שוין גרייט געווען צו גיין אין בית המדרש אַריין דאַוונען מנחה און מעריב, איז ער מיטאַמאָל שטיין געבליבן אַ בלאַסער ביי דער טיר. ער האָט זיין צעקנייטשטן שטערן נאָך טיפֿער אָנגעפֿאַלדעוועט און ער האָט אַרויסגעשטאַמלט אַ פּאָר אומקלאָרע ווערטער: „און וואָס וועט זיין מיט... כ'מיין ביילע, די חמץ?!"

די מאַמע האָט פֿאַרשטאַנען די וויכטיקייט פֿון טאַטנס פֿראַגע. זי האָט געקוקט אויפֿן טאַטן און האָט אַ טיפֿן קרעכץ געטאָן. דער טאַטע האָט אַ פֿיר געטאָן די האַנט איבער זיין לאַנגער, שפּיציקער באָרד. ער האָט געטאָן אַ פּאָר שפּרייזן איבערן צימער, זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט, געכאַפּט אַ שפּיץ באָרד אין מויל אַריין און איז אַרויס פֿון הויז.

די מאַמע איז מיט אַ פֿאַרזאָרגטן פּנים אַרומגעגאַנגען איבער דער

הויז און צוזאַמענגעקליבן די חמצדיקע זאַכן, וואָס זיינען נאָך געשטאַנען דאָ און דאָרטן און זיי צוגעגרייט אַרויפצוטראָגן אויפן בוידעם. די פּסח־דיקע כלים, וואָס מ'האָט שוין פון יאָרן און יאָרן גענוצט, האָבן מיט חן אַראָפּגעשיינט פון די קיך־פּאָליצעס. די קופּערנע פאַנען, די לייכטערס, דער סאַמאָוואַר, האָבן געבליאַסקעט, כאָטש אין הויז איז שוין געווען טונקל און פינצטער איז געווען אויפן האַרצן. דאָס האָלץ אין אויוון האָט געקנאַקט: די בלעך איז געוואָרן רויט ווי פייער. מיט אַן אייזן האָט די מאַמע אַרויסגעשאַרט אַ פּאָר אַנגעגליטע, קיילעכדיקע שטיינדלעך פון צווישן די קוילן, האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ טאָפּ, אַרויפגעגאָסן אויף זיי קאָכעדיקע וואַסער און אָנגעהויבן דרייען דעם טאָפּ. די הויז איז געוואָרן אָנגעפילט מיט פּאַרע. די שטיינדלעך האָבן געמאַכט אַ מאָדנעם רעש. פלינק האָט די מאַמע אויסגעגאָסן דאָס וואַסער, אַרויס־גענומען די שטיינדלעך און איבערגעקערט דעם טאָפּ מיט דער מויל אַראָפּ. דער אַלטער טאָפּ, געהייליקט אין פייער און אין וואַסער, האָט באַלד אויסגעזען יונגטלעך פריש, בכבודיק, הייליק. אַט איז ער שוין געווען געכשרט און איז ווערט געווען דעם כבוד צו ווערן צוגערעכנט צו דער משפחה פון פּסחדיקע כלים.

מיט גאָלדענע זאַמד האָט די מאַמע באַדעקט דעם רויטן פּלאַט פון אויוון. די זאַמדן זיינען געשפּרונגען, געוואָרן קרענקלעך־בלאַס, באַלד רויט און געבליבן ליגן שטיל. די מאַמע איז צוגעגאַנגען צום אויוון עטלעכע מאָל, אָפּגעשאַרט אַביסל זאַמד און לסוף אַרויסגעזאָגט צו זיך אַליין „כשר!"

דער טאַטע איז אַריינגעקומען מיט אַ צעשטראַלטן פּנים. ער האָט געהאַלטן אין האַנט עפּעס אַ טייערע זאַך. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער מאַמען און איר געזאָגט מיט פרייד: „ביילע, מיר האָבן אַ פּאַטער אין הימל; יידן זיינען רחמנים: כ'האָב געבעטן אַ שטיקל ברויט, און אַט זע, ס'וועט זיין חמץ! אַ לויב צו גאָט ברוך הוא!"

ער האָט אויפגעוויקלט דאָס פּעקעלע און ס'האָט זיך פאַר מיינע אויגן באַוויזן אַ פריש שטיקל גאָלדענע ברויט. כ'האָב געקוקט אויפן שטיקל ברויט מיט שטאַרנדיקע אויגן און בין געווען זיכער, אַז אַט וועט מען עס מיר באַלד געבן. שוין פון חדשים איז ברויט געווען ביי אונדז

אין הויז דער גרעסטער לוקסוס. די דייטשן, וואָס האָבן געהאַט פאַר־נומען אונדזער שטאָט, האָבן מיט זיך געבראַכט די כאָליערע, טיפוס און אַנדערע עפּידעמיעס. דערפאַר האָבן זיי פאַרנומען יעדעס קערנדל, יעדעס שטיקל ברויט, וואָס זיי האָבן געזען. דאָס ברויט, וואָס מ׳האָט געקראָגן אויף די ברויט־קאַרטלעך פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, איז קוים געווען גענוג פאַר מיר אַליין. די מאַמע און דער טאַטע האָבן זיך געשפּייזט אויף געפרוירענע קאַרטאָפל אַ גאַנצן ווינטער. אַמאָל אויף פערדישע אַרבעס, אַמאָל אויף אַביסל בלאָטיקע זופּ פון קאָרן־מעל. די לעצטע טעג פאַר פסח האָט מען גאָר קיין ברויט ניט געקראָגן, ווייל אַנשטאָט די ברויט האָבן די פרעמדע באַלעבאַטים אויסגעטיילט צו פאַר מצות אויף יעדן נפש.

אַז כ׳האָב דערזען דאָס שטיקל ברויט, האָט מיין מויל אָנגעהויבן צו וואַסערן. מיר האָט זיך בלויז געוואונדערט פאַרוואָס מ׳גיט מיר באַלד נישט דאָס שטיקל ברויט. כ׳האָב גאָר פאַרגעסן צו וואָס דער טאַטע איז געלאָפן בעטלען דאָס פּיצל ברויט. מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן האָב איך נאָכגעקוקט דעם טאַטנס יעדע באַוועגונג מיטן שטיקל ברויט אין האַנט. די מאַמע האָט באַמערקט מיינע אויגן: „ביסט הונ־געריק, מיין קינד?״ — האָט זי מיר געפרעגט.

— יאָ, אַוודאי בין איך הונגעריק — האָב איך געענטפערט.

— איז נעם נאָך אַביסל זופּ — האָט די מאַמע געזאָגט, און האָט אַראָפּגעלאָזט אירע גוטמוטיקע אויגן צו דער ערד. זי איז צוגעגאַנגען צום דרייפוס, וואָס איז געשטאַנען אויף דער ערד און מיר געוואָלט אָנגיסן אַביסל בלאָטיקע זופּ, וואָס איז מיר שוין געקראָכן פון האַלדז.

— און פאַרוואָס נישט אַ שטיקל ברויט? — האָב איך שטאַמלענדיק געפרעגט.

די מאַמע האָט געוואָרפן אַ בליק אויף מיר; זי האָט זיך אויס־געדרייט צום טאַטן און מיט געבעט אין די אויגן געזאָגט: „דוד, אפשר קענסטו אָפּשפּאָרן אַ פּיצל פאַר חיימלען?״

דער טאַטע איז געבליבן שטיין, געקוקט אויפן שטיקל ברויט, אויף מיר, און האָט מיט ציטערנדיקע הענט אָפּגעבראָכן אַ פּיצל ברויט און געזאָגט צו מיר:

— נאַ, עס מיין קינד. ווען כ׳וואָלט געקענט וואָלט איך דאָס האַרץ אַרויסגעריסן און דיר עס געגעבן. נאָר דאָס שטיקל ברויט קען איך דיר נישט אָוועקגעבן; מאָרגן איז פּסח. היינט ביינאַכט דאַרף איך בודק חמץ זיין, מיין קינד. כ׳וועל שוין אַזוי אויך האָבן וויניק חמץ מקיים צו זיין די מצווה.״

— כ׳האָב אַראָפּגעשלונגען דאָס פּיצל ברויט און זיך נאָך מער צערייצט דעם אַפּעטיט דערמיט. דער מאָגן האָט געריסן שטיקער פון מיר, נאָר איך בין געווען צופרידן וואָס כ׳האָב כאָטש אַ זשאַרקעלע ברויט פאַרזוכט.

אין הויז האָט געברענט אַ קליין לעמפּל. שאָטנס האָבן געטאַנצט אויף די ווענט. ווי אַ פינצטערער שאָטן איז דער טאַטע אַרומגעגאַנגען איבער דער הויז מיט דעם איבערגעבליבענעם שטיקל ברויט אין האַנט. ער איז געקראָכן אויף די שאַפעס, געקלעטערט צו די פּאָליצעס, זיך געבויגן אונטער די בעטן, געשטעקט די האַנט אין די שופלאַדן, געטאַפּט די פענצטער און האָט מיט מיסטעריעזע באַוועגונגען עפּעס אָוועקגעלייגט אומעטום, וואו ער איז צוגעקומען. דאָס שטיקל ברויט אין זיין האַנט איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. לסוף איז ער אַריינגעקומען אין קיך, געגאַנגען פון אָרט צו אָרט און צוגעקומען צום טיש. ביי דער שיין פון לעמפּל האָב איך געזען, אַז ער האָט אָוועקגעלייגט אויפן טיש אַ ברעקל ברויט. כ׳בין געווען זיכער, אַז די קרישקע ברויט איז מיין טאַטן איבערגעבליבן נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אָפּגעטאָן זיין הייליקע אַרבעט. כ׳בין געווען דאַנקבאַר דעם טאַטן פאַר זיין שפּאָר־זאַמקייט, פאַר מיר האָבן אין זינען און מיר איבערלאָזן כאָטש נאָך אַ קרישקע ברויט.

נאָכדעם ווי מיין טאַטע האָט גענומען דאָס פּעקעלע אינסטרומענטן, וואָס ער האָט פאַרנאַכט צוגעגרייט און האָט עס פאַרזיכטיק פאַנאַנדער־געוויקלט, האָט ער מיר צוגערופן און געזאָגט: „קום, חיימל, לאָמיר גיין בודק חמץ זיין; מיר וועלן ערשט גיין זוכן חמץ.״

די ערנסטקייט מיט וועלכער מיין טאַטע האָט געזאָגט „גיין זוכן חמץ״ האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ שמייכל. כ׳האָב דאָך אַליין געזען, אַז ער האָט אָוועקגעלייגט די ברעקלעך ברויט און ער ווייסט דאָך געוויס

וואו זיי ליגן, איז וואָס גייט ער זיי גאָר „זוכן". מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיין גרויסער, שטאַרקער, שטענדיק פאַרזאָרגטער טאַטע מאַכט זיך עפּעס נאַריש ווי אַ קינד.

— גוט אַזוי, לאָמיר כאָטש אַמאָל זען דעם טאַטן זיך שפּילן — האָב איך געטראַכט. כ'בין געווען גליקלעך זיך צו גיין שפּילן מיטן טאַטן. נאָר אָט, איידער די שפּיל האָט זיך נאָך אָנגעהויבן, איז שוין דער טאַטע געוואָרן טויט־ערנסט. אויס שפּיל! ווייל אַזוי שנעל ווי ער האָט אָנגעהויבן מיט זיין אומעטיקן קול צו מאַכן די ברכה: „ברוך אתה" און געענדיקט האָט ער נאָך טרויעריקער: „וצונו על בעור חמץ!"... איז ער באַלד צוריק געוואָרן מיין ערנסט־פאַרזאָרגטער טאַטע.

נאָך דער ברכה האָט ער אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבער דער הויז מיטן ליכטל אין איין האַנט און מיט דער הילצערנער לעפל און בעזימל פון פעדערן אין דער אַנדערער האַנט. פון ווינקל צו ווינקל, פון איין שטיקל מעבל צום צווייטן, פון איין פענצטער צום אַנדערן איז ער געגאַנ־גען און האָט געזוכט מיט אַזאַ פלייס ווי עס וואָלט אים באמת טאַקע עפּעס פאַרפאַלן געוואָרן. אַז ער האָט עפּעס געפונען האָט ער זיך אַזוי דערפרייט און זיך אַזוי שטאַרק געוואונדערט, ווי ער וואָלט אַנטדעקט וועלטן. מיטן פעדערן בעזימל האָט ער געשיקט אַריינגעשאַרט די קרישקע ברויט אין לעפל און די לעפל פאַרדעקט מיט אַ ווייס שמאַטקעלע, ווי ער וואָלט דאָרט געכאַפּט אַן אוצר, וואָס רייסט זיך צום אַנטלויפן. אַזוי איז ער געגאַנגען פון פּלאַץ צו פּלאַץ און האָט געקנייטשט דעם שטערן אַן אַנטוישטער אויב ער האָט דאָ און דאָרט נישט געפונען קיין קרישקע ברויט, כאָטש ער האָט מסתמא זיכער געוואוסט, אַז ער האָט דאָרט גאָר־נישט אַוועקגעלייגט.

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען אין קיך אַריין. די גאַנצע צייט פון אונדזער זוך־עקספּעדיציע האָט דער טאַטע קיין וואָרט, קיין קלאַנג נישט אַרויסגעלאָזט. אַ געהיימע שטילקייט האָט געהערשט אין הויז. מיין טאַטע האָט צוזאַמענגעקליבן אַלע ברעקלעך אין קיך און איז צוגע־קומען צום טיש. ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן. ס'איז מיר באַלד קלאָר געוואָרן, אַז די קרישקע ברויט, וואָס איך האָב אויפגעגעסן פון טיש מיינענדיק, אַז ס'איז געווען אַן איבערבלייב, אָנגעגרייט פאַר מיר, איז

גאַר אַוועקגעלייגט געוואָרן כדי זי ערשט אויפצוקלייבן. איך האָב אָן אָטעם געהאָלפן מיין טאַטן זוכן, כ׳בין מיט אים אַרומגעגאַנגען אַרום טיש, געקראָכן אונטערן טיש און זיך געמאַכט זוכנדיק. מיין טאַטע האָט אָנגעהויבן צו מורמלען: „נו, אָ, נו, נו!" איך האָב באַמערקט, אַז ער הויבט שוין אָן צו צווייפלען צי ער האָט אַמאָל ניט געמאַכט קיין טעות. מסתמא פאַרגעסן אַוועקצולייגן אויפן טיש אַ שטיקל חמץ. ער האָט נאָכאַמאָל געזוכט. דאָס מאָל שוין גאַר ערנסט געזוכט, נישט ווי פריער, ווען ער האָט זיך סתם נאַריש געמאַכט. איך האָב זיך געפילט ווי אַ פאַרברעכער. סוף כל סוף האָט ער אַ קוק געטאָן אין הילצערנעם לעפל, געהויבן די אַקסלען און אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען צו געפינען דעם גרויסן פאַרלוסט...

ער האָט פאַרוויקלט די לעפל מיט דער שמאַטקע און האָט אַוועק־געלייגט דאָס ביסל חמץ אויפן קיך־שענקל, דער איינציקער פלאַץ, וואָס איז נאָך געווען חמצדיק אין הויז.

שפּעט אין אָוונט, נאָכן פאַרטיק ווערן מיט אַריינפירן יום־טוב אין הויז, זיינען מיר געגאַנגען שלאָפן. כ׳בין געווען מיד און הונגעריק ווען איך האָב זיך אַריינגעלייגט אין מיין סאָפקע, וואָס איז געשטאַנען ביים גרויסן טיש אין קיך. כ׳בין געלעגן אין בעט און זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. דער הונגער האָט מיך געגריזשעט אין די אינגעווייד. פאַר מיינע אויגן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט די גאָלדענע קרישקעס ברויט, וואָס זיינען געלעגן אין דער הילצערנער לעפל און האָבן געררייצט מיין אַפּעטיט. כ׳האָב זיך דערמאָנט דעם טעם, וואָס דאָס שטיקל ברויט האָט געהאַט, ווי געשמאַק ס׳איז געווען. מיר האָט זיך געשטעלט אַ פראַגע פאַרוואָס דער טאַטע האָט צעפּאַטשקעט אַזאַ טייערן ביסן; וואָלט נישט גלייכער געווען איך זאָל אויפעסן דאָס שטיקל ברויט איידער ס׳זאָל ליגן דאָרט אין לעפל און ווערן פאַרדאַרט, פאַרטרוקנט? און נאָכאַלעמען האָט דאָך דער טאַטע שוין אָפּגעטאָן זיין חוב. ער האָט דאָך שוין געזוכט און געפונען דעם חמץ, מעג איך דאָך עס אויפעסן.

וואָס מער און וואָס לענגער איך האָב געטראַכט וועגן דער לעפל מיט די ברעקלעך ברויט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן מיין פאַרלאַנג

זיך צוצוכאַפּן צו די גאָלדענע קרישקעס און זיי פאַרצערן. איך האָב אפילו געטראַכט, אַז ס׳איז אפשר אַ זינד צו זיין אַ זולל וסובה, אַז מ׳טאָר נישט באַכגעבן דעם געשמדטן האָלדז. אַ צייט האָב איך געקעמפּט מיט זיך אַליין ביז כ׳בין געוואָרן באַהערשט פון אַ מאָדנעם געפיל: עס מעג געשען אַלץ אין דער וועלט, מיך אַרט נישט! איך מוז פאַרזוכן כאָטש אַ צוויי־דריי קרישקעס ברויט!

כ׳בין אַרויס פון בעט און בין צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער צום שענקל. כ׳האָב געהערט ווי מיין האַרץ קלאַפּט ווי מיט באַראַבאַנען. עס וועט נאָך אויפוועקן דעם טאַטן און דער מאַמען! מיך האָט נישט געאַרט. זאָלן זיי זיך אויפכאַפּן. כ׳וועל זיך מודה זיין, כ׳וועל זאָגן דעם אמת: „כ׳בין געווען הונגעריק. כ׳האָב נישט געקענט שלאָפן! ניין! מיך אַרט נישט!״

כ׳האָב אַ כאַפּ געטאָן די לעפל, אויפגעבונדן דעם פאָדעם און אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר ברעקלעך. די שטויביקע און זאַמדיקע קרישקעס האָבן געקריצט צווישן מיינע ציין. כ׳האָב געקייט געשמאַק. דאָס ברויט האָט געהאַט טויזנט טעמען... „נאָך אַ פּאָר קרישקעס״ — האָב איך געטראַכט — „דאָס איבעריקע לאָז איך!״... אָבער איידער כ׳האָב זיך אומגעקוקט, איז די לעפל געווען ליידיק!

כ׳האָב די לעפל צוגעדעקט, אַרומגעבונדן זייער אומגעלומפּערט, זי אַוועקגעלייגט אויפן שענקל און בין אַרייַן אין בעט. מיינע הענט און פיס האָבן געציטערט. כ׳בין געוואָרן באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שוויס. מיינע ציין האָבן זיך געטרייסלט. עפּעס אַ פרעמדע שטימע אין מיר האָט אָנגעהויבן צו רעווען מאָדנע און מיך זידלען: „וואָס האָסטו געטאָן? וואָס פאַראַ זינד האָסטו אָפּגעטאָן, גנב!... אויסוואורף!״... כ׳האָב זיך ביטער צעיאָמערט; כ׳בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען כ׳האָב געעפנט די אויגן איבערפרי האָב איך געזען איבער מיין בעטל מיין טאַטנס צוויי שטראַפנדיקע, צוויי אומעטיקע אויגן, וואָס האָבן מיט פּיין און רחמנות געקוקט אויף מיר. כ׳האָב געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון בעט, פאַלן צו זיינע פיס און בעטן פאַרגעבונג. איידער כ׳האָב צייט געהאַט צו רעדן אַ וואָרט, האָט מיין טאַטע מיר געזאָגט: „קום, מיין קינד, שטיי אויף. מיר וועלן גיין פאַרברענען דעם חמץ.״

— „איז עס מעגלעך, אַז דער טאַטע האָט ביט געזען וואָס איך האָב אָפּגעטאָן?״ — האָט אַ געדאַנק אַ בליץ געטאָן אין מיין קאָפּ. כ׳בין אַרויס פון בעט, זיך אָנגעטאָן שנעל און בין געגאַנגען מיט מיין טאַטן.

כ׳האָב באַמערקט די הילצערנע לעפל אין זיין האַנט. זי איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ נייעם פאַדים.

— כ׳בין אַ פאַרלוירענער! — האָב איך געטראַכט. — כ׳בין אַן אויסוואורף! באַלד וועל איך קריגן מיין פאַרדינטע שטראָף!...

מיר האָבן אָנגעלייגט אַ בערגעלע האָלץ אין הויף און געמאַכט אַ פייער. דער טאַטע האָט אַרויפגעלייגט די לעפל אויפן פייער און מיט אַ צובראָכענער שטימע אָנגעהויבן אַ תפילה: „דאָס גאַנצע חמץ, וואָס געפינט זיך אין מיין רשות, אַלץ וואָס איך זע אָדער כ׳האָב נישט געזען... דערקלער איך הפקר.״

די שמאָטקע אַרום דער לעפל האָט זיך אָנגעצונדן. אַ לייכט ווינטל האָט אַראָפּגעבלאָזן די אַש פון לעפל. די ליידיקייט פון לעפל האָט מיר געשטאָכן די אויגן ווי מיט שפּיזן. דער טאַטע האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, אויף דער לעפל, און ווידער אויף מיר. צוויי גרויסע טרערן האָבן אַ בלישטשע געטאָן אין זיינע אויגן. ער האָט עפּעס געשעפּטשעט; געקלערט און אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט, געבעטן מיט אַ ציטערדיקער שטימע: „אוי, גאָט אין הימל, פאָטער מיינער! ווער ווייסט! כ׳בין אוודאי שולדיק קעגן דיר, פאָטער אין הימל. עס איז אוודאי געווען אַ ברכה לבטלה! פאַרגיב מיר פאָטער פון רחמים!״

איך האָב אָנגעהויבן ביטער צו וויינען. כ׳האָב געכאַפּט מיין טאַטנס האַנט און כליפּענדיק געזאָגט: „טאַטע, איך, איך בין שולדיק!״... מער האָב איך נישט געקענט רעדן. מיין טאַטע האָט געדריקט מיין האַנט; טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן. ער האָט געשעפּטשעט צו מיר: „גאָט איז אַ פאָטער, ער וועט פאַרגעבן, ער וועט רחמנות האָבן!״

מיר זיינען ביידע געשטאַנען איינגעהילט אין שווייגן און געזען ווי די ליידיקע הילצערנע לעפל ווערט שנעל פאַרצערט פון די פלאַמען פון פייער...

# דן יצחק אברבנאל

„צי ס'איז קאַלטבלוטיקע מערדעריי באַגלייט מיט ווילדער, ברוטאַלער גזלה ווי ס'איז אַזוי אָפט געשען אין די לעצטע עט־לעכע הונדערט יאָר אין לאַנד פון די געראַמאַנען, ווי ס'איז אויך אַזוי געשען אין אונדזער אייגן לאַנד מיט הונדערט יאָר צוריק, אָדער ס'איז לעגאַליזירטע רויבעריי און קאָנפיסקאַציע פאַרהוילן אונטער אַ מאַנטל פון צביעקישער פרומקייט און איבערגעגעבנקייט צום קריסטלעכן גלויבן, די הויפּט טרייב־קראַפט פון די כסדרדיקע, סיסטעמאַטישע, אוממענטש־לעכע גוואַלדטאַטן קעגן אונדזער פאָלק זיינען געווען און וועלן נאָך אוודאי בלייבן אויף אַ סך יאָרהונדערטער ברוטאַלע גייציקייט און חיהשע קנאה.”

דער יונגער שלמה אבן ורגא איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון דער גרויסער, שוואַך מעבלירטער, רייך באַפּוצטער סאַלע אין דן יצחק אברבנאלס הויז. ער האָט געשלונגען יעדן קלאַנג, וואָס איז אַרויס פון דן יצחקס מויל. ער האָט באַמערקט אַ מאָדנע בלאַסקייט אויף דן יצחקס פּנים, וואָס איז געווינטלעך געווען געזונט און רויטלעך־פול אין אויסזען. דן אברהם סעניאָר איז געזעסן אַן איינגעשרומפּענער אין דער ווייכער, פּלוש־באַדעקטער קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען צווישן בײדע פּיר־קאַנטיקע קליינע פענצטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט צו דער יידן־גאַס. דער לאַנגער זאַץ, וואָס דן יצחק האָט אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם איז אַ שטיק צייט געבליבן אָן אַן ענטפער. דן אברהם האָט געביסן דעם גראָבן פינגער פון זיין רעכטער האַנט. דן יצחק אברבנאלס שווער אָטעמען איז געהאנגען איבער דעם אומעט אין זאַל און האָט זיך געלייגט אויף יעדנס געמיט ווי אַ שטיק בליי. שלמה אבן ורגא איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איבערגעריסן די שטילקייט. ער האָט געטאָן אַן איינזאַמען, טרוקענעם הוסט, וואָס ער האָט באַגלייט מיט אַן „אָבער”, וואָס מ'האָט קוים געקענט הערן.

„עס זיינען נישטאָ קיין „אָבערס” און קיין „ציס”; אָט צו דעם באַשלוס בין איך געקומען די לעצטע פּאָר טעג, צייט איך האָב זיך דער־

וואוסט וועגן דעם נייעם, דעם אומפאַרשעמטן, דעם מערדערישן באַפעל; צייט איך האָב געהערט וועגן דער נייער אומדערהערטער גזירה, וואָס זיי גרייטן צו אויף אונדזער פאַרפאָלגטן, אונדזער געטריבענעם שבט יידן פון שפּאַניע."

„דערלויבט מיר אייך איבערצורייסן, דן יצחק," האָט געזאָגט דן אברהם סעניאָר מיט אַ געלאַסענער, זאַכלעכער שטימע, וואָס ער האָט ערשט אויף זיך אַרויפגעצוואונגען. „איך טייל זיך מיט אייער גערעכטן צאָרן; איך שטים אפילו איין מיט די שלוסן צו וועלכע איר זייט געקומען, כאָטש זיי זיינען אַ גוואַלטיקע איבעררעאַשונג פאַר מיר, ווייל איך בין גוט באַקאַנט מיט אייער יוגנטלעכן פילאָזאָפישן חיבור, מיט אייער ווערק „עטרת זקינים" אין וועלכן איר טרעט אַרויס מיט שאַרפע ווערטער און איר פאַרטיידיקט די טיפע מענטשלעכקייט, וואָס יעדעס פאָלק טראָגט אין זיך, אין וועלכן איר באַווייזט, אַז יעדעס פאָלק האָט כמעט אַ גלייכן חלק אין דער ליבע, וואָס דער אַלמעכטיקער שענקט דער מענטשהייט; יאָ, מיין טייערער דן יצחק, איך שרייב זיך אונטער אָן שום פראַגעס אונטער אַלע באַשולדיקונגען, וואָס איר וואַרפט ערשט אין פנים פון די אַלע אַזוי געזופענע פרינצן, „די פאַרטיידיקער פון אמתן גלויבן," ווי זיי האָבן ליב זיך צו רופן, אָבער מיין חשובער דן יצחק, מיר מוזן דאָך פאַרשטיין, אַז מיר זיינען זיך נישט צוזאַמענגעקומען צו אייך כדי צוזאַמען מיט אייך אויסצוגיסן אונדזער גערעכטן צאָרן קעגן אונדזערע שונאים, אויסצושרייען דעם ווייטיק פון אונדזערע באַליידיקטע געפילן, נאָר מיר זיינען געקומען צו אייך אין נאָמען פון אונדזער גרויסער קהילה אין טאָלעדאָ, אין נאָמען פון אַלע יידן פון שפּאַניע, אייך צו בעטן איר זאָלט אויסנוצן אייער גאַנצן איינפלוס, וואָס וועט ווערן געשטיצט מיט די אוצרות פון דער גאַנצער יידישער קהילה, צו ווירקן מיט אייער גוטן נאָמען, מיט אייער איינפלוס אויף דער קעניגין זי זאָל בטל מאַכן די געפּלאַנטע גזירה".

„אוצרות, גוטער נאָמען, איינפלוס!" האָט דן יצחק געמורמלט מיט פּיין אין זיין שטימע. „ווייז איר אוצרות וועט די קנאה זיך נאָך מער צעפלאַקערן אין איר; גיב איר גאָלד, וועט זי וועלן דימענטן; זי איז דאָך שטענדיק פאַרבאָדן אין חובות! זי וועט שטענדיק זיין שולדיק;

זי וועט שטענדיק דאַרפֿן!" האָט ער ביטער געשמייכלט און זיינע ליפּן האָבן זיך מאָדנע געריונצלט. זיין פּנים איז כמעט געוועזן געל ווי וואַקס און זיין ברייט־צעקעמטע באָרד האָט אויסגעזען צו ווערן אַלץ גרויער, וואָס לענגער ער האָט גערעדט. ער איז אויפגעשטאַנען פון דער שטול לעבן טיש וואו עס זיינען געלעגן אָנגעוואָרפֿן די מאַנוסקריפּטן פון זיינע חיבורים אויף חומש, זיינע קאָמענטאַרן. ער האָט נאָר וואָס געהאַט געמאַכט אַ פּאָר באַמערקונגען אויף זיין אייגענעם קאָמענטאַר אויף פּרשת דברים. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן הין און צוריק אין זיין זאַל. זיינע פיס, וואָס זיינען געווען איינגעהילט אין ווייכע שטעק־שיך, זיינען איינגעזונקען מיט יעדן טריט אין די ווייכע, פילפאַרביקע טעפּי־כער, וואָס האָבן באַדעקט די דיל פון וואַנט צו וואַנט.

„מיר וועלן אָפּשטופּן בלויז אויף אַ קורצער צייט דעם טאָג פון אונדזער גלות מיט די אוצרות, וואָס איר האָט מיר געבראַכט זיך צו באַנוצן צו ווירקן אויף דער קעניגין," האָט דן יצחק געטענהט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן שלמה אבן ורגא. ער האָט אים אָנגענומען ביי דער קלאַפּע, ביים לאַץ פון זיין רעקל און ער האָט אים אַריינגע־רעדט אין פּנים אַריין: „איך זאָג דיר, יונגערמאַן, און געדענק מיינע ווערטער: אַזוי שנעל ווי דער וואָרעם פון גייציקייט און קנאה, וואָס ליגט און דרעמלט שטענדיק סיי ווי סיי אין די בוזעמס פון די מאַכט־האָבער, אַזוי שנעל ווי ער דערוואַכט, אַזוי שנעל ווי זיי ווערן אָנגע־שטעקט מיט דער־אָ קרענק איז נישטאָ קיין שום האַלב־געבאַקענע רפואה, וואָס קען זיי אויסהיילן!" ער האָט ערשט געטאָן אַ קרענקלעכן שמייכל און ער האָט אין איין אָטעם פאַרגעזעצט: „דער לייב איז אַרויס פון זיין נאָרע; זאָלן בעסער די שעפּעלעך געפינען שוץ פאַר זיך דורך אַנטלויפן ווייט פון דער ווילדער חיה איידער צו פּרובירן צו שטילן איר מוראדיקן אַפּעטיט מיט כזיתן!"

„וואוהין, דן יצחק, וואוהין זאָלן די שעפּסעלעך לויפן נאָך שוץ?" האָט דער יונגער שלמה אבן ורגא געפרעגט. „איר ווייסט גאַנץ גוט, איר ווייסט, דן יצחק, אַז די טירן און טויערן פון דער גאַנצער וועלט זיינען פאַר אונדז אויף טויזנטער ריגלען פאַרשלאָסן. איר ווייסט, אַז אין יעדן ווינקל פון דער וועלט לויערן אויף אונדז ווילדע לייבן, וואָס

זיינען גרייט, וואָס זיינען שטענדיק פאַרטיק אונדז צו פאַרצערן. איז וואו זאָלן מיר, ביי וועמען קענען מיר געפינען שוץ?"

עס האָט זיך געהערט אַן אמתע פאַרצוויפלונג אין יונגן שלמהס שטימע.

„אוודאי ווייס איך עס. געוויס איז מיר קלאָר אונדזער מצב", האָט דן יצחק אברבנאל געזאָגט מיט רעזיגנאַציע. „ווער ווייס עס בעסער ווי איך?" האָט ער געפרעגט און ער האָט אָנגעהויבן ווידער צו שפּרייזן. „ערשט נעכטן, דוכט זיך, האָט מען מיר פאַרטריבן פון מיין לאַנד פון מיין געבורט, פּאָרטוגאַל. ערשט נעכטן האָט מען אָוועקגערויבט פון מיר און פון מיין זון יהודה אונדזערע פּאַלאַצן, אונדזערע הייזער, אונדזערע אוצרות, אונדזער אָנגעזאַמלט האָב־און־גוטס. נישט נאָר דאָס, אפילו מיין אייניקל האָבן זיי אָוועקגעריסן פון מיינע אָרעמס!" ער האָט אַ האַרצרייסנדיקן זיפץ געטאָן. עס האָבן זיך באַוויזן טרערן אין זיינע אויגן. „כ׳בין געקומען צו די ברעגן כדי צו זוכן און געפינען זיכערקייט און רו; סאַראַ שוטה איך בין געווען. איך האָב געגלויבט, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד האָט זיך שוין גענוג געהאָט אָנגעזעטיקט, אָנגעזויפט מיט אונדזער בלוט, מיט אונדזער עשירות הונדערט יאָר צוריק! איך האָב גערעכנט, אַז מיין זיידע ז"ל, אַז רב שמואל אברבנאל האָט דעמאָלט גענוג באַלוינט די איינוואוינער פון סעוויל פאַרן טראָפן גאַסטפריינדלעכקייט, וואָס זיי האָבן אַמאָל אַרויסגעוויזן מיינע אור־עלטערן. איך האָב געגלויבט, אַז איך און מיינע קינדער האָבן זיך כשר פאַרדינט אַביסל רו און באַשיצונג און ליבע אפילו פאַר די באַליידיקונגען, פאַר די דערנידעריקונגען, פאַר די ליידן, וואָס מיין זיידע האָט געליטן אין דעם דאָזיקן לאַנד."

דן יצחקס שטימע האָט זיך געבראָכן; ער האָט געכליפּעט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן טיש: „ניין, ניין און ניין! איך וויל נישט וואַרטן ביז יענעם מאָמענט ווען איך וועל דאַרפן זיך ווענדן צום טויף־בעקן עס זאָל מיר ראַטעווען דאָס לעבן ווי מיין זיידע ר' שמואל אברבנאל האָט בשעתו געדאַרפט טאָן. ניין! די אברבנאלס, וואָס קומען אַרויס פון דער הויז פון דוד המלך, וועלן מער נישט באַהאַלטן

אפילו אויף קיין מינוט זייער יידישקייט אונטער דעם מאַנטל פון „יענעם" גלויבן, וואָס איז אונדזער ווייטער שונא ; ניין, ניין, און ניין זאָג איך!"

אין צימער האָט געהערשט אַ מוראדיקע, אַ דערדריקנדיקע שטיל־קייט. דן יצחק איז ערשט געזעסן און האָט געקוקט, געשטאַרט אין דער ליידיקייט אַריין. ער האָט געהאַלטן זיין באָרד אין דער רעכטער האַנט און מיט דער לינקער האַנט האָט ער זיך געדריקט די שלייפן און דעם ברייטן, הויכן שטערן.

דן אברהם סעניאָר האָט זיך אַ הייב געטאָן פון דער קאַנאַפּע אויף וועלכער ער איז געזעסן. ער איז צוגעקומען צו דן יצחקס טיש און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דן יצחקן. ער האָט געקוקט אויף דן יצחק אברבנאַלס צעפלאַמטן פנים, וואָס איז ערשט געווען שטאַרק געראָנצלט. ער האָט מיט געצייטלטע, מיט געלאָסענע ווערטער זיך געווענדט צו דן יצחקן: „וואָס עס זאָל נישט זיין אונדזער באַשלוס פאַר דער צוקונפט איז ערשט נישט וויכטיק. דערווייל מוזן מיר אין דעם מאָמענט טאָן איין זאַך: זען פאַרמיידן, אָפּלייגן אויף דערווייל די קאַטאַסטראָפע, דעם אומגליק וואָס הענגט איבער אונדז!"

„אויב ס'זאָל זיך אונדז איינגעבן ווייך צו מאַכן די הערצער פון די קעניגן דורך די מתנות ; אויב מיר זאָלן קענען אָפּשטופּן די פּלענער פון „שוואַרצן מאַנאַך" אַפילו אויף אַ פּאָר חדשים, וועט אונדזער מיסיע, אונדזער שליחות ווערט זיין מער, אַ סך מער ווי די אוצרות וואָס מיר האָבן אַהער געבראַכט, חשובער דן יצחק אברבנאַל!" האָט מיט יוגנט־לעכער געוואַגטקייט כמעט ווי איבערגעזאָגט שלמה אבן ורגא די רייד פון דן אברהם סעניאָר. ער האָט אויך נישט געהאַפט און נישט דער־וואַרט, אַז מ'וועט קענען אָפּשרייען די גזירה אויף מער ווי אַ יאָר אָדער צוויי. דן יצחקס שטערן האָט זיך געפאַלדעוועט. זיינע טיף געזונקענע אויגן זיינען געווען אַנגעשטעלט אויף אבן ורגאס פנים ; די אויגן האָבן געקוקט ווייט, ווייט אויף יענער זייט אבן ורגאס פנים. זיי האָבן אַריינגעדרונגען טיף אין דער פאַרגאַנגענהייט און זיי האָבן אויסגעזוכן צו זיין ערגעץ וואו אין דער צוקונפט. אויף די דורכדרינג־לעכע אויגן איז געווען פאַרשפּרייט אַ ווייטיקדיקער, אַ ביטערער גלאַנץ. דן יצחק איז אַזוי געשטאַנען אַ פּאָר אומענדלעך לאַנגע סעקונדעס ; ער איז אַזוי געשטאַנען צווישן דן אברהמען און שלמה אבן ורגאן.

אַ פרילינג ווינטל האָט זיך פריידיק־קינדיש געשפּילט מיט די צווייגן פון די ביימער ביי דן יצחק אברבנאל אין גאָרטן הינטער די ווענט פון זיין פּאַלאַץ. דורך די פּירקאַנטיקע פענצטערלעך אין זאַל האָט מען קלאָר געקענט הערן דאָס פּישטשען פון די פייגעלעך. דער טייך טאגוס האָט ווי שטענדיק זיך געשוימט, געשטורעמט, און צעשמעטערט זיינע ברויזנדיקע כוואַליעס אין די ברוינע פעלדזן, וואָס האָבן פּרובירט צוימען זיין לויפנדיקן קורס. די זיבן בערגלעך אויף וועלכע טאָלעדאָ איז געשטאַנען האָבן זיך פויל געוואַרעמט אין דער פרילינגדיקער זון.

די בתי־מדרשים אין די יידן־גאַסן, אין די געטאָס פון טאָלעדא און פון גאַנץ שפּאַניע זיינען ערשט פול געווען מיט מתפּללים, וואָס זיינען געשטאַנען איינגעהילט אין די טליתים און זיי האָבן מיט תעניתים און תפילות געבעטן גאָט, אַז דער אומגליק, די גזירה זאָל פאַרמיטן ווערן.

דן יצחקס ווייטיקדיקע, דורכדרינגלעכע, ביטערע שטימע האָט זיך נביאיש געטראָגן אין געטאָמעוועטער שטילקייט איבערן זאַל: „עס זיינען דאָ פעלקער און לענדער, וואָס זיינען געגליכן צו וויסטע עקרות," האָט ער געזאָגט און אַ פיינלעכער שמייכל האָט געהויערט אויף זיין פּנים. „דידאָזיקע לענדער, ווי די עקרות, זעען אויס צום נאַקעטן אויג ווי נאָרמאַלע, גוט־אַנטוויקלטע, נאַטירלעכע באַשעפענישן, וועמענס טראַכט עס וואָלט דוכט זיך געדאַרפט זיין אַזוי פּרוכטבאַר ווי עס זיינען פּרוכט־באַר די טראַכטן פון אַלע פרויען; אָבער, וויי, זיי זיינען נעבעך נישט אַזוי; זיי זיינען פאַרמאַכטע, פאַרזיגלטע, פאַרטרוקנטע טראַכטן, וואָס קענען קיינמאָל נישט מעוברת זיין!"

ווידער האָט דן יצחק נישט געקענט איינזיצן ביים טיש. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שפּאַצירן איבערן זאַל און ער האָט שפּאַצירנדיק גערעדט פּאַמעלעך און פאַרטראַכט: „די עקרותדיקע לענדער און זייערע פעלקער קענען אַליין נישט אַנטוויקלען זייערע נאַטירלעכע רייכטימער, זייער אַגריקולטור, זייער האַנדל, זייערע אינדוסטריעס, זייער שפּראַך און זייער אומשטיינסגעזאָגטע קולטור. זיי דאַרפן, זיי מוזן האָבן די הילף פון אונדזער פּרוכטבאַרקייט, אונדזער אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע גאונות; זיי דאַרפן אונדז האָבן ווי אַ מין הייוון כדי זיי זאָלן קענען יוירן, כדי זיי זאָלן זיך קענען פּרוכפּערן; כדי זיי זאָלן קענען געדייען!"

דן יצחק האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָענט לעבן שלמה אבן ורגא ווי ער וואָלט געוואוסט, אַז דער יונגערמאַן וועט אַמאָל פאַרשרייבן זיינע רייד און זיי ברענגען צו די קומענדיקע דורות, און ער האָט אריינגע־רעדט שלמה אבן ורגאן אין פנים אַזש: „באַנעמסט מיינע רייד, יונגער־מאַן? פאַרשטייסט? זעסטו עפּעס אַ שייכות צווישן מיינע ווערטער און די בלעטער פון געשיכטע פון די וואַנדערונגען פון יידישן פאָלק פון לאַנד צו לאַנד? געפינסטו עפּעס רעיות אין דיינע געדאַנקען, וואָס באַשטעטיקן מיט געשיכטלעכע פאַקטן, דאָס וואָס איך האָב ערשט נאָר וואָס גערעדט?"

„יאָ, דן יצחק, איך פאַרשטיי וואָס איר מיינט; איך זע קלאָר די געשיכטלעכע שייכותן, אָבער..."

„גערודלד, גערודלד, יונגערמאַן; לאָמיר פּרובירן נאָך קלאָרער מאַכן דעם ענין!" האָט דן יצחק איבערגעריסן שלמהס רייד און ער האָט זיך געווענדט דאָ צו שלמה אבן ורגאן און באַלד צו דן אברהם סעניאָר. „איר, מיין חשובער חבר, מיין פינאַנצן־מאַגיקער, איר ווייסט מסתמא זיכער וואָס איך האָב געמיינט. איר פאַרשטייט און באַנעמט אוודאי, אַז מיר, דאָס יידישע פאָלק, אַ גוואַלדיק פּרוכטבאַר פאָלק, אַן אויסערגע־וויינטלעך פּרוכטבאַרער זאָמען, איז געוואָרן צעוואָרפן און פאַרזייט מיט אַ כיוון איבער גאָר דער וועלט. מיר ווערן פון צייט־צו־צייט פאַר־פלאַנצט אין אַ גרעסערער צאָל אין דעם אָדער יענעם לאַנד וואָס איז ביז אונדז געווען אַזוי עקרותדיק אָרעם ווי אונדזער שפּאַניע איז געווען איידער מיר האָבן זיך דאָ פאַרוואָרצלט!"

„פאַרוואָס איז אונדז באַשערט שטענדיק צו זיין די באַפרוכפּע־רער פון פרעמדער ערד?" האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פראַגע פון שלמה אבן ורגאס צאַפּלענדיק האַרץ.

„וויי, אָך און וויי צו אונדז, וואָס מוזן שטענדיק האַלטן אין איין ווערן איבערגעפלאַנצט פון אָרט צו אָרט!" האָט דן אברהם סעניאָר געזיפצט.

„דאָס איז ערשט נישט די פראַגע", האָט געזאָגט דן יצחק. „מיר באַשטעטיקן בלויז פאַקטן, געשיכטלעכע פאַקטן; מיר פּרובירן נישט אַפילו צו געבן קיין ענטפערס אויף קיין פראַגעס." ער האָט אַ קעם

געטאָן זיין באָרד מיט די לאַנגע, דינע פינגער און ער איז געבליבן שטיין אין מיטן זאַל.

„מיר האָבן שוין געמאַכט דאָס לאַנד שפּאַניע פּרוכטבאַר און רייך. מיר אַליין האָבן זיך פאַרוואָרצלט, זיינען געוואַקסן, האָבן געבליט און אונדזערע ביימער זיינען פול מיט רייפע, זאַפטיקע, געשמאַקע פּירות און פרוכטן. יאָ געוויס; כמעט יעדער ייד דאָ אין לאַנד איז געוואָרן אַ בליענדיקער, אַ צעוואַקסענער בוים פול מיט פרוכט, וואָס שטייט פאַראַנקערט אין דער דאָזיקער ערד,“ האָט דן יצחק גערעדט צאַרט און כמעט שעפּטשענדיק: „דאָס עקרותדיק פאָלק צווישן וועלכן מיר לעבן האָט טועם געווען פון אונדזערע פרוכטן. זיי האָבן הנאה געהאַט פון די זאַפטן, וואָס פליסן פון דער שפע פון די פרוכטן, וואָס מיר האָבן זיי געגעבן, פון דער שפע פון די אינדוסטריעס, האַנדל, פּאַכן, וואָס מיר האָבן פאַרפלאַנצט אויף זייער ערד; און ערשט, ערשט מיינע טייערע“ — דן יצחקס שטערן האָט אויסגעזען אינגאַנצן איינגעשרונקען. ער איז צוגעגאַנגען צום שמאָלן, לאַנגן טיש און ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אין אים; ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געליטן פון אַ שאַרפן ווייטיק. „ערשט איז דאָס עקרותדיק פאָלק, זיינע מאַכטהאָבער וואָס זיינען אונ־מעכטיק, נישט צופרידן מער דערמיט, וואָס זיי קריגן בלויז אַ טייל פון די זאַפטן און פרוכטן פון אונדזערע ביימער. זיי זיינען פאַרכאַפּט ווי די עקרותדיקע פרוי, פון אַ מוראדיקער, אַ חיהשער קנאה קעגן אונדז. זיי ווילן די פרוכטן, די ביימער און די וואָרצלען אפילו.“

דן יצחק האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ער האָט פאַרגעזעצט אין זיין נביאישן טאָן: „וואו נאָר, אין וועלכן עס איז לאַנד וואו מיר זיינען פאַרפלאַנצט געוואָרן, אַזוי שנעל ווי די פרוכטן אויף אונדזערע ביימער ווערן רייף, ווערן די פעלקער צווישן וועלכע מיר וואוינען אויפגעפרעסן פון אַ ווילדער, פון אַן אכזריותדיקער קנאה און שנאה און זיי רייסן אונדז אַרויס פון זייער ערד. זיי פליקן די פרוכטן פון אונדזערע ביימער, פון אונדזערע צווייגן און זיי צעוואַרפן אונדז, אונדזער זאָמען, וואָס פאַר־וואָרצלען זיך ווידער ערגעץ וואו אין אַ פרעמד, וויסט לאַנד, וואָס נויטיקט זיך אין אונדזער פרוכטבאַרקייט, אין אונדזער אומדערשעפּלעכער שעפע־רישקייט!“ ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דן אברהם סעניאָר און

האָט געפרעגט: „נו, זייט איר, בין איך און נאָך אַזוינע ווי מיר, זיינען מיר דען נישט אין דער פולער רייפקייט ווען מיר די ליכטיק־הויטיקע, ווען מיר די וואָס ווערט אויפגעפרעסן פון אייפערזוכט, ווען מיר „די באַשיצערין פון דער אמתער אמונה” האָט אַ רעכט צו וועלן פאַרצערן מיט די וואָרצלען, שטאַמען, צווייגן און פרוכטן צוזאַמען?”

„אָבער מיר זיינען דאָך גרייט איר צו געבן אַזוי פיל געלט וויפל איר האַרץ גלוסט; מיר ווילן דאָך אפילו פאַרקויפן די צירונג, מיר ווילן איר אַוועקגעבן אונדזער גאַנץ פאַרמעגן; עס ווילן די יידן בלייבן אָרעמעלייט אַבי זי זאָל זיי לאָזן וואוינען דאָ אין לאַנד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אונדזער שוויים און בלוט!”

„איר זייט טאַקע גערעכט, דן אברהם, טאַקע אמת, אָבער איר פאַרגעסט, אַז די דאָזיקע העל־הויטיקע, בלוי־אויגיקע, אַז זי וואָס רעדט אַזוי מילד און צאַרט, אַז די דאָזיקע קראַנקע באַשעפעניש, וואָס ווערט פאַרצערט פון אייפערזוכט אויף איר קעניג־מאַן, אַז זי קען אונדז נישט נעמען און פשוט באַראַבעווען און זאָגן צו דער וועלט, אַז זי האָט עס אַזוי געטאָן ווייל גייציקייט און קנאה האָבן איר געטריבן דערצו. זי מוז, זי דאַרף אונדז באַרויבן אונטערן אויסרייד פון דינען אירע „הייליקע” צוועקן; זי וועט, זי קען אונדז באַגזלנען אין נאָמען פון איר מטורפן, איר הייליקן מאַניאַק, דעם שוואַרצן מאָנאַך. זי וועט אונדז באַראַבעווען; זי וועט אונדז שחטן אונטערן אויסרייד פון זיין די באַשיצערין פון דער אַמתער אמונה. מיר זיינען רייף און זי וועט אונדז אַראָפּפליקן פון די צווייגן; אויסרייסן מיט די וואָרצלען!”

דן יצחקס שטימע איז געוואָרן פאַרשפּיצט. ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם לעצטן וואָרט און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער רעכטער האַנט ביי דער לינקער זייט ברוסט־קאַסטן. זיין שטערן האָט זיך באַדעקט מיט קרעלן שוויים ווי מיט פּערל. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין זיין שטול, ער האָט שווער געאָטעמט.

„דן יצחק!” האָט געזאָגט דן אברהם סעניאָר, „איך באַנעם גענוי אייערע אמתע רייד, אייערע געדאַנקען, וואָס זיינען באַזירט אויף געשיכטלעכע פאַקטן, אויף אַ גענויעם אַנאַליז פון געשעענישן מיט אונדזער פאָלק; איך באַנעם און פאַרשטיי דעם אמת צו וועלכן איר זייט, ווייזט אויס, געקומען ערשט, נאָר וואָס, פונדעסטוועגן” —

„טייטשט מיר נישט אויס שלעכט, דן אברהם,‟ האָט דן יצחק אים איבערגעריסן די רייד. „נישט קוקנדיק אויף אַלץ וואָס איך האָב דאָ פריער געזאָגט און גערעדט וועל איך זיך זיכער נישט אָפּזאָגן פון דער שליחות, פון דער פליכט, וואָס דאָס יידישע פאָלק פון גאַר דער וועלט, וואָס די יידן פון שפּאַניע ווילן איך זאָל אויף זיך נעמען; איך וועל גיין, איך וועל זיכער גיין מיט אייך זיך משתדל זיין פאַר אונדזערע געפּלאָגטע ברידער, נישט קוקנדיק אויף די פיינלעכע שלוסן צו וועלכע איך בין געקומען די לעצטע פּאָר טעג.‟

פון ווינקל וואו שלמה אבן ורגא איז געשטאַנען ווי אַ זייל צו־גענאָגלט צו דער וואַנט האָט זיך געהערט אַ פריידיקער זיפץ: „לאָמיר נישט אָפּלייגן. לאָמיר איילן איידער די קעניגן שרייבן אונטער די גזירה! מיר מוזן גלייך אַרויספאָרן, חשובער דן יצחק,‟ האָט דער יונגער שלמה אבן ורגא גערעדט מיט טרערן פון פרייד; ער האָט אויסגעזען אינגאַנצן צעפּלאָמט: „קומט, מיר טאָרן נישט פאַרלירן קיין סעקונדע,‟ האָט ער זיך געבעטן.

„זאָל גאָט בענטשן אונדזער שליחות, הלוואי זאָלן מיר כאָטש פועלן, אַז זיי זאָלן צייטווייליק אָפּלייגן די גזירה!‟ האָט מיט אַ שווער געמיט געזאָגט דן יצחק אברבנאל און ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין שטול.

---

די קעניגין איזאַבעלא האָט זיך געפילט אין איר נייעם הויף אין דער אלהאמברע ווי אַ ווילדע חיה אין אַ שטייג.

יאָ, זי האָט מאַכט; זי האָט אפילו רייכטום ערשט; זי הערשט איבער אַ וועלט; זי איז די פירערין פון אַ מעכטיק, אַ רייך לאַנד; זי קען, זי וועט מיט איין פיר מיט איר פעדער פאַרטרייבן אַלע יידן פון איר לאַנד; זי וועט פאַריאָגן פון איר מלוכה די עקשנותדיקע יידן און זי וועט האָבן דערגרייכט יענעם ציל, וואָס איר בלאַס־פּנימדיקער טאָרקוועמאַדע מיט די פייער־פלאַמיקע אויגן וויל שוין אַזוי לאַנג זי זאָל דער־גרייכן. יאָ, איר געוועזענער בוזעם־פריינט פאַר וועמען זי פלעגט זיך אַזוי אָפט מתוודה זיין אפילו מיט אירע שווערסטע זינד, ער, דער טאָרקווע־מאַדע האָט דאָך איר געגעבן אָט דעם טייערן ציל, דעם שלאָג־וואָרט:

„איין שטאָט און איין גלויבן!״ נו, איז וועט זי ערשט דורכפירן דעם פייער־אויגיקנס פאַרלאַנג, אָבער וואָס וועט איר אַליין, איר פּערזענלעך אַרויסקומען פון דעם דאָזיקן ענין? וואָס טויג איר דאָס דורכפירן דעם ציל? וואָס טויג איר, בכלל, איר רייכטום, איר עשירות, אירע צילן וואָס טויגן אויב זי בלייבט נאָך אַלץ מאַכטלאָז, הילפלאָז, אויב זי קען נאָך אַלץ נישט באַהערשן, קאָנטראָלירן, צוימען די וויסטע לוסט, וואָס ברענט אין איר מאַנס לענדן? צו וואָס טויגן איר דער גרויסער פּאַלאַץ, די אָנצאָליקע זאַלן און צימערן און פּראַכטיקע גאָרטנס פון דער אלהאמבּרע אויב זי פילט נאָך אַלץ אין זיי, צווישן זייערע ווענט, ווי זי וואָלט געדריקט געוואָרן, ווי מ׳וואָלט איר געוואָרגן מיט אייזערנע הענט, ווי זי וואָלט געזעסן פאַרשטיקט אין אַן ענגער, פינצטערער, לופטלאָזער טורמע, אין אַ צעל אַן אָפּגעזונדערטן? יאָ, זי האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַלטע, מיאוסע, אָפּגעבליאַקעוועטע ווייבער ווי מכשפות, וואָס אַז זי טוט אַ קוק אויף זיי ווילט זיך איר אויסברעכן די גאַל. אמת טאַקע, אַז ווען איר פערדינאַנד קומט איר זען טרעפט ער אַרום איר אַ באַנדע צעקנייטשטע, פאַרזויערטסטע, כמעט געשלעכטלאָזע פרויען אַזוי, אַז נישט ווילנדיק מוז זי אַרויסשיינען פון צווישן זיי ווי אַ דימענט פון דער בלאָטיקער ערד אַרויס. נו, פונדעסטוועגן, העלפט עס איר עפּעס אים צו קענען געווינען? שענקט ער איר דען וועלכע עס איז אויפמערקזאַמקייט? ווייזט ער איר דען אַרויס אַפילו אַ טראָפּן מער ליבע אין די נייע, פּראַכטיקע, ערשט געוואונענע פּאַלאַצן ווי ער האָט איר אַרויסגעוויזן דאָרטן, אין יענע פּאַלאַצן אין טאלעדא, וואָס זיינען אויך געווען נישט ווייניק פּראַכטיק? אין טאלעדא זיינען איר כאָטש געווען גוט באַקאַנט אַלע ווינקלען, אַלע צימערן, אַלע באַהאַלטענע פּלעצער אין די גאָרטנס פון קעניגלעכן שלאָס. ווען פערדינאַנד איז געווען אין דער היים האָט זי כאָטש געוואוסט, אַז די צייט וואָס ער איז אין פּאַלאַץ, איז ער אינגאַנצן אירער; ווייניקסטנס איז ער פיזיש געווען אירער, כאָטש דעם אמת געזאָגט האָט בלויז זיין פיזישער זיין מיט איר אַ קליינע ווערט אין אירע אויגן; זי ווילן, זי וואָלט געוואָלט ער זאָל זיין מיט איר, מיט זיין לייב און לעבן, ווי ער פלעגט זיין מיט איר אַמאָל, גאָר אַמאָל.

יאָ, אין טאלעדא האָט איר פערדינאַנד נישט געקענט אַזוי לייכט אָנגיין מיט זיינע חוצפּהדיקע ליבע אַפּערעס מיט יעדער מויד, מיט

יעדן פאַרשייטן קליידל, וואָס איז געקומען באַזוכן דעם הויף. ער איז כסדר געווען אונטער איר שאַרפער, אונטער איר שטענדיקער אויפזיכט. ער וואָלט נישט געוואַגט צו פאַרשוועכן די קעניגלעכע שלאָף־צימערן מיט זיינע אויסגעלאַסענע ליבעס, מיט די פלאַמעדיקע מוידן וואָס באַווייזן זיך פלוצלונג, וואָס קומען אומדערוואַרט, וואָס זיינען דאָ אומעטום דאָ אין דער אַלהאמברע. יאָ, דאָרט אין טאָלעדאָ אין קעניגלעכן פאַלאַץ פון אירע אורעלטערן האָט ער, ווי עס איז, געמוזט צוימען זיין פלאַמיקן אַפּעטיט, זיינע פאַרלאַנגען זיך אַרומצורינגלען מיט וואָס מער יונגע מוידן, מיט וואָס מער פאַרשייטע שנעקעס, אָבער דאָ, צייט זיי האָבן זיך באַזעצט אין דער אַלהאַמברע האָט זי פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער אים אפילו דעמאָלט ווען ער איז דאָ אינדערהיים, אין פּאַלאַץ. ניין, זי ווייסט קיינמאָל נישט וואו ער איז, אין וועלכן זאַל ער געפינט זיך, אין וועלכן פליגל פון פאַלאַץ, אין וועלכן באַד־צימער ער איז און מיט וועמען ער איז. עס געפינען זיך ערשט אַזוי פיל ריטער, אַדליים, הויף־מענטשן מיט זייערע ווייבער, מיט זייערע דאַמען, מיט זייערע יונגע טעכטער, אַלע זיינען אין פּאַלאַץ; זי ווייס אַפילו נישט ווער און וויפל מענטשן עס זיינען דאָ. און איר פערדיגאַנד גייט זיך אַרום אַרום די אַלע פרויען און זיינע קליינע, שאַרפע אויגן קוועלן אַז און זיי פאַרצערן שיער יעדע פרוי וואָס זיי זעען, און מאָדנע, דוכט זיך, אַז יעדע פרוי אין הויף, פון דער אינגסטער ביז דער עלטסטער, פון דער מיאוסטער ביז דער פראַכטיק־רייצנסטער פרוי, אַלע, אַלע זיינען, איר אויף צו להכעיס, פאַרכישופט, ווי מיט מאַגנעטן צוגעצויגן צו איר פערדינאַנדן; ווי ס׳וואָלט זיי אַ געהיימע קראַפט געצויגן צו אים אַזוי זיינען זיי אַלע געפאַנגען אין זיין נעץ, אין איר פערדינאַנדס נעץ.

„מיין פערדינאַנד", האָט איזאַבעלאַ געזאָגט און זי האָט זיך געשטיקט מיט אַ געלעכטער. איר בלאַסער, איר ווייסער פנים איז נאָך ווייסער געוואָרן, איר הויט האָט ערשט פשוט אויסגעזען דורכזיכטיק. אירע גרינלעך־בלויע אויגן האָבן שפיזיק געשיינט. „מיין פערדינאַנד!" האָט זי גאָליק איבערגעחזרט די ווערטער. „מיט וואָס, ווי אַזוי איז ער מיינער?" האָט זי זיך געפרעגט אַ פאַרצווייפלטע. זי האָט אַ קוק געטאָן אַרום זיך. זי האָט געזען, אַז זי זיצט אין דעם פראַכטיקן, אין דעם אומגעהויער גרויסן, אין דעם שווער באַצירטן זאַל פון די אַמבאַ־

סאַדאַרן. צו וואָס, פאַרוואָס זיצט זי דאָ? צו וואָס דאַרף זי אונטער־שטרייכן איר איינזאַמקייט, איר נישטיקע קליינקייט, צו וואָס זיצן אין דער גוואַלדיקער לײדיקייט וואו זי איז בלויז אַ שטויבעלע, אַ שטויבעלע אין דער ליידיקער שטילקייט?

זי האָט זיך פּרובירט אויפשטעלן נאָר זי איז געבליבן אוממעכטיק זיצן אין דער טיפער, ווייכער, באַצירטער שטול מיטן הויכן, באַקרוינטן אָנלען.

„צו וואָס זאָל איך זיך אויפהייבן? וואוהין זאָל איך ערשט גיין?" האָט זי זיך געפרעגט. זי האָט פאַרקלאָמערט די אויגן און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו פּייניקן מיט די געדאַנקען און וויזיעס, אַז איר פערדינאַנד איז ערשט ערגעץ וואו אין איינעם פון די גערטנער, אין ערגעץ אַ גאָרטן־ביידל, ער זיצט מיט אַ יונגער גרעפין, מיט אַ באַראָנעסע און האַלט זי אין זיינע מעכטיקע אָרעמס און זיי ביידע לאַכן דאָרט פון איר, פון דער קעניגין פון שפּאַניע, פון דער קאַסטילישער, פון דער קאַטוילישער הערשערין. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי ווייסט וואו און מיט וועמען איר פערדינאַנד איז. איר קערפּער האָט זיך ערשט געטרייסלט און געוואָרפן קאָנוואולסיוו פון ווייטיק און צאָרן; זי האָט געביסן אירע ליפּן און זי האָט אירע הענט איבערגעפורמט אין מעכטיקע פויסטן.

„אָך, אַלמעכטיקער גאָט!" האָט זי געמורמלט מיט קריצנדיקע ציין, „אָך, אַלמעכטיקער גאָט, פאַרוואָס נעמסטו נישט צו פון מיר אַלע עשירות, אַלע רייכטימער, אַלע מיינע מאַכטן און גיסט מיר נישט בלויז איין און איינציק שטיקל קראַפט אין מיינע הענט, די מאַכט פון קענען נויטן מיין פערדינאַנד ער זאָל ליב האָבן מיר, בלויז מיר אַליין!"

זי האָט געעפנט די אויגן און זי האָט געזען די רויט־בלויע ווענט אַרום זיך. זי האָט געפילט ווי איר קערפּער פיבערט: „וועל איך טאַקע קענען זיין צופרידן, וועל איך, וואָס האָב דאָס אַלץ באַזיגט און געוואונען, איך איזאַבעלאַ די זיגערין, וועל איך זיך צופרידנשטעלן דער־מיט, וואָס מיר וועט זיך איינגעבן צו באַזיגן בלויז דאָס ביסל פאַרשווענדטע ליבע וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין מיין פערדינאַנדס האַרץ?" אירע גרינלעך־בלויע אויגן זיינען געפאַלן אויף אַ פּריעז, אַ שלאַק, אַ זוים אַרום די ווענט אויף וועלכן ס'איז געווען אַן אויפשריפט: „גאָט

אַליין איז דער זיגער!" „נאַראָנים, בהמות!" האָט איזאַבעלאַ צו זיך אַליין געברומט. „צו וואָס האָבן זיי אויסגעמאָלן דעם אויפשריפט אָט דאָ־אָ גלייך פאַר די אויגן? מוז מען מיר כסדר דערמאָנען ווי נישטיק איך בין אין פאַרגלייך מיט דער מאַכט פון גאָט?"

זי האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן און זי האָט זיי שטיף צוזאַמענ־געקוועטשט; זי האָט געוואָלט שרייען, מאַכן גוואַלדן, זיך בייזערן אויף זיך אַליין, אפילו אויף גאָט; זי האָט ערשט געוואָלט אויסרופן: „איך, איך אַליין בין די זיגערין!" זי האָט געהערט לייכטע, שטילע טריט, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט צו איר. אין פחד האָט זי פּאַמעלעך געעפנט די אויגן און זי האָט פאַר זיך געזען אַ שוואַרצע מאַסע און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט אַ פּאָר פייערדיק־ווילדע, דורכ־דרינגנדיקע, שפּיזן־שאַרפע אויגן, וואָס האָבן אי באַשולדיקט אי גע־פאָדערט דין וחשבון.

„זיי זיינען דאָ; זיי זיינען געקומען מיט קאַראַוואַנען באַלאָדן מיט גאָלד און דימענטן. זיי שטאַרק!"

טאָרקוועמאַדעס שטימע איז געווען אי מילד, צאַרט, לולודיק אי שאַרף, בייסיק און באַפעלעריש. ער האָט געציילט יעדן וואָרט. זיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין איזאַבעלעס פּנים; ער האָט געפאָרשט אירע אויגן. ער האָט געזען אין זיי שוואַכקייט, שוואַכקייט און פחד, פחד און געבעט, געבעט און ימען רחמנות, רחמנות אויף זיך אַליין. דאָס אַלץ איז געווען צוזאַמענגעמישט אין איינעם. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו רוקן אויף הינטער זיך. זיין שטימע האָט מאָדנע געזשומעט אין איזאַבעלאַס אויערן; ער האָט געשעפּטשעט זיך צוריקציענדיק פון זאַל: „געדענק, מיין טאָכטער, איין לאַנד, איין גלויבן!" איזאַבעלאַ האָט געהערט דעם געקלימפּער פון גאָלדענעם צלם אויף דער מאַסיווער קייט אַרום טאָרקוועמאַדאַס האַלדז. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזען ווי טאָרקוועמאַדאָס שאָטן איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

---

די דעלעגאַציע האָט זיך פאַרזאַמלט אין הויף פון די לייבן. זיי האָבן געוואָרט מ׳זאָל זיי לאָזן וויסן, אַז זייערע מייעסטעטן זיינען גרייט זיי אויפצונעמען אויף אַן אוידיענץ. דן יצחק אברבנאל האָט נערוועז

אַרומגעשפּאַנט אין וואַלד פון זיילן; ער איז געווען מיד פון דער לאַנ־גער, נודנער רייזע פון טאָלעדאָ קיין גראַנאַדע. ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז ער דאָ געווען אין דער אַלהאַמברע. דעמאָלט איז ער אַהער געקומען ווי אַ חשובער, אַ פאַרבעטענער גאַסט צו די קעניגן בייצווזיין ביי דער גרויסער פייערונג פון דער מורישער קאַפּיטולאַציע, זיך צו באַטייליקן אין דעם פייערלעכן יום־טוב פון גרויסן זיג. יאָ, דעמאָלט איז ער, דן יצחק, דעמאָלט זיינען זיין חבר דן אברהם און דער געוועזענער ייד, דער אנוס דן לואיס דע סאַנטאַנכעל געווען די וויכטיקסטע, די חשובסטע, די באַליבטסטע געסט אין דער אַלהאַמברע. זיי זיינען געווען פון די געציילטע פּאָר מענטשן, וואָס האָבן געהאַט דעם גרעסטן חלק אין זיג איבער די מורן; זיי האָבן צוגעשטעלט דער קעניגין נישט נאָר שפּייז פאַר אירע אַרמייען נאָר זיי האָבן איר נאָך אפילו מאָראַליש געשטיצט און געהאָלפן איר פירן אָט די שווידערלעך שווערע און קאָסטבאַרע מלחמה. יאָ, דעמאָלט איז ער און זיינע חברים געווען דאָ ווי מיטזיגערס מיט די קעניגן, און היינט, היינט איז ער דאָ ווי אַ שתדלן, ווי אַ בעטלער, ווי איינער וואָס קומט אויסבעטלען אַ טראָפּן רחמנות פאַר זיין באַליידיקט און דערשלאָגן פאָלק, אַ בעטלער, וואָס גייט אויסבעטן אַ היים פאַר זיך און זיינע קינדער. אוי, ווי מיד, ווי פאַרמאַטערט ער פילט זיך! ער וואָלט שוין געוואָלט אָפּרוען זיינע צעבראָכענע ביינער אויף די עלטערע יאָרן. ערשט מיט אַכט יאָר צוריק איז ער געוואָרן פאַרטריבן, פאַריאָגט פון זיינע שלעסער און פּאַלאַצן אין פּאָרטוגאַל; מיט אַכט יאָר צוריק איז ער קוים מיט זיין לעבן פון דאָרט אַנטלאָפן. ער האָט זיך געראַטעוועט. ער האָט אויפ־געבויט אַ נייע היים פאַר זיך דאָ אויף דער שפּאַנישער ערד פון וואַנען זיין זיידע, ר׳ שמואל אברבנאל, איז מיט הונדערט יאָר צוריק אַנטלאָפן ווי אַ באַהאַלטענער ייד; ער, דן יצחק, האָט געטריי, מיט לייב־און־לעבן געדינט דער קעניגין, איר געהאָלפן געווינען די מלחמה און ערשט, אויף דער עלטער, ערשט מוז ער אַ מידער, אַ צעבראָכענער זיך לאָזן אין אַ נייעם גלות אַריין!

דן יצחק איז ערשט געשטאַנען אויף דער פּאָרטיקאָ, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף לאַנגע רייען דינע, ווייסע, שלאַנקע זיילן פון גע־קליבנסטן מאַרמאָר. ער איז צוגעגאַנגען צו דן לואיס דע סאַנטאַנכעל,

וואָס האָט זיך באַגעגנט מיט דער דעלעגאַציע דאָ אין גראַנאַדאַ. ער איז געווען דער איינציקער נישט־ייד, וואָס האָט זיך ערשט געפונען דאָ אין הויף פון די לייבן. דן יצחק האָט אים נישט גערופן ייד, און זיין האַרץ האָט אים נישט געלאָזט ער זאָל דן לואיסן רופן קריסט, כאָטש ער איז נאָך פון קינדווייז אָן געווען גע'שמד'ט. דן לואיס איז געקומען אויסדריקן מיטגעפיל און סימפּאַטיע צו דער דעלעגאַציע און צו די יידן בכלל, וואָס האָבן זיך זיכער נישט פאַרדינט אַזאַ באַלוינונג פאַר זייער געטריישאַפט און לאָיאַליטעט צו די קעניגן. דן יצחק איז גע־שטאַנען לעבן אים. עס זיינען אויך געווען מיט זיי דער הויפּט־ראַבינער פון טאָלעדאָ, רבי אבואב און דער יונגער שלמה אבן ורגא.

„איך זאָג ערשט נאָכאַמאָל, מיט פּיין זאָג איך עס, אַז אונדזער שליחות, אונדזער מי איז אַרויסגעוואָרפן. מיין האַרץ זאָגט מיר אַזוי", האָט דן יצחק גערעדט מיט אַ צעוויטיקטער שטימע. ער האָט אָפּגעווישט די טראָפּנס שוויס פון זיין שטערן. ער איז געווען אויסגעווייקט אין שוויס כאָטש די פריע טעג פון מערץ זיינען געווען גאַנץ קאַלטע דאָ אין גראַנאַדע.

„די מורא'דיקע קנאה און „זיין" טייוולשע פאַר'עקשנ'טקייט וועלן שטיין ווי אַן אייזערנע וואַנט פאַר אונדז," האָט דן יצחק פאַרגעזעצט. מיטן וואָרט „זיין" האָט ער געמיינט טאָרקוועמאַדען. „ער וועט איר נישט לאָזן איינגיין אויף קיין אויסקויף געלטן; און איך זאָג ווידער, אַז אַפילו די גרעסטע אוצרות פון דער וועלט וועלן ערשט גאָר נישט אויפטאָן פאַר אונדז, ווייל וויפל מיר זאָלן נאָר נישט געבן, וועט זי אַלץ מיינען, אַז זי נאַרט זיך אָפּ." האָט דן יצחק שטאַרק באַטאָנט זיינע ווערטער.

אַ קוריער איז אָנגעלאָפן און האָט איבערגעגעבן, אַז די קעניגן וואָרטן אויף דער דעלעגאַציע. מעכאַניש האָט דן יצחק זיך אַ קעם געטאָן זיין ברייטע באָרד, וואָס איז שוין געווען שטאַרק גרויליק. די דעלעגאַציע איז אַראָפּ פון דער פּאָרטיקאָ. „איך ווינטש אייך דער־פאָלג!" האָט זיי דן לואיס דע סאַנטאַנגעל באַגלייט אַ פּאָר טריט. ער איז אָוועק צו דער אַלייע, וואָס האָט געפירט צו דער אַלאַמעדאַ.

לאַנגזאַם איז די דעלעגאַציע געגאַנגען צום זאַל פון די אַמבאַ־

סאַדאָרן. ווען זיי זיינען געווען ביי דער טיר פון זאַל האָבן זיי באַמערקט די שלאַנקע, פינצטערע פיגור פון שווארצן הייליקן, וואָס האָט זיך פאַרבייגעשלייכט ווי אַ שאָטן. דן יצחק האָט געשטאַרט אויף טאָרקוועמאַדען און ער האָט דעם שוואַרצן מאַנאַך דורכגעלעכערט מיט זיינע קליינע אויגן. רבי אבואב האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און דן אברהם סעניאָרס האַרץ האָט מוראדיק געקלאַפּט.

„אַ שלעכטער סימן, חלילה," האָט שלמה אבן ורגא אַ שעפּטשע געטאָן צו דן אברהם סעניאָר און איידער דן אברהם האָט נאָך צייט געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט האָבן זיי געזען ווי די טיר פון זאַל פון די אַמ־באַסאַדאָרן האָט זיך ברייט צעעפנט און די דעלעגאַציע איז ממש געווען פּנים אל פּנים מיט די קעניגן.

איזאַבעלאַ און פערדינאַנד זיינען געזעסן איינער לעבן אַנדערן. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין זייערע גאַלאַ קליידער. די קעניגין איזאַבעלאַ האָט אַפילו נישט פאַרגעסן אָנצוטאָן איר פּראַכטיקן האַלדז־באַנד מיט דעם רובינען־שטיין גרויס ווי אַן איי, וואָס איז געזעסן אין צענטער; דאָס איז געווען דער האַלדזבאַנד, וואָס דן אברהם סעניאָר האָט געהאַט געגעבן דעם קעניג פערדינאַנד ער זאָל האָבן אַ שיינע חתונה מתנה פאַר זיין דעמאָלדיקער כלה, די היינטיקע קעניגין איזאַ־בעלאַ.

איזאַבעלאַ האָט זיך געהאַלטן צערעמאָניאַל אָנגעשטייפט און ערנסט. אירע אויגן האָבן נאָך געהאַט אויף זיך יענעם מאָדנעם גלאַנץ, וואָס זיי האָבן לעצטנס אויף זיך געהאַט שטענדיק, ווען זי האָט געטראַכט ווי מאַכטלאָז זי איז צו קענען געווינען איר פערדינאַנדס געטריישאַפט און ליבע. זי האָט דעם פרימאָרגן געהאַט דורכגעלעבט אַ שיינע פּאָר שעה פון פייניקן זיך אַליין, פון ווען אויסגעפינען וואו און מיט וועמען איר פערדינאַנד האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון איר. זי האָט געשאָלטן דעם טאָג פון איר געבוירן ערשט מיט אַ פּאָר שעה פריער איידער די דעלעגאַציע איז געקומען. זי איז געווען גליקלעך ווען זי האָט געפונען אַן אָפיציעלע אורזאַך אַרויסצושיקן קוריערן איבער דער אַלהאַמבראַ זיי זאָלן אויפזוכן דעם קעניג און אים לאָזן וויסן, אַז ער דאַרף אויפ־נעמען די יידישע פאָרשטייערס. ערשט איז ער געזעסן לעבן איר. יאָ, ער

איז מיט איר כאַטש אויף אַ שטיקל צייט. יאָ דעלעגאַציע אָדער נישט דעלעגאַציע, זי האָט אים ליעבן זיך.

דן פערדינאַנדס שמייכלענדיק־פלינקע אויגן האָבן געקוקט אויף די דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט צו אים. ער האָט זיי אַלע געקענט שוין פון יאָרן. זיי זיינען אַלע זיינע פריינט. ער האָט ערשט געוואָלט זיי זאָגן זיי זאָלן פאָרן אַהיים און פאַרגעסן די גזירה, דעם עדיקט.

ער וועט סיי־ווי־סיי נישט אונטערשרייבן די גזירה; ס'אַרט אים אפילו נישט וואָס „זי" וועט זאָגן, וואָס דער שוואַרצער מאָנאַך וועט טראַכטן. ער האָט בכלל פיינט צו פאַרלירן צייט מיט איר און מיט איר שוואַרצן הייליקן. עס זיינען דאָ יינגערע און שענערע פרויען פאַר איר אין הויף מיט וועמען צו פאַרברענגען.

„זייט געגריסט, מיינע פריינט!" האָט פערדינאַנד געזאָגט אויפ־שטייענדיק פון זיין שטול מיטן הויכן אָנלען. ער האָט דערלאַנגט דן יצחק אברבנאל זיין האַנט און ער האָט פאַרגעזעצט. „וואָס איז מיט אייך? פאַרוואָס ליגט אַזאַ אומעט אויף אייער פּנים?" ער האָט די פראַגעס געפרעגט מיט אַזאַ אויפריכטיקייט, אַז קיינער וואָלט אים אַפילו נישט חושד געווען, אַז ער ווייס, אַז דער עדיקט, די גזירה צו פאַרטרייבן אַלע יידן פון שפּאַניע איז שוין אָנגעשריבן און אַז ער דאַרף בלויז זיך אונטערשרייבן אונטערן שטיקל פּאַפּיר כדי די גזירה זאָל ווערן אַ געזעץ. איזאַבעלאַ האָט זיך אויך פּרובירט אויפהויבן צו באַגריסן „אירע געסט", ווי זי האָט זיי גערופן.

פערדינאַנד האָט געבעטן די געסט זיי זאָלן זיך זעצן. די דעלע־גאַטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו זיצן אין דער קעגנוואַרט פון די קעניגן. אָן קיין ווייטערדיקע פאַרברייטונגען, קורץ און זאַכלעך האָט דן יצחק אָנגעהויבן צו דערציילן די קעניגן, וואָס די מיסיע פון די דעלעגאַטן צום קעניגלעכן הויף איז. ער האָט געגעבן אַ קורצן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון די יידן אין שפּאַניע; ער האָט אויסגערעכנט אַ ליסטע מיט גרויסע פאַרדינסטן, וואָס די יידן פון שפּאַניע האָבן געהאַט אין דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און אינדוסטריע. ער האָט דער־מאָנט ווי לאָיאַל און ערלעך די יידן האָבן געדינט די קעניגן; דער־

נאָך האָט ער דערמאָנט מיט וואָסער איבערגעגעבנקייט ער אַליין האָט געדינט דאָס לאַנד און לסוף האָט ער זיך געווענדט צו די קעניגן און האָט זיי געבעטן: „האָט רחמנות אויף אונדז, אַזאַ דערשלאָגן פאָלק, וואָס ווערט שוין געיאָגט און געפּלאָגט אַזוי פיל יאָרהונדערטער; האָט רחמנות און טרייבט אונדז נישט אַרויס פון לאַנד, אַ לאַנד וואָס איז דורכגעווייקט מיטן בלוט פון אונדזערע אורעלטערן, וואָס זיינען אַהער געקומען אפשר מיט גאַנצע צוויי טויזנט יאָר צוריק!"

מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט יעדער דעלעגאַט געוואַרט אויף אַן ענטפער. די פּויזע צווישן דן יצחקס רירנדיקער רעדע, זיין האַרציקער געבעט און דעם קעניגס ענטפער איז געווען אַ לאַנגע און אַן אומדערטרעגלעכע. דן יצחק האָט אַראָפּגעשלונגען אַ פּאָר שטיקנדיקע טרערן און ער האָט געפּאָרשט דעם פּנים פון דער קעניגין און באַלד די שמייכלענדיקע אויגן פון קעניג. ער האָט פאַרגעזעצט מיט אַ שוואַכער, בעטנדיקער שטימע: „די יידן פון שפּאַניע האָבן געשיקט צו אייערע מייעסטעטן צען אייזלען באַלאָדן מיט מתנות; מיר האָבן חוץ דעם געבראַכט פאַר די קעניגלעכע שאַץ־קאַמערן דרייסיק טויזנט גאָלד דוקאַטן און מיר בעטן אייערע מייעסטעטן: אויב איר האָט נישט קיין רחמנות אויף אונדז, בעמט אין באַטראַכט און האָט רחמנות אויפן שפּאַנישן פאָלק, וואָס וועט שוידערלעך פאַראָרעמט ווערן אויב איר וועט אַרויסטרייבן פון אייער לאַנד אָט דעם וויכטיקן טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז צום מייגסטן אונטערנעמעריש, וואָס פירט אָן מיט אַ פאַרצווייגטן און רייכן טייל פון האַנדל און אינדוסטריע פון וועלכע אַזוי פיל שפּאַניער ציען חיונה."

דן יצחק איז געווען אָטעמלאָז. ער האָט געציטערט פון דער־שעפּטקייט. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אין שלמה אבן ורגא, וואָס איז געשטאַנען נאָענט לעבן אים.

ווידער האָט געהערשט אַ דערדריקנדיקע שטילקייט אין זאַל. עס האָט זיך באַלד געהערט דן פערדינאַנדס אַ טרוקענער הוסט. ער האָט זיך אָנגערופן: „מיין טייערער פריינט דן יצחק; איר פאַרדינט זיכער אונדזער באַלוינונג און אונדזער קעניגלעכע שוץ." ער האָט געציילט די ווערטער ווי ער וואָלט געטראַכט וואָס צו ריידן. ער האָט כסדר

געקוקט צו איזאַבעלאַן, וואָס איז אומרואיק געזעסן אין איר שטול. אירע גרינלעך־בלויע אויגן זיינען געווען ברייט צעעפנט. זי האָט געזען די חמרים גאָלד און די טייערע מתנות, וואָס זיינען געוואָרן אַריינגעבראַכט אין זאַל און אָנגעהויפנט געוואָרן ביי די ווענט אין דער צייט ווען די דעלעגאַציע האָט פאַרגעלייגט איר בקשה. אירע גייציקע אויגן זיינען געווען צוגענאָגלט צו די אוצרות, וואָס האָבן פון מינוט צו מינוט אָנ־געפילט איר פּאַלאַץ. זי האָט נישט געהערט דן יצחקס לעצטע ווערטער און זי האָט קיין איין וואָרט נישט געהערט, וואָס איר פערדינאַנד האָט געזאָגט. זי האָט ערשט בלויז געזען דאָס גאָלד און די טייערע שטיינער, וואָס די דעלעגאַטן האָבן געבראַכט.

„איך וועל ערשט ווערן מעכטיקער!" האָט זי געטראַכט. „מיט אַזוי פיל גאָלד אין מיינע שאַץ־קאַמערן וועל איך זיין שטאַרקער. ס'קען זיין, אַז כ'וועל ערשט קענען באַזיגן אַפילו פערדינאַנדן, כ'וועל קענען געווינען זיין ליבע דורך געבן אים בערג מיט גאָלד, טייערע מתנות, אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט וועל איך אים קענען געבן פון דעם אַלע־מען, וואָס די יידן האָבן אַהער געבראַכט!" האָט זי געטראַכט.

„מיר וועלן נאָכאַמאָל זיך איבערלייגן וועגן דער גזירה; מיר וועלן ווידער באַטראַכטן דעם עדיקט!" האָט איזאַבעלאַס שטימע געשעפּטשעט ווי אין חלום. איידער די קלאַנגען פון אירע ווערטער זיינען פאַר־שוואונדן אין רוים האָט זיך איבערן זאַל צעטראָגן אַ קאַלטע, אַ ביזיקע, אַ מוראדיקע שטימע, וואָס האָט געוואָרנט און געדראָעט; די שטימע האָט אָפּגעקלונגען איבערן זאַל: „איש קריות האָט פאַרקויפט גאָטס זון פאַר צוואַנציק גאָלד־שטיקלעך און איר ווילט פאַרקויפן אונדזער אמונה פאַר דרייסיק טויזנט גאָלד דוקאַטן." אַלע פּנימער האָבן זיך געווענדט צו דער שטימע. דער שוואַרצער מאַנאַך איז דאָרט געשטאַנען.

די שווערע קייט אַרום זיין האַלדז האָט זיך צעקלימפּערט. מיט געאיילטע טריט איז ער צו צום קעניגלעכן טיש. ער האָט אַהין אַ שליידער געטאָן די קייט פון אַרום זיין האַלדז מיטן שווערן גאָלדענעם צלם וואָס איז אויף איר געהאַנגען. ווי אַ דונער האָט דאָס אָפּגע־קלונגען. טאַרקוועמאַדע האָט זיך אויסגעדרייט און ער איז אַרויס ווי אַ פינצטערער, מוראדיקער שאָטן.

איזאַבעלאַס אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט דעם שוואַרצן שאָטן. באַלד האָבן אירע גרינלעך־בלויע אויגן זיך אָפּגעשטעלט אויפן אויפשריפט אויף דער וואַנט קעגנאיבער איר. זי האָט געלייענט דעם אויפשריפט: „גאָט אַליין איז דער זיגער!"

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פערדינאַנדן. זי האָט געקוקט אויף די דעלעגאַטן. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר שטול. „איך וועל האָבן, איך קען האָבן אַלע טייערסטע שטיינער, אַלע הויפנס גאָלד, כ'קען האָבן מער, אַ סך מער ווי דאָס וואָס זיי האָבן מיר געבראַכט אויב כ'וועל טאָן דאָס וואָס ער הייסט מיר טאָן אין נאָמען פון גאָט!" האָט זי צו זיך אַליין גערעדט מיט פאַראַכטונג אויף איר אייגענער שוואַכקייט. „איך וועל טאָן גאָטס ווילן און דעם ווילן פון"... זי האָט אַ ציטער געטאָן און אַרויסגעזאָגט: „און דעם ווילן פון זיין שוואַרצן פרינץ." זי איז ערשט געווען מיד, זייער מיד און אירע גרינלעך־בלויע אויגן זיינען געווען פאַרלאָשן. „אָבער, גאָט מיין גאָט, פאַרוואָס, זאָג מיר פאַרוואָס קענסטו אַליין, נאָר דו זיין דער זיגער?" האָט זי זיך געפרעגט אין פאַרצווייפלונג. זי איז אַרויס פון זאַל.

די דעלעגאַטן זיינען געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אָטעמלאָז, פאַרלוירן. דער שוואַרצער מאַנאַך האָט געוואונען.

---

ווען די דעלעגאַטן זיינען ענדלעך אַרויס פון זאַל, ווען זיי זיינען געזעסן דערשלאָגענע אין זייער קאָטש, וואָס האָט זיי געפירט קיין טאָלעדאָ מיט די חושכדיקע גייעס פאַר די יידן פון שפּאַניע, איז אָנגעלאָפן אַ קוריער פון די קעניגן און ער האָט געבעטן, אַז דן יצחק אברבנאל זאָל זיך אומקערן צוריק קיין גראַנאַדע, ער זאָל בלייבן מיט די קעניגן אין שפּאַניע; ער זאָל בלייבן אין דינסט פון דער מלוכה. דן יצחק אברבנאלס שטימע האָט הילכיק, זיכער, מיט ווירדיקער שטאַרקייט, מיט מוטיקן גלויבן אָפּגעקלונגען אין קאָטש ווען ער האָט דעם קוריער געגעבן זיין ענטפער צו די קעניגן: „מיין אייגענע פּאָזיציע, מיין עשירות, מיין לעבן אינטערעסירן מיר ווייניק ערשט. וואו מיינע ברידער, מיין פאָלק וועט זיין דאָרט וועל איך אויך זיין!"

ער האָט באַפוילן דעם טרייבער צו פאָרן שנעלער און ער האָט ערשט איבערגעחזרט מיט אַ יונגנטלעך־שטאַרקער שטימע, וואָס ער

האָט שוין פריער געהאַט געזאָגט: „דער וואָרים פון קנאה האָט זיך אַריינגעריסן אין די הערצער פון די קעניגן. קיין שום סומע פון אויס־קויף־געלט וועט נישט אויסהיילן די שווידערלעכע קרענק, וואָס פאַר־צערט זייערע נשמות. לאָמיר בעסער אַנטלויפן פון דער מגיפה איידער זי פרעסט אונדז אויף.״ און ווען די קאַטש איז געפאָרן גאָר שנעל האָט ער צוגעגעבן: „לאָמיר בעסער ראַטעווען דאָס לעבן פון אונדזער פאָלק אַנשטאָט צו פרובירן ראַטעווען דאָס עשירות און רייכטום, וואָס מיר האָבן אָנגעזאַמלט; לאָמיר בעסער ווידער גיין אין גלות; לאָמיר בעסער זוכן נייע היימען פאַר אונדזער געפּלאָגט פאָלק איידער מיר זאָלן זיך זאָרגן וועגן אונדזערע פאַרמעגנס; ווייל לאַנג, לאַנג נאָכדעם ווי די קעניגן וועלן זיך שוין האָבן אָנגעזעטיקט מיט אונדזער רייכטום, לאַנג נאָכדעם ווי זיי וועלן שוין האָבן פאַרשווענדט אונדזערע עשירות, וועלן מיר, דאָס יידישע פאָלק, נאָך עקזיסטירן; אונדזער רייכטום וועט שוין נישט זיין, אָבער מיר, אונדזער פאָלק וועט בלייבן!״

די קאַטש האָט זיך געוויגט אויפן וועג קיין טאָלעדאָ. די דעלע־גאַטן זיינען געזעסן צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן אין אַ דערדריקט שטילשווייגן. דן יצחק אברבנאַלס ליפּן האָבן כסדר געשעפּטשעט צו דער גרויער, ברייט־צעקעמטער באָרד, וואָס האָט זיך צעלייגט אויף זיין ברוסט־קאַסטן, צו דער שטילקייט אַרום, צו די בליענדיקע פעלדער אויף שפּאַניעס פרוכטבאַרער ערד; זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט, ווי ער וואָלט זיך אַליין, די דעלעגאַטן אין קאַטש געוואָלט פאַרזיכערן: „אונדזער פאָלק וועט בלייבן!״

נולן

# 1

עס איז געווען אַ צייט אַזאַ ווען ס׳באַנק־ביכל, וואָס איז געלעגן ביי בעניָן אין בוזעם־קעשענע האָט נאָך שטאָלץ געטענהט: „בען, ס׳גייט קיין וועלט נישט אונטער. אַ מענטש מיט הענט, אַ מענטש מיט אַ קאָפּ אויף די אַקסלען קען שטענדיק געפינען וואו די הענט צו נוצן, וואו דעם קאָפּ זיך צו ברעכן". דעמאָלט איז בען גאָלד אַרומ־געגאַנגען איבער די גאַסן און געשעפּט צעברעס פרייד פון דער פרייער און זוניקער וועלט, וואָס האָט פאַר אים געהאַט טויזנטער חנען.

ביי בעניָן האָט דאָס ליידיק אַרומגיין דעמאָלט געהייסן, אַז ער האָט אַ שטיקל אורלויב, אַ מין וואַקאַציע. האָט ער מיט פאַרגעניגען דערוייל אַריינגעכאַפּט גאַנצע הויפנס זון שיין, גאַנצע פויסטן לופט, גאַנצע בערג שיינקייט פון דער זון־באַצירטער וועלט.

ביז דער צייט ווען די ביוראַ האָט אים „אָפּגעלייגט צייטווייליק" האָט בעני ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז די באַנאַכטיקע וועלט איז די שענסטע און די בעסטע. דער רעכענונג איז ביי אים געווען אַ פּשוטער: אַ וועלט מיט מענטשן אַרבעט בייטאָג, האָט פריי די נעכט, איז דאָך אַ סימן, אַז מ׳האָט אויסגעפונען, אַז פרייע צייט איז בעסער צו האָבן ביינאַכט, אַז די נעכט זיינען שענער און בעסער פאַר דער מענטשהייט ווי די טעג. און אַז אַ וועלט טוט אַזוי וועט ער, בעני, דאָך נישט גיין איבערמאַכן קיין זאַכן ווי אים גלוסט זיך. בעני איז שטענדיק געווען פון די מענטשן, וואָס האבן נישט קיין פאַראיבל אויף דער וועלט און אירע פירער.

ערשט, אָבער, גייענדיק איבער די גאַסן מיט זיין שטאָלץ באַנק־ביכל אין קעשענע האָט בעני זיך אַרומגעזען, אַז נאָך אַלעמען איז עפּעס נישט אַלץ אין אָרדענונג מיטן איינפיר פון דער וועלט. דער בייטאָג האָט פאַר אים געהאַט אַזאַ רייץ און חן, אַז ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי

ער װאָלט דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן זיך אָנגעטראָפֿן מיט אַ װאָכע־דיקן טאָג, מיט אַזאַ פּראַכטפֿולן טאָג. נישט װילנדיק האָט זיך בײַ אים אַרױסגעריסן עפּעס אַ פּרעמדער, מאָדנער פֿאַרדראָס־געפֿיל אויף די מנהגים פֿון דער װעלט: „אַ שאָד װאָס מ'האָט עס, דאָס װעלטל, אַלע יאָרן אַזױ פֿאַראַרבעט אין בורא". אָבער קיין פֿאַראיבל אויף זײַן לעבן האָט נאָך בעני אַלץ נישט געהאַט.

גאָר אַנדערש איז געװאָרן װען בעניס װאַקאַציע האָט זיך פֿאַר־לענגערט מער װי ער האָט דערװאַרט. עס האָבן זיך געצױגן טעג, װאָכן און חדשים. בעני האָט געהערט און געזען װי מענטשן מיט הענט, מיט קעפּ אויף די אַקסלען דרייען זיך אַרום שלינג און שלאַנג, פּוסט און פּאַסט. זיי װערט נמאס זיך אַרומצודרייען ליידיק, זיי װערן פֿאַרצערט פֿון הונגער. עס האָבן זיך צו אים דערטראָגן קלאַנגען, אַז די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך צעליאַרעמט, צעשריען, זיי פֿאָדערן אַר־בעט, זיי װילן עסן, זיי בעטן הילף. איז כאָטש די זון האָט שוין לאַנג געהאַט דערעסן בעניז מיט איר צופֿיל „אורלויב", װאָס זי האָט אים געגעבן, כאָטש די ביטאָגיקע װעלט האָט אָנגעהױבן צו פֿאַרלירן איר ערשטן גלאַנץ אין זײַנע אויגן, פֿונדעסטװעגן האָט בעני נאָך אַלץ גע־גלױבט, אַז די בורא װעט אים שוין באַלד אַ רוף טאָן צוריק צו דער אַרבעט, װײַל ס'איז דאָך קלאָר װי דער טאָג, אַז אַ מענטש װי ער, בעני, מיט אַזױנע הענט און מיט אַזאַ קאָפּ קען נישט איבערגעלאָזט װערן אַזױ־אָ, נישט מיר, נישט דיר אין גאַס אָן אַ שטעלע. חוץ דעם האָט דאָס באַנק־ביכל מיט בולטע אותיות אים געגעבן אַ װאונק מיט אַ שמייכל: „נאָך אַריבער טויזנט!" און פֿאַר זײַנע אויגן זײַנען אויפֿ־געשװאומען שאַרף און קלאָר צװיי װיכטיקע װערטער: „בענדזשאַמין גאָלד". די װערטער, מיט אַ געדרייט װײַדעלע שטייען זיך מאַיעסטעטיש אונטערגעחתמעט אונטער אַ בלאַנק, און דער בלאַנק גיט געלט... האָט בעני טאַקע אָפּגעמאַכט באַלד אויפֿן אָרט בײַ זיך, אַז בעטן הילף בײַ דער רעגירונג איז פּשוטע קצבה, נעמען אויף דירה־געלט איז בעטלערײַ, פֿאָדערן אַרבעט איז אַ דערנידעריקונג פֿאַרן מענטשלעכן מין. פֿון דעם האָט ער גלייך געדרונגען, אַז אַלע די מענטשן װאָס טוען עס זײַנען פּשוטע שנאָרערס, בעטלערס און סתם לאַ־יצלחס. ער האָט אַ

טאָפּ געטאָן זיין בוזעם־קעשענע, דערפילט די שטייפקייט פון ביכל, דערזען דעם שמייכל פון די ווערטער „איבער טויזנט" און צופרידן מיט זיך אַליין, מיט זיין ווירדע איז ער אַריין אין באַנק אַריין.

2

חדשים זיינען געגאַנגען. שטיקער זון האָבן זיך געקייקלט מיד איבער די צעפרייכטע, אַספּאַלטענע גאַסן. אַ געדיכטע, ליימיקע שטי־קעניש האָט געפּרעסט די ווענט פון די אָנגעגליטע הימל־קראַצערס, געקלעטערט איבער די ווענט, זיך געריסן צו די הויכן, נישט דער־קלעטערט און בלייאיק שווער אַראָפּגעפאַלן. פעסלדיק האָבן מענטשן זיך געקאַליערט צעשמאָלצענע, צעווירענע איבער די גאַסן און גע־שלעפּט נאָך זיך די געליימטע פיס איבערן צעפרייגלטן אַספּאַלט.

אויפן שוועל פון באַנק, אַנגעשפּאַרט אין אַ בריעדיקן זייל פון גאָ־טישן אַריינגאַנג, איז געשטאַנען בעני גאָלד און געקוקט אויף זיין באַנק־ביכל, וואָס האָט אויף אים געבלעקט אַ געקייטלטע צונג פון בלויזע נולן. די בלעטלעך פון ביכל, צעפינטלטע, צעלעכערטע האָבן אים געגעבערט די אויגן. עס האָט זיך בעני געדאַכט, אַז דאָס ביכל קייכט פאַר געלעכטער, האַלט זיך ביי די זייטן, די נולן שמעלצן זיך פאַר פרייד. די צעלעכערטע בלעטלעך זאָגן מיט שפּאָט: „בעני גאָלד, פאַרדאָן, בענדזשאַמין גאָלד, אַנו, פּרוביר נאָר ערשט טאָן אַ שרייב אונטער דיין הייליקן נאָמען, מיט אַלע פיטשעווקעס, מיטן געדרייטן וויי־דעלע וואָס לויפט פון „די" ביזן אָנהויב „בי" אַזש, שרייב אונטער אויף אַ בלאַנק, טראָג אים צו צום פענצטערל — 65.549 — און זע וואָס מ'וועט דיר דערפאַר געבן. כאַ, כאַ, כאַ! אַ „שטירג" אין די ציין וועסטו קריגן, אָט וואָס, בעני לעבן!"

בעני איז אַראָפּ פון די ברייטע טרעפּ פון באַנק, איז אַריין אין געדיכטן קנויל היץ און זיך געשלייכט איבער די גאַסן אַ פאַרשעמטער, אַ דערשלאָגענער. ער האָט זיין האַנט שטייף געהאַלטן אויף דער בוזעם־קעשענע וואו דאָס באַנק־ביכל איז געלעגן. עס האָט זיך בעני געדאַכט, אַז דער פינגער שרייט אים חוצפהדיק אין פּנים אַריין, גלייך פון בוזעם־קעשענע אַרויס: „בעני גאָלדס נאָמען איז אויסגעמעקט געוואָרן פון

רעגיסטער פון נעמען פון די מענטשן, וואָס האָבן הענט וואָס טויגן צו עפּעס, וואָס האָבן קעפּ אויף די אַקסלען וואָס מ'קען צו עפּעס נוצן".

די „אורלויב טעג" מיטן פגר, מיטן צעלעכערטן באַנק־ביכל אין קעשענע האָבן זיך געלייגט אויף בעניס געמיט ווי בלאַטיקע קלעצער. פּאַרווײַנט האָט די זון געשײַנט און בעני האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס באַווײַנט זי זײַן פינצטער מזל און זאָגט אין איר געוויין: „בעני, דײַנע הענט טויגן שוין צו גאָרנישט. עס האָט דער קאָפּ אויף דײַנע אַקסלען אַ טרוקען געטאָן, ווייזט אויס!"

בעני איז געשטאַנען לעבן אַ לאָמפּ אַ דערשלאָגענער. ער האָט אַראָפּגעלאָזט אויף זיך זײַנע פּאָר אויגן, זיי געלאָזט לויפן פון לעבן שפּיץ נאָז ביז די שפּיצן פון די געפּוצטע שיך און צוריק אַרויף. עס האָט אויסגעוויזן ווי די אויגן וואָלטן געגאַנגען אויף אַן אינספּעקציע, ווי זיי וואָלטן וועלן אויסגעפינען צי בעני האָט נאָך זײַן קאָפּ אויף די אַקסלען, צי די הענט הענגען נאָך אויף זייער אַמאָליקן פּלאַץ. פּאָר אײַן וועג האָבן זיי טאַקע באַלד געוואָלט אויסגעפינען צי די פינף פונקציאָנירן נאָך ווי עס דאַרף צו זײַן. געקומען זײַנען די אויגן צוריק צופרידענע, איבערגעצייגטע אַז אַלץ איז דאָ, אַלץ איז אויפן פּלאַץ, אַפילו דער שאַרפער פּרעס אין די הויזן שטייט נאָך ווי אַמאָל אין רעכטן צענטער, אָן אַ פּגם, און דאָס טיכעלע אין קליין קעשענקעלע פון רעקל באַמבלט זיך נאָך אויך גאַנץ גאַווהדיק. בעני איז געוואָרן גאַנץ אויפגעלייגט פון באַריכט, וואָס זײַנע אויגן האָבן אים אָפּגעגעבן און ער איז שוין גרייט געווען אַ זאָג צו טאָן: „די וועלט גייט נישט אונטער". נאָר דער פגר אין קעשענע האָט אים נישט געלאָזט באַקומען דאָס ביסל פרייד. דאָס ביכל האָט אים דערמאָנט: „דײַן נאָמען, בעני, איז אויסגעמעקט געוואָרן פון צווישן..." בעני האָט זײַנע אויערן פאַרשטעלט; ער האָט מער נישט געוואָלט הערן די שפּאָטישע רייד פון זײַן ביכל. זײַן קאָפּ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די אַקסלען און איז געבליבן הענגען זײַטיק, ווי צוגעטשעפּעט, ווי צוגעסטריגעוועט אויף דערוויַיל.

3

„העלאָו, בען!" האָט אַ באַקאַנטע שטימע בעניען אויפגעוועקט פון זײַן פאַרטראַכטקייט. ער האָט פלינק אויסגעגלייכט דעם קאָפּ, פאַר־

צויגן אַ שמייכל אויף די ליפּן און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט פאַר זיך דערזען זיין אַמאָליקן חבר, דעם וואָס האָט צוזאַמען מיט אים געקראָגן „אורלויב" פון ביוראָ. וויקטאָר גריי איז געשטאַנען לעבן אים.

„העלאָו, וויק!" האָט בעניס שטימע פּלוצלונג זיך פריידיק צעקלונגען. ער האָט געהאַט דאָס געפיל ווי ס'וואָלט גערעדט דער אַמאָליקער בעני, דער וואָס האָט נאָך געהאַט אַ שטעלע און אַ באַנק־ביכל. בעני האָט זיך גלייך געכאַפּט צו דער בוזעם־קעשענע, ווי נאָר ער האָט זיך דערמאָנט אין ביכל. ער האָט שוועך די האַנט אַרויפגעלייגט אויף דער קעשענע ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אַט נעמט דאָס פאַרשייטע ביכל און קריכט זיך אַרויס פון קעשענע, שטעלט זיך אַוועק פון פאַרנט אויפן אויסגעפּרעסטן אַנצוג און זאָגט אָן וויקטאָרן: „נישטאָ שוין דער אַמאָליקער בען, דאָ שטייט פאַר דיר אַ בען אַ שלים־מזל, אָן אַ קאָפּ, אָן הענט און מיט אַ ביכל, זע, פון בלויזע נולן, צעלעכערט ווי אַ זיפּ!"

וויקטאָר האָט איבערגעריסן בעניס געדאַנקען: „וואָס מאַכסטו, בען, נאָך אַלץ אויף וואַקאַציע?"

„יאָ, אויף וואַקאַציע, שוין אַביסעלע אַ צו לאַנגע וואַקאַציע, וויק!"

„גאָרנישט געטאָן די גאַנצע צייט, בען?"

„גאָרנישט, און דו, וויק? האָסט שוין עפּעס געקראָגן?"

וויקטאָר האָט זיך שטאַרק צעלאַכט בענין אין פּנים אַריין.

„מיר פרעג נישט צי איך האָב שוין עפּעס געקראָגן, שוין לאַנג האָב איך מיט זיך אָפּגעמאַכט, אַז מיר זיינען אויסגעשפּיגענע, איבעריקע. דו, בעני, ווייזט אויס גלויבסט נאָך אַלץ, אַז דיין קאָפּ און דיינע הענט זיינען גוואַלדיק וויכטיקע אינסטרומענטן אָן וועלכע די רעדער פון דער געזעלשאַפט וועלן זיך מוזן אויפהערן צו דרייען; איז גלויב אַזוי לאַנג ביז דו וועסט געפינען דיינע מעבל שטיין פאַרשעמטע פאַר דיין הויז אונטער אַ גאַס רעגן און כליאַפּען טרערן פון זיך! גלויב, בעני!"

בענין האָט זיך געדאַכט אַז זיין געוועזענער חבר וויקטאָר לאַכט שוין אויך פון אים ווי עס שטשירען אויף אים די ציין זיינע בלויזע נולן אין ביכל. אַ פלאַם פייער האָט אַ ברען געטאָן זיין פּנים. ער האָט געפילט ווי זיינע פיס שאָקלען זיך דאָרט אונטערן פרעס אין די הויזן

ווי אַן אומרו. מיט אַ פרעמדער שטימע, טעמפּ און אָפּגעהאַקט האָט בעני געפרעגט:

„זאָג זשע מיר, וויקטאָר, וואָס טוט מען פאַרט, יאָ גלויבן, נישט גלויבן. לאָבן איז נישטאָ וואָס. ס'איז טאַקע שלעכט, איז וואָס טוט מען?"

וויקטאָר האָט אָנגעקוקט דעם אומבאַהאָלפענעם, רחמנותדיקן בענין, עס איז אים געוואָרן אומהיימלעך אים צו זאָגן דאָס וואָס ער האָט אים געוואָלט זאָגן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט: „מ'פאָדערט, בעני, מ'נעמט!"

אַ היץ האָט אַ שפּאַר געטאָן בענין אין פּנים אַריין. ס'האָט שיער אַ רערעלע בלוט געפּלאַצט ביי אַ שלייף, נאָענט לעבן אויער. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס וויקטאָר האָט אים געזאָגט. ער האָט זיך אַליין געוואָלט איינריידן, אַז וויקטאָר מיינט נישט דאָס וואָס ער, בעני, האָט אין זינען. ער האָט געשמייכלט:

„מיינסט דאָך נישט, וויקטאָר, כ'זאָל, כ'מיין, יאָ, נו, כ'זאָל נעמען... כ'מיין!"

„יאָ, בעני, שעם זיך נישט, גרעסערע קעפּ פאַר דיינעם ווערן צו בייע געדאַנקען צוגעוואוינט. יאָ, מענטשן מיט הענט, מיט קעפּ, אַלע וואָס זיינען געבליבן ווי מיר זיינען, קומען און פאָדערן און נעמען. מיר נעמען דאָס וואָס מ'האָט פון אונדז צוגענומען, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט!"

„וויקטאָר, ווי קומען צו דיר אַזוינע ווערטער, רעדסט דאָך ווי אַ... כ'וויל דיך נישט באַליידיקן, כ'מיין אַזוינע טעאָריעס פּאַסן פאַר אַ, נו, וויקטאָר. כ'ווייס אַז דו מיינסט נישט וואָס דו רעדסט, נאָכאַלעמען ביסטו דאָך אַ קלוגער מענטש, דערצו נאָך אַן אינטעליגענט".

וויקטאָר האָט זיך הילכיק צעלאַכט: „רעדסט ווי אַן אייזל, בעני, האָסט מורא כ'זאָל זיך נישט באַליידיקן אויב דו וועסט מיר אָנרופן מיט אַ נאָמען, רויט צי גרין, געל צי בלוי, מיר אַרט עס נישט. כ'וויל נאָר איין זאַך: מיין מעבל זאָל שטיין אין הויז און מיין קינד זאָל האָבן זיין פלעשל מילך אינדערפרי, אַט וואָס! ווייטער קענסטו פאַר מיר שוין צוטראַכטן וואָסערע נעמען דו ווילסט".

איבער די צעשמאָלצענע אספאַלטענע גאַסן זיינען וויקטאָר און בעני געגאַנגען. ביז הייזעריקייט האָט וויקטאָר גערעדט. זיינע ווערטער האָבן ביי בענין אין מוח געפּורעמט נייע געדאַנקען, געמאַכט לעכער אין זיינע פריערדיקע אָנגענומענע פּרינציפּן. פון די טיפענישן פון זיין האַרץ האָט נאָך אַ שטימע צו אים גערופן מיט פאַרוואורף: „בעני, נעמען איז קצבה, נעמען איז פשוטע שנאָרעריי, נעמען איז בעטלעריי, בעני!"

ערגעץ אין אַ ווינקל פון זיין קאָפּ האָט אַ נייער געדאַנק, אַן ערשט געבוירענער זיך צעוויקלט, ער האָט צום ערשטן בלויז געשעפּטשעט, דערנאָך גערעדט, און וואָס וויטער זיך אַלץ מער צעדונערט: „בעני, מיר נעמען נישט קיין קצבה! מיר נעמען נישט קיין פרעמדנס, מיר נעמען דאָס וואָס מיר האָבן צוגעגרייט, וואָס מיר האָבן באַשאַפן!"

בעני האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע געדאַנקען, וואָס האָבן אים אויסגעזען אַזוי פרעמד און מאָדנע ווי עס וואָלט אים אַ ווייטער, פרעמדער קול די ווערטער אַריינגעשריען אין קאָפּ אַריין. ער האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט ביי די שלייפן פון קאָפּ ווי ער וואָלט מיט כוח געוואָלט פאַרטרייבן די געדאַנקען, וואָס האָבן געעגבערט זיין צעפּיבערטן מוח.

ער האָט זיך דערמאָנט אין ביכל, דאָס צעלעכערטע באַנק־ביכל אין בוזעם־קעשענע. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין צו וואָס ער טראָגט דעם פגר אין קעשענע. ער האָט געפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס.

ביים אָפּשיין פון עלעקטרישן שילד, וואָס האָט מיט טויזנטער אויגן געוואונקען, וואָס האָט פון זיך אויסגעשטראַלט ריידנדיקע אויס־רופן, אונטער פלאַכטעס פון כוואַליענדיקע ליכט, זיינען ביידע חברים, וויקטאָר און בעני, געשטאַנען אין שטילשווייגן. לאַנג איז בעני גע־שטאַנען און זיך געישובט וועגן עפּעס. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו דער בוזעם־קעשענע און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט זיין באַנק־ביכל, וואָס האָט ביז אַהער פון אים געחוזקט און אים אין אויער אַריין געשעפּטשעט: „אויסגעמעקט פון צווישן אַלע נעמען איז שוין דער נאָמען בענדזשאַמין גאָלד."

ער האָט צעעפנט דאָס ביכל, וואָס איז געווען אויף אַ סך זייטלעך פאַרשריבן מיט פאַרשיידענע האַנטשריפטן, מיט אומקלאָרע ציפערן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי הירשגליפן, מיט שטעמפעלעך פון רויטע און בלויע טוש. ער האָט עס געהאַלטן אונטער דער שיין פון ליכט פון די עלעקטרישע שילדן. אַן חרפה האָט ער עס אויפן גאַס צעשפּרייט פאַר זיין חבר וויקטאָר און מיט ווייטיק אויסגערופן: „נולן, וויקטאָר, נולן זיינען ביי מיר פאַרבליבן פון מיינע יאָרן פון פּראַצע! נולן און לעכער; לעכער אין ביכל און לעכער שוין באַלד אויך דאָ־אָ!"

בעני האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרצן, וויקטאָר האָט אים אָנגע־קוקט מיט מיטגעפיל און מיט ווייטיק.

„צו וואָס טראָגסטו זיך אַרום מיט דעם פּגר?, שוטה! וואָס טרייסטו זיך מיט דיין אונטערגאַנג, וויַז אַהער!"

וויקטאָר האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס ביכל פון בעניס ציטערנדיקע הענט. ער האָט עס צעפליקט, צעפּיצלט און אַ וואָרף געטאָן די שטיקלעך פּאַפּיר איבערן גאַס, איבערן אספאַלט וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו פאַרגליווערן אין דער נאַכטיקער קילקייט.

בעני האָט געזען ווי די שטיקלעך פון זיין ביכל פאַלן אַראָפּ צו דער ערד, ווי זיי ווערן געטראָטן פון מענטשלעכע פיס, ווערן איינ־געקלייעט אין אספאַלט. אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז זיינע נעכטנס ווערן אַזוי צעטראָטן, אַז צעריסן און צעפּיצלט איז ערשט געוואָרן דער אָמאָליקער בענדזשאַמין גאָלד.

„כ'מוז לויפן, בעני", האָט וויקטאָר אים געזאָגט. „מיר וועלן זיך טרעפן. אָט איז מיין נייער אַדרעס!"

וויקטאָר האָט אים אויפגעשריבן זיין אַדרעס אויף אַ שטיקעלע פּאַפּיר און איז פאַרשוואונדען געוואָרן צווישן דעם עולם וואָס האָט זיך געצויגן איבער די גאַסן ווי איבער אַ גיגאַנטישן „קאַנווייער". בעני האָט אים נאָכגעקוקט מיט רויט צעפלאַמטע אויגן.

בעני האָט אַליין נישט געפילט וואָס מיט אים איז געשען. ער איז געשטאַנען ווי צוגעקלאַמערט, צוגענאַגלט צו אַ לאַמפּ־סלופּ און זיך פון אָרט נישט גערירט. ער האָט מיט זיך אַליין שעהן לאַנג גערעדט און נישט באַמערקט ווי די גאַסן זיינען געוואָרן אָפּגעליידיקט, ווי אַ

נאַכטיקע שטילקייט האָט זיך געשפּאַרט פון אַלע ווינקלען אַרויס און איינגעוויגט אַלץ אַרום אים.

„בעני!" האָט ער זיך אַליין אַ רוף געטאָן. „וואָס שטייסטו דאָ אַליין און רעדסט מיט זיך ווי דו וואָלסט קיין היים נישט געהאַט, קיין ווייב און קיין קינדער?"

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין מאָדנעם שלאָף און זיך אַליין געוואָלט איבערצייגן אַז ער לעבט, אַז ער איז עס טאַקע דער בענדזשאַמין גאָלד, וואָס האָט אַמאָל, שוין לאַנג צוריק, פאַרנומען אַזאַ פיינעם אָרט אין דער גרויסער פירמע, וואָס האָט אים אויסגעשפּיגן ווי עס שפּייען אויס די כוואַליעס פון ים אַ טויט באַשעפעניש פון זייערע אינגעווייד. אָבער, מאָדנע, ער האָט זיך אַליין נישט דערקענט. עפּעס אַ נייער בענדזשאַמין גאָלד איז געשטאַנען אין גאַס און גערעדט מיט זיך אַליין. ער האָט זיינע אייגענע ווערטער נישט דערקענט. ווי קומט ער צו אַזוינע געדאַנקען? ער האָט זיך צוגעהערט צו זיך אַליין און דייטלעך געהערט ווי זיינע ליפּן שעפּטשען:

„איז וואָס בין איך שולדיק, בו טאַקע יאָ, אַרבעטן וויל איך, אַ קאָפּ האָב איך, איז איידער כ'זאָל לאָזן מיינע מעבל אַרויסוואַרפן אין גאַס, זיי זאָלן שטיין און וויינען אונטער אַ גאַס רעגן איז דאָך וויקטאָר גע־רעכט, אַז מ'דאַרף גיין און נעמען, ווייל נעמען איז דאָך נישט קיין קצבה. מען נעמט דאָך דאָס..."

ס'האָבן בענין אויסגעפּעלט ווערטער צו דערענדיקן דעם נייעם געדאַנק. עפּעס ביי וויקטאָרן איז אַלץ געווען אַזוי קלאָר. ער אַליין האָט עס אויך פריער גוט פאַרשטאַנען, נאָר ערשט, די מינוט, האָבן אים אויסגעפּעלט ווערטער, איז וואָס, פעלן אַ פּאָר ווערטער אָבער גערעכט איז טאַקע וויקטאָר. אַזוי האָט בעני באַשלאָסן.

אַ צופרידענער, אַ דערלייזטער האָט ער זיך נאָכאַמאָל איבערגעקוקט, געמאַכט אַן אינספּעקציע איבער זיין קערפּער; ער האָט געזען, אַז די שאַרף געפּרעסטע הויזן הענגען נאָך אויף אים ווי אַמאָל, דער קראַוואַט איז ריכטיק אויסגעבונדן און די שיך האָבן אַזאַ גלאַנץ ווי אין די בעסטע צייטן און דאָך שטייט דאָ פאַר אים אַ ניי געבוירענער בענדזשאַמין גאָלד. מיט פרייד איז ער געקומען פון דער אינספּעקציע און באַשלאָסן

ביי זיך: „היינט איז געשטאָרבן דער אַמאָליקער בענדזשאַמין גאָלד און אַ נייער בעני איז געבוירן געוואָרן, אַ בעני מיט נייע געדאַנקען, מיט אַ נייעם גלויבן".

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט; ער האָט שנעל אָנגעהויבן שפּרייזן איבער די גאַסן, איז צוגעלאָפן צו אַ סאָבוויי און אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ. מיט אַ ווילדן הוישען האָט אַ באַן זיך אָנגעטראָגן; זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַנציע. בעני איז פלינק אַריין אין באַן, זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ הענג־פּאַס און ווען די באַן האָט זיך ווי אַ וויכער־ווינט געטראָגן איבער די רעלסן האָט ער אַליין באַשיינפּערלעך געהערט ווי די באַן האָט כסדר גערופן:

„נעמסט נישט קיינעמס, בען, נעמסט דאָס וואָס דו האָסט באַשאַפן, בען!"

# וועלוול טאָקער

וועלוול טאָקער איז געזעסן איבערגעבויגן אי־בערן דעמבענעם פּיען און ער האָט אַרומגעטשעשעט מיט זיין חלף־שאַרפן, ברייטן העקל, וואָס ער האָט גערופן „טאָפּער", לאַנגע, קאַנטיקע שטיקער פריש־שמעקענדיקע האָלץ פון וועלכע ער האָט געדאַרפט מאַכן פיס פאַר די עטאַזשערקעס, וואָס ער האָט צוגעשטעלט צו די מעבל־הענדלער פון שטאָט.

דאָס העקל מיטן קורצן הענטל האָט זיך קונציק געהוידעט אין דער לופטן איבערן פּיען און יעדעס מאָל ווי ס'איז געפאַלן אויפן רוקן אָדער אויפן עק פון אַ צוגעשניטן שטיקל האָלץ האָט עס געטראָפן פונקט אין אָרט אַריין וואו וועלוול האָט געוואָלט עס זאָל טרעפן. בעתן אַרומ־האַקן די שטיקער האָלץ האָט וועלוול זיך צוגעזונגען אַ יאָמערדיק־בענ־קענדיקן ניגון, וואָס האָט געצויגן און געגאָגט ביים האַרץ. אויף וועלוולס ברייטן שטערן, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ וואו אונטערן צוגע־פלעצלטן קאַפּל האָבן געבלישטשעט אַ פּאָר היימלאָזע טראָפּנס שוויס, וואָס האָבן זיך ניט געקענט דערוואַרטן וועלוול זאָל זיי אָפּווישן, ווייל וועלוול האָט זיי פּשוט מבטל געווען און האָט אויף זיי קיין איבעריקע סעקונדע נישט געוואָלט פאַרלירן. וועלוולס קיילעכדיקע, טונקל־ברוינע אויגן, וואָס זיינען געזעסן טיף איינגעראַמט אין געדיכט באַוואַקסענע ברעמען, די אויגן, האָבן זיך פלינק באַוועגט מיט יעדן שוואונג פון זיין טאָפּער און די לענגלעכע פּאות האָבן זיך ריטמיש צוגעשאָקלט צו יעדן האַק, וואָס ער האָט געטאָן אין שטיקל האָלץ אַריין. אונטער וועלוולס ברייט־צעמיעכטער נאָז זיינען אויף די געלבלעך־גרויע וואָנסעס געהאַנגען איינציקע פאָדערן פון די נאָך־ניט אַריינגעצויגענע שמעק־טאַבאַק רעשט־לעך, וואָס וועלוול האָט בחפזון איבערגעלאָזט אויף די וואָנסעס.

אַרום וועלוול טאָקערס שטול, אַרום זיין פּיען זיינען געלעגן אָנגע־לעגט אַרומגעהאַקטע שטיקער און שטיקלעך האָלץ אין הויפנס און אין קונציק געבויעטע טורעמס און שלעסער, אין דריי־עקיגע און אין

פיר־קאַנטיקע געביידעס. דאָס זיינען געווען צוגעשניטענע און אַרומ־געקיילעכדיקטע אויסגעמאָסטענע שטיקער האָלץ, וואָס זיינען גרייט געווען פאַר דער טאָקארניע, וואָס האָבן באַלד געדאַרפט מגולגל ווערן פון פשוטע שטיקער נאַקעטע האָלץ אין גלאַנציק־שיינענדיקע, קיילעכדיק אויסגעטאָקטע פיסלעך צו טישן, צו בענקלעך, צו עטאַזשערקעס, צו שפּין־רעדלעך און אַנדערע חפצים און שטיקער מעבל. די טאָק־מאַשינען נאָענט לעבן די ווענט זיינען געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און געוואַרט, אַז וועלוול זאָל אויף זייערע רוקנס אַנהויפּענען די צוגעגרייטע האָלעשנע, סאָסנאָווע, דעמבענע און אַנדערע שטיקער האָלץ; די מאַ־שינען האָבן געוואַרט, אַז וועלוול און זיינע זין זאָלן פאַרזעצן אין זייערע מיילער, צווישן זייערע גלאַנציקע זעג־ציינער שטיקער סענקעוואַטע, צעגאַרבטע האָלץ און מ׳זאָל אַ טרעט טאָן מיט מעכטיקע בערן־פיס אויף זייערע טרעט־ברעטלעך, מ׳זאָל אין זיי, אין די טאָק־מאַשינען, אַריינ־בלאָזן ימען און ימען מיט לעבן.

וועלוולס הויז, איין צימער מיט אַ קיך, זיין וואַרשטאַט, איז פול געווען מיט וואַלד־ריחות, מיט זשעגעכץ, מיט קאַליפאָניע, מיט קליי און שעלאַק, מיט פּאַפּ ריחות, מיט אַראָמאַטן פון פאַרבן און אוילן, מיט ריחות, וואָס האָבן געריסן די נאָזלעכער, מיט ריחות, וואָס האָבן איינ־געשלעפערט, מיט ריחות וואָס האָבן פאַרשיכורט און לולודיק איינגע־וויגט אין סודותדיקייטן פון וואַלד־שעפּטשען. חמרים, בערגער גאַנצע פון שפּענער פון וועלכע עס האָט געריכט מיט פעטע בוים־זאַפט, פרישע צאַפּלדיקע שפּענער, סטענגעס האָלץ דורכזיכטיקע, ברייטע און שמאָלע, געקרייזלטע און געדרייטע ווי עקדישן זיינען געלעגן אויפן דיל אין שיכט אויף שיכט אַזוי, אַז מ׳האָט קוים אַרויסגעזען די ברעטער פון דיל. העכער און העכער זיינען געוואַקסן די הויפנס האָלץ, די חמרים שפּענער אַרום וועלוולען. פון זיין ברייטן שטערן האָט זיך אַראָפּגע־קאָלערט איין טראָפּן שוויס, וואָס איז באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער געדיכטקייט פון וועלוול טאָקערס ברייט־צעקעמטער, גרוילעך־געלער באָרד.

„נו, מ׳וועט זיך נעמען צו דער אַרבעט!" האָט וועלוול מפסיק געווען אַ׳ין זיין אומעטיק וויטן ניגון און ער האָט סתם אַזוי פאַר זיך אַליין אַ רעד געטאָן.

ביי וועלוולען האָט די אַרבעט פֿון צוגרייטן האָלץ פֿאַרן טאָקן געהייסן „גלאַט זיך געפּאַטשקעט.” אַרבעט האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט ווען ער האָט פֿאַרזעצט אַ שטיק האָלץ אין דער טאָק־מאַשין און ער האָט געזען ווי דאָס האָלץ דרייט זיך פֿאַר זיינע אויגן מיט אַ כּישופֿדיקן אימפּעט, מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז נאָך איידער דאָס מעסטל־מעסער רירט זיך צו צו דעם, זעט עס שוין אויס אַזוי קיילעכדיק ווי אַ וואַלגערהאָלץ. און ווען זיין פֿלאַכער דליטע־מעסער, ווען זיין מעסטל טוט זיך אָן עס איין אין די בערגלדיקע און שפּיציקע זייטן פֿון שייטל האָלץ און דאָס האָלץ צעזינגט זיך פֿריידיק אונטער זיינע הענט, ערשט דעמאָלט הייבט זיך ביי וועלוולען אָן די ריכטיקע מלאָכה, פֿון דעם מאָמענט אָן הייבט ער ערשט אָן צו אַרבעטן.

וועלוול טאָקער האָט ליב געהאַט צו זען ווי עס שפּריצן „פּונקען”־האָלץ פֿאַר זיינע אויגן, ווי עס לויפֿן פּאַסמעס, סטענגעס, רעדער, גרייצערס האָלץ אָן אויפֿהער פֿון אונטער זיינע מעסערס אַרויס. ער האָט ליב געהאַט אַ לויף צו טאָן מיט דער נאַקעטער האַנט אויף אַ צאַפּלדיקוואַרעם, נאָר וואָס אַרומגעטאָקט שטיקל האָלץ. ער האָט באַזונדערס ליב געהאַט צו זען ווי זיין שאַרף רערל פּרעסט זיך איין אין די ראָוועקלעך, וואָס ער האָט פֿאַר זיך אָנגעצייכנט מיט די שאַרפֿע ציינדלעך פֿון זיין אָנוויזער, וואו צו מאַכן אַ רעמעלע, וואו אַ בערגעלע, און וואו אַ ראָוועקל. וועלוול האָט קיינמאָל ניט אויפֿגעהערט צו באַוואונדערן זיין אייגענע פֿעאיקייט, אָדער גאָטס געבענטשטע הענט, וואָס ער האָט געהאַט. יעדעס מאָל ווען ער האָט אויסגעטאָקט עפּעס אַ נייע זאַך, איז ער געשטאַנען און האָט מיט איין פֿאַרזשמורעטן אויג געקוקט אויף דעם וואונדער פֿון גאָטס־באַשאַף און ער האָט צום טויזנטסטן מאָל געלויבט דעם בורא, וואָס ער האָט אים, וועלוולען, געגעבן אַזעלכע הענט און אַזאַ וואַזשנעם קאָפּ, וואָס קען אַזוינע זאַכן צוטראַכטן. אמת איז, אַז ווען ניט זיין ווייב גיטל, וואָלט ער קיינמאָל ניט געוואוסט, צי ער איז טאַקע אַזאַ וואַזשנער מענטש, צי ניט. זי, גיטל, זי האָט אים שטענדיק געהאַלטן אין איין דערמאָנען ווי דאַנקבאַר ער דאַרף זיין גאָט פֿאַר דער גרויסער מתּנה, וואָס ער האָט אים געשאָנקען די פּאָר גאָלדענע הענט. אַדאַנק גיטלען האָט וועלוול אָנגעהייבן איינצוזען, אַז ער האָט טאַקע באמת אַ פּאָר פֿיינע הענט. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער

זעט טאַקע, אַז זיינע הענט זיינען ווערט אוצרות, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַ חוץ גיטלען האָבן אין שטאָט אים געלויבט אַפילו פיינע יידן, וואָס פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין די שטיבלעך און אין די בתי־מדרשים, פונדעסטוועגן איז וועלוול יאָרן און יאָרן אַרומגעגאַנגען אויף גאָטס וועלט און ער האָט געפילט, אַז עס נאָגט אין אים אַ וואָרעם פון שוידערלעכער אומצופרידנקייט, אַ וואָרעם פון כסדרדיקער אומרו.

„אַט וואַקסן דריי זין אין הויז; אָט בין איך שוין באַלד אַ ייד אויף דער עלטער; איז וואָס טו איך פאַר מיינע קינדער? וואָס האָב איך אויפגעטאָן מיט מיין לעבן?" האָט וועלוול פון צייט־צו־צייט זיך פאַרקלאָגט פאַר זיינע חברים אין אַמשענגאָווער שטיבל. ער האָט אַמאָל מיט זיין ווייב גיטלען אויך פרובירט כאַפּן אַ שמועס וועגן דעם אומרו, וואָס האָט זיך אָפּט צעשטורעמט אין אים ווען ער האָט געזען ווי עס וואַקסן ביי זיינע שכנים זין, וואָס גייען אין די ישיבות, זין תלמידי־חכמים, אָבער גיטל האָט אים נישט פאַרשטאַנען, ווייזט אויס, ווייל זי האָט מיט איר שטענדיקן תחינה טאָן אים געטרייסט מיט ווייבערשע רייד: „קיין עין הרע פרנסה איז דאָ; געזונט זיינען די קינדער; אַ שטיקל חומש קענען זיי, איז דאַנק גאָט, וועלוול, דערפאַר!" כאָטש וועלוול האָט געטראַכט, אַז אַביסל גערעכט איז זיין גיטל, פונדעסטוועגן האָט ער געפילט, אַז די נאָגעניש אין זיין האַרץ איז געוואָרן פון יאָר צו יאָר אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אַז ס'האָט זיך באַזעצט אַ פּיאווקע אין אים און זויגט דעם קליאַק אַרויס פון זיינע ביינער.

„עטאַזשערקעס, בענקלעך, טישלעך, שפּין־רעדלעך פאַר גויעס, פּיאַסטעס פאַר פורמאַנעס און פויערים, אַז אַך און ווי צו דיין אַרבעט!" האָט עפּעס אַ ווייט־נאָענט קול גערעדט אין אים און אים געפּאַסעוועט. „נו, און אַפילו פון שאַרפן מעסערס, פאַרריכטן פאַראַסאָלן, טאָקן, זעגן, שניידן, שניצן, דערפון וועלוול וועסטו האָבן עולם הבא?" האָט ס'קול געבורטשעט אין אים און ווען וועלוולס אויגן האָבן פאַר פיין זיך צעגלאַנצט אין זייערע שלעסער, האָט ער דערהערט ווי עס רופט אין אים אַ צאַרטע שטימע, אַ גלעטנדיק מעלאָדיש קול: „און מאַכן וואַלגער־האָלצן צו וואַלגערן מצות אויף פסח, און רעדלעך זיי צו רעדלען; און טאָקן חנוכה־לאָמפּען און דריידלעך; און גראַגערס אויף פורים? און וואָס איז מכוח פאַרריכטן אַ לולקע ציבעק פאַרן אַמשענאָווער רבין?"

האָט שוין פרײדיקער די צאַרטע שטימע אין אים געריידט מיט מער דרייסטקייט. „און וואָס זאָגסטו וועלוול צו דײַנע בשמים־ביקסלעך, צו דײַנע לײַכטערס, צו די טאַבעק פושקעלעך, וואָס דײַנע גאָלדענע הענט פורעמען פאַר פרומע יידן און כשרע יידישע טעכטער?" און לסוף האָט די שטימע אים געגלעט „העלפאַנטבײנערנע הענטלעך און רעדלעך פאַר ספר תורות איז עפּעס אַ קלײניקייט?" און וועלוולס טיף־ברוינע אויגן האָבן זיך ברײטער צעעפנט און דער מאָדנע פרעמדער גלאַנץ האָט זיך אָפּגעשיידט פון זיי. וועלוול האָט אַפילו פּרובירט אַ זינג טאָן אויף אַ פרײדיקערן טאָן, אָבער די צווייטע שטימע אין אים איז ווי אַ משחית אים אַנטקעגן געקומען און זי האָט געצאַפּט זײַן בלוט; „צודאַטן, שמאָנצעס און דראָנצעס, צו באַדינען אַנדערע, זיי, די לייענער פון דער תורה, די בעלי־הקורא, זיי די לערנער זאָל זײַן גרינגער גאָט צו דינען און זיך צו גרייטן צו עולם הבא, אָט וואָס דו טוסט וועלוול! און וואָס איז מכוח טאָן עפּעס פאַר זיך אַליין? פאַר וועלוול טאָקער אַליין?"

און וועלוול טאָקער האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין זײַנע גלי־דער און אַ מידקייט אין זײַנע אויגן און ער איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגער מיט אַ צעקאַרבטן שטערן און ס'איז אים ענג געוואָרן דער וואַרשטאַט און די טאָק־מאַשינען האָבן געריטשעט ווילד און פרעמד און מוראַדיק.

און ס'וואָלטן אים די טאָק־מאַשינען דעמאָלט, מיט יאָרן צוריק, ווען זיי זײַנען זיך האָבן נאַרוואָס אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין וואַרשטאַט, געוועזן פאַרטריבן מיט זייער מוראַדיק רעווען, ווען וועלוול וואָלט זיך איינמאָל אַרום שבועות־צייט נישט געוועזן געכאַפּט, אַז ער האָט אין זײַנע יונגע יאָרן חוץ טאָקן פּיאַסטעס און שפּין רעדלעך פאַר גויים און גויעס אויך געקענט מאַכן שופרות פאַר יידישע קהילות. יאָ, וועלוול איז נאָך אין זײַנע לער־יאָרן באַרימט געוועזן פאַר אַ קינסטלער, פאַר אַ מייסטער פון שופרות־מאַכן. אמת, ער האָט דעמאָלט זיך ניט געוואָלט פאַרנעמען מיט דער מלאכה, אמת מ'האָט פון דער מלאכה קיין חיונה ניט געקענט ציען, אָבער דעמאָלט איז ער יונג געוועזן; דעמאָלט ווען ער האָט געעפנט זײַן אייגענעם וואַרשטאַט, דעמאָלט איז ער געוועזן געלט־גייציק, זינדיק צו גאָט און צו לײַט און גיטל איז געוועזן יונג און שיין און זי האָט געדאַרפט קליידער און זי האָט געוואָלט צירונג און זי האָט

זיך געגרייט צו קינפּעטן, אָבער אַט ערשט; די זין אַרבעטן שוין און גיטל טראָגט די זעלביקע קליידער, וואָס זי האָט געטראָגן מיט יאָרן צוריק, איז פאַרוואָס זאָל ער, וועלוול, ניט טאָן דאָס וואָס זיין האַרץ הייסט אים טאָן? און וועלוול האָט פאַרגליכן זיין ניי פּלאַנירטע אַרבעט מיט די אַרבעטן פון זיינע שכנים און ער האָט זיך מיט פרייד אָנגעזאָגט, אַז זיין מלאכה וועט שיער נישט זיין אַזוי וויכטיק ווי ר׳ ישׂראל סופרס מלאכה, ווי ר׳ יצחק איינבינדערס אַרבעט און אוודאי ווי פּלטיאל וויינמאַכערס וויינמאַכעריי. און אַ פרייד האָט זיך פּלוצלונג צעגאָסן אין וועלוול טאָקערס אַלע גלידער און ווי אַ שפּילעוודיק קינד האָט ער זיך געווענדט צו זיין גיטלען: „הערסט גיטעלע מיינע, מ׳דאַרף אַ זוך טאָן אין קעלער און זען, דאַכט זיך, אַז ס׳ליגן דאָרט טרוקענע שעפּסענע הערנער, מ׳דאַרף זיי אַרויפנעמען! כ׳מיין, טאַקע די אמתע הערנער פון באַראַנעס!"

גיטל האָט נישט געקענט באַנעמען איר וועלוולס פּלוצלונגדיקע שפּילעוודיקייט. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן און זי האָט געהאַט אַ געפיל, אַז זי מוז אים אַ טאַפּ טאָן פאַר דעם קאָפּ. אָבער אַז וועלוול האָט איר באריכות פאַרטייטשט, וואָס ער מיינט מיט זיינע רייד האָט זי דערפילט ווי עס האָבן זיך מיט אַמאָל געטאָן אַ גיס איבער צו איר פון וועלוולס האַרץ אַרויס גאַנצע צעבערעס פרייד און מיט געאיילטע טריט איז זי אַראָפּ אין קעלער; זי האָט געזוכט, גענישטערט און אַרויפגעבראַכט אין הויז אַריין אַ באַרג גוט אויסגעטרוקנטע באַראַנען הערנער. זי האָט זיי אויסגעשטעלט לעבן וועלוולס פיעץ און זי איז אַוועק מיט איילעניש, מיט קינדערשער שפּרינגגעוודיקייט צו בערל קצב און זי האָט אים געבעטן, ער זאָל איר טאָן אַ באַלדיקע טובה און פאַרקויפן וויפל נאָר עס געפינען זיך ביי אים באַראַנען הערנער. זי האָט אים אויך אָנגעזאָגט, אַז ווי נאָר עס וועט זיך מאַכן ביי אים אַ פּאָר פרישע הערנער זאָל ער זיי צושיקן צו איר; זי וועט באַצאָלן וויפל ס׳וועט קאָסטן.

און באַלד אַ טאָג נאָך יענעם שבועות האָט וועלוול אין זיין סאַטעלאַנענער קאַפּאָטע, אין זיין שבתדיק זיידענעם קאַפּל, אין זיין ברייטן גאַרטל זיך אַ נעם געטאָן צו דער הייליקער מלאכה, צו מאַכן שופרות

פאַר די מתפּללים פון די פאַרשידענע בתי־מדרשים, שולן און שטיב־לעך אין און אַרום דער שטאָט.

2

אויפן הויכן דרייפוס איז געשטאַנען דער טשעגונענער, פּינפּער טאָפּ און ער האָט געזידט און געקאָכט. דער וואַרשטאַט איז געווען צעטיילט אין צוויי באַזונדערע טיילן. איין טייל, די טאַק־מאַשין לעבן פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום הויף, איז געווען דער יום־טוב־דיק, אויפגערוימטער טייל און דער צווייטער טייל, דאָרט וואו וועלוולס יונגע בחורים האָבן געאַרבעט. דאָרט איז נאָך געווען וואָך, כאָטש אַ סימן פון יום־טוב איז אַהין פאַרקראָכן, ווייל נתן און חיים דעם טאַקערס האָבן מיט יראת הכבוד און מיט אַ באַזונדער איינגעהאַלטענעם אָטעם געאַר־בעט און געוואָרפן קנאה בליקן צום טאַטנס אויסדערוויילטער מלאכה.

וועלוול טאַקער האָט פאַררוקט דעם קאָפּל הויך איבערן שטערן און ער האָט מעשה עקספּערט אַרויסגענומען פון קאָכעדיקן טאָפּ אַ האָרן נאָך אַ האָרן און ער האָט מיט דעם שפּיציק־שאַרפן צוועגל פּרובירט אַרויסרייסן פון האָרן דעם ביין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שוואָם. קונציק־געשיקט האָט ער מיט אַ האָק, ווי אַ שוסטער שלעפּט אַרויס די קאָפּיטע פון אַ פאַרטיקן שוך, אַרויסגעצויגן ביין נאָך ביין פון די געדרייטע הערנער, וואָס האָבן זיך פּרובירט אויסגלייכן אין די קאָכעדיקע וואַסער. באַלד האָט ער אַריינגעשטופּט אין די ליידיקע מיילער פון די הערנער אַ לאַנגען אָוואַל־פאַרמירטן האָלץ, וואָס איז געווען דינער ביים שפּיץ און איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ גרעבער. אויפן האָלץ איז געווען אַרומגעוויקלט אַ נאַסע זאַק־שמאַטע. ווען די מיילער פון די הערנער זיינען פול געווען מיט דער שמאַטע־באַדעקטער שטיק האָלץ האָט ער זיי צוריק אַריינגעשטעקט אין זודיקן טאָפּ וואַסער און ער האָט זיך גענומען צו שלייפן און שאַרפן מעסערלעך מיט פאַרשידענע גרייס און לענג קלינגלעך, רערלעך מיט שאַרפע שפּיצן, אַלן פון פאַרשי־דענע מאָסן און ער האָט אויך צוגעגרייט שטיקלעך שלייף־פּאַפּיר פון עטלעכע סאָרטן גרעב.

אויפן טיש לעבן זיין טאַק־מאַשין, אויף דער טאַק־באַנק זיינען געלעגן אָנגעלייגט אַלערליי פאַרשניצטע שטיקלעך דעמבענע האָלץ, פאַר

דער ברייטער מויל פון שופר און פאַרן שפּיץ, פאַרן פּה, וואו די ליפּן פון שופר דאַרפן פאַרמירט ווערן. פון צייט צו צייט איז וועלוול מיט לאַנגזאַמע טריט, מיט דרך ארץ צוגעגאַנגען צום פינפער טאָפּ און ער האָט אַרויסגענומען אַ הייסן, אַ בריעדיק־צעפרייכטן האָרן. מיט אַ נאָגל האָט ער פּרובירט צי די הויט פון האָרן איז שוין גענוג ווייך. ער האָט יעדן אָוואַל־שטעקן מיושבדיק אַ קלאַפּ געטאָן טיפער אין מויל פון האָרן אַריין. ביסלעכווייז האָט יעדע שטיק האָלץ זיך טיפער איינגעגראָבן אין די אינגעווייד פון די הערנער און מיט מאַגישער שנעלקייט האָבן האָרן נאָך האָרן זיך טראַנספאָרמירט פון קיילעכדיק, געקרויזטע, צעדרייטע רוקנס אין האַלב לבנהדיקע האָרנס, וואָס האָבן כמעט אַלע געהאַט איין אויסזען, כאָטש אין זייער לענג און גרייס זיינען זיי געבליבן פאַרשיידן. נאָך דעם ווי וועלוול האָט אַזוי באַטאַפּט און באַטראַכט יעדן האָרן האָט ער מיט אַ צופרידענעם שמייכל אַרויסגענומען איינעם אַ גרויסן, אַ מאַיעסטעטישן „שטאָלטנעם” האָרן, וואָס האָט אויף זיך געהאַט אַ קלאָרע, אַ כמעט פלעקלאָזע הויט, כאָטש דער האָרן האָט געבריט מיט צעפרייכטקייט, פונדעסטוועגן האָט אים וועלוול אַ גלעט געטאָן ווי מ׳טוט אַ גלעט אַ נאָרוואָס אויפוואַכנדיק, שפּילעוודיק קינד און ער האָט אַ זאָג געטאָן צום וואַרשטאַט צו: „אַז גאָט וועט העלפן און ס׳וועט חלילה מיט דיר קיין מכשול נישט געשען וועט פון דיר אַרויס אַ וואונדערבאַרע כלי”. גערעדט האָט ער מיט אַזאַ צאַרטקייט, מיט אַזאַ צעשטראַלטן פּנים ווי ער וואָלט גערעדט צו זיינס אַ קינד אַן עילוי וועמען ער שיקט נאָר וואָס אַוועק אין אַ ישיבה תורה לערנען.

וועלוול האָט דעם האָרן געצערטלט און געריבן מיט אַ נאַסער־שמאַטקע און האָט פון מינוט צו מינוט מער און מער אויסגעגלייכט זיין רוקן. אָט האָט ער אים ווידער אַריינגעלאָזט אין הייסן טאָפּ אַריין און אָט האָט ער ווייטער געבויגן און געריבן די זייטן און דעם רוקן פון האָרן. מיט דער נאַסער שמאַטקע וואָסער האָט ער דעם האָרן צוגעלייגט קאָמפּרעסן דאָ צו דער זייט און דאָ צו דער אַנדערער ביז דער האָרן האָט זיך אונטער וועלוולס גלעטנדיקע פינגער אויסגעצויגן אין זיין פולער האַלב־לבנהדיקער לענג און גרייס. אַ וואַזשנע כלי, אַ פּראַקטיקער רוקן, אַן איידל־הויטיקער בן־יחיד־האָרן איז געלעגן פאַר וועלוולען. וועלוול האָט אים אַרומגעוויקלט מיט נאַסע געוואַנטענע שמאַ־

טעס; האָט אים פאַרזעצט צווישן צוויי פּאָלירטע ברעטלעך און ווי ער וואָלט געבעטן מחילה ביים האָרן אַזוי האָט ער שעפּטשענדיק זיך גע־וועגדט צו אים: „ערשט מוז מען דיך לאָזן ליגן צוגעפּרעסט צווישן די צוויי ברעטלעך ווי אין גיפּס, כדי דיין רוקן זאָל זיך חלילה צוריק ניט צעקרומען". און וועלוול האָט די ברעטלעך מיטן האָרן איינגעקלאַמערט צווישן די קלאַמערן, וואָס זיינען געזעסן אויף זיין אַרבעט־באַנק.

ווי מ'גייט אויף די שפּיצן פינגער צו אַ וויגל פון אַ שלאָפעדיק קינד אַזוי איז וועלוול אַלע מאָל צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן אויפן יחסן האָרן צי ער ליגט באַקוועם צווישן זיינע קלאַמערן, וואָס דאַרפן אים אויף שטענדיק אויסגלייכן און אויספורעמען דעם רוקן. ער האָט אַלע מאָל, ווי ער וואָלט געוואָלט אַ מונטער טאָן דעם האָרן, אַ שפּריץ געטאָן אַ ביסל קאַלט וואַסער אויף די שמאַטקעס, וואָס האָבן אים איינגעדעקט. ער האָט זיך דערוויל פאַרנומען מיט די אַנדערע הערנער, וואָס האָבן זיך געזידט און געקאָכט אין פינפער טאָפּ. מיט יעדן האָרן איז ער געווען פאַרזיכטיק. יעדן האָרן האָט ער געצערטלט און געגלעט, נאָר קיינעם פון זיי האָט ער ניט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל טאַטע־ליבע ווי ער האָט אַרויסגעוויזן דעם האָרן וואָס האָט רואיק געשלומערט אין זיין וויגעלע־קלעם צווישן די צוויי פּאָלירטע ברעטלעך.

איבער נאַכט זיינען די הערנער געלעגן אין זייערע באַזונדערע „גיפּסן" און זיי האָבן זיך פאַרמירט און זיי האָבן זיך אויסגעפורעמט אין זייער האַלב־לבנהדיקן חן. און אויף־צו־מאָרגנס באַלד נאָכן ערשטן מנין איז וועלוול געלאָפן אין געצייל אַהיים און ער האָט זיך מיט ציטערדיקע הענט ווידער גענומען צו זיין אַרבעט.

מיט שאַרפע מעסערלעך, מיט פאַרשידענע קליינגעלעך האָט ער מילד און צאַרט געשניטן, געשניצט, געשיילט די אייבערשטע גראָבע הויטן פון יעדן האָרן. דעם יחסן־האָרן האָט ער פּאַמעלעך אַרומגע־שוירן, אַרומגעשניצט, אַרומגעגלעט; אָט איז זיין הויט געווען מילכיק־ווייס און אָט האָט זיך פון אונטער דער הויט באַוויזן אַ פּערלדיקע קלאָר־קייט, און שוין האָט מען געזען ווי עס ווערט זיין לייב דורכזיכטיק לויטער, אָן אַ פּגם, אַזוי אַז מען קען אַפילו דורכזען די שטיק האָלץ, וואָס זיצט אין זיין מויל. באַלד האָט אים וועלוול צערטלענדיק פאַרזעצט אין דער טאָק־מאַשין און אָט האָט ער גענומען דאָס שאַרפע, נאָדל־דינע

רערל, האָט עס איינגעטונקען אין ריינע אויל און איז פּאַמעלעך צוגע־טראָטן דורכצובויערן אַ לעכל פון שפּיץ פון האָרן ביז דער ברייטער אָפענער מויל, וואָס איז געווען פאַרשפּאַרט מיט דער אָוואָל שטיק־האָלץ. מיט אַ ציטערדיק, מיט אַ פלאַטערדיק האַרץ איז וועלוול טאָקער גע־שטאַנען פאַרן יחסן־האָרן און די שאַרף פון רערל, פון דינעם עגבייער האָט זיך שפּיצפינגערדיק צוגערירט צום שפּיץ פון האָרן. בערלס ליפּן האָבן פלאַטערדיק געשעפּטשעט אַ מוראדיקן ניגון, וואָס האָט מיט אַ וואָרנונג זיך באַקלאַגט מיט שניידנדיקע ווערטער: „שופר מנוקה פסול, אַ געלעכערטער שופר איז פסול".

לאַנגזאַם, שטאָך נאָך שטאָך, בייער נאָך בייער האָט דאָס דינע רערעלע זיך איינגעביסן אין דער בעגלדיקייט פון האָרן און האָט פון זיך אַרויסגעשיקט דינע שניירעלעך געקרייזלטע נאָגל. מיט אָנגעשפּיצטע אויגן האָט וועלוול נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון עגבייער־רערל און ס'האַרץ האָט אין אים געצאַפּלט פאַר פּחד ס'זאָל זיין האַנט קיין ציטער ניט טאָן און חלילה אַ פאַר טאָן אין דין, איידל ווענטל, אין די זייטן פון האָרן. דורך דער קלאָרער הויט פון האָרן האָט וועלוול געזען ווי אָט קומט דאָס רערל נעענטער און נעענטער צו דער אָפענער מויל פון האָרן און באַלד, באַלד וועט די געפאַר, די גרעסטע געפאַר זיין אַריבער. „שופר מנוקה פסול" האָט ער זיך אַ פייניק געטאָן. נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל האָט ער אַרויסגעצויגן דאָס רערל און עס געטונקען אין פרישן אויל ס'זאָל חלילה די זייטן פון האָרן ניט צעהיצן. און אָט האָט ער אַ הויכן קרעכץ געטאָן, אַ זיפץ פון פרייד, פון דערגרייכונג, פון דער־שעפּטקייט; עס האָט זיך געצויגן אַ קלאָרע, אַ גלייכע עפענונג פון שפּיץ ביזן מויל פון האָרן; ער איז געווען דורך און דורך אָפן און באַלד, אָט באַלד וועט דער האָרן זוכה זיין גערופן צו ווערן שופר.

„סטאַויסגעהאַלטן די אָפּעראַציע!" האָט וועלוול אָן אָטעם מיט געטאַמעוועטער פרייד אַ זאָג געטאָן. ער האָט געקוקט אויפן האָרן און אַ פרייד האָט זיך צעשפּילט אויף זיין פּנים: „איז אָט, כ'מיין, איז ווערסטו באַלד אַ שופר!" האָט ער סתם אַזוי גערעדט צו זיך אַליין און ער האָט זיך גענומען צו פּאָלירן און גלעטן און רייניקן מיט אויל די דורכגעבויערטע עפענונג אין האָרן. ערשט האָט וועלוול געפילט,

אַז ער קען שוין פון מויל פון האָרן אַרויסנעמען די שטיק האָלץ; ער קען שוין דעם האָרן איינגאַנצן באַפרייען פון די קלאַמערן, וואָס האָבן אים ביז אַהער געדריקט און געקוועטשט.

גיטל האָט אַוועקגעשטעלט דעם אָנבייסן אויפן טיש. זי האָט גע־וואַרט אויף אַ מאָמענט ווען זי וועט קענען אַריינוואַרפן אַ וואָרט און אים זאָגן, אַז ס'איז צייט עפעס אין מויל אַריין צו נעמען. אָבער איר וואַרטן איז געווען אומזיסט. וועלוול איז געווען אומגעדולדיק. ער וועט ערשט ניט מפסיק זיין, ער מוז זען דעם האָרן ווערן אַ שופר. אַט שוין, ער וועט ניט עסן ביז וואַנען ער וועט זיין זיכער, אַז דער האָרן האָט שוין זוכה געווען צו ווערן אָנגערופן שופר. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם האָרן און ער האָט זיין שפּיץ אַריינגעזעצט אין טאָפּ קאָכעדיקע וואַ־סער, וואָס האָט שטענדיק ערשט געזידט אויפן דרייפוס. ער האָט אַרויסגענומען דעם האָרן און ער האָט אין זיין צעקאָכטן, ווייכן שפּיץ אַריינגעקוועטשט אַ שפּיציק העלצעלע, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ פלאַכלעך־אָוואַלן ברייטן עק. ער האָט געטונקען דעם האָרן מיטן העלצל אין די הייסע וואַסער און ס'העלצל געשטופּט טיפער אין שפּיץ אַריין. באַלד האָט ער מיט זיינע פינגער געמאַדעלירט און געפּרעסט דעם צעצויגענעם שפּיץ פון האָרן און האָט פאָרמירט די פלאַכע מויל־שטיק, דעם פה פון האָרן. ער האָט מיט קאַלטע וואַסער צוגעגלעגט די גוט־פאָרמירטע מויל־פאָרמע און בעת דער שפּיץ איז נאָך געווען וואַ־רעמלעך, ווייך, האָט ער שנעל מיט זיינע שאַרפע מעסערלעך פאַרשניצט צוויי ליפּ־קאַרבן אויף ביידע זייטן פלאַך פון מויל־שטיקל און האָט עס פּרובירט אַריינגעמען צווישן זיינע ציטערדיקע ליפּן. „אויסגעצייכנט! מחיהדיק, גיטל!" האָט ער זיינע אויגן אַ הייב געטאָן צו זיין גיטלען.

„עלה אלקים בתרועה" האָט זיך פון וועלוולס איינגעווייד אַרויס־געריסן אַ פריידיקער ניגון: „כ'וועל דיך דערהויבן, גאָט, מיט מיין שאַלן!", האָט וועלוול פאַרטייטשט דעם פסוק און ער האָט צעמיעכט זיינע נאָזלעכער און ער האָט אַ בלאָז געטאָן אין נייעם שופר אַריין און וועלוולס טאָקאַרניע איז גלייך פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ טאָקאַרניע אין אַ מקום קדוש און וועלוול אַליין האָט געפילט, ווי ער ווערט גע־טראָגן אויף די כוואַליעס פון מעכטיקן געשאַל פון זיין נייעם שופר

ערגעץ וואו צו די הייליקע ווייטקייטן פון באַרג סיני, וואו די עדה יידן איז פאַרזאַמלט ביי קבלת התורה. אַפילו וועלוולס זין זיינען גע־בליבן שטיין אַנמעכטיק ביי די טאַק־מאַשינען און זיי האָבן געגאַפט און זיי זיינען פאַרציטערט געוואָרן פון דעם מעכטיקן געשאַל פון שופר, וואָס איז געזעסן ביי זייער טאַטן וועלוולען צווישן די צוויי קישנדיקע ליפּן.

ווי לאַנג איז וועלוול אַזוי געשטאַנען מיטן שופר אין מויל און ער האָט געבלאָזן? וועלוול האָט זיך קיין רעכענונג ניט געקענט אָפּגעבן, וואָס מיט אים איז געשען. ער האָט נאָר געפילט ווי עס צאַפּלט דאָס האַרץ אין אים מיט פרייד ווען ער האָט דורך פאַרגלייזטע אויגן געזען, ווי ער צערטלט דעם ניי־געבויגענעם שופר אין זיינע הענט. ער האָט נאָך אַ צייט לאַנג געהערט די עכאָס פון די שאַלן, וואָס ער, וועלוול, האָט אַרויסגעבלאָזן פון דעם מעכטיקן שופר. ניין, ער איז ניט הונגעריק געווען. ער האָט ניט געוואָלט גיטלס עסן, ער איז געווען זאַט; זיין נשמה איז געווען פאַרשיכורט אין אים. ער האָט געגלעט און געצערטלט דעם שופר ווידער און אָבער אַמאָל. ער האָט אים געאיידלט מיט פיינע שלייף־פּאַפּיר. ער האָט אויף זיין רוקן, אויף דער גראָבער הויט, אויס־געקריצט אַ מגן דוד און מיט קליינטשיקע פיגורן האָט ער אויסגע־קריצט די מזלות. ביי דער ברייטער, אָפענער זייט פון שופר האָט ער מיט אַ שאַרף מעסערל אויסגעשניטן מאיר־קאָפּן אויף בידע זייטן שופר; ער האָט געשמייכלט און געלאַכט צום שופר און ער האָט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם אַ זאָג געטאָן: „גיטעשי לעבן, דער שופר איז מיט גאָטס הילף פאַרטיק!“ אויף שפּיץ־פינגער איז וועלוול געגאַנגען מיטן שופר דאָ צו גיטלען און דאָ צו די זין און ער האָט גע־פילט, ער האָט ממש געזען, ווי ער, וועלוול, איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן העכער און העכער.

אין אַ קעסטעלע אויסגעבעט מיט וואַטע האָט וועלוול אַריינגעלייגט דעם שופר און ווי מ׳וויגט איין אַ קינד אַזוי האָט וועלוול געשעפּטשעט אַ לולו־געזאַנג צום שופר: „זאָלסט מיט דיין שאַלן דערמאָנען די פאַרכטיקייט פון גאָט ברוך הוא; דו זאָלסט דערוועקן די הערצער פון יידן צו דערהויבן גאָט, עלה אלקים בתרועה; זאָלסט שופרל דערמאָנען

אין די עקידת יצחק, זאָלסט, שופרל מיינס, דערמאָנען אין בריאת העולם, אין קבלת התורה, אין עשרת ימי תשובה!" און וועלוולס אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ מאָדנעם שיין. זיי האָבן געפינקלט און געבליאַס־קעט און ער האָט געשעפּטשעט אַ שטיל געבעט און ער האָט געפרעגט: „און אפשר? אפשר וועסטו גאָר רופן צו תחית המתים! וועסט אפשר אָנזאָגן די גאולה אויף אונדזער פאָלק, וועסט אפשר זיין דער שופר של משיח?"

און פון וועלוולס אויגן האָבן אַ שטראָם געטאָן טייכן מיט טרערן, טרערן פון פרייד, טרערן פון האָפענונג און ער האָט דערפילט ווי עס זינגט די נשמה אין אים מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט, און ער האָט געזען ווי דער דרויסן איז מיט אַמאָל ליכטיק געוואָרן, און אַ ליטערקייט האָט געשוועבט אַרום אים.

און כאָטש וועלוול טאַקער האָט יאָר נאָך יאָר געמוזט זיצן ביי זיין פּיען מיטן טאָפּער אין דער האַנט און אַרומטשעשן שטיקער האָלץ און זיי צוגרייטן צו דער טאַקאַרניע, און כאָטש ער האָט געמוזט שטיין מיט זיינע זין און טאַקן און מאַכן פּיאַסטעס, פּיס פאַר שפּין־רעדלעך, פאַר בענקלעך און עטאַזשערקעס; כאָטש ער האָט געמוזט ווי שטענדיק שאַרפן קיילערס מעסערס, פאַרריכטן פאַראַסאָלן און טאָן טויזנטער אַנדערע אַרבעטן כדי דאָס הויזגעזינד צו שפּייזן, פונדעסטוועגן האָט וועלוול געפילט ווי עס זינגט די אַרבעט אונטער זיינע הענט, ווי עס זיינען לייכט די הענט אויף זיינע אַקסלען, ווי ער טרעט מיט זיכערע טריט אויף גאָטס ערד.

---

און פון יענעם יאָר אָן, אַזוי יאָר נאָך יאָר, אַז וועלוול האָט דער־פילט אין די ערשטע תמוז טעג, אַז דער טאָפּער אין דער האַנט ווערט אים מיטאַמאָל שווער, אַז ער האָט דערפילט אַ בענקעניש אין האַרץ, אַ מאָדנע בענקשאַפט אַזאַ, אַז אָט באַלד קומען אונטער די פאַרכטיקע טעג האָט ער אין מיטן דער אַרבעט ווי אָט ערשט, אין רעכטן מיטן אַרומ־האַקן שטיקער האָלץ, אַוועקגעלייגט דאָס העקל, אָפּגעשאָקלט די שפּע־נער פון זיך און ער האָט מיט אַ ציטערדיק קול אָנגעזאָגט זיין גיטלען: „גיטעשי, כ'גיי מיר נעמען צו דער עבודה!"

און איבער דער טאָקארניע האָט זיך מיטאַמאָל אַ גאַס געטאָן אַ ים יום־טוב. און אויף דער טאָקאַרניע האָט אַ ווייע געטאָן מיט ימים־נוראימדיקע, שעפּטשענדיקע ווינטלעך. און וועלוולס ניגון האָט מיט צאַפּלדיקייט זיך צעקלונגען: „עלה אלקים בתרועה!" און אויפן דרייפוס איז געשטאַנען דער גרויסער פינפער טאָפּ און האָט געזידט און אין אים האָבן זיך געקאָכט און געבריט די הערנער פון באַראַנעס, וואָס וועלן באַלד מגולגל ווערן אונטער וועלוול טאָקער, וועלוול־שופּר־מאַכערס הענט אין הייליקע שופרות, וואָס איינער פון זיי וועט נאָך מסתמא זיין דער שופר של משיח.

# צוויי אָמניבוסן

בערל נאָזדרע האָט זייטיק אַ בליק געטאָן צו דער סאָפּקע וואו זיין טאָכטער לייטשע איז געלעגן איינגעוויקלט אין אַ געלבלעך־ווייסן ליילעך. דורך דער נעפּלדיקער באַגינען־ליכט האָט ער באַמערקט אַז גאָרנישט: זיין לייטשע איז שוין מער נישט קיין קינד. מיט דעם איינעם קוק האָט ער עס באַשיינפּערלעך ערשט געזען. אַ צווייטער, אַ לענגערער קוק אויף לייטשען האָט אים איבערצייגט, אַז די הויפּנדלעך, וואָס שטאַרצן אַרויס מיט אָנגעשפּיצטקייט פון אונטערן ליילעך אויף לייטשעס ברוסט־קאַסטן, אַז די הויפּנדלעך זיינען שוין שפּאָרלעך צעבליט. ער האָט אויך געזען זיין לייטשעס קאַשטאַנעוואַטע, צעפּלאָכטענע צעפּ ליגן צעלייגט אויף דער קישן ווי זאַנגען פון אַ צעעפּנטן סנאָפּ. אירע פולע ליפּן האָבן זיך אָנגעשרויפּט ווי זיי וואָלטן זיך געצויגן צום גלי פון אַ באַק, וואָס רייצט און זאָגט צו. בערל נאָזדרע האָט אַ זשמורע געטאָן די אויגן ווי ער וואָלט זיך געוואָלט נאָכאַמאָל איבערצייגן, אַז דאָס דאָזיקע מיידל איז נישט קיין אַנדערע ווי טאַקע זיין לייטשעלע, וואָס איז ערשט נעכטן געווען אַ פּיצל קינד און איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ בתולה, אַ בוגרת. „יאָ, דאָס איז זי", האָבן זיינע קליינע גרוי־בלויע אויגן אים אַ זאָג געטאָן און בערל נאָזדרע האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט: „אויב אַזוי איז פאַרפאַלן. נישטאָ קיין ברירה!"

כאָטש אין דרויסן איז שוין געווען גאַנץ וואַרעמלעך און זונשטראַלן האָבן אין פאַרלויף פון טאָג שוין אָפּט אַפילו אַ ברי געטאָן, פונדעסטוועגן האָט בערל געפילט אַ מאָדנע קאַלטקייט אין די ביינער. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין שעפּסן־פּעלצל אויף זיינע ברייטע אַקסלען און ער איז מיט שטילע טריט אַרויס פון הויז.

די גאַסן פון שטאָט זיינען געווען בית־עולמדיק שטיל. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ קריי פון אַ האָן, אַ ביל פון אַ בענקנדיקן הונט, אַ געמו פון פאַרחלומטע קי, וואָס גייען אין פעלד אַריין. בערל

נאַזדרע האָט געשפּאַנט דורך די מדבר־גאַסן און ער האָט מיט זיינע שווערע טריט געפּאַסמעוועט די שטילקייט אַרום זיך.

פון ביאַליסטאָקער גאַס איז אָנגעפאָרן דער ריזיקער בלוי־געלער אָמניבוס. דאָס רעווען פון מאָטאָר פון אָמניבוס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף בערלען. ער האָט אויפגעהויבן זיינע גרוי־בלויע אויגן און ער האָט איין קוק געטאָן אויפן אָמניבוס. ווי שטיקער בליי זיינען די אויגן־לעדלעך אַראָפּגעפאַלן איבער בערלס אויגן. „אין דער ערד אַריין!" האָט בערל אַ בורטשע געטאָן ווען דער אָמניבוס איז אים פאַרבייגעפלויגן ווי עפּעס אַ בייזע פאַנטאַסטישע חיה. „אין דער ערד מיטן קאָפּ!" האָט ער נאָכגעברומט דעם אָמניבוס ווען ס'איז שוין פון אים בלויז געבליבן אַ וואָלקן שטויב און אַ ווייטער, אַ טעמפּער געהודזש, וואָס איז געהאַנגען אין רוים און האָט זיך געוויגט איבער בערלס קאָפּ.

בערל האָט אַ טרייב געטאָן זיינע פיס מיט די בייטשן פון זיין אָנגענומענעם באַשלוס: „נישטאָ קיין ברירה!" און איידער וואָס ווען האָט ער זיך דערזען ביים פּלויט פון אַלטן בית־עולם. ער האָט גוט געקענט יעדע צאַלעווקע, וואָס איז געשטאַנען אין פּלויט, ווי אַ זעלנער אין זיין רייע. בערל איז אַריין דורכן טויער פון בית־עולם, האָט פאַר־בייגעשפּרייזט דעם פאַרוואָרלאָזטן הקדש און האָט זיך פאַרקערעוועט צו זיין טאַטן ברוכ'ס קבר.

די מצבה איבער ברוכ'ס קבר האָט אויסגעזען ווי דער גאַרבאַטער נתן דער מלמד. די ווערטער אויף דער מצבה האָט מען שוין קוים געקענט איבערלייענען, אָבער בערל האָט אָן שוועריקייטן אַ „זעברעווע" געטאָן דעם נאָמען פון זיין טאַטן, זיין יחוס און די דאַטע פון זיין טויט און ער האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט.

„טאַטע!" האָט בערל אַ רוף געטאָן ברוכן אין קבר. „היינט, טאַטע, בין איך געקומען נישט אויף קיין יאָרצייט, נישט צוליב קיין יום־טוב, נישט סתם אַזוי צו זאָגן אַ קאַפּיטל צי אַ יום תהילים אויף דיין קבר." האָט בערל געטענהט. „היינט בין איך געקומען זיך דורכ־שמועסן מיט דיר וועגן אַ וויכטיקן ענין, און איך האָף, טאַטע, אַז דו וועסט מיר פאַרשטיין, וועסט פאַרגעבן און וועסט נאָכגעבן מיין בקשה!"

אַז בערל האָט געענדיקט די הקדמה האָט ער אַ הייב געטאָן די הויזן אויף זיך, האָט אַ צי געטאָן דעם רויטן גאַרטל אַרום די לענדן און

ער האָט אַ שנייץ געטאָן צום ערשטן איין נאָזלעכל און באַלד נאָכדעם דאָס צווייטע נאָזלעכל. זיין שנייץ, ווי אַ שאַרפע שווערד, האָט אַ שניט געטאָן די אומהיימלעכע שטילקייט אויפן בית־עולם. פויגל, וואָס זיינען געזעסן אויף די שפּיץ־צווייגן פון די וויספּערנדיקע ביימער, האָבן מיט פּחד זיך אַ ריס געטאָן פון זייערע ערטער און זיי האָבן מיט אימה אַ פּאַטש געטאָן מיט זייערע פליגל אין דער דורכזיכטיקער לופט. בערל האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף די פויגל אַרום אים. זייער מאָדנער געצוויטשער האָט אים נישט געריררט. ער האָט געהאַט אַ מיסיע דאָ ביים טאַטן אויפן קבר און גלייך נאָכן שנייצן די נאָז האָט ער פאַרן טאַטן אַוועקגעלייגט זיינע טענות:

„געדענקסט דאָך, טאַטע, אַז מיט אַזוינע פינף־און־צוואַנציק אָדער גאָר גאַנצע דרייסיק יאָר צוריק ווען יאַנקל איז אַוועק קיין אַמעריקע האָב איך דיר געגעבן אַ תקיעת־כּף, אַז וואָס, וואָס, קיין אַמעריקע וועל איך נישט פאָרן, דיין נחלה וועל איך היטן און אַ ייד וועל איך בלייבן."
האָט בערל געשמועסט מיט זיין טאַטן אין קבר און ער האָט אין געאייל אים געגעבן אַן איבערזיכט איבער די לעצטע געשעענישן אי אין שטאָט בכלל אי ביי אים, ביי בערלען אין הויז בפרט. ער האָט דעם טאַטן דערציילט, אַז אַפילו מיט אַן אייגענער בריטשקע — אַן אמתע קאָטש, מיט צוויי פערד קען מען ערשט אויך קיין פּרנסה נישט האָבן. ער האָט אים מיט טרערן אין די אויגן איבערגעגעבן, אַז צוליב דעם, וואָס עס גייען ערשט אָמניבוסן צוויי מאָל אַ טאָג דירעקט קיין וואַרשע איז די בריטשקע קיין מאַלקין און פון מאַלקין אָפּט כמעט ווי ליידיק. „הערסט, טאַטע!" האָט בערל אַזש געריטשעט פון צאָרן: „אַפילו די יחסנטע דיינע, די באַן, וואָס דו האָסט אַמאָל געשאָלטן מיט קנאה, אַפילו זי, די „שטינקעלירקע", ווי דו האָסט זי גערופן, לויפט היינט אויך מיט ליידיקן קיין וואַרשע, ווייל דער עולם האָט ליבער דעם נייעם מחבל, דעם אָמני־בוס, ווי די באַן!"

בערל האָט זיין טאַטער ברוכן פאַרזיכערט, אַז ווי אַ ייד היט אָפּ דאָס דאַווענען אַזוי ערלעך האָט ער, בערל געהיט זיין פּרנסה, עס האָט אָבער געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. דער אָמניבוס רייסט די פּאַסאַזשירן פון אונטער די הענט און אָט באַלד וועט זיין אויס בריטשקע. און לסוף האָט בערל נאָזדרע זיך אַ שטעל געטאָן אין זיין גאַנצער הייך און

ער האָט הויך אויפן קול זיך אָנגערופן צום טאַטן: „אָבער נישט וועגן מיר גייט עס דאָ. איך ווי איך, כ'האָב פאַר זיך, פאַרן שטיקל ברויט נישט וואָס צו זאָרגן, גיין גייט עס אין מיין לייטשען! זי, שוין אַ שפּאַרע מויד, זי איז ביי מיר דאָס אויג אין קאָפּ. איר וויל איך נישט פאַרטאַכלעווען פאַר קיין פּשוטן שמייסער־יונג! פאַר איר וויל איך עפּעס אַנדערש!"

און בערל האָט אָוועקגעלייגט פאַרן טאַטן אַ פּלאַן: אַזוי ווי זיין לייטשע פאַרדינט זיך אַ לייטישן, אַ וואָזשנעם יונגן־מאַן פאַר אַ חתן, אַזוי ווי ער קאָן שוין ערשט נישט האָפן אָפּצושפּאָרן אויף אַ פיינעם נדן פון זיין בריטשקע, בכן האָט ער באַשלאָסן: די ווייב מיט דער טאָכטער וועלן בלייבן מיט דער בריטשקע; זיי וועלן דינגען אַ שמייסער און זיי וועלן ווי עס איז ציען פּרנסה פון געשפּאַן, און ער, בערל, וועט זיך אַוועקלאָזן אויף אַ פאָר יאָר, טאָקע בלויז אויף אַ פּאָר יאָר, קיין אַמעריקע וואו ער וועט אָנזאַמלען אויף איינעם אָדער צוויי אָמניבוסן און די אָמני־בוסן וועלן ווערן זיין פּרנסה און פון די אָמניבוסן וועט ער אי האָבן אויף אַ נדן אי: „אָט וואָס, טאַטע, די אָמניבוסן וועלן איבערגיין צו מיין איידים און צו מיין טאָכטער!" האָט ער ברוכן איינגערעדט.

בערל איז געבליבן פאַרגליווערט אויף אַ מינוט. ער האָט שוין באַשיינפּערלעך געזען ווי זיינע אָמניבוסן פליען פון שטאָט קיין וואַרשע, ווי זיין וואָזשנער איידעם, אַ בחור אַ לערנער און אַ וועלט־מענטש דערצו, זיצט אין קאַנטור און פאַרקויפט בילעטן און פּרנסה איז דאָ בריוח, און פּרנסה קומט אָן גרינג און בערל האָט אַ רייב געטאָן אַ האַנט אין אַ האַנט און האָט געפרעגט ברוכן אין קבר: „איז ווי זאָגסטו, טאַטע, וועסט לאָזן פאָרן? באַפרייסט פון אַ צוזאָג, פון אַ תקיעת־כף אויף אַ פאָר יאָרעלעך? כ'זאָג צו בהן שלי, אַז ס'מעג דונערן און בליצן קום איך צוריק און אַ ייד בלייב איך, אַפילו דאָרט בלייב איך אַ ייד, הערסט, טאַטע?!"

און בערל האָט קלאָר און דייטלעך געהערט ווי ברוך האָט אים געענטפערט פון קבר אַרויס: „פאָר, מיין קינד, און היט אָפּ ס'ביסל יידישקייט, און קום בשלום אַהיים!"

אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף בערלס צעקאַרבטן פּנים און דער שמייכל איז אַריין אין זיינע וואָנסעס און פון דאָרטן איז ער אַריבער אין

דער ברייטער, געלבלעך־רויטער באָרד. „איז גאָרנישט, טאַטע, איז, אַז דו גיסט דיין הסכמה, איז זיי זשע מיר אין ליכטיקן גן עדן, און צום יאָרצייט וועל איך אָפּשיסן גאַנץ תהילים און זאָגן דעם ריכטיקן קדיש אַפילו אין אַמעריקע!"

בערל האָט אויסגעפּליקט אַ פּאָר ווילד־צעוואַקסענע גראָזן, סתם אַזוי; ער האָט צוגערוקט אַ שטיק שטיין אונטערצולייגן אַביסל די איינגעגאָרבעטע מצבה און ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער לעבן טאַטנס קבר. אים האָט ערשט באַנומען אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך זיין פאָטער, נאָכן פּשוטן, נאָכן ליבלעכן טאַטן ברוך בעל־עגלה. אַז בערל האָט דערפילט אַ היץ אין די אויגן, אַז ער האָט דערשפּירט אַ פייכטקייט אין זיי, האָט ער זיך ראַפּטום אָפּגעקערעוועט פון קבר און ער איז אַוועק מיט זיינע בעלקעס־פיס אַהיים.

אין שטרויענעם קויש האָט בערל אַריינגעלייגט זיין טלית־און תפילין, צוויי גאַרטלען, דעם גראָבן קרבן־מנחה סידור, אַן אמתער כל־בוניק; אַ גוט אויסגעדאַרטן קעז, אַ פלעשל ניינציקער און אַ ביסל וועש. ער איז אַריין אין שטאַל; איז צו צו דיביידע פערד, וואָס האָבן זיך מאָדנע צעהירזשעט, ווען זיי האָבן דערזען זייער בעל־הבית עפּעס אויסגעצירט אין אַ וואָכנדיקן טאָג; ער האָט זיי געגלעט און געצערטלט; ער האָט געהערט זייער כליפּענדיק געבעט ער זאָל זיי נישט פאַרלאָזן אויף קיין שמייסער און ער האָט זיי מיט פאָטער־ליבע געטרייסט: „דער שוואַרצער יצחקל איז אַ געניטער שמייסער. ער וועט אייך שאַנעווען. כ'האָב ביי אים ס'וואָרט גענומען!"

און בערל נאָזדרע איז מיט אַ באַן געפלויגן, מיט אַ באַן, וואָס האָט געשלונגען הייזער און וועגן אוןביימער און וועלדער און טייכן, און בערל האָט זיך געטראָגן אויף די בייזע רוקנס פון ברויזנדיקע כוואַליעס, און בערל נאָזדרע איז אָנגעקומען מיט מזל קיין ניו־יאָרק, וואָס האָט מיט אַלע אירע מויערן, מיט אירע בריקן, מיט אירע באַנען זיך באַלד אַ לייג געטאָן בערלען אויפן געמיט מיט אַזאַ שווערקייט ווי ס'וואָלטן פּליטעס בלייַ זיך אַרויפגעוואַלייעט אויף אים און אים נישט געלאָזט אָטעמען.

דער צימער, וואָס זיין שוועגערין גיטל, וואָס האָט זיך דאָ גערופן גוירדי, אָדער גאָר גויד, אָט דער צימער האָט מיטן בלינדן פענצטער־אויג אַרויסגעקוקט צו אַ פאַרזשאַווערטן לאָדן פון אַ פאַבריק, וואו מען האָט שוין פון יאָרן ניט געאַרבעט. אין אַ ווינקל פון צימער איז פאַריתומט געשטאַנען בערל נאָזדרעס סדום־בעטל, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט, ווי אַ וויסטער צולייג צו די צרות, צו דער מוראדיקער ענגשאַפט אַרום. גיטל־גוירדי־גויד, זיין ווייבס שוועסטער, אַ יידענע אַ צעיורענע ווי אַן איבערגעוואַקסענער בריקעוו, מיט אַ פּאָר פלייצעס ווי באַלקעס, מיט אַ מויל פון בלויז צונג, וואָס קלאַפּערט ווי מיט האַמערן אויף אַ קאַוואַדלע, אָט די גיטל האָט בערלס געמיט נאָך מער צעכמאַליעט ווי דאָס ווילד־צעוואַקסענע, שטיקנדיקע ניו־יאָרק. אַז גיטל־גויד האָט זיך צעקלאַפּערט מיט איר בבל־שפּראַך האָט בערל פשוט דערפילט ווי ס'איבלט אים אונטערן לעפעלע פון האַרצן, אַז אָט באַלד וועלן צוויי שטייפע הענט אים טאָן אַ שטאַרקן, אַ לעצטן דרוק ביים ושט און אַ סוף, אַן עק, ער וועט אויסהויכן זיין נשמה. גיטל־גוירדי האָט גערעדט ווערטער אַזוינע, וואָס האָבן בערלען אויסגעזען אי ווילד, אי פרעמד אי סתם פלוידערייען. ער האָט מיט צאָרן אַ פאָכע געטאָן מיט זיינע צעפלעצלט־איינגעפאַלענע נאָזלעכער ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך דעם ריח אי פון גיטל־גוירדיס רייד, אי פון איר אַליין, אי פון צימער, וואו ס'האָט זיך שטענדיק אַרומ־געטראָגן אַ ריח פון אַ באַלייע מיט וועש, וואָס איז שוין געבלויט געוואָרן אָבער נאָך נישט געקראָכמאַלעט.

„איי בעטשע, אַז אַזוינע סטעזעס ווי אין דער הויז איז אין יוראָפּ אַפילו אין די ריטשעסט האוזעס שורלי נישטאָ!" האָט גיטל־גוירדי אים דערציילט די וואונדער פון איר פאַרדריפּעטער הויז. זי האָט געוואָלט ער זאָל אַרויסווייזן קעלבערנע התפעלות אַפילו פאַר אירע טרעפּ, וואָס זי האָט גערופן „סטעזעס", טרעפּ, וואָס זיינען געווען אַזוי שמוציק, אַז אַפילו אין בערלס פערד־שטאָל איז ריינער געווען.

„וואַטצאַ דע מער מיט יו?" האָט גיטל אים געקריטיקירט אויף יעדן שריט און טריט און זי האָט אים מיט איינגעשפּאַרטקייט געלערנט צו ווערן אויס גרינער:

„זאָג נישט פענצטער, ס'איז דאָך אַ שיים, ווינדע, ווינדע זאָגט מען דאָ!" האָט זי זיך געבייזערט אויף אים. בערל האָט געקוקט אויף גיטל־גוירדיס וואורשטלעך־ליפּן, אויף אירע נאַקעטע קאַלבאַס־אָרעמס און ער האָט געטראַכט, אַז אַ „ווינדע" איז גאָר אַ הייב־מאַשין, אַזאַ מין מאַשין, וואָס איז געווען ביי מאַסן אין דער פאַרעווער מיל, אַן „עלע־ווייטער", וואָס מען רופט דאָ. ער האָט דערביי אַרויסגעקוקט צו די פּאָרביימער, וואָס ער האָט געזען פון זיין שוואָגערס הויז, פון גיטל־גוירדיס פּאַלאַץ; צו די פּאָר ביימער, וואָס זי רופט מיט גאווה: „אונדזער אסתר־פּאַרק!" זי האָט אים שוין נישט איינמאָל געפרעגט: „האַו דזשו לייק אונדזער אסתר־פּאַרק?" און בערל האָט שטענדיק געהאַט אַ געפיל ווי אויסצושרייען: „אַז אָך און וויי צו אונדזער אסתר המלכה נעבעך, אַז אַזאַ שלימזלדיקן פּאַרק רופט מען אויף איר נאָמען!"

אַזוי שנעל ווי בערל איז אַריין אין שאַפּ וואו ער האָט זיך געלערנט פאַר אַ פּרעסער, אַזוי שנעל ווי עס האָבן זיך געפונען אין זיין קעשענע די ערשטע פּאָר אַמעריקאַנער פאַרדינטע דאָלאַרן האָט ער זיך אָפּגעטראָגן פון גיטל־גוירדין, פון איר „וואָטצאַ דע מער מיט יו," און פון זיין סדום־בעטל. ער האָט זיך מיט זיין שטרויענעם קיישל אַריבערגעצויגן לעבן שאַפּ.

ווי אַ שאָטן האָט זיך בערל אַרומגעדרייט מיט זיך אַליין איבער די גאַסן פון ניו יאָרק, און אַ בענקשאַפט האָט אים גענאָגט ביי דער נשמה ווי אַ מעכטיקע פּיאווקע וואָלט דאָרט געזעסן. ער האָט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געזוכט עפּעס אַ שייכות צווישן זיין ניו יאָרקער היינט און זיין דאָרטיקן נעכטן. ער האָט געזוכט אַ טרייסט אין די שילדן, וואָס זיינען געהאַנגען אויף יידישע געשעפטן. ער האָט געשלונגען די יידישע ווערטער אויף די שילדן. די שילדן האָבן אויסגעזען צו זיין אַ שטיקל קנופּ, וואָס האָט פּרובירט פאַרבינדן זיין נעכטן מיט זיין היינט, אָבער אַפילו די יידישע שילדן האָבן אָפט געלעכערט זיין האַרץ מיט פּיין פון אַנטוישונג: „מיר פיקסן, מיר דאַרנען, מיר"... „אַז אָך און וויי צו אַזאַ מין יידיש", האָט בערל געמורמלט צו זיך און ער האָט זיך פאַרקליבן צו דער „גילדערנער הין" אין שערעריי, אין באַרבער שאַפּ.

ביי דער „גילדערנער הין" אין באַרבער שאַפּ האָבן זיך אָפט פאַר־זאַמלט די חברה, וואָס האָבן זיך געקענט פון דער היים. נח, „די גיל־

דערנע הין," אַ לאַנגער, אַ דאַרער, אַ שטייפער ווי אַ טשוואַק איז דאָ אויף ברום־סטריט געווען אַ שערער; דער זעלביקער לאַנגאַץ, וואָס קלימפּערט מיטן שערל ווי דאָרט אין שטאָט. נח, „די גילדערנע הין" האָט ליב געהאַט צו שטיין איבער אַ קאָפּ, צו קלימפּערן מיט זיין שערל און קעמל און דערביי איבערצוזינגען אַלע לידער, וואָס ער האָט נאָך גע־דענקט פון אַמאָל, פון יענער זייט. נח האָט געקענט אויסזינגען מיט זיין ציקלדיקער שטימע פון אַן אדון־עולם ביז אַ שבתדיק שטיקל, פון אַ יום־כיפורדיקס ביז דער מעשה מיט לעאָנען און זיין פּיסטאַלעט, אַ טראַגישער ראָמאַנס, וואָס איז געווען באַרימט אין נחס און אין בערלס בחורשע יאָרן. ביי נחן אין באַרבער־שאָפּ איז בערל נאָזדרע אָפּגעזעסן שעהן אין די אָוונטן; ער האָט געהערט נחן זינגען און דערביי האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן און געסלעך פון שטאָט. „אַך, ווען איך קען ערשט אַזוי כאַפּן אַ בליק אין מיין הויז אַריין!" האָט בערל מיט אַ פאַרבענקטן קרעכץ אַ זאָג געטאָן סתם אין דער וועלט אַריין: „ווען איך קען אַזוי טאָן אַ נעם אַרום מיין קאַשטאַנעוואַטער לייטשען!" האָט זיין האַרץ זיך אַ שמעלץ געטאָן בלויז פון געדאַנק, אַז ער האָט דאָרט אַזאַ מין שטיק טאָכטער, וואָס אַט וועט ער זי זען. און געזאָגט האָט ער הויך אויפן קול צו נחן: „ווי וואָלט דיר געפעלן געוואָרן צו טאָן ערשט אַ שפּרייז צו צו דער אברהם־יאַנקעוויטשיכע אין שענק אַריין און טאָן אַזאַ מין זשליאָקע אַריין אַ פּאָר גלעזלעך און פאַרבייסן מיט אַ געגנדזן פּופּעקל אָדער מיט אַ געבראָטן לעבערל?"

און נח האָט אויפגעהערט זינגען און ער האָט אָנגעשפּיצט אויף בערלען אַ פּאָר פינקלענדיק־צעשטראַלטע, פאַרבענקטע אויגן און האָט צוגעגעבן: „אַזאַ טעם זאָלן גאָר מיינע שונאים נישט וויסן!"

און באַלד האָט ער זיך פאַרכלינעט, און שוימיק איז אים ס'מויל געוואָרן און בערל און נח האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַן עקסקורסיע, איינער האָט דעם אַנדערן געוואָלט איבערשטייגן אין מאָלן אידיליעס פון דער היים: „געדענקסט, בערל, ווי קאַטשער מיטן שטעקן האָט געוועקט צו תהילים באַגינען־צוטאָגנס?" „געדענקסט, נח, ווי פאַליק דער שוחט האָט זיך געטאָן אַ צעלאָז מיט זיינע משוררים אין אַן „המלך" אַז די זיילן פון דער וועלט האָבן זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן!"

„און דעם בראָקער וואָלד מיט די נאָדל־ביימער האָסטו שוין פאַר־געסן?"

„און דער וואַרשעווער וואָלד איז אַ הונט ביי דיר!"

„נו — און די סאַזשעווקע, דער שפּאַציר־גאָרטן!"

און נחס אויגן האָבן זיך געוואָסערט און בערלס האַרץ האָט געדו־גערט און זיינע ליפּן האָבן זיך געוויקעט אין שוים. און נח האָט זיין קונה געלאָזט זיצן מיט אַ האַלב געראַזירטער באָרד, מיט פאַרגליווערטע מידלענע אויף דער באַק און ער האָט מיט אַ צעעפנטער מויל זיך צוגעהערט צו די וואונדער, וואָס זיינען אין שטאָט געשען צייט ער איז אַוועק פון דער היים.

אָזוי איז בערל אָפּגעזעסן און אָפּגעחלומט זיינע אָוונטן און אין די שלאָפלאָזע נעכט האָט ער ווי אַן איינזשעניר געפּלאַנירט און געבויט גאַנצע געביידעס: „אָט וועל איך שוין באַלד האָבן צוויי הונדערטער, דריי, פינף, אַ גאַנצן טויזנטער!" און בערל איז נישט געוועזן צו־פרידן מיט זיך. ער איז געלעגן אין בעט און האָט זיך געזידלט: „אַ טאַטע, וואָס וויל זיין טאָכטער אויסגעבן פאַר אַ לייטישן יונגנמאַן; אַ טאַטע, וואָס וויל געבן דער טאָכטער אַ וואָזשנעם נדן; אַ ייד, וואָס וויל וואָס שנעלער אַנטלויפן פון דעם דאָזיקן אַמעריקע, וואו אַ ייד זיין קומט אָן מיט קרעת־ים־סוף און אַפילו דעמאָלט איז מען אַ ייד מ'שטיינסגעזאָגט, אַזאַ איינער טאָר נישט פאַרפרעסן און פאַרזויפן זיינע פאַרדינסטן. מ'דאַרף קאַרגן און שפּאָרן אַפילו דעם ביסן אין מויל אַבי וואָס שנעלער אַ היים צו פאָרן!" אָזוי האָט בערל מיט זיך געטענהט און יעדעס מאָל, וואָס זיינע ליפּן האָבן אַרויסגעזאָגט ס'וואָרט „אַ היים" האָט בערל דערפילט ווי אַ שוידערלעכע נאָגעניש איז פאַר־קראָכן אין זיין בוזעם אַריין און ער האָט אויך געזען ווי אויף זיינע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן אַזוינע מאָדנע, רעגנבויגנדיקע בלעמלעך.

און כדי וואָס שנעלער צונויפצוקלאַפּן די סומע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דערגרייכן איז בערל אַוועק צו זיין באַלעבאָס פון שאָפּ און האָט אים אַריינגערוימט אַזאַ סוד: „אַ היטער פאַרן שאָפּ אויף די נעכט דאַרפט איר דאָך. ערלעך ווייסט איר דאָך, אַז איך בין, איז בעט איך אייך מר. הערטץ, גיט מיר דאָס „דזשאָבל" וועל איך מיר צו פאַרדינען נאָך אַ צענערל אַ וואָך!" מר. הערטץ האָט מיט

פאַרגעניגען אָנגענומען בערלס אָנבאָט און בערל האָט זיך מיט זיין שטרויענעם קויש, מיט זיין ביסל אָרעמקייט אַריינגעצויגן אין אַ ווינקל פון שאַפּ, דאָרט וואו זיין פרעס־מאַשין איז געשטאַנען.

ביי טאָג האָט בערל געאיילט מיטן פרעסל איבער די שטאָפּן און מיט די ברייט־צעעפנטע גרוי־בלויע אויגן האָט ער פאַר זיך געזען זיין הויז, זיין לייטשען, זיין בריטשקע און ער האָט אויך געזען זיינע צוויי בלוי־ווייסע, גיגאַנטישע אַמגיבוסן, וואָס פליען קיין וואַרשע און ברענגען צוריק אַ רייכן נדן פאַר אַ וואַזשנעם, אַ יחסנישן, וואוילגעלערנטן איידעם פאַר זיין טאָכטער.

די צייט איז אַזוי געפלויגן אין טראַכטעניש, אין בענקעניש ווי אַ ווינט אין פעלד. אָט איז געקומען אַ טאָג און אָט האָט זיך דער טאָג געענדיקט. דער שאַפּ איז געבליבן ליידיק. בלויז אַ געזשום פון פליגן און אַ ציין־געקריצעריי פון ראַצן אונטער די דילן האָט זיך געהערט אין שאַפּ. בערל האָט אָפּגעדאַוונט מנחה, האָט זיך צוגעגרייט זיין וועטשערע אויפן עלעקטרישן אויוועלע, וואָס ער האָט פאַר זיין אייגן געלט געקויפט, האָט אָפּגעגעסן און געבענטשט און באַלד האָט ער זיך גענומען צו זיין נאַכט־אַרבעט: סאָרטירן די רעשטלעך סחורה, וואָס זיינען געלעגן אויף די שנייד־טישן; איינלייגן אין פעקלעך פון פופּציק די טאָוולנע רערן אויף וואָס די סחורה איז געווען געראָלט; אָנפּאַקן זעק מיט אָפּפאַל־שמאַטעס און קערן די דילן. פון די אַלע אַרבעטן האָט בערל געקראָגן אַלץ נייע און גרעסערע איינקונפטן; פון יעדער זאַך, וואָס ער האָט אין די אָוונטן געטאָן איז דער צוזאָג אויף זיין גלאַררייכן מאָרגן געוואָרן אַלץ נעענטער צו דער פאַרווירקלעכונג: „אָט באַלד, באַלד, מיין קינד!״ האָט בערל געשעפּטשעט מיט צערטלעכקייט צו זיין לייטשען. „אָט באַלד קום איך אַהיים!״ האָט ער זיך צוגעזאָגט און ער האָט מיטן וואָרט „אַהיים״ זיך פאַרוויגט אין אַ רואיקן שלאָף אויפן באַרג שמאַטעס, וואָס ער האָט זיך אונטערגעלייגט אויפן לאַנגן, ברייטן, שנייד־טיש אין שאַפּ.

און מיטאַמאָל האָט בערל באַשלאָסן: „כ׳בין פאַרטיק צו פאָרן אַהיים! כ׳בין גרייט!״

ער האָט אַ פּאָר מאָל איבערגעקוקט זיינע ביכלעך פון די בענק; ער האָט מיט קרייד געחשבונט אויפן גלאַטיקן שנייד־טיש; ער האָט מיט

שפּייעכץ געמעקט זיין שרייבן, די קיין־עין־הרעדיקע ציפערן, און ער האָט שטיף אַ זאָג געטאָן פון די צעפּלעצלטע נאָזלעכער אַרויס: „הײדא, בערל, ליג נישט אָפּ; ווייל נישט איינרייסן קיין וועלט, געפאָרן זאָל עס ווערן!"

ווי אַלעמאָל האָט בערל נאָזדרע געשריבן אַ היים אַ קורץ בריוול, אַ בריוול מיט גראָבע, זיג־זאַגישע אותיות: „מיין טייערע ווייב; מיין ליב טעכטערל לייטשעלע, געזונט זאָלט איר זיין, שוין באַלד, טאַקע אָט באַלד, כ׳מיין גאָר אין גיכן קום איך מירצעשעם אַהיים!" און גלייך ווי ער האָט באַליגט די בריוו האָט ער פאַרפּאַקט זיין קוישל, געמאַכט אַ פּעקל מיט מתנות פאַר דער ווייב און פאַר זיין לייטשען און גאַרנישט; בערל האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף און ער האָט איר באַפוילן: „פיר מיר אַהיים צו מיין לייטשעלען!"

ער האָט באַלד צוגעגעבן:

„און צו מיין צניעותדיקער חוהן אויך!"

און בערל האָט געפילט ווי גאַנץ ניו יאָרק, די הייזער, די בריקן, די באַנען און דער פּרעס־אייזן גליטשן זיך פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אַראָפּ פון זיינע ברייטע אַקסלען.

און ווען ער איז געזעסן און ער האָט געקוקט אויפן ברויזנדיק־צעכוואַליעטן ים האָט ער געפילט ווי זיין ברוסט־קאַסטן ווערט ברייטער און גרעסער און געראַמער און ער האָט פריידיק אַ שעפּטשע געטאָן צום ים:

„איז וואָס קאָכסטו זיך? וואָס שוימסטו פון צאָרן? דיך פאַרדריסט אוודאי וואָס איך, בערל נאָזדרע, פאָר זיך אַהיים צו לייטשעלען, צו דער ווייב חוה, צום נייעם בית־מדרש און צו צוויי בלוי־ווייסע אַמניבוסן און דו מוזט נעבעך בלייבן דאָ אַליין, איינער אַליין אין דער פרעמדער, וויסטער וועלט!?"

און בערל האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויפן איינזאַם־פאַרלאָזטן ים און ער איז זיך אַליין מקנא געווען.

---

ווען בערל נאָזדרע איז אָנגעקומען אַהיים האָט ער געהערט שמועסן, אַז אָט באַלד וועט אַ מוראדיקער שטורעם אויסברעכן. ער האָט געזען

ווי שווערע מלחמה וואָלקנס, שטיקער בלײַ, הענגען אין רוים. אָבער בערלס הימל, זײַן אייגן שטיקל הימל איז נאָך געווען לויטער און קלאָר און זײַן געמיט איז געווען פּוכיק־גרינג: „אַזאַ טאָכטער, אַזאַ לײַטשע, מיט גאָלדן־געלע האָר, מיט בלויע אויגן, מיט דורכזיכטיקע, קלאָרע הויט, אַז מ'האָט אַזאַ לײַטשע איז דאָך געגנוג צו פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ פינצטערניש אויף דער וועלט!" האָט בערל, זיך ווייקנדיק אין נחת, געטראַכט בײַ זיך און ער האָט פון זיך געטריבן יעדן קלאַנג וועגן מלחמה ווי מען טרײַבט פון זיך אַ טשאַטשע בילנדיקע הינט.

מיט אַ טייסטער אַמעריקאַנער באַנקנאָטן, וואָס ער האָט צעטוישט אויף חמרים זלאָטעס איז ער אין וואַרשע געווען און האָט באַשטעלט צוויי אמניבוסן, בלוי־ווײַסע אמניבוסן, ווי ער האָט נאָך בײַ זיך מיט יאָרן צוריק געהאַט אָפּגעמאַכט. ער האָט אײַנגעצאָלט אויף די אמני־בוסן אַרום אַ העלפט פון דער סומע, וואָס זיי האָבן באַטראָפן און די אַנדערע העלפט האָט ער גענומען אויף אַ היפּאָטעק אויסצוצאָלן אין גאַנצע פינף יאָר; אַ וועלט מיט יאָרן.

מיט די פּאַפּירן אין קעשענע, וואָזשנע פּאַפּירן מיט שלשלתדיקע אונטערשריפטן, מיט שטעמפּלען, מיט טריוואָקס, מיט די פּאַפּירן איז בערל געקומען אַהיים און ער האָט באַלד דערפילט, אַז עס קומט אים אַ שטאָט אין נײַעם בית־המדרש אַזש אויף דער מזרח־וואַנט, נאָענט לעבן נחמן גאָלדבערגן און טאַקע גלײַך לעבן ר' איטשע איטקעס. ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן פון שטאָט און ער האָט פאַר זיך געמאָלן בילדער: „אָט גיי איך מיר מיט מײַן איידעם, מיטן וועלטלעך־פרומען, מיט וואוילגעלערנטן איידעם, וואָס טראָגט מסתמא פּענסנע, וואָס טראָגט אוודאי לאַקירענע שטיוול, וואָס האָט אַ ידיעה אי אין יידישע אי אין העברעאישע ספרים, מיט דעם אַ איידעם שפּאַציר איך זיך שבת אינ־דערפרי צום דאַווענען; איך אַליין קריג שישי אין בית־המדרש און מײַן איידעם כאַפּט דעם מפטיר און פון אויבן, פון ווייבער־שול קוקן אַראָפּ מײַן חוהס אויגן און קוועלן און ס'קוקן אויך אַראָפּ מײַן טאָכטער לײַטשעס טיף־בלויע, פרילינגדיקע אויגן, וואָס באַשטראַלן מיט זייער פרייד די גאַנצע עדה יידן!"

אַזוי האָט בערל געחלומט ווען ער איז פאַרפאָרן אין הויז אַרײַן מיט זײַנע פּאַפּירן, וואָס האָבן שוואַרץ־אויף־ווײַס געזאָגט: „בערל

טוכצייג איז דער אייגנטימער פון די אמניבוסן 161 און 162, וואָס האָבן די דערלױבעניש צו פירן פריוואַטע פּאַסאַזשירן קיין וואַרשע און צוריק!"

„נו, חוה, כאַוטשעלע מיינס," האָט ער מיט אויסערגעוויינטלעכער צאַרטקייט געטענהט צו זיין ווייב. „נו, איז זעסטו שוין, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. אָט זיינען די אמניבוסן און באַלד נעמען מיר און מיר הייסן שדכנים זיך אַ לאַז טאָן איבער מדינות פּוילן זוכן פאַר אונדז אַן אידעם איינס און אַזעלכעס." און בערל האָט געקוואַלן און ער האָט געלאַכט פון די טרערן, וואָס ער האָט דערזען ביי זיין חוהן אין די ווינקלען פון די אויגן.

„וויינסט גאַר, שוטה בן פּיפּסנהאַלץ!" האָט ער זיך געחכמעט. און ער האָט זיין חוהן אַרומגענומען און ער האָט זי געגלעט מיט זיינע הענט, וואָס זיינען געווען קלעצלדיק־האַרט און שאַרסטקע ווי אַ ריב־אייזן.

„ס'האַרץ, מיין האַרץ ציטערט אין מיר פאַר פּחד פון אַזאַ שלל מיט נחת, ווי דו זאָגסט מיר צו; כ'האָב מורא פאַר מענטשנס אויגן!" האָט חוה געשעפּטשעט מיט ציטערדיקע ליפּן. אָבער בערל, ווי אויף צו־להכעיס האָט זיך צעלאַזט מיט אַ פּענדזל מיט פאַרבן און ער האָט געמאָלן און ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט זיך צעלייגט אויף אַ קאַנווע אָט אַזוי־אַ:

„זעסט, כאַוטשעלע, וואו עס שטייט דאָרט די פערד־שטאַל? אַ יאָ, זי שטייט דאָרט, אמת? איז וועל איך זי טאָן אַ צעוואָרף איינס־צוויי־דריי, און אויפן פּלאַץ פון שטאַל, וואו ס'ליגט דער גרויסער שטיין וואַקסט ביי מיר אויס אַ צוויי־גאָרנדיק געביידעלע פאַרן פאַר פאַלק; לייטשעלע זאָל לעבן מיט איר מאַן און מיט זייערע קינדערלעך, קיין־עין־הרע, וועלן לעבן אָט דאָ ביי בערלען אונטער די פליגל!" האָט בערל אַ צעפּאַכע געטאָן די בײדע הענט זיינע, וואָס זיינען ערשט גרייט געווען די גאַנצע וועלט אַרומצונעמען און גיין מיט איר אין אַ קאַדריל. ער האָט געטאָן אַ צעקעם זיין ברייטלעך־רחבותדיקע באָרד און ער האָט אַ שנייץ־געטאָן, סתם אַזוי, צום ערשטן איין נאָזלעכל און דערנאָך דאָס צווייטע:

„אימירצעשעם אַרום ראש חודש וועלן מיינע ווייס־בלויע „סוסים" באַלאַדענע מיט פּאַסאַזשירן בריאַזגען פון דאַנען קיין וואַרשע און צוריק!"

האָט ער געװישט די צעפּלעצלטע נאָז מיט דער רויטער פאַטשיילע. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער הויז. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיין חותן און ער האָט איר אַ פרעג געטאָן: „װעמען אַ שטייגער פון די שטאָטישע בחורים, כ׳מיין טאַקע פון אייבערשטן פון שטויסל, װאָלסטו געװאָלט פאַר אַ חתן פאַר אונדזער לייטשעלען?" און באַלד האָט ער צוגעגעבן מיט שטיפערישער פרייד: „און װעמען צום ביישפּיל, געפעלט אונדזער לייטשעלען, כ׳מיין, זי האָט עפּעס געװאָרפן אַן אויג אויף עפּעס רעכטס אין שטאָט?"

חוה האָט זיך געפּילט פאַרשעמט װי זי װאָלט געװען אַ מיידעלע מיט צעפּעלעך. איר בערלס פראַגעס האָבן איר אויסגעזען מאָדנע פרעמד, צו יינגליש־װאַוילערישע פראַגעס, װאָס האָבן זיך קוים געפּאַסט פאַר איר בערלס בכבודיקער באָרד. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, מיט אַ רויטלעך חנדעלע אויף איר פּנים האָט זי בערלען דערציילט, אַז יאָ, זייער טאָכטער שפּאַצירט לעצטנס גאַנץ אָפט מיט דוד דאָזערס יונגסטן זון, מיט דעם געװעזענעם עלוי, מיט דעם אַמאָליקן ישיבה בחור, װאָס איז היינט דער גאַנצער פירער פון ביבליאָטעק. „אַ טייערער בחור, זאָגט מען, אָבער שוין צו פריי!" האָט חוה זיך חנדלענדיק געקלאָגט.

„מיט יאָסל ר׳ דודס?" האָט בערל זיך איבערגעפרעגט מיט געװאַלדיקער פאַרגאַפונג, „אַזוי גאָר? איז דאָך, כ׳מיין, יאָ, נו, טאַקע מיט דוד דאָזערס. ס׳געהערט אַ מעשה? אוודאי, װאָס דען!" האָט בערל געשטאַמלט, און האָט זיך געצופּט די באָרד. „אַזוי, מיט יאָסל ר׳ דודס איז זי, הייסט עס, גייט זי אָפט? כאַװטשעלע, איז װאָס זשע שװייגסטו? כ׳מיין, מעג דאָך אַ טאַטע אויך װיסן!" האָט בערלס מויל זיך געשמייכלט און זיינע אויגן האָבן זיך מוראדיק צעגאַלאָפּירט, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט זיי װעלן אַרויס פון זייערע אָרביטן.

און בערלס האַרץ האָט געזעצט אין אים און זיינע פיס האָבן פאַר פרייד זיך צעשאָקלט אונטער אים װי דיביימער אין װאַלד אין אַ שטורעם װינט.

„מיט יאָסל ר׳ דוד דאָזערס, אַן איינפאַל!" האָט ער סתם אַזוי פאַר פרייד געפּלוידערט און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף אַ שפּאַציר אין זיין מאָרגן אַריין און ער האָט געפילט, אַז גאַרנישט, די װעלט

איז געוואָרן אַזוי גערעם, אַזוי רחבותדיק ברייט, אַז ס׳איז פּשוט אַ פֿאַרגעניגן צו זיין אַן איינוואוינער אין איר.

„אַט דאָ־אָ, זעסט, וועט שטיין ס׳הויז פֿון רויטע ציגל, אַ צוויי־גאָרנדיק הויז פֿאַר מיין לייטשעלעך, פֿאַר איר מאַן (געוואָלט האָט ער זאָגן פֿאַר איר יאָסעלען, זיין איידעם יאָסל ר׳ דודס) און פֿאַר אירע קינדערלעך, אָן עין־הרע!״ האָט בערל געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט מעסטן ס׳שטיקל פּלאַץ וואו ער וועט לאָזן בויען דאָס הויז פֿאַר זיין לייטשעלען און פֿאַר זיין איידעם, יאָסל ר׳ דוד דאָזערס יונגסטן זון. בעת בערל האָט מיט זיינע שטיוול גע־האַלטן אין מעסטן דאָס פּלאַץ וואו ער וועט לאָזן בויען דאָס צוויי־גאָרנדיק הויז, האָט ער דערזען, ווי פֿון קאַסע־געסל גייט היפּקע דער הימלקוקער מיטן זעקל שמאַטעס פֿאַרוואָרפֿן אויפֿן רעכטן אַקסל.

„וואָס מעסטו, בערל, וואָס עפּעס פֿאַראַ מעסטן היינט?״ האָט היפּקע געפֿרעגט מיט זיין קול, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ גרימפּל פֿון אַ באַס. „מ׳מעסט סתם אַזוי!״ האָט בערל אָפּגעענטפֿערט און ער האָט געשטעלט אַ פּיאַטע פֿון איין פֿוס צו די שפּיץ פֿינגער פֿון אַנדערן פֿוס. „מ׳מעסט וואו צו שטעלן אַ סוכה דעם יום־טוב!״ האָט בערל שוין מיט שפּילעוודיקייט היפּקען אַ זאָג געטאָן.

היפּקע האָט זיך צעכאָכאַטשעט הילכיק: „ער גרייט זיך שוין אויף סוכות און ביי דער גרענעץ זאָגט מען ברענען שוין די פֿלאַמען פֿייער פֿון מלחמה!״ האָט היפּקע אַ הייב געטאָן די „באַרקע״ מיטן אָנגעלאָדענעם זעקל שמאַטעס.

בערל נאָזדרע איז געבליבן שטיין פֿאַרגאַפֿט. ער האָט דאָס לשון פֿאַרלאָרן פֿון שרעק, ווייל ער האָט געזען, אַז וואָס, וואָס, היפּקעס כאַ־כאַטשען איז אַ גאַר ערנסטער ענין; היפּקעס ווערטער זיינען שטאָלענע טשוועקעס, וואָס קלינגעוועז זיך אַריין גלייך אין האַרצן אַריין.

„וואָס בעבעסטו, היפּקע? וואָסער מלחמה?״ האָבן ביי בערלען זיך געטרייסלט די ליפּן אונטער די געלבלעך־גרויע וואָנסעס.

„אַז מ׳שמועסט מלחמה איז דאָך נישט שייך!״ האָט היפּקע גע־טענהט מיט גמרא לשון. „ס׳זיינען אַפֿילו דאָ אַ יש אומרים וואָס האַלטן, אַז די היטלער־רשעים האָבן זיך שוין אַ לאָז געטאָן מיט שטאָלענע פֿויגל־אייער אויף סאַמע מאַרשאַלקאָווסקי!״ האָט היפּקע שלשלתדיק געדרייט

אַ פּסוק. בערלס אויגן האָבן זיך צעגאַלאָפּירט ווילד. אים האָט ערשט שטאַרק פאַרדראָסן פאַרוואָס היפּקע צעלייגט אַזוי זיינע שפּיזן־רייד אויף טעלערלעך, פאַרוואָס ער דערציילט אַזוינע ברענעדיק־הייסע געשעענישן מיט אַזאַ אייז־קאַלטער געטאָמעוועטקייט. ווי אַ צעבייטשטער אָגער, וואָס פאַרגעסט אַפילו די „קענזשליע" אין מויל, אַזוי האָט זיך בערל אַ לאָז געטאָן פון זיין הויף. ער האָט היפּקען איבערגעלאָזט אַ דערשטוינטן.

מיט צעפּאָכעטע פּאָלעס, ווי פאַנטאַסטישע פליגל, איז ער געפלויגן פון בראָקער געסל צום מאַרק צו. ער האָט געאיילט צו אהרן דעם נורער רבס, צו ר' אהרנען, וואָס ווייסט אַלע נייעסן, וואָס קומען פאַר אין אַלע עקן וועלט. נאָר ווייט לויפן האָט בערל נאָזדרע שוין נישט געדאַרפט. לעבן פּלומפּ, אין ווינקל מאַרק ביי משה וואַסערמאַכערס מויער איז געשטאַנען אַן ענג־צונויפגעפּרעסטע עדה יידן. אין רעכטן צענטער פון דער עדה איז געשטאַנען אהרן. זיין געלבלעך צעקעמט ברייט בערדל איז ערשט געווען אַ שפּאַר ביסל צעפּאַטלט. זיינע פּענסנע זיינען געווען איינגעלייגט אַזוי ווי ער וואָלט זיי גרייט געווען אַריינצולייגן אין שיידל. מיט די פּענסנע, ווי אַ מאָנאָקל, האָט ער באַקוקט דעם עולם אַרום זיך און מיט פולער ערנסט, ווי דער מאָמענט האָט געפאָדערט האָט ער מיט זיין קלינגנדיק־קלאָרער שטימע, מיט דער־אָ שטימע האָט ער ערשט איכהדיק דערציילט:

— „אַן וואָרנונג, אַן אורזאַך, פון העלן הימל אַראָפּ האָבן זיי זיך באַוויזן און זיי האָבן די גאַסן באַאָגלט מיט טויט, מיט שוידערלעכן, מיט האַרצרייסנדיקן טויט!"

דער עולם אַרום האָט זיך געשטופּט נעענטער צו ר' אהרנען. מ'האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיצן פינגער; מ'האָט געצויגן אַן אויער אַרויפצוצו און מ'האָט געהערט אַן אָטעם יעדן קלאַנג, וואָס איז אַרויס פון ר' אהרנס מויל:

— „פון וואַרשע לויפט מען ווי פון אַ גהינום. ס'לאַנד איז אין גרויס געפאַר!" האָט ר' אהרן גערעדט ערשט מיט אַ פּראָפעטישן טאָן און באַלד האָט ער צוגעגעבן מיט פיינלעכן אויסרוף:

— „המן הרשע גייט אונדז פאַרטיליקן! יידן, מיר דאַרפן זיך אויך גרייטן אין וועג אַריין!"

אַ ווייטיקדיקער זיפץ האָט זיך אַ ריס געטאָן פון גאַנצן קנויל ייִדן; אָבער איבער אַלעמענס זיפץ האָט זיך געהערט בערל נאָזדרעס מוראַדיקער קרעכץ, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין רוים איבערן מאַרק מיט אַזאַ געהילך ווי ס'וואָלט ערגעץ וואו אַ מאַמע־קו מיט אומעט גע־מוקעט ווען מ'רייסט פון איר אַוועק דאָס זויגענדיקע קעלבעלע.

---

בערלס צוויי שפּאַגל־נייע ווייס־בלויע אָמניבוסן זיינען געשטאַנען אין מיטן מאַרק. ערשט נעכטן האָט זיי די רעגירונג קאָנפיסקירט. די פריילינג־זון האָט זיי באַגאָסן מיט שטראָמען זילבער. די אָמניבוסן זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט יונגעלייט, וואָס די רעגירונג האָט אין געאייל רעקרוטירט. ביי אַן אָפענעם פענצטער פון איינעם פון די אמניבוסן איז געזעסן יאָסל ר' דודס. ער האָט מיט זיינע קאַרשן אויגן געקוקט צום טראָטואַר וואו עס איז געשטאַנען לייטשע בערל נאָזדרעס. אירע קאַשטאַנעוואַטע האָר האָבן זיך געגאָלדט אין דער זון און אירע צוויי גרויסע אויגן זיינען געווען איינגעראָמט אין צעפלאַמטע רעמלעך.

אויפן העכסטן טרעפּל פון דער אברהם יאַנקעווטשיכעס שענק איז געשטאַנען בערל נאָזדרע. ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געווען צו־געגאַגלט צום אייבערשטן טרעפּל. זיינע פינקלענדיק־שנעלע אויגן זיינען ערשט פאַרגליווערט געלעגן אין זייערע שלעסער און זיי האָבן אַפילו קיין פינטל נישט געטאָן.

צוויי אַרבעס־טרערן האָבן זיך פּלוצלונג אַ קייקל געטאָן פון די אויגן איבער די באַקן, און בערל האָט דערזען דורך די פאַרגלייזטע אויגן, אַז חוץ זיינע אָמניבוסן שטייט אים ערשט אין קאָן זיין טאָכטער לייט־שעלע אויך, ווייל פון ווייטן האָט ער ערשט באַמערקט ווי עס ליגט אויף איר פּנים אַ פאַרמעטענע געלקייט, אַ מאָדנע געלקייט, וואָס ער האָט נאָך ביז אַהער אויף קיין לעבעדיקן מענטשנס פּנים נישט געזען. ער האָט זיך ראַפּטום אַ ריס געטאָן פון אָרט און ער האָט זיך געלאָזט שפּרייזן צו זיין לייטשעלען, אָבער ווען ער איז שוין נאָענט געווען לעבן זיין טאָכטער האָט ער באַמערקט ווי אירע צעפלאַמטע אויגן זיינען צו־געשמידט צום ערשטן אָמניבוס, צו אַ פענצטער פון אָמניבוס, צו יאָסל ר' דודס פּנים ביים פענצטער פון אָמניבוס. און בערל האָט מיט יראת־הכבוד, מיט רחמנות זיך אָפּגעקערעוועט אין אַ זייט.

און אַז די אַמניבוסן האָבן זיך צערעוועט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו ברומען און זיי האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט האָט בערל געהאַט דאָס געפיל ווי ס'וואָלטן צוויי נייע עגלות מיט גאָר נאַענטע מתים זיך אַ טראָג געטאָן פאַר אים צום בית־עולם צו. ער האָט מעכאַניש אָנגעהויבן שפּרייזן נאָך די אַמניבוסן ווי מ'גייט נאָך אַ טויטן־וואָגן; אים האָט נאָר געוואונדערט פאַרוואָס קוטשער, דער שמש פון אַלטן בית־המדרש מיטן סענקעוואַטן שטעקן אין איין האַנט און מיט דער פּושקע אין דער צווייטער האַנט גייט נישט נאָך די עגלות און פאַרוואָס מ'הערט נישט זיין יללהדיקן קול: „צדקה תציל ממות.״

---

ווי אַ יתום האָט זיך בערל אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון שטאָט. ער האָט געזען ווי זיינע צוויי אַמניבוסן, זיין פריידיקער צוזאַג אויף אַ מאָרגן, האָבן זיך אַוועקגעטראָגן ערגעץ וואו פון וואַנען זיי וועלן שוין מער נישט צוריקקומען. ער האָט געזען ווי זיין יאַסל, זיין לייטשעלעס יאַסל, איז געוואָרן אַוועקגעריסן ווי מ'פליקט אויס אַ יונג בוימל מיט די וואָרצלען. ער האָט געזען ווי זיין לייטשעלע האָט זיך אַ דערשלאָגענע אַוועקגעשלעפּט פון מאַרק. טאָ צו וואָס זאָל ער גיין אַהיים?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן וואָדעטשאַנג און ער האָט אָנגע־שפּאַרט דעם קאָפּ אין קאַלטן, אייזערנעם ראָד פון פּלומפּ. „וואָס טוט מען ערשט מיטן שטיקל לעבן?״ האָט ער זיך געבראָכן דעם קאָפּ. ער וואָלט אַזוי לאַנג געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער ווען מענדל בראָקער וואָלט אים נישט אויפגעריסן פון זיין פאַרטראַכטקייט.

„וואָס שטייסטו ווי אַ גולם, בערל, אויף וואָס וואַרטסטו?״ האָט מענדל בראָקער מיט זיין גלעטנדיק־פאָטערלעכער שטימע אים געפרעגט, און ער האָט באַלד צוגעגעבן: „יידן פּאַקן זיך, יידן לאָזן איבער האָב־און־גוטס און אַנטלויפן פאַרן רשע און דו, דו מיט אַזאַ טאָכטער וואַרטסט זי זאָל חלילה אַריינפאַלן אין זייערע טומאה הענט!״

ווי מ'וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ „שקאַפּעק״ קאַלטע וואַסער אַזוי האָבן מענדל בראָקערס רייד אים אויפגעריסן פון זיין מאָדנער פאַרגליווערטקייט. ער האָט צעעפנט די אויגן און ער האָט דערזען ווי עס טומלט זיך אין די גאַסן, ווי עס לויפן יידן, ווי עס פאָרן שוין פורן באַלאָדענע מיט פּעק, מיט זעק, מיט בעטגעוואַנט און שטוב־זאַכן.

„מיין לייטשעלע קען נאָך חלילה אַריינפאַלן אין זייערע טומאה הענט!" האָט בערל נאָזדרע איבערגעזאָגט מענדל בראָקערס ווערטער הויך אויפן קול און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מענדלען און האָט אים אַ זאָג געטאָן: „איז וואָסער כאָלערע איז אויף מיר? וואָס שטיי איך דאָ טאָקע?"

בערל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט ווי ס'וואָלט אַ פלאַם אונטער אים געברענט. ער איז אַוועק אין הויז אַריין, ער האָט מיט בייער שטאַרקייט געגעבן באַפוילן. ער האָט מיט יינגלשע כוחות געשלעפט פעק נאָך פעק פון הויז אַרויס, ער האָט אָנגעלייגט אַ פולע קאַטש מיט זאַכן. ער האָט די אַלטע קאַטש, וואָס ער האָט שוין קיינמאָל נישט געדרעכנט צו נוצן, אַ פוץ געטאָן דאָ און אַ גלעט געטאָן דאָרט און אַט איז זי שוין פאַרטיק געווען צו דער רייזע.

„אַרויף אויף דער קעלניע, דאָ לעבן מיר!" האָט ער באַפוילן זיין לייטשעלען. ער האָט איר געהאָלפן זיך באַזעצן לעבן זיך. ער האָט אַ נעם געטאָן די בייטש אין האַנט אַריין און ער האָט אַ טרייב געטאָן די פערד. און ווען די קאַטש האָט זיך אַרויסגעקערעוועט פון הויף האָט בערל נאָזדרע אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף הינטער זיך און ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פּלאַץ וואו עס האָט אינגיכן געזאָלט שטיין אַ צוויי־גאָרנדיקע ציגלנע הויז אין וועלכער זיין לייטשעלע מיט איר יאָסלען מיט זייערע קינדערלעך האָבן געזאָלט וואוינען. ער האָט דער־פילט ווי עס גיבן אים די אויגן אַ ברען מיטאַמאָל מיט פלאַם־פייער־דיקער היץ און אין האַלדז ווערט אים ענג. ער האָט אַ פּאַכע געטאָן די בייטש אין דער לופטן און ער האָט אַ מאָדנעם מורמל געטאָן: „וויאָ! וויאָ!"

די פערד האָבן זיך אַוועקגעטראָגן מיט אימפּעטיקן געלויף. בערל נאָזדרע האָט געשטאַרט אין די פרעמדע ווייטקייטן אַריין, אין די וויט־קייטן וואוהין ער האָט געפירט זיין לייטשעלען, אין די ווייטקייטן אַריין וואָס האָבן זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט ווי מעכטיקע, ווי אומגעהויי־ערע פראַגע־צייכנס אויף וועלכע ער האָט בשום אופן נישט געקענט געפינען קיין ענטפער.

# דאָס פֿאַרבאָטענע ליד

„איז זי באמת געקומען?"

„נתן האָט איר געזען אַריינקומען אין זאַל."

„זי איז דאָ, געוויס איז זי דאָ."

„זי וועט זינגען!"

„כ'האָב איר אַליין געזען!"

„כ'וועל עס נישט גלויבן ביז מיינע אייגענע אויגן, אָט־די־אָ אויגן וועלן איר זען!"

„אונדזער מרים!"

דער עולם אין זאַל האָט זיך געטומלט, האָט זיך ארומגעדרייט. יעדער ווינקל, יעדעס שטיקל פּלאַץ, אויף אַלע טרעפּ, ביי יעדן אַריינגאַנג איז געווען אָנגעפּאַקט פול מיט מענטשן. די אויגן פון אַלע אין זאַל זיינען געווען אָנגעפילט מיט טרערן פון פרייד, מיט טרערן פון שטוינונג. זיי האָבן שוין ערשט געוואוסט, אַז זייער מרים איז מיט זיי, אַז זי איז צוריקגעקומען, אַז זי איז באַפרייט, אָבער זיי האָבן דאָך נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרטייטשן דעם נס, וויל ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס אַ זינגער, אַ דיכטער, אַ שרייבער, אַ קינסטלער, אַ מוזיקער איז געקומען צוריק פון די גיפטיקע נעגל פון דער ברוינער חיה, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען גרייט אַ כאַפּ צו טאָן, אָוועקצורייסן די בעסטע, די געקליבנסטע קינדער פון דעם געטאָ, און דאָ, און ערשט איז טאַקע באמת געשעען עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַך, אַ וואונדער, אַ נס: זייער מרים איז באַפרייט. זייער באַליבטע זינגערין איז דאָ צוריק מיט זיי.

און מרים האָט זיך געררוט אין אַ קליין צימערל ערגעץ וואו הינטער די קוליסן. זי האָט זיך צוגעגרייט ווידער צו דערשיינען פאַר אירע געפּייניקטע און פאַרפאָלגטע קינדער פון געטאָ. זי איז געזעסן אין אַ ווייכער פאָטער־שטול און זי האָט געקלאַמערט דעם קאָפּ צווישן די הענט.

„איך האָב געהאַט עפּעס אַ מאָדנעם פאָרגעפיל, אַז זיי וועלן דיר

באַפרייען", האָט געזאָגט שאול געלער, אַ יונגער פּיאַניסט און קאָמפּאָזיטאָר, וואָס איז געזעסן נאָענט לעבן מרימען.

„פונוואַנען האָט זיך צו אייך גענומען דער פּאַרגעפיל?" האָט מרים געפרעגט. זי איז געווען אַ הויכע, שלאַנקע מיידל מיט שוואַרצע גלאַנציקע האָר, מיט אַ שרונט אין מיטן. אירע אויגן האָבן מאָדנע געבלאַנקט; זיי האָבן אויסגעזען מיד און דאָך רירעוודיק־לעבעדיק. זי איז געזעסן לעבן יונגן שאול און זי האָט באַטראַכט זיין פּנים, וואָס איז געווען צעאַקערט מיט טיפע פאַלדן, מיט קנייטשן, וואָס האָבן זיך נישט געפּאַסט צו זיין יונגער הויט. אַ ווייטיקדיקער שמייכל האָט אַרומגעבלאַנדזשעט אויף איר פּנים. זי האָט געזען ווי שאולס אונטערשטע, גראָבלעכע ליפּ הייבט אָן צו ציטערן ווען ער פּרובירט נאָר אָנהייבן עפּעס צו ריידן.

„לאָמיר דיר אויסזאָגן דעם אמת, אַז ס'איז נישט געווען סתם קיין פּאַרגעפיל וועגן דעם, אַז זיי וועלן דיר באַפרייען, אַז זיי האַלטן דיר ביים באַפרייען," האָט שאול געזאָגט כמעט מיט אַ שעפּטשענדיקער שטימע. ער האָט זיך נישט געפילט באַקוועם צו ריידן צו מרימען מיט דער פאָרמע „דו" פון נאָענטקייט און דאָך איז אים שווער געווען איר צו „אירצן." ער האָט יעדן „דו" אַרויסגעזאָגט כמעט מיט האַלבע ליפּן.

„קענסט גרובערן?" האָט ער געפרעגט. „האַנס גרובער, דער אויפזעער, ער האָט מיר געזאָגט, אַז זינט זיי האָבן דיר אַריינגעזעצט אין טורמע איז די פּראָדוקציע שטאַרק געפאַלן אי אין די שטיוול, — אי אין די אונטערוועש, — אי אין די מונדירן־אָפּטיילונגען."

„כ'קען גאָר נישט פאַרשטיין וואָסער שייכות מיין אַרעסט האָט געקענט האָבן מיט דער צאָל זאַכן, וואָס ווערן פּראָדוצירט אין די געטאָ וואַרשטאַטן," האָט מרים זיך געוואונדערט.

„כ'קען דיר פאַרזיכערן, אַז זיי וויסן גענוי זייערע סטאַטיסטישע ציפערן. זיי זיינען גוטע בוכהאַלטאַרן, דאָס מוזן מיר צוגעבן!" האָט שאול געזאָגט.

דאָס גרעמיר־צימערל וואו מרים און שאול זיינען געזעסן איז געווען טונקל באַלויכטן. זייערע שאָטנס זיינען געפאַלן אויף דער וואַנט, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט פון די פאַרהאַנגען און די מענטשן, וואָס

האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דעם גרויסן, נאַקעטן זאַל צו פייערן די באַ־פרייאונג פון זייער באַליבטער זינגערין.

די איינוואוינער פון געטאָ האָבן מרימען באַקרוינט מיט אַ צאָל צערטלענדיק־ליבלעכע נעמען. זיי האָבן איר גערופן „שטערן פון געטאָ," „רעגנבויגן פון געטאָ", „אונדזער טרייסט", „נאַכטיגאַל פון געטאָ" און אַנדערע אַזעלכע נעמען.

ווען זי האָט זיך נאָר באַוויזן אויף אַ בינע אין וועלכן עס איז זאַל פון געטאָ איז דער זאַל געוואָרן אָנגעפּאַקט פון וואַנט צו וואַנט. מענטשן זיינען געשטאַנען אַרום די ווענט, אין די דורכגאַנגען, ביי די טירן און זיי האָבן זיך צוגעהערט צו איר געזאַנג מיט התלהבות, עקסטאַטישער שטילקייט; זיי האָבן געהערט אירע לידער, וואָס האָבן אין זיי געוועקט האָפענונג, וואָס האָבן זיי געגעבן גלויבן, וואָס האָבן זיי צוגעזאָגט, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג ווען די זון וועט ווידער שיי־נען פאַר זיי. אין אירע לידער, אין אירע ניגונים אָן ווערטער האָבן זיי קלאָר און דייטלעך געקענט הערן דעם טרומפּייטן געשאַל, וואָס רופט זיי זיך צו באַפרייען פון שקלאַפעריי און אונטערדריקונג. זיי האָבן ספּעציעל ליב געהאַט, זייער האַרץ איז באַזונדערס שטאַרק דער־פרייט געוואָרן ווען זיי האָבן מרימען געהערט זינגען דאָס ליד „מיר זיינען דער קרבן", דאָס ליד, וואָס זי האָט געזונגען מיט איר גאַנץ האַרץ, מיט איר נשמה. דאָס־דאָזיקע ליד האָבן זיי געקענט הערן אָן אויפהער טאָג און נאַכט. יעדער פון די צוהערערס האָט מרימען באַ־גלייט אין איר זינגען פון ליד; זיי האָבן איר באַגלייט מיט די ליפּן, מיט אַ באַוועגונג פון פּנים, מיט אַ קלאַנג, וואָס מ'האָט קוים געקענט הערן; זיי האָבן איר באַגלייט מיט זייערע הערצער, מיט זייערע צע־ווייטיקטע נשמות, מיטן מאַרך אין זייערע ביינער, מיט אַלע זייערע אברים:

„מיר זיינען דער קרבן,  
מיר זיינען דער קרבן,  
געוואוינט שוין צום פלאַקער פון שייטער.  
מיר זיינען געשטאָרבן,  
מיר זיינען געשטאָרבן,  
מיר לעבן און וועלן ווייטער!"

אַלע האָבן געקענט אָט דעם רעפראַן. קינדער און דערוואַקסענע, יונג און אַלט, ביים וויגל און ביים קבר האָט מען כסדר געזונגען דעם דאָזיקן רעפראַן. מען האָט אים געזונגען ביי דער אַרבעט און בעתן לייגן זיך אין בעט, בעתן ליגן אַ שלאָפלאָזער אין די פּעכיקע נעכט. מרימס שטימע, איר ליד איז שטענדיק געווען מיט זיי, און פּלוצלונג זיינען זיי געוואָרן פאַריתומט, און אָט האָבן די אונטערדריקער אַוועק־געריסן פון זיי זייער מרימען, זייער האָפענונג, זייער טרייסט, דאָס ליכט פון געטאָ! קיין שטראַל זונשיין איז נישט געבליבן אין דער פינצ־טערניש פונעם געטאָ, אין דער חושכניש, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט. עס איז נישט געווען קיין פּיצל האָפענונג אין דער דערשלאָגנקייט, וואָס האָט זיי ווי אַ משא דערדריקט. „וואוהין איז אונדזער טרייסט אַוועק? ווער האָט אַוועקגעריסן „די נאַכטיגאַל" פון אונדז?" האָבן די איינוואוינער פון געטאָ זיך געפרעגט איינער דעם אַנדערן אין פאַרלוירנ־קייט און אין יאוש.

אין די פאַבריקן, אין די וואַרשטאַטן זיינען די אַרבעטער, שקלאַפן פון געטאָ, געזעסן לעבן די מאַשינען, געשטאַנען לעבן די פּרעס־טישן, לעבן די שנייד־טישן און זייערע אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן פון בענקשאַפט נאָך מרימען, ווייל אָן איר זינגען, אָן איר שטימע, וואָס האָט צעיאָגט, צעטריבן די פינצטערניש אַרום זיי, אָן אירע לידער איז די חושכניש נאָך געוואָרן מער דערדריקנדיק, דער יאוש נאָך שטאַר־קער, די האָפנונגסלאָזיקייט אינגאַנצן אומדערטרעגלעך. זייערע קעפּ זיינען לויז געהאַנגען אויף זייערע אַקסלען; זייערע הענט האָבן נישט געקענט האַלטן די שערן, די פּרעסאייזנס, די אַלן און די נאָדלען.

האַנס גרובער, דער אויפזעער איבער די פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון געטאָ האָט געברומט און געשטורעמט. ער האָט געהייסן ברענגען צו זיך אַ פּאָר פון די יידישע פאַבריק־אויפזעערס און ער האָט זיי געוואָרנט, אַז זיי מוזן זען ווירקן אויף די אַרבעטער זיי זאָלן פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע. ער האָט אויסגעקליבן עטלעכע יידישע אויפזעערס און ער האָט באַפוילן מ'זאָל זיי שמייסן אויף די נאַקעטע לייבער אין דער קעגנוואַרט פון אַלע פאַבריק־אויפזעערס. די אויפזעערס זיינען צוריק אַוועק אין די פאַבריקן; זיי האָבן געבעטן די שקלאַפן־אַרבעטער

זיי זאָלן פּרובירן כאָטש אַביסל צו העכערן די פּראָדוקציע; זיי האָבן געבעטן די אַרבעטער זיי זאָלן פּשוט רחמנות האָבן אויף זיי, זיי זאָלן אַרבעטן שנעלער אויב נישט וועלן די ברוינע מערדער נישט נאָר שלאָגן און שמייסן די יידישע אויפזעערס נאָר זיי וועלן זיי נאָך הרגענען, אויסשיסן ווי די הינט. די שקלאַפן־אַרבעטער האָבן אָנגעקוקט זייערע אויפזעערס מיט אויגן פול מיט טרערן, מיט האָפענונגלאָזע אויגן, מיט פאַרלאָשענע, רעזיגנירטע אויגן.

„זיי וועלן אייך פאַרשמייסן צום טויט, איז וואָס?" האָבן די אויגן אויסגעזען צו פרעגן. „צו דען שטאַרבן מיר נישט יעדן טאָג טויזנטער מאָל מיטן געדאַנק, דערמיט וואָס מיר ווייסן, אַז מיר פּראָדוצירן שטיוול, שיך, מונדירן, שפּייזן כדי אונדזער שונא זאָל זיין גוט געשוכט און געקליידט, כדי ער זאָל זיין מעכטיקער, שטאַרקער, ער זאָל קענען גע־שיקטער אויסשעכטן אונדזערע דערלייזער, די וואָס זיינען זיך מקריב אויף אַלע פראָנטן כדי אויך אונדז צו באַפרייען פון די גיפטיקע נעגל פון אונדזער אַלעמענס שונא?" אַזוי האָבן די אויגן אויסגעזען צו פרעגן, אַזוי האָבן זיי אויסגעזען צו זאָגן צו די צעשראָקענע יידישע אויפזעערס, און די אויפזעערס זיינען אַוועק צו האַנס גרובערן און זיי האָבן אים איבערגעגעבן, זיי האָבן אים דערציילט, אַז עס הערשט אַ שווידערלעכער אומעט, אַ טיפער יאוש הענגט ווי אַ שווערער וואָלקן איבער די הערצער פון די אַרבעטער פון געטאָ זינט יענעם טאָג ווען זייער מרים, זייער זינגערין איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון זיי.

האַנס גרובער האָט גערעדט וועגן דעם צו זיינע אויבערהאַרן. ער האָט זיי באַוויזן סטאַטיסטישע צאָלן. ער האָט זיי איבערגעצייגט, אַז די פאַנאַטיקער, די ווילדע, די שקלאַפן פון געטאָ לאָזן זיך אויסשעכטן ווי פּשוטע שעפּסן; אַז ער האָט שוין באַלד פאַרלוירן אַ העלפט פון אַלע זיינע יידישע אויפזעערס; אַז די אַרבעט ווערט איינגאַנצן דעמאָראַ־ליזירט צוליב דער דאָזיקער יונגער מכשפה וועמען זיי רופן „אונדזער האָפענונג," „אונדזער טרייסט," „די נאַכטיגאַל פון געטאָ". „איך וועל אויסקוילן אַלע יידישע אויפזעערס און די אַרבעטער וועלן נישט אַרבעטן שנעלער אָן דער מכשפה'ס לידער," האָט האַנס גרובער געזאָגט מיט יאוש.

האַנס גרוברען האָט זיך איינגעגעבן איבערצוצייגן זיינע הויפטן, אַז עס לוינט זיך זיי בעסער צו באַפרייען די מכשפה־זינגערין, אַז עס וועט דינען מער דעם דריטן רייך איר צו לאָזן זינגען פאַר די שקלאַפן ווי איר צו האַלטן פאַרשלאָסן אין טורמע אָדער איר אומצוברענגען ווי מ׳האָט ביז היינט אומגעבראַכט אַזוי פיל זינגערס, מוזיקערס און קינסט־לערס פון געטאָ.

און אָט איז זי דאָ. און אָט זיצט זי מיט איר שאולן ביי דער זייט אין קליינעם גרעמיר צימערל. זיי האָבן איר באַפרייט, זיי האָבן איר דערלויבט זיך אומצוקערן צו די בינעס פון געטאָ. אָט טאָקע דעם נאָכמיטאָג האָבן זיי איר געוואָרנט, איידער זיי האָבן איר באַפרייט, אַז אויב זי וועט וואַגן צו זינגען דעם פאַרבאָטענעם געזאַנג „מיר זיינען דער קרבן" איז איר לייב און לעבן אין געפאַר.

„איך וואָרן דיר, איך מאַך עס אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, אַז אויב דו וועסט זינגען דעם פאַרפלוכטן ליד „מיר זיינען דער קרבן" וועלן מיר דיר אַרעסטירן און מיר וועלן דיר שיסן גלייך אויפן פלאַץ," האָט מאַיאָר האַרט מיט זיין גרילציקער שטימע איר געזאָגט ווען מ׳האָט איר אַריינגעבראַכט פון איר טורמע־צעל אין זיין ביוראָ אַריין. „איך וויל דיין פייערלעכן צוזאָג, דיין שבועה, אַז דו וועסט קיינמאָל מער נישט זינגען דעם דאָזיקן חוצפהדיקן, דעם עקשנותדיק־אַרויסרופערישן ליד, אַז דו וועסט אים מער נישט זינגען פאַר דיינע שוויינען פון געטאָ!" ער האָט געברומט און מרים האָט אים אַריינגעשמייכלט אין זיין צעפלאַמטן פנים און זי איז געבליבן שטיין שטיל ווי אַ סטאַטוע. דער צאָרן האָט אין אים געברענט; ער האָט געשווימט פאַר רוגזה. ער איז פאַרביי־געגאַנגען לעבן איר מיט געביילטע פויסטן און לסוף האָט ער איר געלאָזט גיין.

„ערשט פאַרשטיי איך שוין, ס׳איז שוין קלאָר פאַר מיר פאַרוואָס זיי האָבן מיר באַפרייט!" האָט מרים געזאָגט מיט איר צאַרטער, מעלאַ־דישער שטימע, וואָס האָט געהיילט ווי אַ באַלזאַם. „זיי ווילן איך זאָל פאַרגרעסערן די פראָדוקציע פאַר זיי!" האָט זי צוגעגעבן מיט ביטערניש אין די לעצטע פאַר ווערטער.

שאול האָט געציטערט פון געדאַנק, וואָס מרים טראַכט ערשט

אַזױנס װעגן איר פריי זיין. ער האָט נישט געדאַרפט, נישט געטאָרט איר דערציילן פאַרװאָס זיי האָבן איר באַפרייט. צו װאָס האָט זי געדאַרפט װיסן די אורזאַך פון איר באַפרייאונג?

„ערשט איז אַלץ קלאָר, כ'זע האָנס גרובערס האַנט אין מיין באַפרייאונג,” האָט מרים געטענהט אין אַ טאָן װי זי װאָלט זיך דורכגעשמועסט מיט זיך אַליין.

„אָבער דו ביסט דאָך נישט געקומען צו האַנסן, מרים, ביסט דאָך געקומען צו אונדז, צו אַלע יידן פון געטאָ און דו ביסט דאָך געקומען צו מיר!” האָט שאול אַרױסגעשטאַמלט די לעצטע װערטער. זיין שטימע האָט זיך געבראָכן און ער האָט אױסגעצױגן אַ טרייסלענדיקע האַנט מיט װעלכער ער האָט פּרובירט אַרומנעמען מרימען, װאָס איז געזעסן איינגעקנױלט אין זיך אַליין.

ער האָט נאָך קיינמאָל ביז היינט מרימען נישט געהאַט אָנגערירט אַפילו מיט קיין פינגער, כאָטש ער האָט זיך אָפט, חדשים דורכאַנאַנד געפונען מיט איר אויף איין בינע. ער האָט ליב געהאַט מרימען שוין חדשים און חדשים. ער האָט איר קיינמאָל נישט דערציילט װי שטאַרק ער איז פאַרליבט אין איר. ער האָט איר ליב געהאַט אַפילו נישט באַרירנדיק איר מיט זיין אָטעם. זי איז געװען פאַר אים אַזוי יראהדיק היילִיק, אַזוי פחדיק ליב װי ערב יום־כיפור; זי איז געװען אין זיינע אויגן שיר־השירימדיק שיין. אַ געװאַלדיקע פרייד, אַ ים מיט גליק האָט געקװעלט פון אים װען ער האָט אויף איר געקוקט. דער חן פון איר פנים האָט אים װי זון־ליכט געבלענדט. און ערשט האָט ער מיטאַמאָל דערפילט אַ גװאַלדיקן פאַרלאַנג איר צוצודריקן צו זיך, איר אַרומצונעמען, איר צו האַלטן אין זיינע אָרעמס, נאָענט לעבן זיך, צו פאַרשמעלצן זיין נשמה אין אירער, זיין האַרץ אין אירס. ער האָט פאַרלייגט זיין האַנט אויף איר נאַקעטן אַקסל און ער האָט געהערט װי ס'האַרץ האַמערט אין אים. „מרים!” האָט ער אַרױסגעשעפּטשעט. „מרים, צו אונדז, צו מיר, צום געטאָ ביסטו געקומען!”

זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן. זי האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו אים. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אירע טיפע, פינקלענדיקע, דורכדרינגלעכע אויגן, װאָס זיינען אַרומגעשװאומען אין טייכלעך טרערן.

„צו דיר, יאָ, צו דיר, שאול, און צו מיינע ברידער פון געטאָ בין איך געקומען", האָט זי געפּליסטערט און זי האָט זיך געטוליעט צו אים.

שאולס האַרץ האָט געטאַנצט אין אים פאַר פרייד. מרים האָט אים געזאָגט „דו" מיט אַזוי פיל חן, מיט אַזאַ מין צאַרטקייט, אים איז גוט געווען צו זיצן אַזוי מיט זיין מרימען.

„מיר ווילן מרימען!" „קום אַרויס, מרים!" „מיר ווילן אונדזער נאַכטיגאַל, אונדזער מרים!"

זיי האָבן ביידע געהערט די וויטע שטימען, וואָס האָבן זיי דער־גרייכט פון זאַל, פון די פאַרזאַמלטע, פון די אומגעדולדיקע, וואָס האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף מרימען.

„איך האָב געבענקט, שטאַרק געבענקט נאָך דיר, שאול; כ'האָב גאָר אַליין פריער נישט געוואוסט ווי וויט דו ביסט מיר איינגעבאַקן אין האַרץ," האָט מרים צערטלעך געוויספּערט.

שאול האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין איר אַקסל. ער האָט איר שטאַרק געהאַלטן אין די אָרעמס. זי האָט געפילט זיינע הייסע טרערן אויף איר נאַקעטן אַקסל.

„מרים!" אונדזער מרים!" האָט מרים געהערט פאַרשטיקטע שטימען.

„כ'מוז אַרויסטרעטן פאַרן עולם!" האָט מרים געזאָגט. שאול האָט אַראָפּגענומען די אָרעמס פון איר און ער איז געבליבן זיצן פאַרגליווערט. ער האָט געזען מרימס שאָטן זיך גליטשן אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. ער האָט זיך אויפגעריסן ווי פון אַ לאַנגן חלום. ער איז נאָכגעגאַנגען מרימען.

די פאַרהאַנגען האָבן זיך אויפגעהויבן. דער זאַל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ מעכטיקן געשאַל פון עקסטאַטישער פרייד און אַ דונערנדיק האַנט־קלאַפּעריי האָט שיער נישט פאַרטויבט שאולס אויערן. מעכאַניש איז ער צוגעגאַנגען צום „פּיאַנאָ־בענקל און ער איז אוממעכטיק געבליבן זיצן אויף דעם.

מרים איז געשטאַנען ביים עק פון דער בינע. איר שלאַנקער, איר דינער קערפּער האָט אויסגעזען קינדעריש, קליין, כמעט אין געפּאַר זיך צו צעברעכן. זי האָט אַ פיר געטאָן אַ האַנט איבערן שטערן און זי

האָט געקוקט, געשטאַרט אויפן עולם, וואָס איז געשטאַנען מיט פּאַר־ריסענע קעפּ און האָט אַפּלאָדירט און האָט אומאויפהערלעך איר גערופן מיט צערטלעכקייט, מיט ליבע, מיט פרייד אין זייערע שטימען.

זי האָט געזען אַ סך פּנימער, וואָס זי האָט געקענט פון דעמאָלט, פון יענע טעג אײדער זיי האָבן איר אַרײַנגעזעצט אין טורמע. כאָטש די פּנימער זײַנען ערשט געווען צעפלאַמט פון פרייד פונדעסטוועגן האָט זי געזען ווי אײַנגעפאַלן, ווי אײַנגעצויגן, אויסגעדאַרט און אַלט, אומבאַ־שרײַבלעך אַלט זיי זײַנען געווען.

זי האָט געזען אַ פּאָר פון אירע פּערזענלעכע פרײַנט, קאָלעגן זינגערס, מוזיקערס און קינסטלערס. זיי זײַנען געזעסן באָענט לעבן דער בינע, אין די ערשטע רייען. זיי האָבן זיך אויך אויפגעשטעלט איר צו באַגריסן, אָבער זיי זײַנען געווען געלאַסן, אומעטיק, כמעט ווי רע־זיגנירט. זי האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דער גרויסער צאָל קאָלעגן, וואָס די הונגען האָבן שוין ביז היינט אַוועקגעריסן פון צווישן זייערע, די קינסטלער־רייען, און זיי זײַנען שוין פאַרניכטעט געוואָרן. זי האָט געקענט אַ סך זינגער, וואָס זײַנען ערשט דאָ נישט לאַנג צוריק געשטאַנען אויפן זעלביקן פּלאַץ וואו זי שטייט ערשט אויף דער בינע און זיי זײַנען שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

„וואו זײַנען זיי ערשט?‟ האָט זי זיך אַ פרעג געטאָן און זי האָט געענטפערט מיט אַ מאָדנער פרעמדער שטימע: „טויט און באַגראָבן!‟ יאָ, זי האָט שוין אויך ערשט געקענט, געדאַרפט זײַן צווישן די טויטע וועגן נישט דער האַנס גרובער. זי האָט אַ ציטער געטאָן; זי האָט זיך געטרייסלט אַזש. „אָבער פאַרוואָס האָט האַנס מיר אָפּגעראַטעוועט? פאַרוואָס האָבן זיי מיר באַפרייט?‟ האָט זי זיך ווידער געפרעגט מיט ווייטיק.

אירע אויגן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער די פאַבריקן און וואַרשטאַטן און זי האָט געזען די שקלאַפן־אַרבעטער, די זעלביקע מענטשן, וואָס אַפּלאָדירן איר ערשט אַזוי שטאַרק, וואָס שטור־רעמען, וואָס שרייען, וואָס ציען זיך צו איר מיט פרייד. זי האָט זיי געזען לעבן זייערע אַרבעט־בענק, טישן און מאַשינען; זי האָט געזען ווי זיי אַרבעטן געשווינד, זיי אײַלן זיך צו פּראָדוצירן בערג מיט שיך, מונדירן,

זאַקן, וואַרעמע אונטערוועש; חמרים, גאַנצע הויפנס מיט פאַרשיידענע זאַכן און די אַלע זאַכן ווערן אַנגעלאָדן אין לאַסט־אויטאָמאָבילן, אין באַנען, אין עראָפּלאַנען אַפילו און מ׳פירט זיי געשווינד צו די מעכטיקע חיילות פון פאַרוויסטונג; און די וואַרעמע שיך און זאָקן, וואָס דאָס געטאָ האָט געמאַכט טוט מען אָן אויף די פיס פון די שונאים, און די אוניפאָרמען, די מונדירן דעקן צו דעם שונאס קערפּער און האַלטן אים וואַרעם, און אין דער צייט וואָס זיי זיינען וואַרעם געקליידט, געשוכט, גוט געשפּייזט, אין דער צייט זיינען זיי, ווערן זיי נאָך חיהשער, נאָך ווילדער, נאָך מער פעאיק אויסצושעכטן אירע פריינט, אויסצוקוילענען די זין פון די פעלקער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער געפער־לעכער עקספּעדיציע פון באַפרייען די וועלט פון דער שוידערלעכער פעסט, פון באַפרייען טאַקע אָט די שקלאַפן, וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע הענט פּראָדוצירט פאַר זייערע אונטערדריקערס די מונדירן, די שיך, די זאָקן און שפּייזן. און זי האָט געהערט ווי דער טעמפּאָ פון אירע לידער מאַכט שטאַרקער קלאַפּן די הערצער, די פּולסן פון די שקלאַפן־אַרבעטער און זי האָט געזען ווי עס שטייגן און עס הייבן זיך די בעהג פּראָוויאַנט פאַרן שונא און זי האָט געהערט ווי מיט יעדן פערז פון איר ליד איז דער ריטם פון דער אַרבעט ביי די געטאָ־שקלאַפן געוואָרן שנעלער און שנעלער און אַ שוידער איז איר דורך דורכן לייב און זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך און זי האָט זיך געהאַסט. איר האַרץ האָט ערשט שטאַרק געשלאָגן; עס האָט געהאַמערט ווי דאָס אַפּלאַדירן פון עולם אין זאַל, ווי זייער געשאַל. זי האָט אַ קוק געטאָן ערשט צו דער פּיאַנא און זי האָט געזען שאולן, וואָס איז געזעסן און האָט געהאַלטן די אויגן צוגענאָגלט צו איר. זיין אונטערשטע ליפּ האָט זיך געוואָרפן און זיין קאָפּ האָט זיך געצויגן צו איר.

„אָבער דו ביסט דאָך געקומען צו אונדז, צו אונדז אַלע און צו מיר", האָט זי ערשט געהערט אַן עכאָ פון שאולס בעטנדיקער שטימע און זי האָט געפילט זיינע הייסע טרערן אויף איר נאַקעטן אַקסל.

זי האָט אָנגעהויבן צו זינגען און דער זאַל איז געווען ווייטיקדיק, מוראדיק שטיל. זי האָט נישט געקענט געדענקען ווי לאַנג זי האָט געזונגען ווען זי האָט מיטאַמאָל געהערט ווי מ׳בעט איר, ווי מ׳שרייט

זי זאָל זינגען אַ ליד, אַ פאַרבאָטן ליד, דאָס פאַרבאָטן ליד, אַ ליד, וואָס זי האָט אַפילו אין אירע עקסטאַטישע מאָמענטן, אין איר ערשטיקן צו־שטאַנד געדענקט, אַז זי דאַרף נישט, אַז זי טאָר נישט זינגען. יאָ, די שטימען האָבן אומאויפהערלעך געבעטן, די שטימען האָבן כסדר גערופן: „מיר זיינען דער קרבן!" די שטימען האָבן דערגרייכט אירע אויערן, איר האַרץ, איר נשמה. „אָ, נאַכטיגאַל, זינג, זינג, מרים, זינג אונדזער ליד!"

יאָ, מרים האָט געוואוסט, זי האָט געהערט, וואָס דער עולם, אירע ברידער אין פיין, ווילן, אָבער זי האָט אויך קלאָר און דייטלעך געהערט מאַיאָר האַרטס גרילציקע ווערטער: „אויב דו וועסט זינגען דעם פאַרפלוכטן ליד, וועלן מיר דיר שיסן גלייך אויפן פלאַץ!" ניין, איר האָט זיך ערשט נישט געגלוסט צו שיידן מיטן לעבן, נישט אַזוי שנעל. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער זייט וואו די פיאַנא איז געשטאַנען, זי האָט געזען שאולן דאָרטן. זיינע אויגן זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף איר. זיין פנים איז געווען אין פלאַמען. ער האָט געהאַלטן אין איין אָפלאָדירן איר זינגען. זיינע אויגן האָבן אויסגעזען צו ריידן צו איר, איר צו בעטן: „ריזיקיר נישט דיין לעבן, שטעל נישט דיין לעבן אין געפאַר, מרים: זינג נישט דאָס פאַרווערטע ליד!" זיינע אויגן האָבן זיך געבעטן: „לאָמיר נאָך לעבן אַ שטיקל צייט, אַ קורצע צייט, ווייל מיר האָבן אָט ערשט זיך דערציילט דעם סוד, וואָס איז געלעגן טיף אין אונדזערע הערצער, ווייל מיר האָבן אָט ערשט אָנגעהויבן צו באַנעמען ווי פראַקטיק דאָס לעבן איז, די פרייד, דאָס גליק, די שיינ־קייט פון ליבע!" און מרים האָט געקוקט אויף שאולן און זי האָט געפילט ווי עס נאַגט איר האַרץ, ווי עס ציט איר צו אים, ווי זי בענקט נאָך אים און זי האָט געשמייכלט צו שאולן און איר שמייכל האָט גע־טענהט צו אים: „זאָרג זיך נישט, מיין ליבער, כ'וועל נישט זינגען דעם דאָזיקן ליד!"

ווען זי האָט שוין געהאַלטן ביים אַראָפגיין פון דער בינע, אין מיטן פאַרנויגן זיך פאַרן עולם האָט זי דערהערט ווי די שטימען אַרום איר ווערן הילכיקער און הילכיקער פון מינוט צו מינוט און אַלע רופן אין איין געשאַל פון געבעט, פון פאַרלאַנג: „אָ, מרים, אונדזער מרים, זינג פאַר אונדז „מיר זיינען דער קרבן," זינג, מרים!"

מרים האָט געטראַכט, זי האָט נישט געקענט באַשליסן. זי וועט זיי זאָגן; זי וועט זיי דערציילן, יאָ, זאָלן זיי וויסן; זי וועט אַזוי זאָגן: „אויב איך זינג דאָס ליד, דאָס פאַרבאָטענע ליד, וועל איך דערפאַר באַצאָלן מיט מיין לעבן.״ יאָ, זיי וועלן פאַרשטיין; זיי וועלן זיכער נישט וועלן, אַז זי זאָל פאַרלירן איר לעבן; זיי וועלן איר פאַרגעבן, צורו לאָזן!״

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין צענטער פון דער בינע. זי איז געשטאַנען פאַרן עולם, אַ דערדריקנדיקע שטילקייט האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן זאַל. מרים איז געשטאַנען ווי אַ סטאַטוע; באַלד האָבן אירע ליפּן אָנגעהויבן צו ציטערן; זי האָט עפּעס געשעפּטשעט; זי האָט געקוקט אַרום זיך; זי האָט זיך אויסגעדרייט צו שאולן. אירע אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן. דורך די טרערן האָט זי געזען די געטאָ־שקלאַפן, אירע ברידער ביי די מאַשינען אין די וואַרשטאַטן. זי האָט געזען ווי זיי אַרבעטן פיבערדיק, ריטמיש־שנעל, פאַרשיכורט, געטריבן פון די טענער פון איר געזאַנג. זי האָט געזען ווי זיי פּראָדוצירן געוואַלדיקע בערג סחורות, עסנוואַרג אויף וועלכע די מאָנסטערס שפּיַזן זיך. „צו וואָס דאַרף איך וועלן ראַטעווען מיין נישטיק לעבן? צו וואָס דאַרף איך העלפן מיין, אונדזער אַלעמענס שוידערלעכן שונא?״ האָט זי זיך געפרעגט. זי איז געשטאַנען פאַרגליווערט; זי האָט פאַרשאַרט אַ לאָק, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף איר שטערן. זי האָט אָנגעשטייפט איר קערפּער; זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי האָט אָנגעהויבן צום ערשטן שטיל, גאָר שטיל און באַלד איז זי איבערגעגאַנגען צו העכערע און העכערע טענער:

„צווישן ווענט אַזוי הויך,
ווי פון שייטער דער רויך,
איר וועט אונדז פאַרניכטן נישט קענען.
ס׳וועט אונדזער שטאַם,
פון פייער דער פלאַם,
ווי דער דאָרן ברענען און ברענען.

יאָ, זי זינגט דאָס ליד, דאָס פאַרבאָטענע ליד. זי זינגט ערשט אויס, זי זינגט אַוועק די פּאָר לעצטע מינוט פון איר לעבן. אָבער

וואָס אַרט עס איר? וואָס גייט עס איר אָן. ווי גוט, ווי גליקלעך זי איז ווידער צו קענען זינגען דאָס דאָזיקע ליד!

אין זאַל איז געוועזן מוראדיק שטיל.

„מיר זיינען דער קרבן,
מיר זיינען דער קרבן,
געוואוינט שוין צום פלאַקער פון שייטער!"

האָט זי געזונגען. זי האָט געזונגען ערשט מיט די בלוטן אין אירע אָדערן, זי האָט געזונגען מיטן מאַרך פון אירע ביינער. זי האָט געפילט ווי זי ווערט געטראָגן אויף כישוף פליגל פון זאַל אַרויס ערגעץ וואו אין אַ מאָדנע־ווייטן לאַנד, אין אַ חלום־לאַנד, אַ צויבער־לאַנד. זי האָט געהערט אַנצאָליקע שטימען זינגען מיט איר, ווי אַ הימלשער כאָר וואָלט איר אַרומגערינגלט. זי האָט נישט געזען די מענטשן אין זאַל; זי האָט נישט געזען אַפילו די פיאַנאָ אין אַ ווינקל פון דער בינע. זי האָט בלויז געזען שאולס פנים ווי אין אַ וואָלקן; עס האָט געשיינט מיט גליק, מיט פרייד. דאָס פנים האָט געשעפּטשעט צו איר ווערטער, צערטלענדיק־ליבע ווערטער:

„מ'האָט שוין אַמאָל
אין קייטן פון שטאָל
פּרובירט אונדז צו שמידן און בינדן.
נאָר מיר זיינען פונקען,
וואָס אין חושך פאַרזונקען
צעגליען זיך שטאַרקער, צעצינדן.

דער כאָר אַרום איר האָט געזונגען דעם רעפרען מיט אַ הילכיקן געשאַל, מיט דונערנדיקע שטימעס. זי האָט שוין געהאַלטן ביים זינגען די לעצטע סטראָפע, כמעט דעם לעצטן פערז. זי האָט ערשט געזונגען מיט אירע גאַנצע כוחות, מיט אַלע אברים. און אָט, וואָס איז פּלוצלונג געשען? וואָס איז דער גערודער אַרום איר? וואָס עפּעס לויפט שאול צו איר? ווער האָט אים געטאָן אַ שליידער צו דער ערד לעבן אירע פיס?

זי האָט געהערט עפּעס אַ גוואַלדיקן, אַן אומפאַרשטענדלעכן טומל אַרום זיך. פון צווישן די קולות און גערודער האָט זי קלאָר געהערט ווי עס שעלן זיך אויס פערזן און ווערטער און דער רעפרען פון ליד,

פון פאַרבאַטענעם ליד. „מיר זיינען דער קרבן!" האָבן הילכיק אָפּגעקלונגען מעכטיקע שטימען.

זי האָט געקוקט אויף היגטער זיך; זי האָט געזען ווי מעכטיקע, אייזן־שטאַרקע הענט טראָגן איר אַוועק ווייטער און ווייטער פון דער בינע. זי האָט געזען ווי עס פאָלגן איר נאָך שאולס גרויסע, אַרויס־שטאַרצנדיקע, בעטנדיקע אויגן, וואָס זיינען צוגעקלעפּט צו איר. זי האָט זיך געוואָלט אויסדרייען צו שאולן, אים אויפהייבן פון דער ערד, אָבער זי האָט געפילט, אַז זי איז געבונדן ווי מיט קייטן, פאַרקלאַמערט צווישן הויכע ווענט, אַרומגערינגלט מיט דריקנדיקע אָרעמס ווי מעכטיקע פעסטונגען.

און די אָרעמס האָבן איר געשלעפּט, געצויגן נאָך זיך און האָבן איר אַרויסגעבראַכט, האָבן איר פאַרשלעפּט אַזש ביז אַ ליידיקן פּלאַץ אין די גאַסן פון געטאָ.

און ווען מ'האָט מרימען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט מיליאָנען פינקלענדיקע שטערנס, ווען מ'האָט איר געבראַכט צום אָפענעם פּלאַץ, צו אַ גרינעם פּלאַץ, וואָס איז געווען ווי מיט טעפּיכער באַדעקט, ווען מ'האָט איר געבראַכט אין שפּאַציר־גאָרטן, ווען זי האָט שוין אַליין געמאַרשירט פאַראויס פאַר אירע וועכ־טער, ווען זי איז געגאַנגען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, האָט זי דייטלעך געהערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט ווי ס'האָט זיך צו אירע אויערן דערטראָגן דער רעפּראַן פון איר ליד, וואָס אַלע פאַרזאַמלטע אין זאַל האָבן כסדר געהאַלטן אין איין זינגען ערגעץ דאָרט אין געטאָ. און מרים האָט אין דער לויטערער שטילקייט, באַגלייט פון די היטער, אויפ־געהויבן איר שטימע און איר שטימע האָט צעפּליקט, צעריסן דעם בלויען הימל מיט די פינקלענדיקע שטערנס, און זי האָט אַרויסגעריסן פון הימל מיליאָנען בלאַסקענדיקע שטערנס און זי האָט זיי פון די טיפענישן פון אויבן צעוואָרפן ביי אירע פיס אונטן און זי האָט געזונגען צום ווייטן, צום סודותדיק־צעמזיקטן הימל:

„מיר זיינען דער קרבן, מיר זיינען דער קרבן,
געוואוינט שוין צום פלאַקער פון שייטער!"

און ווען דער ביקסן־זאַלב האָט די שטימע אין איר איינגעשטילט

האָט אַן עכאָ אָפּגעקלונגען פון די ווייטע געטאָ־ווענט און דער עכאָ איז געוועזן העכער און מעכטיקער און שטאַרקער ווי דער ביקסן־זאַלב, וואָס האָט ווי אַ זיפּל צעלעכערט מרימס קערפּער, און דער עכאָ פון די שקלאַפן אין געטאָ האָט זיך געטראָגן איבער די שפּיצן פון די בוימער אין פּאַרק, איבער די פעלדער און וועלדער, איבערן גאַנצן רוים:

„מיר זיינען דער קרבן,
מיר זיינען דער קרבן,
געוואוינט שוין צום פלאַקער פון שייטער,
מיר זיינען געשטאָרבן,
מיר זיינען געשטאָרבן,
מיר לעבן און וועלן לעבן ווייטער!"

# אַליין אין דער סוכה

**כאָטש** נחמן גאָלדבערג האָט שוין לאַנג אין האַנט נישט געהאַלטן דאָס שטאָלענע העקעלע מיט די ראשי־תיבות נ"ג אויף דער טעמפּער זייט מיט וועלכן ער פלעגט אויספּרובירן אַ בוים צי ער איז געזונט, כאָטש זיינע הענט האָבן שוין פון יאָרן נישט אָנגעטאַפּט קיין צאַפּלדיקן שטאַם פון וואַלד, פונדעסטוועגן האָט מען אים אין שטאָט נאָך גערופן דער האָלץ סוחר.

אָנגעהאַלטן דעם יחוסדיקן טיטול האָט ער צוליב אַ סך סיבות, אָבער דער עיקר צוליב דעם ווייל ווען ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס האָט ער מיט זיין הדרת פּנימדיקייט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ וואַזש־נעם מענטשן, פון אַ ייד אַ סוחר. זיין צעקעמטע באָרד, וואָס האָט זיך געגרויט ביי דער גאָמבע, די באָרד מיטן שרונט אין מיטן האָט אַרויסגערופן גרויס דרך ארץ ביי קליין און גרויס, היינט זיינע גלאַנציקע, גימזאָווע שטיוול, זיין חסידיש־וועלטלעכע דריי פּערטלדיקע געהאַקטע קאַפּאָטע און ספּעציעל די פּענסנע מיט דער לאַנגער, שטייפער סטענגע, אַט די אַלע באַצירונגען האָבן אַזוי שטאַרק געווירקט אויפן עולם, אַז קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויסצוזאָגן דעם נאָמען נחמן אָדער אַפילו נחמן גאָלדבערג מ'זאָל באַלד נישט צולייגן דעם טיטול „דער האָלץ סוחר".

אין די גוטע צייטן, ווען נחמן גאָלדבערג איז נאָך געווען אַ ייד אין די פּעדערן, איז ער פאַר די ימים נוראים געקומען אַהיים פון די מרחקים און האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אויסלענדישע פּרוכטן און האָט פאַרטיילט שטיקלעך אויף „שהחיינו" צו אַלע שכנים. נאָך ערב ראש השנה האָט ער זיך באַוויזן אין הויף און האָט אָנגעהויבן צו מאַכן פּלענער וואו און ווי אַזוי מען וועט היי יאָר בויען די סוכה. ווי אַן אַרכיטעקט איז ער געשטאַנען און געמאָסטן און געוואויגן, געפּלאַנירט און געצייכנט אויף פּאַפּיר ווי לאַנג דער טיש וועט זיין און ווי ברייט די בענק וועלן אַרויסקומען. כאָטש נחמן גאָלדבערג און די שכנים,

וואָס זיינען מיט אים געזעסן אין סוכה, האָבן פאַראויס געוואוסט, אַז די סוכה וועט שטיין דאָרט וואו זי איז אַלע מאָל געשטאַנען, אין איינציקן פרייען ווינקל, אויפן טאָקערס וואַנט פון איין זייט און אויף משה וואַ־סערמאַכערס וואַנט פון פאַבריקל פון דער אַנדערער זייט, פונדעסט־וועגן האָט אי מנחם גאָלדבערג אי משה וואַסערמאַכער אויף קיין מינוט נישט געטראַכט, אַז דאָס פּלאַנעווען איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. מיט דער פולער ערנסטקייט איז מען געשטאַנען און מ'האָט געפירט וויכוחים, צי עס וואָלט נישט געווען גלייך צו בויען דאָס יאָר לעבן אברהם דעם בעל־עגלה'ס שטאָל אָדער גאָר לעבן הערשל רימערס הויז.

נחמן גאָלדבערג האָט נאָך אַ ריי סברות באַשלאָסן צוצוגיין צום רימערס הויז און אויסצומעסטן געגוי וויפיל פּלאַץ ס'איז דאָ און צי מ'וועט קענען בויען. ער האָט געמאָסטן מיט אַ וואַזשנער צאָלעווקע, מיט די פיס, און געקומען צוריק אַן אַנטוישטער: „נישטאָ קיין פּלאַץ, מ'וועט מוזן בויען טאָקע דאָ, לעבן טאָקער".

„נישטאָ איז נישטאָ!" האָבן די שכנים זיך אונטערגעגעבן. און מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. מען האָט איבערגעטראָגן די קלעצער, די פּיענעס, פּיאַסטעס פון וועגענער צום טאָקער אונטערן פענצטער און דאָס פּלאַץ איז געוואָרן גרייט אויף בויען.

אַזוי האָט זיך געפירט אַלע יאָר.

נחמן גאָלדבערגס גרעסטער פאַרגעניגן, זיין שענסטער יום־טוב איז געווען סוכות. אמת איז, אַז פּסח האָט זיך געהאַט זיינע געוואָלדיקע פאַרגעניגנס. אָבער קיין יום־טוב האָט נחמן גאָלדבערגן נישט פאַר־שאַפן אַזוי פיל נחת ווי סוכות. אַז ער איז אַריינגעקומען די ערשטע נאַכט סוכות אין סוכה אַריין, האָט ער זיך געפילט ממש ווי אַ קעניג אויף זיין טראָן. עס זיינען שוין געזעסן אַנגעזעצט, קיין עין הרע, אַן עדה יידן, די שכנים פון הויף און געוואַרט אויף אים. דער אויבנאָן איז געשטאַנען ליידיק. אַזוי ווי ער האָט זיך באַוויזן האָט מען זיך איופגעשטעלט און ער מיט זיינע זין האָבן זיך געטאָן אַ זעץ אויס ביים שפּיץ פון טיש, ביי דער וואַנט וואָס איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ וואַזשנער אויסגעהאַפטענער שטיק גראָבע טוך, כדי דער ווינט זאָל נישט בלאָזן אין די פּלייצעס. אין סוכה האָט געשמעקט דער פרישער סכך און די פּירות, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט.

נחמן גאָלדבערגס ווייב, די פרוי וואָס האָט געטראָגן אַ שייטל וואָס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געגאַנגען אין די בלויזע האָר, די וועמען מען האָט אין שטאָט גערופן מאַדאַם גאָלדבערג, האָט אוועקגע־שטעלט די זילבערנע לייכטער, די מנורה מיט די געדרייטע און געפלאָכטענע רערן און מיט אַן איידל־פרומען פּנים האָט זי געבענטשט ליכט. נחמן איז געזעסן און געשיינט פאַר נחת. אַלע מאכלים, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט, האָבן אָנגעפילט די סוכה מיט טייערע ריחות און דאָס געשיר, די לעפל, די גאָפל און די מעסערס האָבן געבלאַנקט פון טיש אַראָפּ. מיט אַ ברייטער האַנט האָט נחמן גאָלדבערג געלאָזט אַרומ־גיין דאָס פלעשל „אמת יום־טובדיקן" פון האַנט צו האַנט און ער האָט אָנגעקוואָלן צו זען ווי יידן „פאַרגייען" זיך באַלד נאָכן ערשטן גלעזל, צווישן די פיש און די יויך. און נאָכדעם ווי מען האָט געטרונקען נאָך אַ לחיים, ערשט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער יום־טוב; די ליכט האָבן זיך געשמאָלצן און געצאַנקט, אַ ווינטעלע האָט זיך געשפּילט מיט די בלעטער פון סכך, האָט געשושקעט און פאַרוויגט און נחמן גאָלדבערג איז געזעסן און דערציילט די יידן, זיינע שכנים וואונדער־מעשות פון די מרחקים, וואו ער איז דעם יאָר געווען. מיט האַלב אָפענע אויגן, וואָס האָבן זיך געריסן צום שלאָף, זיינען די שכנים געזעסן אָנגעשפּאַרטע אין טיש און זיך צוגעהערט צו נחמן גאָלדבערג דעם האָלץ־סוחר און אַלע מאָל אויסגערופן מיט באַוואונדערונג: „איי, איי, אַזוי?"

אָט אַזוי האָבן זיך געצויגן ביי נחמן גאָלדבערגן די סוכותן אַמאָל.

און ביסלעכווייז האָבן זיך די וועלדער אויסגעהאַקט. און פון יאָר צו יאָר זיינען געשעפטן געוואָרן קלענער, און אָט איז פון די האָלץ מסחרים געבליבן בלויז דער נאָמען, נחמן גאָלדבערג, דער האָלץ סוחר. און כאָטש נחמן גאָלדבערג האָט נאָך פאַר דער גאַס געפירט זיין „פאַריע" כאָטש יעדערער האָט נאָך געגלויבט, אַז איידער דער פעטער וועט דאַר ווערן וועט דער מאָגערער שוין ליגן אויסגעצויגן מיט די פיאַדקאָוועס, פונדעסטוועגן האָט נחמן גאָלדבערג די לעצטע יאָרן נישט געקענט פאַר־באַהאַלטן פאַר זיינע שכנים דעם דלות, וואָס האָט געווייעט ביי אים אין הויז.

אַ גאַנץ יאָר, אַלע יום־טובים האָט מען ביי נחמן גאָלדבערגן אין הויז געקניפּט די באַקן און געשטעלט די פּאַרב, אָבער אַז עס איז געקו־מען סוכות האָט מען דעם דלות נישט געקענט באַהאַלטן. צופּיל אויגן האָבן אַריינגעקוקט אין שיסל, צופּיל אויגן האָבן געזען, אַז דער גלאַנץ איז אַראָפּ פון דער מאַדאַם גאָלדבערג און דער סוכות איז געוואָרן אַן אָפּקומעניש פאַר נחמן גאָלדבערגן און פאַר זיין פרוי. אמת איז אַז דער אויבנאָן איז נאָך ווי שטענדיק געשטאַנען און האָט געוואַרט אויף אים און אויף זיינע זין, אָבער נחמנען איז שוין דער כבוד נישט איינגעג־גאַנגען. „הלוואי וואָלט איך זיך געקענט אוועקזעצן ביי דער טיר, עסן אין אַ ווינקל, ווי בערל שוסטער, וואָלט דאָך מיר דאָס בלוט נישט פאַרצאַפּט געוואָרן", האָט נחמן געטראַכט, ווען ער האָט געזען ווי זיין פרוי דערלאַנגט אים מיט אַ פאַרשעמטן פּנים די שוואַרצע, פּאַשלענדע חלה, אומשטיינס־געזאָגט, מיטן שטיקל פיש פון געהאַקטע סטינקעס. ער איז געזעסן און געגעסן און האָט געפילט דערביי ווי עס שטיקט אים יעדער ביסן אין מויל, ווי אָט וועט ער דערוואָרגן. באַלד נאָכן עסן האָט נחמן גאָלדבערג זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון סוכה. „נישט מיט אַלעמען!" האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַרן עולם.

אַזוי זיינען געווען אַ שיינע פּאָר סוכותן.

און אָט האָט זיך דערנעענטערט דער לעצטער סוכות.

ווי אַלע מאָל האָט זיך נחמן גאָלדבערג ערב ראש השנה גענומען פּלאַנעווען די סוכה. מיט דער זעלביקער ערנסטקייט ווי אַלע יאָר האָט ער געמאָסטן מיט זיין צאַלעווקע, געזוכט אַ נייעם פּלאַץ וואו צו שטעלן די סוכה, באַשלאָסן, אַז דער בעסטער אָרט איז לעבן טאָקערס וואַנט און זיך גענומען העלפן אָפּרייניקן דעם פּלאַץ.

מיט די פענסטער פון שוואַרצער סטענגע איז ער אַרומגעגאַנ־גען אַרום דער סוכה און האָט זי געהאָלפן אויספּוצן, פאַרקלאַפּן די שפּאַרעס און איינשטעלן די בענק. נאָר ביי אים אין האַרץ האָט גענאָגט אַ וואָרים פון פחד. „גאָט אין הימל, ווי באַווייזט מען זיך צווישן עולם היינטיקן יום־טוב?" האָט אים געמאַטערט אַ געדאַנק. וואָס נעענטער דער יום־טוב איז געקומען, אַלץ מער האָט נחמן גאָלד־בערג זיך געשראָקן פאַר די אויגן, וואָס וועלן אַריינקוקן אין זיין טעלער,

וואָס וועלן זעען די ליידיקע מנורה מיט צוויי אָרעמע חלבנע ליכטלעך. זיינע אָפענע, גרויסע אויגן זיינען וואָס אַ טאָג געוואָרן אַלץ מער אויסגעלאָשן און אַ געלקייט האָט זיך צעלייגט אויף זיין פּנים.

און די ערשטע נאַכט סוכות איז געקומען. נחמן גאָלדבערג האָט ניט געהאַט וואָס צו פאַרזעצן כדי צוצוגרייטן עפּעס אויף יום־טוב. די זילבערנע לייכטער וואָלט ער ניט געוואָגט צו פאַרזעצן אַפילו עס זאָל חלילה האַלטן ביי סכנות נפשות. ער איז געקומען פון דאַוונען שפּע־טער ווי אַלע מאָל. אין סוכה זיינען אַלע געזעסן און אומגעדולדיק געוואַרט אויף נחמן גאָלדבערגן.

מיט וואַקלענדיקע טריט איז נחמן גאָלדבערג צוגעקומען צו דער סוכה און האָט אַריינגעשטעקט זיין געלן, זיין וואַקסן־צעשראָקענעם פּנים.

„גוט יום־טוב, ר׳ נחמן!״ — האָבן די שכנים אים באַגריסט און מיט שטוינונג געקוקט אויף זיין פּנים. נחמן גאָלדבערג האָט דערפילט ווי ער ווערט אויסגעוויקט אין אַ קאַלטן שוויס, „אַ גוטן יום־טוב יידן!״ האָט ער געזאָגט. ער האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס, עס האָט אים אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן: „גאָט האָט מיר געהאָלפן!״ האָט ער בליץ שנעל אַ טראַכט געטאָן. אַ פריידיקער געדאַנק איז אים אַריין אין קאָפּ: „יידן״ האָט ער זיך אָנגערופן: „כ׳בעט אייך, גייט עסן, וואַרט ניט אויף מיר! כ׳בין נישט מיט אַלעמען״. באַלד האָט ער צוגעגעבן: „כ׳וועל זיך צושפּאַרן, זיך אָפּרוען און אפשר שפּעטער עסן אין סוכה.״

אַ דערלייזטער איז ער אַוועק אין הויז אַריין. מיט פרייד האָט ער אָנגעזאָגט זיין פרוי, אַז ער פילט זיך ניט גוט און וועט שפּעטער עסן. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף דער קאַנאַפּע און געפילט ווי די וואונד, וואָס האָט אים געגנאַגט ביים האַרצן אַ גאַנצן ערב יום־טוב גייט ערשט אָפּ.

און שפּעט אין דער נאַכט ווען קיינער איז שוין אין סוכה נישט געווען, ווען די שכנים פון הויף זיינען שוין געלעגן איינגעהילט אין אַ טיפן שלאָף, איז נחמן גאָלדבערג אַריין אין סוכה, האָט זיך אַוועק־געזעצט אויבנאָן און געמאַכט קידוש. לעבן אים זיינען געזעסן זיינע

אינגסטע צוויי זין, די אייניקלעך, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן ביים טאַטן אין הויז.

און אַז נחמן גאָלדבערג האָט געענדיקט דאָס עסן, אַז די צוויי חלבנע ליכטלעך אין דער זילבערנער מנורה האָבן שוין אָנגעהויבן צו צאַנקען, האָט נחמן גאָלדבערג זיך געווענדט צו זיינע צוויי אינגסטע זין און זיי אָנגעהויבן צו דערציילן זיינע מעשות פון אַמאָל, פון די מרחקים, „אַמאָל, ווען איך בין געפאָרן קיין פּרייסן זיך טרעפן מיטן וואַסער־יידל מענדעלזאָן וועגן געהילץ"...

אַ ווינטל האָט זיך געשפּילט מיטן סכך אויף דער סוכה. ס׳ווינטל האָט געוויספּערט און געגלעט. נחמן גאָלדבערג איז געזעסן און דער־ציילט און געפילט דערביי ווי ס׳וואָלט געווען אַן אַמאָליקער סוכות, ווען דער עולם איז געזעסן מיט האַלב אָפענע אויגן נאָכן צווייטן און דריטן לחיים פון זיין פלעשל און געהערט מיט פאַרוואונדערונג די מעשות וועגן זיינע רייזעס אין די מרחקים.

און ווען די ליכטלעך זיינען אויסגעגאַנגען, ווען די צוויי אינגסטע זין זיינען ביים טיש אַנטשלאָפן געוואָרן איז נאָך נחמן גאָלדבערג געזעסן און דערציילט, דערציילט פון זיין אַמאָל, פון יענע טעג, פון פּרייסן און פון וואַסער־יידלעך, פון געהילץ און פון „פאַרוואוקעס" אויפן בוג, און ער האָט געפילט ווי ער ווערט יונגער און יונגער פון מינוט צו מינוט.

# פון קוואַל

**ווען** זיין לעצטער, זיין אינגסטער זון איז אַוועק פון דער היים, איז משה־יונה אַרומגעגאַנגען איבער זיין הויז אויף די שפּיץ־פינגער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אויפצואוועקן דעם אומעט אַרום זיך. ער האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט לעבן זיין זונס ליידיקער בעט, ער האָט באַקוקט די פּאָר הויזן מיט די לאַטעס אין די קני, ער האָט באַטראַכט דאָס איינציקע שטיקל קליידונג, וואָס זיין יוסף האָט איבער־געלאָזט נאָך זיך, און ער האָט זיך געפילט איינזאַם, פאַרלוירן. ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל און האָט געקוקט אויף זיך. זיינע אויגן האָבן אויסגעזען נאָך טיפער געזונקען אין זייערע שלעסער ווי זיי האָבן שטענ־דיק אויסגעזען. זיין שטערן איז געווען גערונצלט ווי אַן אַלטע שטיק פּאַרמעט; זיינע האָר און זיין ברייט־צעקעמטע באָרד זיינען געווען געלבלעך־גרוי. אַ וואָלקן איז געהאַנגען אויף זיין פּנים און אַ מאַסע בליי איז געלעגן אויף זייגע אַקסלען.

אַ שוואַכער עכאָ פון זיין זונס כסדר־דיקן זינגען האָט געשוועבט אין דער לופט איבערן צימער וואו דעם זונס בעט איז געשטאַנען. משה־יונה האָט אָנגעשפּיצט די אויערן אויפצוכאַפּן די מעלאָדיעס, די זיסע ניגונים, וואָס זיינען נאָך געהאַנגען איבערן זונס צימער, אָבער די מע־לאָדיעס האָבן אים אויסגעמיטן, זיי האָבן אויסגעזען צו ווערן שוואַכער, נידעריקער. זיי האָבן זיך דערווייטערט פון אים פון מינוט־צו־מינוט.

„וועל איך נאָך אַמאָל זען מיינע קינדער? וועל איך נאָך אַמאָל הערן מיין יוספס שטימע?"

משה־יונה האָט זיך געווענדט מיט די פראַגעס צו דער פּוסטקייט אין צימער, צו דער טיפער בענקשאַפט, וואָס האָט געגאָגט זיין האַרץ, וואָס האָט געדריקט זיין נשמה. ער האָט נישט דערוואַרט קיין ענטפער אויף זיינע פראַגעס; ער האָט אפילו נישט געוואָלט קיין ענטפער. די פראַגעס האָבן זיך אַליין געפרעגט; זיי האָבן זיך מיט אים נישט גע־

האַלטן קיין עצה צו זיי זאָלן זיך שטעלן צו נישט. ער האָט ערשט מורא געהאַט פאַרן ענטפער.

וואָס זאָל ער ערשט טאָן? ער האָט זיך יאָרן און יאָרן באַטראַכט פאַר אַ געפאַנגענעם, געבונדענעם אין קייטן. ער האָט געמוזט אויף זיך טראָגן דעם שווערן יאָך פון פאַרזאָרגן זיין כסדר וואַקסנדיקע פאַמיליע. אפילו ווען ער איז נאָך געווען אַ בחור׳ל האָט ער געמוזט אָפּלייגן, אָפּשטויסן און אָפּוואַרפן אין אַ זייט זיינע טיפע בענקשאַפטן, זיינע פאַרלאַנגען, זיינע חלומות. דער פּחד פאַר הונגער האָט אים געטריבן ווי מיט בייטשן ער זאָל פאַרגעסן די דאָזיקע חלומות מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן פון קינדוייז אָן. ער איז אַוועק פון זיין טאַטנס הויז; ער האָט זיך דערנידעריקט כדי צו געפינען שפּייז צו שטילן זיין הונגער, כדי צו טוישן די שמאַטעס אויף זיין לייב אויף מענטשלעכע קליידער, אויף לייטישע מלבושים. ס׳איז געווען שווער, ס׳איז פּשוט געווען ווייטיקדיק צו פאַרקויפן די נשמה פאַר אַ טאָפּ לינדזן, צו טוישן בענקשאַפטן פאַר אַ לחמה ברויט, פאַר אַ שוך, פאַר אַ העמד אויפן לייב, אָבער משה־יונה האָט שוין דעמאָלט געהאַט געפילט אויף זיך די פיינען פון הונגער. נאָך פון זיינע קינדער יאָרן אָן האָט ער זיי געדענקט. ער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעליטן גענוג ביז דעם טאָג ווען ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיין פאָטער דעם חזנס הויז.

זיין טאַטע יהודה איז געווען אַ גוטע, אַ פרומע נשמה. ער איז געווען אַ גרויסער בר מנגן; ער האָט געהאַט אַ צאַרטע שטימע און איז געווען אַ באַליבטער חזן. אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין מזל ער זאָל באַגליקט ווערן מיט אַ שטעלע, וואָס זאָל אים פאַרזיכערן מיט פּרנסה פאַר זיין ווייב און קינדער. יהודה דער חזן איז געווען פאַרליבט אין נגינה לשם נגינה; ער איז מיט לייב און לעבן געווען אַריינגעטאָן אין זיין חזנות. דאָס וואָס זיין ווייב און קינדער האָבן געהונגערט האָט אפילו קיין עכאָ נישט געפונען אין זיין זינגען. ווען אַ קינד האָט געבעטן אַ פּיצל ברויט האָט יהודה עס אַוועקגעזעצט ביי זיך אויפן שויס, האָט עס צוגעדריקט צו זיך און האָט אָנגעהויבן צו זינגען עפּעס אַ ניגון, וואָס ער האָט דערך אגב שוין צוגעגרייט צו עפּעס אַ תפילה פאַרן קומענדיקן יום־טוב. משה־יונה איז אָפט קינדוייז אַזוי

געזעסן ביים טאַטן אויפן שויס. ער איז אַמאָל אַזוי פאַרוויגט גע־וואָרן, אַזוי פאַרשפּילט געוואָרן דורך זיין טאַטנס זינגען. דער באַגנדיקער הונגער איז געשטילט געוואָרן אויף דער צייט, וואָס דער טאַטע האָט אַזוי פאַרצויבערנדיק געזונגען זיינע פּראַקטיקע ניגונים, אָבער אַזוי שנעל ווי די כוואַליעס געזאַנג האָבן אויפגעהערט אַרויסצוקומען פון טאַטנס מויל, האָט דער פּיין פון הונגער אַ ריס געטאָן משה־יונהס יונג לייב; דער הונגער איז נאָך ווייטיקדיקער געווען ווי פריער; משה־יונה האָט דעם הונגער געפילט שטאַרקער ערשט ווי פאַרן טאַטנס זינגען.

אין זיין פריסטער יוגנט האָט משה־יונה שוין געוואוסט, אַז מ׳קען דעם הונגער נישט שטילן מיט קיין געזאַנג און מ׳קען דאָס נאַקעטע לייב נישט פאַרדעקן מיט קיין ניגונים. יאָ, פאַר זיין זונעלע יוסף איז געווען אַ פאַרגעניגן צו פאָרן צום זיידן, צו הערן דעם זיידנס האַרציק־צערטלענ־דיק זינגען. יוסף האָט נישט געליטן קיין הונגער. ער איז געקומען צום זיידן הערן זיינע ניגונים, זינגען מיט אים, נאָכמאַכן, איבערזינגען דעם זיידנס טענער. ווען ער איז געוואָרן הונגעריק האָט ער אין מיטן זינגען געקענט גיין עסן. ס׳איז געווען שפּייז פאַר אים און פיינע מלבושים פאַר זיין שוואַך איידל קערפּערל. ער, משה־יונה, האָט פאַר־זאָרגט פאַר זיינע קינדער. ער האָט מקריב געווען זיינע פאַרלאַנגען, זיינע בענקשאַפטן כדי ער זאָל האָבן שפּייז און קליידונג פאַר זיך און שפּעטער פאַר זיין פאַמיליע. זיין חלום האָט ער כסדר אָפּגעשטופּט, אָפּ־געלייגט אויף דער ווייטער צוקונפט. ניין, ס׳איז געווען אוממעגלעך צו קענען דערגרייכןביידע זאַכן מיט איין מאָל: אי שפּייזן אַ פאַמיליע, אי געפינען צייט צו שטילן זיין צעבענקטע נשמה. ניין, דער קאַמף צו שפּייזן די וואַקסנדיקע פאַמיליע האָט נישט איבערגעלאָזט קיין פרייען מאָמענט. ס׳איז אים אַפילו נישט געבליבן קיין צייט צו חלומען וועגן זיינע יוגנטלעכע פּלענער.

וואָס אייגנטלעך זיינען געווען יענע פּלענער? ווען מ׳וואָלט אים ערשט געהייסן דעפינירן, פּאַרטייטשן, קלאָר מאַכן די פּלענער וואָלט ער זיכער פאַר זיי נישט געהאַט קיין נאָמען. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט ליב געהאַט מוזיק; מיט לייב און לעבן האָט ער זיך אַריינ־געטאָן אין עפּעס אַ נייעם ניגון, אַ נייעם געזאַנג, אַ פיינע מעלאָדיע. ער

פלעגט זינגען די מעלאָדיע טעג און נעכט און ער האָט מקנא געווען דעם קאָמפּאָזיטאָר, דעם באַשאַפער פון די היילנדיקע טענער. ער האָט גע־וואָלט האָבן די זכיה צו קענען שרייבן אַזעלכע מעלאָדיעס, צו קענען פאַרצייכענען די ניגונים, וואָס האָבן זיך צייטנווייז געריסן פון זיין האַרץ אַרויס און האָבן געזוכט אַ תיקון. ער האָט שוין דעמאָלט גע־וואוסט, אַז מוזיק האָט אַן אַלף־בית; אַז טענער ווערן אַרויסגעבראַכט מיט אינסטרומענטן, אַז מ׳קען זיי פאַרצייכענען אויף פּאַפּיר. אָבער זיין פאַרלאַנג צו לערנען דעם אַלף־בית פון מוזיק איז פאַרשלונגען געוואָרן פון נאָגנדיקן הונגער, וואָס האָט צעפּרעסן זיינע געדערים. ער האָט צום ערשטן געוואָלט שפּייז. דער הונגער פון זיין קערפּער האָט איבערגעוועלטיקט זיין הונגער פון דער נשמה. ער האָט זיך כסדר צוגעזאָגט, אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט נאָר זעטיקן זיין גוף וועט ער אויך זוכן שפּייז, גייסטיקע שפּייז צו זעטיקן זיין בענקשאַפט, און איידער וואָס, ווען, ערשט ער האָט זיך אַרומגעקוקט און ער האָט דערזען, אַז ער איז געוואָרן אַ מאַן פון אַ פרוי, אַ פאָטער פון קינדער!

האָט ער געקענט פאַרנאַכלעסיקן זיין פאַמיליע צוליב געזאַנג? האָט ער זיך געקענט צופרידנשטעלן, ווי זיין טאַטע יהודה, צו ווערן אַ חזן און לאָזן זיין פאַמיליע אויסגיין פון הונגער? ניין, ער האָט נישט געוואָלט ווערן קיין חזן; ער האָט נישט געקענט שטילן זיין דורשט פאַר מוזיק דורך ווערן אַ חזן!

ווען ער האָט געהאַט אַ שטיקל פרייע צייט פלעגט ער אַרומגיין און זיך ברעכן דעם קאָפּ און וועלן געפינען אַן ענטפער אויף די נאָגנ־דיקע ווייטיקן, וואָס האָבן אים אָנגעפילט מיט אַ שווידערלעכער אומ־רו, אָבער ער האָט קיין ענטפער נישט געפונען. נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל האָט ער זיך געפרעגט: „איז וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, וואָס כ׳האָב נישט געטאָן?" און ער האָט זיך געענטפערט: „כ׳האָב געוואָלט קענען פאַרצייכענען די געזאַנגען, וואָס רייסן זיך אָפּט פון מיין נשמה אַרויס!"

ווען ער האָט זיך געגעבן דעם ענטפער איז ער שוין געווען אַ טאַטע פון צוויי קינדער. טאַקע אין יענער צייט האָט ער זיך דערוואוסט וועגן דעם רבין, דעם רבין דעם זינגער. מ׳האָט אים דעמאָלט דער־

ציילט, אַז דער רבי ר׳ נחום איז נישט נאָר אַ מתיקותדיקער זינגער, נאָר, אַז ער שאַפט אַזעלכע האַרציקע מעלאָדיעס, אַזוינע זיסע ניגונים, וואָס צעשמעלצן אַזש די הערצער פון די חסידים. ער האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז ביים רבין אין הויף איז דאָ אַ פידל־שפּילער, וואָס באַ־גלייט דעם רבינס ניגונים מיט זיין צויבערלעכן שפּילן.

משה־יונה האָט צווישן זיינע אַמאָליקע חלומות אויך געחלומט וועגן האָבן אַן אייגענעם פידל. ער וואָלט זיך שוין לאַנג צוריק, ווען ער האָט זיך געקענט פאַרגינען, געוועז געקויפט אַ פידל, נאָר ווי אַזוי האָט אַזאַ חשובער באַלעבאָס, אַן אָנגעזעענער ייד אין שטאָט, ווי אַזוי האָט ער זיך געקענט דערלויבן אַריינצונעמען אַ פידל אין הויז, ווערן אַ מין כלי־זמר גאָר? וואָלט דען נישט געוועז אַ בושה פאַר אים און פאַר זיין פאַמיליע, ווען די שטאָט וואָלט זיך דערוואוסט, אַז ער, ר׳ משה־יונה, איז גאָר געוואָרן אַ כלי־זמר אויף דער עלטער! וועלן דען אַלע נישט טראַכטן וועגן אים ווי וועגן שלום כלי־זמר, נתן באַס און אהרן קלאַרינעט? זיינען דען די נעמען אין שטאָט נישט פאַררעכנט צווישן די קאַניעכעס וואוילע יונגען, און סתם שיכורים? ווייל באמת, ווער זיינען די כלי־זמר פון שטאָט? פּשוטע בדחנים, לצים, פרייליעכמאַכערס ביי יעדער חתונה! ווער וועט דען קענען פאַרשטיין זיין אמתע ליבע, זיין בענקשאַפט נאָך די אידעלע, די ווייבעדיקע טענער פון פידל?

אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר געהערט וועגן רבין ר׳ נחום און זיין פידל־שפּילער איז ער אַראָפּגעפאָרן צו אים אין הויף אַריין. ער האָט גע־הערט דעם רבינס התלהבותדיק זינגען, ער האָט געהערט דאָס מתיקותדיק שפּילן פון הויף־פידלער און ער איז געוואָרן דעם רבינס אַ פאַרברענטער חסיד. יאָ, ער האָט אפילו, נאָכן זיין ביים רבין אין הויף, געפונען מוט זיך צו קויפן אַ פידל, אַ פּראַכטיקן פידל אין אַ גלאַנציק קעסטל, און זיין חלום, זיין אומקלאָרער חלום האָט געהאַלטן אַ טריט נעענטער ביים פאַרווירקלעכט ווערן. און דעמאָלט, ווען דער פידל איז שוין געווען ביי אים אין הויז, דעמאָלט האָט זיין ווייב דינה געבוירן דעם לעצטן, דעם אינגסטן זון יוסף.

יוסף איז געווען אַ שוואַך, אַן אײדל, אַ קראַנק, אַ פאַרחלומט קינד. זיין געזונט־צושטאַנד איז געווען אין כסדרדיקער געפאַר. אין הויז זיינען

שטענדיק געווען דאָקטוירים און רחות פון מעדיצינען האָבן זיך געטראָגן איבער דער שטוב. דער פידל איז געבליבן אין זיין קעסטל און יוסף איז געוואקסן, איז איבערגעגאַנגען פון זיין אַ קינד ביז ווערן אַ ייִנגל. מיט אַמאָל האָט משה־יונה באַמערקט, אַז זיין אײדל, זיין שוואַך קינד יוסף האָט עפּעס אַ מאָדנע, אַן אויסערגעוויינטלעכע שטימע, אַ שטימע, וואָס נאָר יחידי־סגולה קענען דערוואָרטן צו האָבן. און משה־יונה האָט אָנגעהויבן צו וועבן נייע חלומות. ער האָט געטראַכט וועגן זיין פאַר־גאַנגענהייט און ער האָט געחלומט וועגן זיין זונס צוקונפט. „מיין זונעלע יוסף וועט נאָך אַמאָל זיין אַ גרויסער מוזיקער ביי יידן!" אַזוי האָט ער צו זיך געטענהט, ווען ער האָט געהערט זיין קינד זיך פאַרגיין אין זיסן געזאַנג. „ער איז אַ גאָט־געבענטשט קינד", האָט ער געטראַכט און ער האָט דערביי געפילט ווי זיין זינקענדיקע נשמה ווערט אָנגעפילט מיט אַ נייער קראַפט, זיין גאַנץ געמיט ווערט געשטאַרקט. „ווען מיין יוסף וועט אי"ה ווערן אַ גרויסער זינגער־מוזיקער, ווען איכל זיך באַפרייען פון שווערן יאָך פון פאַרזאָרגן די פאַמיליע וועל איך זיך נעמען אויף די עלטערע יאָרן צו געזאַנג, צו מוזיק", האָט משה־יונה געטראַכט, האָט זיך צוגעזאָגט.

אָפטער און אָפטער איז משה־יונה ערשט אַראָפּגעפאָרן צום רבין אין הויף אַריין. ער האָט אָנגעהויבן מיטצונעמען זיין יוספן יעדעס מאָל ווען ער איז אַוועק צום רבין. ער פלעגט שטענדיק זען, אַז זיין יוסף זאָל זיצן אויבנאָן, לעבן רבין. ער האָט געוואָלט, אַז יוסף זאָל אויפ־כאַפּן יעדן קלאַנג, וואָס רייסט זיך אַרויס פון צדיקס אינווייניקסטן קדשי־קדשים פון מוזיק.

יאָ, זיין יוסף האָט ליב געהאַט דעם רבינס געזאַנג. ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם רבינס טענער; ער האָט זיך אויסגעלערנט דעם רבינס אַ נייעם ניגון נאָכדעם ווי ער האָט אים בלויז איינמאָל געהערט. ער פלעגט קומען אַהיים און זינגען אָן אויפהער דעם רבינס אַ ניגון. ער פלעגט זינגען דעם רבינס ניגונים יעדן שבת און יעדן יום־טוב נאָכן עסן.

דעמאָלט, אין יענע צייטן האָט משה־יונה געפילט, אַז זיינע טעג זיינען געבענטשטע, גליקלעכע טעג. ער האָט פאַרגעסן זיינע אַמאָליקע חלומות. יוסף איז געווען זיין צוזאָג, זיין איינציקע האָפענונג.

אָבער, ווי לאַנג האָט דאָס גליק געדויערט? וואָס איז פלוצלונג פאָרגעקומען ביי זיין יוספן אין מוח? וואָס האָט ער עפּעס מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו זינגען אַזוינע מאָדנע, אַזוינע פרעמדע לידער? פאַרוואָס האָט ער מער נישט געוואָלט עולה זיין מיטן טאַטן צום רבין אין הויף אַריין?

יוסף האָט זיך דעמאָלט אָפּגעזוכט עפּעס אַ מוזיק־לערער. ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן נאָטן, צו ברענגען אַהיים בויגנס באַשריבענע מיט אַזעלכע מאָדנע צייכנס. אמת, אַ געוויסע צוגעבונדנקייט צום רבינס ניגונים האָט משה־יונה נאָך באַמערקט אין זיין קינד; ער האָט נאָך צייטנווייז אונטערגעברומט דעם רבינס אַ ניגון, אָבער אפילו דאָס דאַזיקע זינגען איז אויך געוואָרן זעלטענער פון טאָג־צו־טאָג, ווייל יוסף איז געוואָרן אַלץ מער אַריינגעטאָן אין זיינע נייע, פרעמדע, ווייטע מעלאָדיעס.

משה־יונה האָט אין יענער צייט טיף אין האַרצן שטאַלצירט דער־מיט, וואָס זיין יוסף שרייבט מוזיק; ער האָט זיך געשעמט מודה צו זיין פאַר זיך אַליין, אַז אים טוט הנאה צו זען ווי זיין זון טראָגט זיך אַרום מיט גרויסע בויגנס מוזיק און ער לייענט זיי ווי אַ ייד לייענט אשרי, אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט זיין האַרץ אים ווייגעטאָן צוזוזען ווי זיין קינד ווייכט אָפּ פון די דרכים פון זיינע זיידעס. יאָ, יוסף האָט אָפּגעווייכט פון די וועגן אויף וועלכע משה־יונה האָט געהאָפט, אַז ער וועט גיין.

און ערשט, ערשט איז זיין קינד אינגאַנצן אַוועק פון הויז, אַוועק אין דער ווייטער, פרעמדער וועלט און אין הויז איז געבליבן אַ שוואַכער עכאָ פון זיין זינגען. און משה־יונה פילט ווי זיינע כוחות לאָזן זיך אויס אין אים; ווי ער גייט אויס פאַר בענקשאַפט.

צו וואָס זאָל ער זיך ווייטער מאַטערן מיט זיין פרנסה? וועמען דאַרף ער ערשט פאַרזאָרגן? פאַרוואָס זאָל ער ערשט נישט אַוועק־וואַרפן אַלץ, וואָס ער האָט ביז היינט געטאָן קעגן זיין ווילן און זיך נעמען, אויף די פאָר יאָר, וואָס זיינען אים נאָך באַשערט צו לעבן, צו דעם צו וואָס זיין האַרץ און נשמה האָבן דאָס גאַנצע לעבן געבענקט? ער איז געשטאַנען לעבן יוספס הויזן מיט די לאַטעס אויף די קני; ער האָט

געקוקט אויף דער ליידיקער בעט און ער האָט געפילט אַ פייכטקייט אין זיינע אויגן. יאָ, ער בענקט, ער בענקט שטאַרק נאָך זיין קינד יוסף; ער בענקט נאָך אַלע קינדער זיינע; ער בענקט נאָך רו, ער בענקט נאָך דער פאַרווירקלעכונג פון די חלומות מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן נאָך פון זיין פריסטער יוגנט אָן.

„בין איך טאַקע צו אַלט אָנצוהייבן ערשט?", האָט ער זיך אַ פרעג געטאָן. ער האָט געהערט ווי מ'גייט אויף די שפיץ־פינגער הינטער אים. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און האָט געזען זיין ווייב דינה. זי איז געשטאַנען לעבן אים. ער האָט געטאָן אַ האַרצרייסנדיקן זיפץ און ער האָט אַ שעפטשע געטאָן: „נו, דינה, מיר זיינען ווידער אַליין!" דינה האָט גאָרנישט געענטפערט. אַ מאָדנער גלאַנץ אין אירע אויגן האָבן אויסגעזאָגט, אַז אונטער איר אויסערלעכער רואיקייט ברויזט אַ מוראדיקער שטורעם. דינה געדענקט נאָך ווי איר משה־יונה האָט מיט יאָרן צוריק אָנגעשריבן לכבוד איר אַ ליד אַזאַ, אַ מין תפילה, אַ ליריש געזאַנג, וואָס איז געווען אַזוי זיס ווי דער שיר השרים, אַ ליד אין וועלכן איר דעמאָלטדיקער חתן האָט באַזונגען מיט פרום־האַרציקע, מיט ליבע ווערטער איר פרויען־געשטאַלט; אַ ליד אין וועלכן ער האָט פאַרגליכן איר חן צום חן פון דער מוטער רחל, די מוטער־שעפס, די געליבטע פון יעקב־ישראל. עס ליגט נאָך ערגעץ דאָס געזאַנג צווישן משה־יונהס אַלטע שרייבאַכצן פון זיינע יינגלשע יאָרן. דינה האָט נאָך היינט אַזוי ליב איר מאַן ווי זי האָט אים אַמאָל ליב געהאַט. זי ווייסט, אַז איר משה־יונהס פאַרלאַנגען, זיינע חלומות זיינען ערגעץ וואו פאַר־שטופט געוואָרן מיט יאָרן צוריק כדי ער זאָל צוזאַמען מיט איר זיך איינשפאַנען אין יאָך פון פאַרזאָרגן אַלץ פאַר דער פאַמיליע.

מיט ליבע האָט זי געקוקט אויף איר מאַנס פאַרחלומטע, פייכטע אויגן און זי האָט שטאַמלענדיק געזאָגט: „יונה, ערשט, אַז אַלע קינדער זיינען אַוועק פון הויז וועסטו אי"ה קענען טאָן דאָס וואָס דו האָסט אַ לעבן לאַנג געוואָלט טאָן."

זי האָט נישט אָנגערופן מיטן נאָמען דאָס, וואָס איר מאַן איז געווען ליב צו טאָן ווייל זי האָט פשוט נישט געוואוסט גענוי, וואָס אַזוינס זיינע חלומות זיינען באמת געווען; ס'האָט נישט געהאַט קיין

פאָרמע און קיין נאָמען. דאָס איינציקע קאָנקרעטע פון איר מאַנס חלומות איז געווען אַ פידל אין אַ קעסטל ערגעץ וואו באַהאַלטן אויפן פאַרשלאָסענעם בוידעם. זי האָט אויך געוואוסט, אַז די שטאָט איז אַרומגערינגלט מיט געדיכטע וועלדער און אַז איר משה־יונה שפּאַצירט אַהין אַוועק ווען ער האָט נאָר אַ געלעגנהייט און ער זיצט שטיל און הערט זיך צו צום שעפּטשען פון די ביימער, צום שושקען זיך פון די צאַרטע גראָזן. זי געדענקט אויך, אַז איר משה־יונה האָט ממש געהאַט אַ ברענענדיקע ליידנשאַפט צו כאַפּן זיין זון יוסף און אַוועקצולויפן מיט אים צום רבין, צום צדיק ר׳ נחום. יאָ, זי קען נישט פאַרגעסן מיט וואָסער התלהבות, מיט וואָסער גליק ער פלעגט קומען צוריק פון רבין. ער פלעגט קומען אַ צעשטראַלטער און ברענגען צוריק פון רבין אַ ניגון אָדער צוויי און וואָכן, חדשים דורכאַנאַנד פלעגט ער זינגען דעם ניגון אונטער דער באַגלייטונג פון זיין יוספס כישופדיקע טענער. איין ניגון, דעם רבינס באַרימטן ניגון, האָבן זיי געזונגען כסדר, שטענדיק, אָן אויפהער. אָבער דאָס איז פאַרגעקומען מיט יאָרן צוריק. דער רבי האָט נאָך דעמאָלט געלעבט; יוסף איז געווען אַ קינד; ערשט איז אַלץ אַנדערש, דער רבי איז לאַנג צוריק נפטר געוואָרן; יוסף, אים צו לאַנגע יאָר, איז אַ מאַן; ער איז ווייט, ווייט אַוועק, און איר יונה ווערט פאַרצערט פון בענקשאַפט. איז וואָס קען זי טאָן איר מאַן צו העלפן?

משה־יונה האָט ווידער אַ זיפץ געטאָן: „ס׳איז אומעטיק דאָ אין הויז!"

דינה האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ. זי האָט געזוכט אַ טרייסטוואָרט פאַר איר מאַן. זי האָט געוואוסט, אַז חוץ זיין בענקשאַפט נאָכן קינד, נאָך אַלע קינדער, חוץ דער בענקשאַפט, וואָס פרעסט איר אויף אפשר נאָך מער ווי אים, חוץ דער בענקשאַפט האָט זיך אין איר מאַן דערוועקט די בענקשאַפט, דער חלום פון אַמאָל, וואָס איז אַ צייט לאַנג געלעגן פאַרטייעט אין אים און האָט געוואַרט אויף אַ תיקון.

„פאַרוואָס, יונהלע, פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע ערשט זיך נישט נעמען צו דעם, וואָס איז דיר ליב און טייער!" האָט זי ווידער אַ שעפּטשע געטאָן מיט צערטלעכקייט צו איר מאַן.

משה־יונה האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין דינהן; ער האָט געזען אירע אויגן, אירע רונדע, דורכדרינגנדיקע אויגן און ער האָט אַ שמייכל

געטאָן. יאָ, זי ווייסט וואָס עס טוט זיך אין זיין האַרץ; זי פאַרשטייט וואָס מיט אים קומט פאָר. אָבער איז שוין נישט צו שפּעט זיך צו נעמען דערצו ערשט?

ווי זי וואָלט אים געוואָלט געבן אַן ענטפער אויף זיין פראַגע אַזוי איז דינה געזעסן לעבן אים און זי האָט מיט איר גלעטנדיקער שטימע אים געמאָלן אַ בילד פון אַ ליכטיקער צוקונפט, וואָס דערוואַרט אים אויף דער עלטער ערשט; ער האָט געהערט אירע צערטלענדיקע רייד, איר מוטערדיקע שטימע, ווי ס'וואָלט געוועזן אין אַ חלום. אַ ווייטע און דאָך נאָענטע, טרייסטנדיקע שטימע האָט געוויספּערט צו אים: „אַזוי שנעל ווי אונדזער יוסף וועט זיך נאָר באַזעצן דאָרט, אַזוי שנעל ווי די דריי ברידער וועלן זיין צוזאַמען וועלן זיי אונדז שיקן שיפס־קאַרטעס און מיר וועלן אי״ה אַלע זיין ווידער צוזאַמען און דו, יונהשי מיינער, וועסט קענען טאָן אַלץ וואָס דיין האַרץ גלוסט; וועסט קענען טאָן דאָס, וואָס דו האָסט געוואָלט טאָן ווען דו ביסט נאָך געווען אַ יינגל ביי דיין טאַטן אין הויז און וועסט דערצו נאָך האָבן דיינע קינדער מיט זיך.״

זיי זיינען בײדע געזעסן אַזוי און געוועבט און געהאָפטן חלומות. זיי זיינען געזעסן אַזוי און זיך פאַרוויגט אין דער צאַרטער שטילקייט.

---

ווען משה יונה איז געבליבן אַליין אין זיין צימער, ווען זיין ווייב דינה איז געווען פאַרנומען מיט איר באַלעבאַטישקייט און זי האָט פון ציים־צו־צייט געוואָרפן אַ צערטלעכן בליק אַהין וואו איר מאַן איז געווען, האָט זי אָפט געהערט ווי ער שפּאַצירט זיך אַרום און זינגט אויס אין אַ שושקענדיקער שטימע די אַלע ניגונים, וואָס ער פלעגט זינגען מיט זיין זון יוסף. און איינמאָל, ווען דינה איז נישט געווען אין הויז איז משה־יונה אַרויף אויפן בוידעם און ער האָט אַראָפּגעבראַכט דעם שי־מערירנדיקן פידל, וואָס איז געלעגן אין די רויטע פּלוש פון קעסטל ווי אין אַ קייסערלעכער בעט. יאָ, אין דעם קעסטל איז געלעגן אַ פידל, אַ פידל ווי אַלע פידלען באַצויגן מיט דינע סטרונעס, אַ טויטער, אומבאַ־וועגלעכער פידל און דאָך האָט ער אויסגעזען ווי ער וואָלט פון זיך אַרויסגעהויכט, אַרויסגעאָטעמט פּראַכטיקע טענער. עס האָט זיך אויס־

געדאַכט, אַז אויף זיינע סטרונעס גייען פאַרביי כוואַליע נאָך כוואַליע, טענער און קלאַנגען פון אַלע דורות, פון אַלע צייטן. קוקנדיק אויפן פידל האָט משה יונה באַשיינפּערלעך געזען ווי דער פידל, זיינע סטרונעס, זיין בויגן ווערן מגולגל, פאַרוואַנדלען זיך אין אַ האַרפע, אַ האַרפּע אויף וועלכער אַ לויב צו גאָט, אַ תפילה צום אַלמעכטיקן איז געוואָרן אויסגעזונגען יעדן טאָג אין בית־המקדש אין ירושלים; אַ האַרפע, וואָס איז געהאַנגען אויף איינעם פון די ביימער, וואָס האָבן באַזוימט די ברעגן פון טייך בבל, וואו די יידישע געפאַנגענע שפּילער זיינען געזעסן מיט הענט פון וועלכע זיי האָבן זיך אַליין אָראָפּגעהאַקט די פינגער כדי נישט צו קענען שפּילן פאַרן שונא; דער פידל האָט זיך אויך פאַרוואַנדלט אין אַ גתית, אין אַ שושנה און אין אַלע אַנדערע הייליקע אינסטרומענטן אויף וועלכע דער גרעסטער זינגער פון אַלע צייטן, דוד המלך, האָט געשפּילט און האָט זיך אַקאָמפּאַנירט אין זיינע תהילימס, אין זיינע הללויה'ס צו דער גלאָררייכקייט פון אַלמעכטיקן.

משה־יונהס אויגן זיינען געווען פול מיט פרייד. ער האָט נישט געוואגט אָנצורירן דעם פידל, וואָס איז אין זיינע אויגן געוואָרן דער־הויבן, געוואָרן געהייליקט, מגולגל געוואָרן אין אַזאַ אויסערגעוויינט־לעכן אינסטרומענט.

ווען די וויזיע האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים האָט ער דערזען ווי עס ליגט לעבן אים אין אַ קעסטל אַ ברוינער, אַ גלאַנציקער פידל מיט אַ טויטן, אַן אומבאַוועגלעכן בויגן ביי זיין זייט. דער פידל איז געלעגן אָפּגעדעקט, נאַקעט, טויט; טויט פאַר אים, פאַר משה־יונהן, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן פאַרוואָרלאָזט זיינע איינגעבוירענע, זיינע נאַ־טירלעכע פעאיקייטן; לעבנלאַז, ווייל ער, משה־יונה, האָט זיך נישט צוגעהערט צום קול פון זיין פידל, וואָס האָט אים אַזוי פיל יאָרן גערופן, ווייל ער האָט זיך אפילו געשעמט צו האַלטן דעם פידל אין הויז.

משה־יונהס אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן. ער איז געזעסן און האָט געשטאַרט אויפן פידל, וואָס איז געלעגן אַ באַליידיקטער. ער האָט פּאַמעלעך אַרויסגענומען דעם פידל פון קעסטל. ער האָט אים געהאַלטן און געצערטלט; ער האָט גערעדט מיט ליבע צום פידל. ער האָט אויפגעהויבן דעם בויגן און ער האָט אים אַ גליטש געטאָן

איבער די סטרונעס, אָבער דער פידל האָט בלויז געטאָן אַ בייזן, אַ מוראדיקן סקריפּ, אַ גרימפּל.

משה־יונה האָט צוריק אַוועקגעלייגט דעם בויגן אין קעסטל. אים האָט אַפילו נישט געאַרט, וואָס דער פידל שפּילט נישט. ער האָט געהאַט פאַרגעניגן בלויז פון שפּילן זיך, פון האַלטן דעם דאָזיקן אינסטרו־מענט, וואָס קען אַרויסגעבן אַזעלכע כישופדיקע טענער אויב אַ געניטע האַנט פירט איבער זיינע סטרונעס מיטן בויגן. אַ שטיק צייט איז ער געזעסן אַזוי מיטן פידל אין זיינע הענט און דערנאָך האָט ער אים אַריינ־געלייגט אין זיין פלושענער בעט און האָט פאַרמאַכט דאָס קעסטל.

אָפּטער און אָפּטער האָט ער ערשט אַרויסגענומען דעם פידל. ער האָט גערעדט צו אים, ווען ס׳איז אים געווען אומעטיק אויפן האַרץ. ער האָט דערציילט דעם פידל פאַרשיידענע מעשהלעך וועגן זיין זון יוסף און ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט אי״ה פאָרן צו זיינע קינדער אויף יענער זייט ים וועט ער אים, דעם פידל, מיטנעמען מיט זיך צו זיין יוספן און יוסף וועט אוודאי שפּילן מיט זיינע איידעלע פינגער אויף זיינע סטרונעס און ער וועט זיך אַליין באַגלייטן די טענער פון זיין צאַרטער שטימע.

און איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען משה יונה האָט זיך אַזוי געשפּילט מיט זיין פידל האָט ער געהערט ווי מ׳רופט זיין נאָמען, ס׳איז געווען דער בריוו־טרעגער; ס׳איז געווען אַן אָנזאָג אויף אַ וויכטיקער בריוו, אפשר טאַקע גאָר פון זיין יוספן. ער האָט שוין לאַנג נישט געהאַט דערהאַלטן קיין בריוו פון זיין קינד. משה־יונה איז אַראָפּ פון די טרעפּ. ער איז געווען אויפן הויף לעבן בריוו־טרעגער. ס׳איז געווען אַן אויסלענדישע בריוו, אַ בריוו פון זיין זון יוסף! ער איז אַריין אין הויז מיט דער בריוו. ער האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט; ער האָט געלייענט אָן אָטעם, אָט איז ער שוין געוועןביים לעצטן זייטל פון דער בריוו און דאָ האָט ער דערזען עפּעס אַ מאָדנע זאַך אין דער בריוו, עפּעס אַ נייעס! דורך זיינע פאַרטערטע אויגן האָט ער דער־זען נאָטן, אַ בויגן מוזיק. ער האָט די נאָטן נישט געקענט לייענען, אָבער ער האָט איבערגעלייענט דאָס קעפּל איבער די מוזיק, אַ קעפּל געשריבן מיט זיין יוספס פּראַכטיק, קאַליגראַפישער האַנטשריפט: „דער

ניגון, וואָס דער רבי האָט געזונגען שבת ביי שלש סעודות". און משה־יונה האָט זיך פריידיק צעלאַכט; געלאַכט מיט פייערדיקע טרערן. ער האָט געהאַלטן דעם מאַנוסקריפּט פאַר די צעפלאַמטע אויגן; ער האָט געדריקט דאָס בויגעלע פּאַפּיר צום האַרץ, ער האָט ווידער געשטאַרט אויף דעם דורך די רעגנבויגנדיקע טרערן. זיין זון יוסף געדענקט נאָך דעם רבין. זיין זון יוסף איז נאָך דאָרט, אפילו דאָרט זיינס אַ קינד; זיין קינד איז אַ ייד, אַן אמתער ייד!

ער איז געשטאַנען אַזוי און האָט אַן אויפהער געקוקט אויף די מוזיק, אויפן נאָמען פון ניגון און ער האָט אַליין נישט געוואוסט ווען און ווי אַזוי ער איז אָוועקגעטראָגן געוואָרן פון זיין הויז צום רבין אין הויף אַריין; ער איז דאָרט געווען מיט זיין זונעלע יוסף. דער רבי האָט געזונגען זיין באַרימטן ניגון. ער האָט ערשט געפילט לעבן זיך זיין יוספס צאַרטן, וואַרעמען, יונגן קערפּער, וואָס האָט זיך געטוליעט צו אים: ער האָט יוספן געדריקט צו זיך און ער און זיין קינד זיינען געוואָרן איינס. ער איז געזעסן מיט זיין קינד ביים רבין אַרום טיש, אין גרויסן זאַל.

דער זאַל איז געווען גרויס. די ערשטע שאָטנס פון דער זון, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זעצן, האָבן זיך פאַמעלעך און שטיל אַריינגעגנבעט אין צימער און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שאַרן אַרום די הויכע ווענט. אין צימער האָט געהערשט אַ מאָדנע שטילקייט; פון צייט צו צייט האָט מען געהערט דעם רבינס אַ וואָרט, אַ וואונק, אַ רמז, אַן אָנדייט אויף עפּעס, וואָס איז געווען פול מיט טיפע געדאַנקען, מיט אַזוינע מחשבות, וואָס בלויז געציילטע, די חשובסטע פון די חסידים, האָבן פאַרשטאַנען. דער רבי האָט גערעדט מיט צאַרטע, מיט איידעלע קלאַנגען, וואָס האָבן אויסגעזען צו קומען פון די הימלשע ווייטקייטן.

אויפן טיש איז געווען אַן אָרעמער מאָלצייט: ברויט, ציבעלע און הערינג. די מלכה שבת איז געווען אויפן שוועל פון רבינס הויז. זי האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּשיידן זיך אויף גאַנצע זעקס טעג. דער רבי האָט נישט געהאַט קיין חשק צו לאָזן די מלכה שבת פאַרשווינדן פון זיין קהילה אויף אַזוי פיל לאַנגע, גרויע טעג פון וואָך. ער האָט געוואוסט, אַז אַזוי שנעל ווי די וואָך קומט אָן ווערן זיינע חסידים זיך

ווידער דאַרפֿן איינשפּאַנען אין יאָך פּרנסה. ער האָט מורא געהאַט אַז עצבות און דאגה, דער שורש פֿון אַלעם בייזן, וועלן נאָך חלילה איינשלינגען אייניקע פֿון זיינע חסידים, וואָס זיינען גייסטיק נישט צוגעגרייט, נישט געפּאַנצערט גענוג קעגן אַט די שונאים פֿון דער מענטשהייט; יאָ, עצבות איז דער סם, דאָס טויטלעך געווער, וואָס שטן נוצט קעגן די, וואָס האָבן זיך נישט אויסגעלערנט צו פאַרטיידיקן קעגן דער מוראדיקער נעץ, קעגן די וואָס האָבן נאָך נישט באַנומען די וועגן, די אמתע און איינציקע וועגן, וואָס פֿירן צו דער אחדות צווישן דעם אַלמעכטיקן, צווישן גאָט ברוך הוא און זיין פֿאָלק ישראל.

דעם רבינס שטערן איז געווען ווי אַן אַלטע שטיק פּאַרמעט. ער האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אַרומגעטראָגן מיט אַ פֿאַרצערנדיקן פֿאַרלאַנג צו בעטן גאָט ברוך הוא, אַז ער זאָל באַפֿוילן, אַז די מלכּה שבת זאָל בלייבן מיט די קינדער פֿון ישראל, זאָל הערשן איבער זיי אַלע טעג פֿון וואָך אפֿילו, אַז די הייליקייט פֿון שבת זאָל הויערן אויף שטענדיק איבערן פֿאָלק ישראל, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז די צייט פֿון דער דאָזיקער גרויסער געשעעניש איז נאָך נישט געקומען, אַז גאָטס אויסדערוויילטע קינדער האָבן זיך נאָך נישט פֿאַרדינט געבענטשט צו ווערן מיט שטענדיקן שבת. דער רבי האָט דערפֿאַר געשטיקט אין זיך דעם דאָזיקן פֿאַרלאַנג, די בענקשאַפֿט און ער האָט נישט געפֿאָדערט פֿון גאָט ברוך הוא ער זאָל זיינע קינדער באַשענקען מיט אַ שטענדיקן שבת. ער האָט אָבער אָפּגעצויגן, אויף ווי ווייט ער האָט געקענט, דאָס אַוועקגיין פֿון דער מלכּה שבת. ער האָט איר פֿאַרהאַלטן אין איר קורס דורך הייליקע טראַכטעניש, געשפּרעכן און רמזים וועגן די פֿאַרשיידענע פּאַזעס פֿון דער קדושה פֿון שבת.

די בין השמשות שאָטנס, איינגעשרומפּענע, גרויע, זיינען שטיל געהאַנגען איבערן שלש סעודות טיש; זיי זיינען בגנבה פֿאַרקראָכן אין די ווייטסטע, אין די באַהאַלטנסטע ווינקלען פֿון זאַל. פֿון מינוט צו מינוט זיינען זיי געוואָרן אַלץ געוואַגטער. זיי האָבן זיך פֿאַרפֿעסטיקט אונטער די בענק וואו די חסידים זיינען געזעסן. און ווען דער רבי האָט דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט צווישן איין רמז און אַנדערן זיינען זיי געוואָרן נאָך מער געוואַגט; זיי האָבן אין די צווישנצייטן אַריינגעבראַכט פֿולע

אָרעמס מיט טונקלקייט, מיט נאַכט אין זאַל אַריין און לסוף האָט איין שאָטן אין דער פאָרמע און געשטאַלט פון רבין אַליין זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען הין און צוריק אויף דער וואַנט הינטערן רבין. מיט פאַר־קלאַמערטע אויגן איז דער רבי געזעסן און ער האָט זיך מיטגעשאָקלט מיט זיין שאָטן. ער האָט אַלץ געזען כאָטש ס׳איז פינצטער געווען אין זאַל און ער האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט. טרויער און אומעט האָבן זיך געזען אַפילו אין דער פינצטער אויף זיין פנים. ער האָט זיך ערשט לענגער אָפגערוט צווישן אַרויסזאָגן איין וואָרט און דעם אַנדערן, ווי ער וואָלט שוין געוואוסט, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין קאַמף מיט דער מלכה שבת איר אויפצוהאַלטן לענגער מיט זיין עדה. ער האָט שוין געלאָזט די פליגל פון דער נאַכט איינשלינגען דעם זאַל און די חסידים אַרום זיך. דער רבי איז ערשט געבליבן זיצן אין שטילשווייגנ־דיקן טראַכטן. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט חלילה באַהערשט גע־וואָרן פון אַ שטאַרקער עצבות! ער האָט בענקענדיק געזיפצט; ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט; זיין קערפּער האָט זיך געצויגן ערגעץ וואו פאָרויס. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער קלאַמערט ווען אין זיינע אָרעמס; ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געשעפּטשעט צאַרטע ווער־טער צו עמיצן וועמען ער האָט שטאַרק ליב, און דערנאָך, ווען ער האָט זיך מיט פיין און ווייטיק געזעגנט מיט דער מלכה שבת האָבן די פאַלדן אויף זיין פנים זיך אויסגעגלייכט און ער האָט זיינע אויגן ברייט צע־עפנט. ער האָט געקוקט אויף די חסידים מיט צערטלעכקייט, מיט פאָטער־ליבע. זיינע אויגן האָבן זיך צעשיינט ווי צוויי מעכטיקע שטערנס אין הימל. דער וואָלקן פון אומעט האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן מיט געאייל פון זיין פנים. ער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו זינגען. צום ערשטן האָט זיך קוים אַ קלאַנג אַרויסגעריסן פון זיינע ליפּן, ס׳איז געווען אַ שטילער וויספּער; דער וויספּער איז געוואָרן אַ שושקען אַזאַ ווי ס׳וואָלט זיך אַ פריילינג־ווינטל געשפּילט מיט די יונגע בלעטער אויף אַ יאָריק ביימל; ביסלעכווייז איז דאָס שושקען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ניגון; אַ טרייסטנדיקער, אַ היילנדיקער ניגון האָט געהויערט און געשוועבט איבער דער פינצטערניש פון זאַל; און דער ניגון איז געשטיגן, האָט זיך געהויבן העכער און העכער און ער איז אַריינגעדרונגען ביז די טיי־פעגישן פון די הערצער פון די חסידים און זיי האָבן מיטאַמאָל דערזען

ווי די פינצטערניש ווערט צעשמאָלצן, ווי עס צעגייט אַ קויל שניי אין דער וואָרעמקייט פון דער מיטאָג־זון. און זיי האָבן געזען ווי זייער רבי זיצט איינגעהילט אין אַ זייל ליכט אַזוי לויטער, אַזוי קלאָר ווי דער זייל ליכט, דער עמוד אש, וואָס האָט באַגלייט די יידן אין די פינצטערנישן פון מדבר. און זיי האָבן געהערט דעם רבין זינגען, אָבער זיי האָבן נישט געזען זיין מויל זאָל זיין אָפן אָדער זיינע ליפּן זאָלן זיך באַוועגן. זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין און באַנעמען פון וואַנען דער ניגון קומט און ווי זיי האָבן אַזוי געקוקט אויפן רבין פאַרוואונדערטע און פאַרגאַפטע האָט דער רבי פאַרשטאַנען זייער דערשטוינונג. ער האָט אויף אַ מאָמענט אויפגעהערט צו זינגען, און דורך דער געדיכטער פינצטערניש, וואָס האָט אָנגעפילט דעם זאָל אַזוי שנעל ווי דעם רבינס ניגון איז איינגעשטילט געוואָרן, האָט מען געהערט דעם רבינס לויטערע, צערטלענדיקע שטימע.

דער רבי האָט מיט לאַנגזאַמע, געציילטע ווערטער גערעדט וועגן די פאַרשיידענע מדרגות פון ניגונים און געזאַנגען. ער האָט אָנגעוויזן, אַז עס זיינען דאָ ניגונים, וואָס קומען אַרויס פון די איינגעווייידן פון האַרץ, פון דער נשמה, ניגונים, וואָס האָבן בלויז אין זיך אַ ניצוץ פון קדושה און ניגונים, וואָס זיינען בלויז קדושה; ניגונים, וואָס ווערן געזונגען טאָג און נאַכט אַרום דעם טראָן פון אַלמעכטיקן און ניגונים אַזעלכע, וואָס די הימלישע כאָרן זינגען יעדן שבת און יום־טוב פאַר דער דערפרייאונג פון אַלע די, וואָס וואוינען אין די עולמות העליונים.

משה־יונה האָט געהאַלטן אין האַנט זיין זון יוספס בויגן מוזיק מיטן ניגון, וואָס דער רבי האָט געזונגען יענע אומפאַרגעסלעכע נאַכט און ער האָט געפילט ווי אַן אייז־קאַלטער ציטער לויפט דורך זיין רוקן. ער האָט ערשט פאַר זיך געזען דעם רבינס פינקלענדיקע אויגן. ער האָט געהערט זיין שטימע. ער האָט זיך אַפילו ערשט אָנגעשטרענגט צו באַנעמען דעם מיין פון רבינס תורה, זיין רבינס אַריינדרינגען אין די טיפע ספערן פון דער באַדייטונג, פון די אונטערשיידן און די מדרגות פון די פאַרשיידענע ניגונים. ער געדענקט ווי דער רבי האָט נאָכדעם אָנגעהויבן צוריק צו זינגען. ער, משה־יונה, הערט אַפילו ערשט דעם רבינס ניגון, וואָס קומט אַרויס דאַכט זיך פון זיין מויל און דאָך זעט

מען גישט ווי זיינע ליפּן באַוועגן זיך. עס מוז אוודאי זיין איינער פון יענע ניגונים, וואָס קומען דירעקט פון הימלישן כאָר. ער זעט ערשט ווי די חסידים מיט אים צוזאַמען זיצן פאַרשטיינערט פון פחד, זיי זיצן אין פאַרגליווערטן שטילשווייגן און זיי הערן דעם הימלישן ניגון. משה־יונה פילט ערשט זיין יוספס וואָרעמען אָרעם אַרום זיין האַלדז. יוסף הערט דעם ניגון און ער זיפצט פון צייט־צו־צייט אַ טיפן, אַ פאַרגאַפטן זיפץ. קיינער וואָגט נישט צו עפענען די מויל, מיטצוהעלפן דעם רבין זינגען, ווי מען פירט זיך שטענדיק אַרום רבינס טיש. אַ פּאָר מינוט זינגט דער רבי אַליין, ביחידות און דערנאָך זאָגט ער מיט אַ גוטמוטיקן, אַ צערטלעכן שמייכל: „זינגט מיט מיר, קינדער מיינע, זינגט!”

ווי זיי וואָלטן זיך אויפגעריסן פון אַ חלום אַזוי האָבן די חסידים אָנגעהויבן צו זינגען מיטן רבין. אין אָנהייב האָבן זיי געזונגען שטיל, פאַרשעמט, איינגעהאַלטן; דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן צו זינגען העכער און העכער, לסוף האָט זיך צעטראָגן אַ מעכטיקע כוואַליע פון התלהבות־דיקער זמירה, אַ שטורעם פון עקסטאַז, פון פרייד האָט זיי באַצוואונגען. זיי האָבן געזונגען בציבור, זיי האָבן געזונגען מיט שמחה, מיט פרייד און דער רבי איז פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען פון טיש און ער האָט אָנגע־הויבן צוצוקלאַפּן צום טאַקט מיט זיין ווייכן שטעק־לאַטש אויף דעם דיל; די חסידים, וואָס זיינען געזעסן נאָענט לעבן רבין, האָבן אויפ־געכאַפּט דעם סיגנאַל, זיי האָבן אויך צוגעקלאַפּט מיט זייערע שיך און לאַטשן; באַלד האָט זיך פאַרמירט אַ קרייז; אַ מעכטיקער קרייז אַרום טיש; דאָס צוקלאַפּן פון די לאַטשן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טאַנץ, אַ פאַרשיכורנדיקער טאַנץ, און זיי האָבן געטאַנצט מיטן רבין אין מיטן קרייז, און זיי האָבן לאַנג, גאָר לאַנג געטאַנצט; און זיי האָבן אָן אויפ־הער געטאַנצט און זיך באַגלייט מיטן רבינס ניגון. אַ מעכטיקער שאָטן האָט געטאַנצט אויפן דיל און דעם רבינס ניגון איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ הימן, אַ לויב־געזאַנג צום אַלמעכטיקן אויבן אין הימל.

מיטאַמאָל האָט דער רבי אויפגעהערט צו טאַנצן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַ מאָסע פינצטערניש, באַלויכטן מיטן רבינס פינקלענ־דיקע אויגן, האָט געהערשט אין זאַל. אַ שווער סאָפּען, אַן איינגעהאַלטן אָטעמען האָט זיך געהערט; דאָס אָטעמען איז ביסלעכווייז שטיל גע־

וואָרן און אַ הייליקע רואיקייט און שווייגעניש האָט געהויערט איבער אַלע. און דער רבי האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן כמעט ווי שעפּטשענדיק: „וויסן זאָלט איר, קינדער מיינע, אַז איר זייט אָט ערשט געווען פּנים אל פּנים מיט גאָט ברוך הוא, ווייל איר זייט געטראָגן געוואָרן אויף די פליגל פון אייער לויטערן, קלאָרן, ריינעם געזאַנג, וואָס כאָטש איר האָט אים געזונגען מיט אייערע ליפּן האָט איר אים דאָך באַגלייט מיט אייערע נשמות, אַזויערנאָך האָט איר דערגרייכט ביזן טראָן פון אַלמעכטיקן. ביי גאָט ברוך הוא איז נישטאָ קיין זאַך אין דער וועלט וואָס איז אים טייערער און ליבער ווי נגינה. גאָט ברוך הוא האָט פאַרגעניגן פון געזאַנג און איידער ער האָט נאָך געטראַכט אפילו וועגן באַשאַפן די וועלט מיט אירע באַשעפענישן, אפילו דעמאָלט, ווען תהו ובהו, וויסטקייט און פינצטערניש האָבן אָנגעפילט די פּוסטקייט פון דער וועלט, דעמאָלט האָט ער נאָך געלאָזט אויפבויען די מעכטיקע פּאַלאַצן, די שלעסער וואו עס ליגן ביז היינט די כלי־זמר, די אַלע הייליקע אינסטרומענטן פון זמירה און נגינה און מוזיק. דאָרט, אין יענע הייליקע מקומות, אין די היכלען פון מוזיק זיצן די הימלשע זינגער־מוזעס און וועבן, און שאַפן ניגונים, וואָס ווערן געזונגען פון די כרובים און די שרפים און אַלע אַנדערע מלאכי צבאות, וואָס רינגלען טאָג און נאַכט, פון אייביק ביז אייביק, אַרום דעם טראָן פון אַלמעכטיקן. די ניגונים אין זייער בראשיתדיקער טהרה, די געזאַנגען און דער הימלשער כאָר, וואָס זינגט זיי, זיינען בלויז צוויי מאָל אַראָפּגעקומען אויף אונדזער זינדיקער ערד; ווען אונדזער טאַטע אין הימל האָט געפורעמט דעם אָדם קדמון, אָדם הראשונען אין זיין אייגענער געשטאַלט און ער האָט אים באַזעצט אין גן עדן, דעמאָלט האָט גאָט ברוך הוא שטאַרק רחמנות געהאַט אויף אָדמס איינזאַמקייט, אויף זיין פאַרלוירנקייט. דעמאָלט האָט גאָט ברוך הוא באַפוילן, אַז דער הימלשער כאָר מיט זיינע ניגונים זאָל אַראָפּשטייגן אין גן עדן אַריין און זינגען און אָנפילן אדמס האַרץ מיט פרייד. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען די ערד האָט מכניס אורח געווען דעם הימלשן כאָר. און אַז אדם איז אַפילו שפּעטער נאָך אַלץ געבליבן פאַרזונקען אין אַ שטאַרקער עצבות, וואָס איז געקומען דערפון, וואָס ער האָט געבענקט נאָך אַ חבר מיט זיך און גאָט ברוך הוא האָט פון אדמס פליש און ביין געמאכט אַ פרוי, חוה,

די מאַמע פון אַלע מענטשן, און גאָט האָט זיי געוואָלט פירן אין זייער הימלשער אומשולד אונטער דער חופה. האָט דער בורא העולם, דער פאָטער פון דער ערשטער פּאָר, דער חשובסטער גאַסט אויף דער חתונה, אַ צווייטן מאָל געהייסן, אַז דער הימלשער כאָר זאָל אַראָפּשטייגן פון אויבן און באַשיינען, באַגליקן די ערד מיט דער הייליקער מוזיק."

אין רבינס אויגן האָט אַ פרייד געבליצט. מיט אַ צאַרטער און מעלאָדישער שטימע האָט ער דערציילט די געשיכטע פון דער ערשטער חתונה אויף דער וועלט און ער האָט באַשריבן מיט מאַלערישן חן די איינצלהייטן פון יענער הייליקער צערעמאָניע. ער האָט פאַרענדיקט זיין באַשרייבן די חתונה מיט די דאָזיקע ווערטער: „און די מוזיק האָט געזונגען דער כאָר פון אַלמעכטיקן און די זון און די לבנה, די שטערנס און אַלע פּלאַנעטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין קורס פון זייער שטענדיקן באַוועגן זיך; זיי האָבן געטאַנצט אויף דער חתונה אונטער דער באַגלייטונג פון הימלשן כאָר און זיי האָבן זיך אַליין באַגלייט אין זייער טאַנץ מיט זייער אייגענער מוזיק, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון זייער ריטמישן באַוועגן זיך, פון זייערע כסדרדיקע וויבראַציעס. די הימלשע ניגונים זיינען שוין קיינמאָל, זינט יענער צייט, נישט אַראָפּגעקומען אויף דער ערד; קיינמאָל, קיינמאָל."

דעם רבינס אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן און ער האָט זיפצנדיק און מיט אומעט געזאָגט: „ווייל די מוטער פון דער מענטשהייט האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון דער בייזער שלאַנג, שטנס שליח, און זינד האָט זיך פאַרשפּרייט אויף דער ערד און האָט זי פאַראומווירדיקט. די דאָזיקע קרישטאָל־ריינע ניגונים זיינען אויף שטענדיק פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער אין די הימלשע היכלען פון געזאַנג. אָבער גאָט ברוך הוא, וואָס האָט מורא געהאַט, אַז מיר וועלן חלילה פאַרזינקען אין עצבות און יאוש, האָט דערלויבט אייניקע ניגונים פון אַ נידעריקערער מדרגה אַראָפּצושטייגן צו אונדז פון די הימלשע הייכן און אונדז ברענגען אַ היילונג צו אונדזערע צעבענקטע נשמות; געבענטשט זאָל זיין גאָטס נאָמען!"

משה־יונהן איז אָנגעקומען שווער נאָכצופאָלגן דעם רבינס געדאַנקען. עס זיינען געווען אַ סך האַרבע ענינים, וואָס ער האָט בכלל נישט

געקענט באַנעמען. ער האָט אַלע מאָל אַ בליק געװאָרפֿן אויף זיין זון יוסף און ער האָט אפֿילו אין דער פֿינצטער געזען װי זיין קינדס פּנים שיינט מיט התלהבות. משה־יונה האָט דעמאָלט באַלד געװאוסט, אַז זיין קליינער זון יוסף האָט באַנומען דעם רבינס תורה, זיינע רמזים; ער האָט געװאוסט, אַז זיין קינד איז באַשאַנקען געװאָרן מיט דער ברכה פֿון נגינה, און משה־יונה איז געװען גליקלעך, װאָס אים איז באַשערט צו זיין דער פֿאָטער פֿון אַזאַ אויסדערװיילט קינד. ער האָט ערשט װידער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום רבין. ער האָט געהערט דעם רבינס שעפּטשענדיקע שטימע:

„עצבות און טרויער זיינען אין כסדרדיקן קאַמף מיט די הימלישע זינגערס. ער, שטן, װיל פֿאַרשליסן אויף זיבן מאָל זיבן שלעסער אַלע הימלישע היכלען פֿון מוזיק. ער װיל אָפּשטעלן אַלע קװאַלן פֿון הימלישע מוזיק, װאָס פּרובירט אונדז דערגרייכן. ער װיל אונדז דערטרינקען אין ים פֿון פֿינצטערער עצבות."

דער רבי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיינע הענט און ער האָט גערעדט מיט װייטיק: „די התלהבות, די ליבע צו גאָט ברוך הוא, דער פֿייער פֿון אונדזערע הערצער און נשמות קענען װערן אַרויסגעבראַכט, קענען קומען צום אויסדרוק צום בעסטן דורך נגינה. װען נגינה װאָלט, חלילה, געװאָרן אָװעקגענומען פֿון אונדז, װאָלטן מיר נישט געהאַט קיין שום האָפֿענונג װען עס איז צו קומען נעענטער, זיך צו באַהעפֿטן מיטן אַלמעכטיקן, מיט אונדזער פֿאָטער אין הימל צו װעמען אונדזערע נשמות ציען זיך און בענקען. מיט װערטער, װאָס זיינען די קינדער פֿון אונדזערע חושים, קענען מיר ריידן צו גאָט, אפֿילו אים בעטן, אָבער כדי צו גרייכן די שערי רחמים, דעם אינװייניקסטן קדשי־קדשים פֿון גאָט ברוך הוא׳ס ליבע, מוזן מיר זיך װענדן צו נגינה, צו מעלאָדיע, צו די האַרמאָנישע צונויפֿגעשטעלן פֿון קלאַנגען, װאָס זיינען ניגונים! געבענטשט, זיבן מאָל זיבן געבענטשט איז דער אין װעמענס נשמה דאָס קערנדל, דער זאָמען פֿון געזאַנג איז פֿאַרפֿלאַנצט געװאָרן!"

משה־יונה האָט מיטאַמאָל דערפֿילט װי זיין זון יוספֿס קערפּער איז געװאָרן שטייף און פֿאַרגליװערט, װען דער רבי האָט אַרויסגעזאָגט דעם לעצטן זאַץ.

דער רבי איז ערשט שטיל געוואָרן אויף אַ שטיקל צייט. אַ הייליקע שטילקייט איז געהאנגען אין רוים. קיינער האָט זיך נישט געוואָגט צו באַוועגן; אַלע אויגן זיינען געווען געווענדעט צום רבין. ער האָט זיך געשאָקלט הין און צוריק און ער האָט מיט אַן אומעטיקער שטימע געזאָגט": אָבער ווי איז נעבעך צו די זינדיקע, די רשעים. זיי זינגען אויך. זיי האָבן אויך ניגונים. זיי באַנוצן זיך מיט מעלאָדיעס דורך וועלכע זיי זינגען אויס זייערע געפילן. נאָר אָך און ווי איז צו זייער זינגען און צו די ניגונים וואָס זיי זיינען מטמא. זייערע ניגונים זיינען ניגונים, וואָס בלאָנדזשען אַרום פון אייביקייט ביז אייביקייט צווישן הימל און ערד און זיי זוכן אַ תיקון פאַר זיך, ווי עס זוכן אַ תיקון פאַר זיך זינדיקע נשמות. און ווייל זיי קענען נישט אַריין אין די נשמות און הערצער פון אַזעלכע, וואָס זיינען אויסדערוויילט, וואָס זיינען ווערט אויפצונעמען די הייליקע קלאַנגען, און ווייל זיי וואַנדערן אַזוי אַרום אָן אַ מקום מנוחה, האָבן זיי אין זייער אומשולד פאַרבלאָנדזשעט צו די זינדיקע הערצער פון די נידעריקע, די אומווירדיקע, די רשעים, וואָס האָבן די ניגונים פאַרוואַנדלט אין געזאַנגען פון גלוסטונג, פון מוראדי־קער זינד. פון די ניגונים קומען אַרויס די געזאַנגען, וואָס עס זינגען די אויסגעלאַסענע, די שיכורים, די אויסוואורפן, די וואָס זיינען פאַרמשפט אויף שטענדיקן גהינום! זיי, די דאָזיקע זינדיקע נפשות, וואָגן אָפט אין זייער לוסט אַרויסצורייסן אַ הייליקן ניגון פון מויל פון אַ גאָט־געבענטשטן זינגער און זיי פאַראומווירדיקן אים, און זיי דערנידעריקן אים, און זיי פאַרוואַנדלען אים אין אַ געזאַנג פון גאַרער טומאה!"

און דאָ האָט דער רבי זיך צעשמייכלט ווי אַ קינד; אַ פרייד האָט זיך צעשפילט אין זיין שטימע: „אויב אָבער איר דערקענט אַמאָל אַ ניגון אין מויל פון אַ זינדיקן, אַ דערנידעריקטן ניגון, איז וויסן זאָלט איר, אַז טויזנטער מאָל מער קלאַנגען און ניגונים, וואָס זיינען אין זייער ריינקייט אַריינגעפאַלן אין די מיילער פון די זינדיקערס, זיינען געראַ־טעוועט געוואָרן און זיינען געלייטערט געוואָרן און זיינען צוריקגע־בראַכט געוואָרן צו זייער אַמאָליקער ריינקייט, צו זייער הייליקייט. די גרויסע זינגערס פון דורות און דורות צוריק האָבן אַזוי געראַטעוועט אַנבצאָליקע ניגונים. אַזוי האָבן משה און זיין שוועסטער מרים געהיי־

ליקט אַ סך ניגונים, װאָס זײַנען צײַטן לאַנג געלעגן אין די מײַלער, אויף די ליפּן פון די פּאַסטעכער פון מדין; אַזוי האָט דוד המלך גע־שפּילט אויף זײַן האַרפּע, אויף זײַן גתית און ער האָט צוריק געהײליקט אַ סך ניגונים, װאָס די כנענים האָבן פאַראומװירדיקט און אַזוי האָבן מיר אין אונדזערע צײַטן צוריק געבראַכט צו זײער אוראַלטער רײנ־קײט ניגונים, װאָס זײַנען פאַראומװירדיקט געװאָרן."

און דער רבי האָט אָנגעהויבן צו זינגען עפּעס אַ באַקאַנטן געזאַנג, אַ ליד צו װעלכן מ'האָט אין די גאַסן צוגעזונגען זינדיקע װערטער; די חסידים האָבן מיט פײַער, מיט התלהבות מיטגעזונגען מיטן רבין און זײ האָבן דערבײַ געפילט, אַז זײ האָבן אַ חלק אין דער מצוה פון מטהר זײַן אַ ניגון, פון הײליקן אַ געזאַנג, אים צוריקברענגען צו זײַן אַמאָליקער, אורשפּרינגלעכער רײנקײט.

און באַלד האָט דער רבי באַפוילן: „זאָל זײַן ליכטיק!" און די װאָכעדיקײט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין מיטן טאַנצן, אין מיטן זינגען, אין מיטן זיך משמח זײַן און װי דורך אַ כישוף האָט זיך געדאַכט, אַז ערגעץ װאו איז ערשט אָפּגעװישט געװאָרן דער גרענעץ צװישן שבת און װאָך, צװישן בלויז הײליקײט און בלויז װאָכעדיקײט. און ס'איז אַלעמען אַזוי גוט געװאָרן, אַזוי פרײדיק געװאָרן אויפן האַרצן, אַז קײנער האָט נישט געפילט אַפילו קײן מידקײט אין די בײנער; און ס'האָבן די חסידים אָן אויפהער געטאַנצט און געזונגען ביז שפּעט, גאָר שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

---

נאָך יענעם שבת־צו־נאַכטס, דאָס לעצטע מאָל, װאָס ער איז גע־פאָרן צום רבין, איז יוסף געקומען אַהײם און ער איז געװען פול מיט זמירה, מיט נגינה, מיט מוזיק. ער האָט כסדר געזונגען דעם רבינס ניגון; ער האָט אים געזונגען מיט גװאַלדיקער מתיקות. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער הויז װי ער װאָלט געװען אַ פאַרכישופטער. שעהען נאָכאַנאַנד האָט ער כסדר געבאַמקעט, געמורמלט, געפּליסטערט דעם רבינס ניגון. משה־יונה האָט שוין דעמאָלט געװאוסט, אַז זײַן זון איז באַהויכט מיטן רוח הנגינה. דאָס פאָרן צום רבין, זײַן יוספס התלהבותדיק אויפנעמען דעם רבינס ניגון האָבן בלויז באַשטעטיקט דאָס,

וואָס משה־יונה האָט שוין פון פריער געוואוסט. יאָ, זיין יוסף וועט זיין אַ גרויסער זינגער.

אַזוי האָט משה־יונה געטראַכט וואָכן נאָכאַנאַנד ווען ער איז צוריקגעקומען יענעם לעצטן מאָל מיט זיין יוספן פון רבין, אָבער יאָרן פון ליידן, פון יסורים, פון אַנטוישונגען זיינען שוין דורך זינט יענער רייזע צום רבין. ניין, יוסף איז נישט געוואָרן דאָס, וואָס משה־יונה האָט דערוואַרט ער זאָל ווערן. די געזאַנגען און לידער, וואָס זיין יוסף האָט דערנאָך געזונגען, כאָטש זיי זיינען געווען האַרציק־ליב, זיינען נישט געווען יענע ניגונים, וואָס משה־יונה האָט געהאָפט, אַז זיין זון וועט זינגען, פונדעסטוועגן, כאָטש זיין יוספס לידער זיינען משה־יונהן נישט געווען אַזוי טייער, האָט ער דאָך געזען, אַז זיין זון וואַקסט אַ גרויסער זינגער.

אַזוי האָט משה יונה אָפט געטראַכט וועגן זיין יוספן דעמאָלט ווען זיין קינד איז נאָך געווען אינדערהיים; אָבער ווען יוסף איז אַוועק פון דער היים און ער האָט זיך באַזעצט ערגעץ ווייט אויף יענער זייט ים, אין אַ פרעמד, מאָדנעם לאַנד, דעמאָלט איז משה־יונה געווען זיכער ביי זיך, אַז זיין יוסף, וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן פון קוואַל פון לע־בעדיקן יידישן געזאַנג, אויסגעריסן געוואָרן פון דער ערד פון זיין געבוירן, דערוויטערט געוואָרן פון גייסט פון זיין פאָלק, אַז זיין יוסף וועט פאַרגעסן נישט נאָר דעם רבינס ניגון נאָר ער וועט בכלל ווערן אָפּגעפרעמדט פון אַלץ, וואָס איז אים, משה־יונהן, אַזוי ליב און טייער, פון אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט איינפלאַנצן אין זיין קינד. און אָט, זע, אָט ליגט פאַר אים זיין זונס, זיין יוספס בריוו, און אָט, קוק, אויף אַ ווייסן בויגן פאַפּיר איז פאַרצייכנט דעם רבינס ניגון. „גאָט, פאָטער אין הימל, כ'דאַנק דיר, טאַטעניו, פאַרוואָס מיין קינד ווערט נישט פאַר־פרעמדט פון יידישן פאָלק; כ'דאַנק דיר, רבונו של עולם, פאַרוואָס מיין יוספל געדענקט נאָך דעם רבינס ניגון!"

משה־יונהס אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן פון פרייד, ער האָט געהאַלטן דעם בויגן מוזיק אין זיינע טרייסלענדיקע הענט. ער האָט געצערטלט דעם בויגן מוזיק ווי ער פלעגט לעצטנס צערטלען זיין פידל. ער האָט פלוצלונג אָנגעהויבן צו זינגען דעם רבינס ניגון. יאָ, זיין

יוסף האָט פאַרשריבן דעם ניגון און ערשט וועט ער בלייבן אויף דור דורות. „ווי וואונדערבאַר, ווי טייער ס'איז, אַז מ'קען די שפּראַך פון מוזיק, אַז מ'קען שרייבן, שאַפן מוזיק", האָט משה־יונה געטראַכט קוקנדיק אויף די נאָטן פון רבינס ניגון. זיין בענקשאַפט נאָך מוזיק האָט זיך ווידער אויפגעוועקט אין אים מיט דער פולסטער שטאַרקייט. די בענקשאַפט אין אים איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט.

---

און עס זיינען דורך טעג, וואָכן, מאָנאַטן און יאָרן און משה־יונה האָט כסדר געהאָפט, געגלויבט, געבענקט און געוואַרט. ער האָט געבעטן גאָט, אַז ער זאָל אים לאָזן דערלעבן צו הערן, אַז זיין זון יוסף איז געוואָרן עפּעס אַ גרויסער זינגער, אַ שרייבער פון מוזיק אין יענעם ווייטן, פרעמדן לאַנד. זיין האַרץ האָט אים געזאָגט, ער האָט געפילט, אַז זיין קינד מוז ווען עס איז ווערן אַ מעכטיקער, אַ גרויסער זינגער.

און מיט דעם סוד אין זיין האַרץ, מיט דער טרייסט, וואָס האָט געהיילט די וואונדן פון זיין בענקשאַפט, מיט דער האָפנונג אין בוזעם האָט משה־יונה אַרומגעוואַנדערט אין זיינע פרייע שעהען אין די וועלדער, וואָס האָבן באַזוימט די שטאָט. ער האָט געהערט ווי ס'האָבן די גרעזער געזונגען צאַרטע, איידעלע, מעלאָדישע ניגונים פון ליבע; ער האָט געהערט ווי די שפּיצן פון די בוימער האָבן אין זייער שאָקלען זיך גע־ליבט מיט ריטמישע, ליריש־לולודיקע טענער באַגלייט מיטן וויספּערן פון ווינטעלעך, ווי זיי האָבן געלויבט דעם בורא העולם; די שעפּטשענ־דיקע טייכלעך האָבן האַרמאָניש געזונגען אַ געזאַנג פון ליבע און איבערגעגעבנקייט; די מעכטיקע שטראָמען, וואָס פליסן אַרונטער פון די זייטן פון די בערג, האָבן איבערדערציילט מיט געהיימע, פחדיקע קלאַנגען די געשיכטע פון ששת ימי בראשית; די ווירבלענדיקע שטור־רעמס, באַגלייט מיט זייערע פאַרטויבנדיקע דונערן און בלענדנדיקע בליצן, האָבן געזונגען מיט זייערע ברומענדיקע שטימעס דאָס געזאַנג וועגן דעם ווי גאָט האָט זיך באַוויזן צווישן די וואָלקנס פייער און רויך אויפן באַרג סיני. משה־יונה האָט געהערט ווי דער גאַנצער באַשאַף זינגט כסדר און זיין זון יוספס שטימע באַגלייט דאָס שטענדיקע געזאַנג פון דער וועלט. און ער האָט געהערט, און ער האָט באַנומען דעם

מיין פון די הימנען און געזאַנגען. אַ פרייד האָט געקוועלט אין אים. ער איז געווען גליקלעך, כאָטש ער איז שוין געווען זיכער ביי זיך, אַז קיין איינעם פון די פראַקטיקע ניגונים, וואָס די וועלט אַרום אים זינגט וועט ער שוין קיינמאָל נישט קענען פאַרצייכענען מיט קיין ווער־טער פון געזאַנג און קיין איינעם פון די הימנען וועט ער שוין קיינ־מאָל נישט קענען אויסשפּילן אויף קיין מוזיקאַלישן אינסטרומענט. ער האָט בלויז געוואָרט, ער האָט בלויז געוואָלט, אַז די טעג, וואָכן און חדשים זאָלן דורכגיין און ער זאָל שוין דערלעבן צו הערן, אַז זיין יוסף איז געוואָרן דאָס וואָס אים איז זיכער באַשערט צו זיין , צו ווערן.

„ווען וועל איך זען יוספן? ווען וועל איך הערן די גוטע בשורה פון אים?" די פראַגעס האָבן אים לעצטנס געמאַטערט מער ווי שטענדיק. זיי האָבן אים פאַרפּאָלגט די לעצטע פּאָר טעג כמעט אָן אַן אויפ־הער; זיי האָבן אים ספּעציעל ניט געגעבן קיין רו צייט ער האָט דערהאַלטן די גאָר לעצטע בריוו פון זיין זון, די בריוו, וואָס איז געווען געשריבן מיט אַ באַזונדער מליצה, אָבער דאָך מיט וואַרעמע, מיט ליבלעכע ווער־טער. די בריוו איז אַריינגעדרינגען טיף אין משה־יונהס האַרץ; עס איז געווען אַ בריוו געשריבן פון אַ קינד, וואָס בענקט נאָך זיינע עלטערן; ס'איז געווען אַ בריוו פון אַ קינד, וואָס איז מיט ליב און לעבן צוגע־בונדן צו זיינע טאַטע־מאַמע און דער עיקר, עס איז געווען די דער־וואַרטעטע בריוו, די בריוו, וואָס משה־יונה האָט אויסגעקוקט; אויף דער בריוו האָט ער כסדר געוואָרט און געהאָפט, ווייל ס'איז געווען אַ בריוו באַגלייט מיט אַ גאַנצן בוך מוזיק און אויף די טאָוולען פון בוך האָט מען געקענט לייענען מיט בולטע אותיות זיין זון יוספס נאָמען. דאָס בוך איז געווען אַ זאַמלונג פון יוספס ניגונים, וואָס ער האָט פאַר־פאַסט. יעדער ניגון האָט געהאַט ווערטער אויך, מאָדנע ווערטער אַזוי־נע, וואָס קיינער אין שטאָט האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרטייטשן זייער מיין, אָבער וואָס זיינען ווערטער, אומשטיינסגעזאָגט, ווערטער וואָס באַגלייטן אַ ניגון? ווייל נאָכאַלעמען זיינען דאָך ווערטער בלויז דער אויסערלעכער צודעק, דער מלבוש, די שאָלעכץ אין וועלכע די נשמה פון מוזיק ליגט באַהאַלטן. זיין זון יוסף האָט געשאַפן, געשריבן די ניגונים, די מעלאָדיעס, די געזאַנגען, און משה־יונהן האָבן אינטערע־סירט בלויז די געזאַנגען. זיין זון האָט אַליין געשריבן דידאַזיקע ניגונים,

אין דעם ליגט די פאַרפּילונג פון משה־יונהס חלומות. און כאָטש משה־יונה האָט געוואוסט, אַז זיין זון יוסף, וואָס איז אַ פרעמדער אין אַ פרעמד לאַנד, וואָס איז אַ קינד, וואָס איז אָפּגעריסן פון די וואָרצלען, פון דער יניקה פון זיין היים, פון זיין גאַנצן אַרום; כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ער איז דאָרט נישט ווערט אויפצוכאַפּן און קען נישט אויפכאַפּן די הייליקע ניגונים אין זייער ערשטער ריינקייט ווי זיי קומען אַראָפּ פון די הימלישע היכלען פון מוזיק, און זיי זינגען מיט דער שלימות, מיט דער תמימות ווי ס'האָט זיי געזונגען דער רבי ז״ל, פונ־דעסטוועגן האָט זיך משה־יונה געטרייסט, ער האָט געהאָפט, אַז זיינע פרומע אור־עלטערן וועלן אויפן עולם האמת פועלן ביים אַלמעכטיקן, אַז זיין זון יוסף זאָל חלילה נישט פאַרשוועכן קיין איין ניגון, וואָס פאַלט אַריין אין זיין מויל אַריין. ער איז געווען כמעט ווי זיכער, אַז זיין יוסף וועט נישט דערנידעריקן קיין ניגון, וואָס זיין נשמה כאַפּט אויף. און מער ווי שטענדיק האָט משה־יונה געבענקט נאָך זיין זון. ער האָט אים געוואָלט זען, אים געוואָלט הערן זינגען, אים געוואָלט זען שרייבן, פאַרצייכענען אויף דורות און דורות די טענער, די מעלאָדיעס, וואָס כאָטש זיי קומען נישט צו אים אין זייער אורשפּרינגלעכער ריינקייט זיינען זיי דאָך ווערט פאַרצייכנט צו ווערן.

משה־יונה האָט געקוקט אויף זיין זונס מוזיק און ער האָט געפילט, אַז זיין האַרץ אין אים טאַנצט פאַר פרייד. ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז מסתמא אַ זינד זיך צו פרייען דערמיט, וואָס זיין זון, וואָס האָט זיכער אָפּגעווייכט פון די וועגן פון זיינע טאַטעס, וואָס דער זון זייבער שרייבט מוזיק צו מאָדנע, פרעמדע ווערטער, וואָס זיינען ווייט, גאָר ווייט פון די הייליקע ווערטער פון דער תורה, פון אַלץ וואָס אונדזערע חכמים האָבן אונדז געלערנט.

„איך בין ערשט, מיינע טייערע טאַטע און מאַמע, אַ שרייבער פון מוזיק און אַ זינגער אויף די בינעס פון מיין ניי היימלאַנד,״ האָט געשריבן יוסף.

„אַ שרייבער פון מוזיק, אַ זינגער אויף די בינעס״, האָט משה־יונה איבערגעחזרט דעם זונס רייד. ער האָט געפילט אַ מאָדנעם ווייטיק

אין ברוסט־קאַסטן. יאָ, שטאָלץ און ווייטיק, אַ כסדרדיקע שפּיל פון די צוויי געפילן האָבן אָנגעפירט אַ קאַמף אין אים און די געפילן האָבן זיך געמישט מיטן פאַרלאַנג, מיט דער גרויסער בענקשאַפט צו זען זיין קינד, צו הערן זיין זינגען.

אָן אומרו, אַ כסדרדיקער אינערלעכער שטורעם האָט אים פאַרפאָלגט. טאָג איז געקומען נאָך נאַכט און נאַכט האָט נאָכגעפאָלגט טאָג און מורא און פאַרלאַנג האָבן געברויזט און געשטורעמט אין אים אָן אַן אָפּלאָז. ווי אַ שאָטן האָט ער ערשט אַרומגעוואַנדערט אין די וועלדער, אין די פאַרלאָזטע גאַסן פון שטאָט, אין דער חושכניש פון די נעכט און אַלע טענער פון מוזיק האָבן זיך אָפּגעטאָן פון זיינע אויערן. און ליידיקייט האָט געהערשט אַרום אים און אַ פוסטקייט איז געווען אין אים. אַ פאַרטויבנדיקע וועלט, אַ וועלט אויסגעליידיקט פון געזאַנג האָט גע־הערשט אַרום אים. נאָר פון דערווייטנס, פון גאָר ווייט אויף יענער זייט ים, פון דאָרט, פון ערגעץ אַ בינע, פון דער מויל, פון די ליפּן פון זיין זון יוסף, האָבן זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן שוואַכע טענער און קלאַנגען, אַ מאָדנער געמיש פון מוזיק, וואָס משה־יונה האָט בשום אופן נישט געקענט באַנעמען און פאַרשטיין.

און זיין זון יוסף, פונקט ווי ער וואָלט געהאַט אַ פאַרגעפיל, ווי ער וואָלט געוואוסט וואָסער שטורעם עס ברויזט אין זיין פאָטערס האַרץ, האָט געשיקט בריוו נאָך בריוו צו זיינע עלטערן, בריוו אין וועלכע ער האָט זיי געבעטן: „קומט צופאָרן אַהער צו מיר, איר וועט דאָ לעבן אַ פול לעבן, אַ לעבן פון גליק און פרייד, איר וועט אָנ־קוועלן פון דעם כבוד, וואָס מ׳גיט מיר דאָ אָפּ.״

די בריוו האָבן צעשטורעמט משה־יונהס געמיט; זיי האָבן אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט שוין מער נישט געקענט אָפּלייגן. אַפילו די מורא פאַרן נייעם לאַנד, אַפילו דאָס נישט געטרויען דאָס פרעמדע לאַנד, אַפילו דער פחד צו הערן חלילה ווי זיין זון זינגט און פאַר־שוועכט אויף די פרעמדע בינעס די ריינע, הייליקע ניגונים, אַפילו די אַלע מוראס האָבן שוין מער נישט געקענט טאַמעווען דעם שטראָם פאַר־לאַנגען, וואָס האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון משה־יונהס האַרץ.

„דינה טייערע, ווי ס׳ווערט מיין האַרץ צעריסן פון בענקשאַפט

צו זען די קינדער אײדער איך שטאַרב!" האָט משה־יונה גערעדט צו זײן װײב װי יעקב־ישׂראל האָט אַמאָל געזאָגט צו זײנע זין װען ער האָט זיך דערװאוסט, אַז זײן זון יוסף לעבט און איז אַ מושל ערגעץ װאו צװישן די פרעמדע פעלקער אין מצרים.

דינה האָט גוט געקענט איר מאַן. ער האָט איר קײנמאָל פריער נישט געזאָגט, אַז ער איז גרײט צו פאַרלאָזן זײן געבוירנאָרט און פאָרן צו זײנע זין, אָבער זי האָט געזען זײנע אויגן, זײנע רונדע אויגן, װאָס זײנען געװען אין פלאַמען פון בענקשאַפט שטענדיק, װען זײ האָבן געלײענט אַ בריװ, װאָס איז אָנגעקומען פון די קינדער. נײן, זי האָט זיך נישט געװוּנדערט, אַז זײנע ליפּן זאָלן באַשטעטיקן דעם שטילן סוד פון האָפנונג מיט װעלכן זי האָט זיך האָט שוין לאַנג אַרומגעטראָגן. זי האָט בלויז געװאָרט געדולדיק װי אַן איבערגעגעבענע, אַ געטרײע װײב, אַז איר מאַן זאָל איר זאָגן מיט זײן אײגענער מויל, װאָס זײן נשמה האָט איר שוין טויזנטער מאָל פריער דערצײלט.

„איך גײ אויך אויס פאַר בענקשאַפט נאָך מײנע קינדער!" האָט זי שטיל, כמעט שעפּטשענדיק געזאָגט און אַ פּאָר טרערן האָבן זיך אַראָפּ־געקײקלט איבער אירע באַקן, װאָס כאָטש זײ זײנען שוין געװען טיף אײנגעפאַלן האָבן זײ פונדעסטװעגן נאָך געטראָגן אויף זיך שטאַרקע סימנים פון איר אַמאָליקער צניעותדיקער שײנקײט.

משה־יונה האָט זיך צוגערוקט נאָענט, גאָר נאָענט צו זײן װײב. ער האָט איר אַרומגענומען, ער האָט איר, װי אין זײן יוגנט, געהאַלדזט און ער האָט געשעפּטשעט צו איר מיט ציטערנדיקע ליפּן: „אונדזער יוסף, װי דער הײליקער יוסף, דער זון פון יעקב, װעמען די ברידער האָבן פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט קײן מצרים, אונדזער יוסף האָט געשיקט נאָך אונדז. ער װיל מיר זאָלן קומען אין דעם װײטן, פרעמדן לאַנד. יעקב־ישׂראל, גאָטס אויסדערװײלטער זון, דער פאָטער פון אונדזער פאָלק, װאָס איז געװען פרומער און גאָטספאַרכטיקער װי איך קען האָפן װען עס איז צו זײן, האָט אים פונדעסטװעגן די בענקשאַפט צו זען זײן קינד געטריבן צו פאַרלאָזן זײן הײם און אַראָפּצונידערן אין דעם לאַנד פון די געצנדינערס. איז אויב אונדזער פאָטער יעקב האָט אַזױ געקאָנט טאָן איז פאַרװאָס זאָלן מיר, נידעריקער װי גרעזער אין פאַר־

גלייך מיטן פאָטער יעקב, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט טאָרן אַראָפּנידערן אין דעם ווייטן, פרעמדן לאַנד צו זען אונדזערע קינדער אײדער מיר שטאַרבן? פאַרוואָס זאָלן מיר נישט פאָרן אין יענעם לאַנד, וואָס איז זיכער נישט אַזאַ געצנדינעריש לאַנד ווי מצרים איז געווען, זיך צו פרייען מיט אונדזערע קינדער?"

צוויי גרויסע טרערן זיינען געשטאַנען אין משה־יונהס אויגן בעת ער האָט געשטאַרט אין די ווייטקייטן פון רוים. ער האָט געהערט ווי אין אַ חלום זיין ווייבס שטימע, אַ שטימע, וואָס האָט געגלעט און געצערטלט, אַ שטימע אַזוי איידל ווי אַ ווינטעלע אויף אַ פעלד, ווי אַ שטיל ווינטעלע איבער די קעפּלעך פון ניי־געבוירענע גרעזער: „מיר וועלן פאָרן, משה־יונה, מיר וועלן זען אונדזערע קינדער; מיר וועלן זיי אי"ה זען גאָר אינגיכן".

משה־יונה האָט געהערט אין זיין דינהס שטימע, אין איר שעפּטשענדיקן צוזאָג, אַ ריינעם, הייליקן, אָן אורשפּרינגלעכן ניגון, אַ ניגון וואָס איז געווען ענלעך צום ניגון וואָס ער האָט געהערט פון דער מויל, ניין, פון די טיפענישן פון דער נשמה פון זיין רבין. און די וועלט איז אויף אַ פּאָר מינוט אָנגעפילט געוואָרן מיט ימען מוזיק, און די מוזיק איז אַריינגעדרונגען אין משה־יונהס האַרץ, אין זיין נשמה, און ער איז געווען פול מיט פרייד. און ווען ער איז אַוועק אויפן בית־עולם זיך געזעגענען מיט זיינע עלטערן און זיידעס האָט ער געשוואוירן אויף זייערע קברים, אַז אַזוי ווי משה רבנו איז געראַטעוועט געוואָרן פון וואַסער פון טייך נילוס, און אַזוי ווי יונה איז געראַטעוועט געוואָרן פון בויך פון וואַלפיש אַזוי וועט ער משה־יונה, זיך שיצן און ראַטעווען פון די נייע וועגן, פון די מנהגים פון לעבן וואָס וועלן אים וועלן פאַרפירן, וואָס וועלן אים לאָקן ער זאָל אַפּווייכן פון די וועגן פון זיינע זיידעס, זיינע עלטערן.

---

און משה־יונה איז אַוועק פון לאַנד פון זיין געבוירן. און ס'האָט אים אַ שיף געטראָגן אויף די רוקנס פון די ברויזנדיקע כוואַליעס און כאָטש דער ים האָט געברומט און געשטורעמט האָט משה־יונה אין שטורעמען פון ים געהערט אַ מעכטיקן הימן, אַ לויב־געזאַנג, וואָס דער

ים־אָרקעסטער האָט אויסגעשפּילט אונטער דער באַגלייטונג פון די ווינטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין רוים. ווי אַ חלום איז די רייזע דורך פאַר משה־יונהן און פאַר זיין ווייב דינהן, ווי אַ לולודיקער חלום אין אַ פרילינג־נאַכט אַזוי איז דורך דער וועג; משה־יונה האָט פאַרגעסן אַלע מוראס, וואָס האָבן אים געמאַטערט איידער ער איז אַוועק פון דער היים; די בענקשאַפט נאָך זיינע קינדער, נאָך זיין זון יוסף האָט אים פאַרשלונגען; ער איז געזעסן אויף דער שיף און ער האָט געשטאַרט אין די וויטקייטן, דאָרט אַהין וואו זיין זון איז, וואו ער איז באַרימט ווי אַ גרויסער שאַפער פון מוזיק, און איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט האָט ער פאַר זיך דערזען די ערד, דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, דאָס פרעמד, דאָס וייט לאַנד וואו זיינע קינדער וואוינען.

---

ווי אַן אַלטער שטאַם מיט זיין געוועב פון וואָרצלען, וואָס ציען זיך וייט און טיף אין דער ערד וואו דער בוים איז פאַרפלאַנצט געוואָרן, אַזוי איז משה־יונה געווען פאַרוואָרצלט אין דער ערד פון זיין געבורט; קיין שטורעם האָט אים נישט געקענט אויסרייסן פון דער ערד; קיין זאַך האָט אים נישט געקענט שטערן ער זאָל גיין אין די וועגן פון זיינע פאָטערס; פון יעדער אויפטרייסלענדיקער געשעעניש אין זיין לעבן איז ער אַרויס גאַנץ, גאַנץ און רעכטפערטיק, גאַנץ אין גלויבן און גאַנץ אין גוף. זיינע דאגות, זיינע זאָרגן, זיינע דורכפאַלן האָט ער געקענט איבערטראָגן, לייכטער אָדער אַמאָל שווערער, דאָרטן, אין יענעם לאַנד, אויף יענער ערד וואו ער איז געבוירן געוואָרן, וואו ער איז דער־צויגן געוואָרן, וואו ער האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן לאַנג.

אמת, דאָס ניי לאַנד, דאָס לאַנד וואו זיין זון יוסף איז באַרימט געוואָרן, דאָס לאַנד האָט אים אויפגענומען מיט ברייטע, אָפענע אָרעמס; ס'האָט אים באַגריסט מיט כל טוב; אמת, אַז דאָס טרעפן זיך מיט די קינדער, מיט די אייניקלעך איז געווען אַ גרויסע פרייד, איז געווען אַ באַלזאַם, אַ היילונג פאַר זיין צעבענקטער נשמה, פונדעסטוועגן, האָט משה־יונה דערפילט אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר באַטרעטן די ערד וואו זיין זון האָט אים געוואָלט אויף דער עלטער איבערפלאַנצן, אַז אין דער דאָזיקער נייער ערד וועט ער קיין וואָרצלען נישט שלאָגן. ער האָט

געפילט ווי זיינע איבערגעפלאַנצטע וואָרצלען זיינען געבליבן ליגן נאַקעט אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד און אַז די פרעמדע, קאַלטע, בייזע ווינטן שמייסן און רייסן זיי אומברחמנותדיק. ער האָט באַלד געוואוסט, אַז זיינע צווייגן וועלן מער נישט בליען; ער האָט געזען ווי זיי הייבן אָן צו פוילן און טרוקענען. ער האָט געזען ווי די עלטער קריכט אויף אים מיט שנעלע טריט און זי פאַרצערט אים איידער ער האָט נאָך צייט זיך אָנצוזעטיקן מיט דער פרייד פון זיין ווידער צוזאַמען מיט זיינע קינדער. יאָ, ער האָט טאַקע אַראָפּגעניִדערט אין דעם לאַנד אַריין כדי צו זען זיין זון און ערשט איז געקומען פאַר אים די צייט צו שטאַרבן.

משה־יונה איז אָפּט געזעסן און האָט זיך צוגעהערט צו זיין זונס זינגען, האָט געהערט זיין קינדס לידער, וואָס זיינען געוואָרן באַרימט פון איין עק לאַנד ביזן אַנדערן. ווען נאָר ער האָט געהערט זיין זון זינגען האָט ער פּרובירט אַנטדעקן, געפינען עפּעס אַ פונק, אַן אָנדייטונג, אַ שטיקל שייכות צווישן זיין זונס געזאַנג און די ניגונים, וואָס דער רבי האָט געזונגען. אָבער זיין מי האָט אויסגעזען צו זיין אַן אַרויסגעוואָרפענע; מאָדנע, גאָר מאָדנע מעלאָדיעס און טענער האָבן זיך געטראָגן פון זיין זונס ליפּן; געזאַנגען, וואָס משה־יונה האָט גאָר־נישט געקענט באַנעמען.

„צו וואָס זינגט ער זיי, וואָס מיינען זיי, וואָס איז זייער באַטייט?" האָט זיך משה־יונה געפרעגט אין גרויס פאַרצווייפלונג. „זיינען דאָס ניגונים, וואָס האָבן אַראָפּגעשוועבט פון די הימלשע הייכן אין זייער אורשפּרינגלעכער ריינקייט און זיין זון יוסף האָט זיי אויפגעכאַפּט און ער האָט זיי פאַרשוועכט מיט זיין גאָט־געבענטשטן טאַלאַנט, מיט זיין לויטערער שטימע? אָדער אפשר זיינען דאָס גאָר אַזוינע געזאַנגען, וואָס נישט ער און נישט דער רבי זיינער האָבן וועגן זיי געהערט, ניגונים, וואָס זיינען ביי זייער געבוירן ווערן באַשטימט געוואָרן צו דערפרייען די הערצער פון די, וואָס קענען נאָר אויפנעמען אַזוינע מעלאָדיעס, וואָס כאָטש זיי זיינען פון אַ נידעריקער מדרגה, האָבן זיי אין זיך דאָך אַ סך שיינקייט, אַ סך רייכקייט, גאָר אַ סך ריטמישע קלאַנגען?"

משה־יונה האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ. ער האָט פּרובירט פאַר־שטיין דעם סוד פון זיין זונס גרויסקייט, פון זיין רום, פון זיין שעפערי־

שער קראַפּט, פון זיין קוואַל פון געזאַנג. ער האָט געפילט ווי ער ווערט עלטער פון מינוט צו מינוט. „אַלמעכטיקער גאָט, פאָטער אין הימל", האָט ער זיך געבעטן, „העלף מיר באַנעמען דיינע וועגן. העלף מיר פאַרשטיין מיין זון און דעם שטראָם נגינה אין אים; דו, רבונו של עולם, דו האָסט דאָך מיין קינד מסתמא אַריינגעגעבן אָט דעם גרויסן כוח הנגינה, אָט דעם מעכטיקן קוואַל מוזיק!" ער האָט גערעדט צו גאָט; ער האָט זיך כסדר געבעטן ביי גאָט: „עפן מיינע אויערן, פאָטער אין הימל, זאָל מיין האַרץ קענען באַנעמען די ניגונים, וואָס פאַלן ווי טוי־טראָפּנס, ווי באַלזאַמען אויף די אויערן פון די, וואָס באַוואונדערן מיין קינדס געזאַנגען, די געזאַנגען, וואָס בלייבן פרעמד און אומפאַרשטענדלעך פאַר מיר. ווייל, טאַטע אין הימל, ס'איז דאָך נישט מעגלעך, אַז אַ קינד אַזאַ ווי מיין יוסף, וואָס היט אַזוי היילק אָפּ דיין געבאָט פון כבד את אביך ואת אמך, אַז אַזאַ קינד, וואָס איז פון דיר אַליין אַזוי אויסדערוויילט געוואָרן צו זיין אַזאַ מין פּראַכטיקער זינגער, אַזאַ מין שאַפער פון מוזיק, אַזאַ מין שרייבער פון לידער, וואָס זיינען אפשר גאָר געווען באַשטימט צו זינגען דיין לויב, אַז אַזאַ קינד ווי מיין יוסף זאָל האָבן געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט כדי מיט זיין גרויסן טאַלאַנט צו פאַרשווענכן, פאַראומווירדיקן, דערנידעריקן די ניגונים, וואָס זיינען איידל האַרץ, זיין נשמה כאַפּט אויף אין רוים!"

„זאָג מיר, פאַרטייטש מיר, דערקלער מיר, פיר מיר, גאָט אין הימל, מאַך מיר קלאָר דיינע וועגן איידער איך שטאַרב!" האָט משה־יונה תפילה געטאָן, האָט משה־יונה זיך געבעטן ביי גאָט איינמאָל אין אַן אָוונט ווען ער איז געזעסן אין זיין זון יוספס גראַמער סאַלע, אַ סאַלע אין אַ הויז, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו אַ טיפן טאָל וואו אַ גרויסע מאַסע וואַסער איז געפלאָסן, אַ וואַסער וואָס האָט זיך גערופן דער טייך האַדסאָן; דער טייך האָט זיך זילבערדיק־קלאָר געצויגן צו די ימען, וואָס האָבן געפירט דאָרט אַהין פון וואַנען משה־יונה איז געקומען. זיצנדיק אַזוי אין זיין זונס רייכער הויז האָט משה־יונה געפילט ווי די כוחות לאָזן זיך אים אויס.

זיין זון יוסף, מיט אַ רונדן, הויכן שטערן ווי זיין זיידע דער חזן האָט געהאַט, איז אַריינגעקומען אין סאַלע. זיינע גרויסע, פינקלענדיקע,

טיפע אויגן ווי דער ים, אויגן וואָס האָבן געצערטלט ווי אַ ווינטעלע אַ פרישס, די אויגן האָבן פאַרשנדיק און מיט שרעק געקוקט אויף משה־יונהן, וואָס איז געזעסן איינגעקאָרטשעט אין זיך אין דער ווייכער פאָטער־שטול.

„וואָס איז דיר, טאַטע?״ האָט זיין צאַרטע שטימע געפרעגט. די פראַגע האָט משה־יונהן אויפגעוועקט פון זיין מאָדנער פאַרטראַגנקייט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט נאָרוואָס געהערט אַ יינגלשע, אַ קינ־דערשע שטימע, די קינדערשע שטימע פון זיין שטיפערישן יוסף.

„וואָס האָסטו געפרעגט, מיין קינד?״ האָט משה־יונה געזאָגט און ער האָט מיט שטוינונג געקוקט און געזען פאַר זיך זיין גרויסן, זיין דערוואַקסענעם זון יוסף, וואָס איז שוין אַ טאַטע פון קינדערלעך גאָר. יוסף האָט זיך צוגעזעצט נאָענט לעבן טאַטן. ער האָט פאַרלייגט אַן אָרעם אַרום טאַטנס אַקסל.

„וואָס קען איך עפעס טאָן, טאַטעשי, דו זאָלסט נישט זיין אַזוי פאַראומערט?״ האָט ער געפרעגט מיט אַזאַ צאַרטקייט, וואָס האָט שיער נישט צעשמאָלצן משה־יונהס האַרץ.

משה־יונה האָט זיך אויסגעגלייכט אין זיין שטול און ער האָט געבעטן מיט אַ שוואַכער שטימע: „כ׳בעט דיר, מיין זון, אויב דו קענסט, אויב ס׳איז נאָר מעגלעך, זאָג מיר, וואָס איז די באַדייטונג, וואָס איז דער צוועק פון דיינע לידער און ניגונים, וואָס דו שאַפסט, כאַפּסט אויף, שטעלסט צוזאַמען אָדער שאַפסט איבער, בויעסט איבער פון יענע מעלאָדיעס און טענער, וואָס שוועבן אַרום אין רוים פון דער וועלט?״

משה־יונה איז געווען פאַרמאַטערט, מיד, אויסגעשעפּט. ער האָט שוין פריער אַ סך מאָל געוואָלט פרעגן זיין זון די פראַגע, וואָס איז געלעגן אויף זיין דערדריקט געמיט ווי אַ שווערע שטיק בליי, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געקענט צונויפנעמען גענוג מוט צוצורופן זיין קינד און אים פרעגן די פראַגע, וואָס וואָלט אפשר געקלונגען נאַריש אין זיינע אויערן; נייך, נישט נאָר האָט ער ביז ערשט נישט געהאַט קיין מוט צו פרעגן די פראַגע נאָר די פראַגע איז קיינמאָל פריער נישט געווען אַזוי קלאָר, אַזוי גענוי ווי ערשט. ערשט האָט די פראַגע זיך פאָרמו־לירט אַזוי פשוט, אַזוי פראָסט, אַזוי פאַרשטענדלעך.

זיין זון יוסף איז געשטאַנען נאָענט לעבן אים ווי אַ תּלמיד שטייט פאַר זיין רבין. זיין זונס שטערן איז געווען געפאַלדעוועט. זיין יוספס אויגן זיינען געווען טיפער געזונקען אין זייערע שלעסער ווי שטענדיק; אַ מאָדנער גלאַנץ איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיי; זיי זיינען געווען ווי צוויי פונקען פייער. זיין געדאַנק האָט אויסגעזעזן צו וואַנדערן ערגעץ אויף די וועגן פון וייטן אַמאָל. און באַלד האָט ער ווי אין אַ חלום אָנגעהויבן צו ריידן מיט זיין לויטערער שטימע: „טאַטע מיינער, מיין רבי, וואָס פון דיר האָב איך געירשנט מיין ליבע צו מוזיק!” ער האָט אין שטילשווייגן זיך געווישט די טרערן פון די אויגן און ער האָט פאַר־געזעצט: „ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין קינד, אַ ייִנגל, פלעגסטו מיר אָפט מיטנעמען צום רבין אין הויף, צו דיין רבין, צו מיין רבין אין הויף אַריין. איך פלעג הערן דעם רבין זינגען מיט ליבע, מיט פייער, מיט התלהבות, מיט זיין גאַנץ האַרץ. איך פלעג זיצן צוגעטוליעט צו דיר און הערן ווי דו פלעגסט מיטזינגען מיטן רבין. איך פלעג אויך שטיל נאָכזינגען. און איינמאָל, ס׳לעצטע מאָל וואָס מיר זיינען געפאָרן צום רבין, איידער דער רבי איז נפטר געוואָרן, האָט ער געזונגען זיין פראַכטיקסטן, זיין הייליקסטן געזאַנג, זיין טיפסטן ניגון. עס איז געווען שבת בין השמשות. עס איז געווען דעמאָלט ווען די מלכה שבת האָט געהאַלטן ביים פאַרשווינדן ווערן, ווען דער שבת. נאָך וועלכן איך בענק נאָך ביז היינט צו טאָג מיט מיין גאַנצן זיין, ווען דער שבת האָט זיך געהאַלטן ביים אָפּטאָן פון אונדז. יענעם שבת פאַרנאַכט האָט דער רבי אין מיטן זינגען זיך אָפּגעשטעלט און האָט געזאָגט מיט כמעט די ווערטער: „אָן געזאַנג וואָלט חלילה די וועלט פאַרזונקען געוואָרן אין אומעט, אין יאוש, אין עצבות. געזאַנג איז דאָס ליכט פון דער וועלט. געזאַנג איז באַשאַפן געוואָרן צו דערהויבן די נשמה. דורך דער התלהבות פון נגינה דערהייבן מיר זיך אַזש ביזן כסא הכבוד; מיר ווערן נאָענט מיט גאָט ברוך הוא. אונדזער פאָטער אין הימל האָט ליב געזאַנג!”

משה־יונה האָט געהערט זיין זונס רייד און ווי דורך אַ וואַנט האָט ער ערשט געהערט נישט דעם קול פון זיין קינד נאָר די שטימע, די הייליקע קלאַנגען פון זיין רבינס מויל. זיין זון האָט ווייטער געצויגן דעם געדאַנק, וואָס דער רבי האָט דעמאָלט אַרויסגעבראַכט; און ער האָט

געזאָגט: „דער רבי האָט דעמאָלט געזונגען אַ ניגון, דעם ניגון, וואָס מיר האָבן אָפט געזונגען אין הויז צוזאַמען אין יענע ווייטע טעג, דעם ניגון, וואָס איך האָב מיט נאָטן פאַרצייכנט און דיר געשיקט אַהיים מיט יאָרן צוריק, דעם ניגון, וואָס איז דער כסדרדיקער קוואַל פון מיין שאַפן, וואָס איז די מוטער פון אַלע מיינע לידער און ניגונים, וואָס איך שרייב און זינג צו דערפרייען די הערצער פון די מענטשן, וואָס וואוינען דאָ אין מיין ניי, אַדאָפּטירט לאַנד. זיי, די איינוואוינער פון דעם־אָ לאַנד זיינען אויך גאָטס קינדער. זיי וואָלטן חלילה אויך פאַר־זונקען געוואָרן אין די תהומען פון יאוש און עצבות אויב גאָט וואָלט זיי נישט געשיקט קיין נגינה, קיין געזאַנג!"

יוסף האָט זיך אָפּגערוט. ער האָט אָפּגעגעצט זיינע פאַרטרוקנטע ליפּן און ער האָט פאָרגעזעצט: „די וועגן, ביי־וועגן און סטעזשקעס, וואָס פירן צו גאָט קענען זיין זיג־זאַגיש, קענען זיין פאַרשיידן, אָבער דער ציל און דער צוועק צוליב וועלכן מענטשן לאָזן זיך אַרויס אויף די שליאַכן צו זוכן גאָט זיינען פאַר אַלע כמעט די זעלביקע; עס איז דאָס ציען זיך, דאָס בענקען, דאָס וועלן קומען אַלץ נעענטער און נעענ־טער צום הערשער פון דער וועלט, צו גאָט ברוך הוא; ס'איז דער ווילן צו וועלן געפינען חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פון אַלמעכטיקן, דעם פאָטער פון אַלע מענטשן־קינדער. דער ריטם, די פאָרם, די מע־לאָדיע פון מיינע געזאַנגען קענען קלינגען גאַנץ אַנדערש ווי עס האָט געקלונגען די אורשפּרינגלעכע מעלאָדיע, דער ריינער, דער הייליקער ניגון, ווי דו, פאָטער, רופסט אים אָן. אָבער די באַזע, דער אינהאַלט פון מיין געזאַנג, די טיפע וואָרצלען פון מיין נגינה זיינען די זעלביקע, קומען פון זעלביקן קוואַל פון וואַנען עס זיינען געקומען דעם רבינס ניגונים, וואָס דו, טאַטע מיינער, האָסט געזונגען!"

יוסף איז געווען אָנגעשפּאַרט אין דער שטול וואו זיין טאַטע איז געזעסן. משה־יונהס אויגן האָבן אין שטוינונג געקוקט אויף יוספן. יוסף האָט שטאַרקער אַרומגענומען זיין טאַטן. ער האָט אים צוגערוקט נאָענט צו זיך און ער האָט געזאָגט:

„די מענטשן פון דעם־אָ לאַנד, פון מיין לאַנד, זיי דערפרייען זייער האַרץ, זייערע נשמות מיט געזאַנג, וואָס ווערט געזונגען אין ריטם פון

מיינע ניגונים, וואָס איך שאַף, אָדער שטעל צוזאַמען פאַר זיי. זיי פאַר־טרייבן זייער עצבות און טרויער דורך די ניגונים און געזאַנגען, וואָס זיינען באמת די אַלטע, די ריינע, די הייליקע ניגונים, וואָס גייען איבער פון איין בחינה אין אַן אַנדער בחינה. מיין זינגען פאַר זיי אין די נייערע ריטמען דינט אויף אַזאַ אופן די זעלביקע צוועקן ווי ס'האָבן געדינט אַמאָל דאָרט דעם רבינס ניגונים, דעם זיידנס חזנות און דיין זינגען, פאָטער מיינער!"

יוסף האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און ער האָט צוגעגעבן: „איך האַלט, פאָטער מיינער, אַז זינגען, געזאַנג וועקט אויף אין מענטשן זיינע אורשפּרינגלעכע פיינקייטן, זיינע צאַרטע, זיינע באַטירלעכע איידלקייטן, וואָס ליגן פאַרבאָרגן אונטער די געדיכטע שיכטן זאָרג און דאגות, אונ־טער דער גראָבער הויט פון האַרטקייט, וואָס איז אָנגעוואַקסן אויף אים אין זיין כסדרדיקן קאַמף צו קענען עקזיסטירן. לידער זיינען ווי אַ באַלזאַם פאַרן מענטשנס נשמה און זיי צעשמעלצן דעם מענטשנס האַרץ; זיי רופן אין אים אַרויס דאָס מענטשלעכע גוטע. איך וויל זען דעם מענטשן אין זיין ווייכקייט, אין זיין צאַרטקייט, אין זיין צושטאַנד פון התלהבות, פון דערהויבנקייט, פון עלית הנשמה. דערפאַר זינג איך פאַר זיי, דערפאַר פאַרוואַנדל איך דעם רבינס, אונדזער רבינס, צאַרטע, נשמה־דיקע ניגונים אין נייע געזאַנגען, אין נייע ריטמען מיט וועלכע צו דער־הויבן די נשמות און ווייך צו מאַכן די הערצער פון די מענטשן צווישן וועלכע איך לעב. זיי, פאָטער מיינער, ווי די חסידים אַמאָל, דאַרפן אויך האָבן די געזאַנגען פון אונדזער רבין. איך טייטש אויס פאַר זיי אין זייער שפּראַך, אָט די דאָזיקע געזאַנגען און ניגונים, וואָס דער רבי האָט איינגעוואָרצלט אין מיר".

און אַזוי ווי יוסף האָט געענדיקט ריידן האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען דעם ניגון, וואָס דער רבי האָט אַמאָל געזונגען יענעם שבת בין השמשות; פּלוצלונג האָט ער דעם ריטם פון ניגון געענדערט, פאַרטוישט אויף אַ נייעם, אַ שנעלערן, זיין אייגענעם ריטם; ס'איז פון רבינס ניגון געוואָרן אַ ניי געזאַנג, יוספס אַ געזאַנג. באַלד האָט ער אויך דעם געזאַנג פאַרוואַנדלט אין אַן אַנדערן, אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ קייט ניגונים און געזאַנגען, ניגונים, וואָס משה־יונה האָט ערשט דערקענט,

ניגונים אין וועלכע משה יונה האָט געהערט די עכאָס, די ווידער־קלאַנגען פון רבינס באַרימטן ניגון, פון רבינס געזאַנגען. און ער האָט צעעפנט ברייט די אויגן און די וואַנט, וואָס איז געשטאַנען צווישן אים און צווישן דער וועלט פון זיין זונס מוזיק איז מיטאַמאָל איינגע־פאַלן ווי עס זיינען איינגעפאַלן די ווענט פון יריחו. און מיליאַנען טענער און ניגונים, אַ געמיש פון רבינס זינגען און זיין קינדס לידער, אַ הארמאָניע פון געזאַנג האָט געשוועבט אין רוים. און די גאַנצע וועלט האָט ווידער געזונגען; אַ מעכטיקער כאָר, אַן אָרקעסטער האָט גע־שפּילט אַ גאַמע פון פאַרשיידענע ריטמען; פאַרשיידענע פאָרמעס, פאַרשידענע ניגונים האָבן זיך פאַרוועבט איינער אין אַנדערן און זיי האָבן זיך אַלע געהויבן צו די הייכן, צו די הימלען. די וועלט איז פול געוואָרן מיט אַ הימן, אַ לויב־געזאַנג צו גאָט ברוך הוא.

און משה־יונה האָט שטאַרק געדריקט זיין זונס האַנט און ער האָט אים געצערטלט, און ווי יעקב, און ווי רחל, וואָס האָבן גערופן זייער זון בנימין, בן־אוני, זון פון מיין פּיין, פון מיין צער, פון מיין זאָרג און אַפילו פון מיין טויט, אַזוי האָט משה־יונה גערופן זיין זון: „מיין טייערער, מיין יוסף, מיין בנזמרתי, זון פון נגינה, פון געזאַנג, פון אייביקן זינגען.״

טאַטע און זון זיינען געזעסן אַרומגעאַרעמט; זיי זיינען געזעסן און זיי האָבן שטיל געזונגען דעם ניגון, וואָס זייער רבי האָט לאַנג, לאַנג צוריק געזונגען יענעם אומפאַרגעסלעכן שבת ביי שלש־סעודות, שבת בין השמשות, צווישן דער הייליקייט פון אָוועקגייענדיקן שבת און דער קדושה פון די ששת ימי בראשית.

# די שטאָט אויף זיבן בערג

**פירשט** דאָן כוליאַן, דער הויפּט פון די שפּאַ־ נישע אַרמייען אויפן דרום פראָנט, איז געשטאַנען לעבן אַלטן בריק וואָס שפּאַנט דורך דעם טאַגוס. לעבן אים איז געשטאַנען זיין דינער כאַסינטאָ און האָט געהאַלטן די ציימלען פוןביידע פערד, דעם צעפּרייכטן, פאַר־ שוימטן קאַליסטאָ און זיין אייגן פערדל, שוין דאָס דריטע, וואָס ער האָט אויפן וועג געטוישט ער זאָל קענען מיטהאַלטן מיט זיין באַלעבאָס.

„וואָס זאָל איך טאָן מיט קאַליסטאָן, סעניאָר?“ האָט ער מיט אַ ציטערדיקער שטימע געפרעגט דאָן כוליאַנען.

„נישט קאַליסטאָ, ס'געהערט, וואָס מ'זאָגט דיר, גולם, וואַמבאַ הייסט ער, וואַמבאַ! פיר אים אַוועק ווייט הינטער דער שטאָט און לאָז זיך אים פּאַשען אויפן גראָז. וואַרט אויף מיר אַרום פאַרנאַכט צייט ביים בריק.“

פירשט דאָן כוליאַן האָט גענומען זיין דינערס פערדל ביים ציימל און מיט אים אַרויפגעשפּאַנט אויפן בריק. ער האָט געטראַכט ביי זיך, אַז ס'איז געווען אַ פיינער איינפאַל אַ נאָמען צו געבן זיין פערד וואַמבאַ אנשטאָט אים צו רופן קאַליסטאָ. ביי אים האָט עס געהייסן, אַז ער נעמט שוין נקמה אין די פרעמדע הערשער, די זיידעס פון ראָדריגאָן. זייערע ווילדע נעמען פּאַסן זיך מער פאַר פערד ווי פאַר מענטשן. ער האָט איבערגעזאָגט דאָס וואָרט וואַמבאַ און ס'האָט אים געקלונגען פרעמד און מאָדנע. ער האָט זיך ערשט דערמאָנט צו וואָס ער איז אייגנטלעך געקומען קיין טאָלייטאָלאָ און אַ העליש פייער האָט זיך ווידער צעצונדן אין זיינע אינגעווייד. ער האָט געשווינד געדרייט זיינע וואָנסעס און זיי געשלעפּט ביי די שפּיצן, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט אויסרייסן מיט די וואָרצלען.

אַ לויטערער פרימאָרגן האָט געגאָסן צעברעס גאָלד אויף די נאַקעטע רוקנס פון די גראַניט־פעלזן, וואָס האָבן ווי אַ גאַרטל פון שטיין באַ־

זוימט דעם האָריזאָנט אַרום טאָלייטאָלאַ. פון צווישן די שטיינער האָבן אַרויסגעקוקט אויסגעצערטע צווייגן און ברוין־געלע ווילדע געוויקסן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי די שטיינער אַרום זיי.

דאָן כוליאַן איז געגאַנגען איבערן בריק און צו זיך אַליין גערעדט, זיך געבעטן, זיך צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך פּאַרגיטיקן פאַרן פאַר־ברעכן, וואָס דער הון איז באַגאַנגען קעגן אים. ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט אין מיטן בריק און זיך אָנגעשפּאַרט אין פּאַרענטש. צום ערשטן מאָל האָט ער ערשט באַמערקט, אַז דער טאַגוס, זיין באַליבטער טייך, פליסט אונטער אים. אַ מאָדנע בענקשאַפט האָט אים באַנומען צו טאָן אַ שפרונג אַריין אין די אייז־קאַלטע וואַסערן פון טייך און ווי אַמאָל, אין זיינע יונגע יאָרן, זיך אַ שפּיל טאָן מיט די ברויזנדיקע כוואַליעס, וואָס ווערן צעשמעטערט פון די פעלזיקע ברעגן, וואָס רינגלען אַרום דעם טייך. ער האָט געוואָלט אָפּקילן דאָרט זיינע צעקאָכטע בלוטן, וואָס האָבן געשלאָגן ווי מיט האַמערן אין זיינע אָנגעשוואָלענע שלייפן. איבער די כוואַליעס פון טייך האָבן זיך געהוידעט רויטע פאַסן ליכט. פון דער טיפעניש פון טאָל וואו דער טאַגוס האָט זיך געצויגן האָבן דער־גרייכט צו דאָן כוליאַנס אויערן מוראדיקע געשאַלן, ווייטיקדיקע געשרייען. דער טאַגוס האָט ערשט אויסגעזען אין דאָן כוליאַנס אויגן ווי אַ גיגאַנ־טישער שלאַנג, ווי עפּעס אַ פאַנטאַסטישע חיה, וואָס דרייט זיך און רייסט זיך מיט אַלע כוחות און וויל זיך באַפרייען פון די קלאַמערן פון די פעלזן, וואָס ווילן איר דערשטיקן. ווי אָפענע וואונדן, ווי שטראָמען בלוט פון אַן אויפגעשניטן שטיק לייב, אַזוי האָבן אויסגעזען די פאַסן ליכט אויפן רוקן פון די כוואַליעס. דער טייך האָט זיך געשליידערט, געוואָרפן, געשטורעמט און געברומט און אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף דאָן כוליאַנען.

נאָך קיינמאָל האָט דאָן כוליאַן נישט געזען זיין „פאָטער טאַגוס" זיין אַזוי צעבייזערט ווי דעם פרימאָרגן. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער אַראָפּגיין פון בריק, נאָר ער האָט געוואַרט, אַז וואָס מער פויערים פון די אַרומיקע דערפער, וואָס מער סוחרים פון די אַרומיקע שטעט זאָלן זיך באַווייזן אויפן בריק וועט ער צוזאַמען מיט זיי קענען אַריינפאָרן אומבאַמערקטערהייט אין שטאָט אַריין.

טאָליטאָלא איז געלעגן אויף אירע זיבן בערג איינגעהילט אין באַגייסטערנדיקער שטילקייט. איבער דער שטאָט, אויפן רוקן פון העכסטן באַרג, האָט געוואַכט דער קעניגלעכער פּאַלאַץ, דער שלאָס פון ברוינעם גראַניט, וואָס קעניג וואַמבאַ, דער גרעסטער גאָטישער הערשער פון שפּאַניע, האָט אויפגעבויט. דער שלאָס האָט אויסגעזען ווי אַ מעכטיקע אָדלער־נעסט אויפן שפּיץ פון אַ משופּעדיקן באַרג. נישט ווייט פון ברעג פון טאַגוס איז געשטאַנען אַ קיילעכדיקער טורעם, געבויט פון טונקל־גרויע פעלזן מיט פענצטערלעך ווי אויגן פון אַ העלפאַנט.

נישט איינמאָל איז דאָן כוליאַן געזעסן אין דעם טורעם מיטן קעניג ראָדריגאָ און אַרויסגעקוקט דאָ צו דער וועגא, צום פרוכטבאַרן פּליין אין צפון זייט פון שטאָט און אָט זיינען זיי צוגעגאַנגען און געקוקט צום ברויזנדיקן טאַגוס. זיי זיינען אָפּט געזעסן און געשמועסט וועגן דער שטענדיקער געפאַר, וואָס לויערט איבערן לאַנד, וועגן דער געפאַר פון אַ בערבערישער אינוואַזיע. ראָדריגאָ האָט זיך שטענדיק אויסגעלאַכט פון דער געפאַר. ער האָט בעסער ליב געהאַט צו זיצן און קוקן אויפן טייך און זען ווי נאַקעטע פרויען פּלושקען זיך אין וואַסער פון ברויזנ־דיקן טייך. דורך די קליינע פענצטערלעך אין טורעם האָט מען געקענט זען דעם גאַנצן ברעג פון טייך. קיינעם פון די, וואָס האָבן זיך געבאָדן איז גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז מ׳זיצט ערגעץ וואו און מ׳באַטראַכט זיי.

עס פלעגט גאַנץ אָפט טרעפן, אַז קעניג ראָדריגאָ איז געזעסן מיט אים ביים פענצטערל, וואָס קוקט אַרויס צום הייל אויף יענער זייט טייך און דערזעען אַ יונגע, אַ צאַפּלדיקע מיידל מיט אַ געטאָקטן קערפּער, פלעגט ער זיך איינעסן אין איר מיט זיינע ברענענדיקע אויגן און פאַרשווינדן פון טורעם אויף אַ פּאָר מינוט. ער פלעגט באַלד צוריק־קומען און מיט אַ זאַפטיקער מויל רעדן אַ סך נאַרישקייטן אויפן חשבון פון דער מיידל, זיך אַנטשולדיקן פאַר דאָן כוליאַנען, אַז ער דאַרף טאָן עפּעס וויכטיקע שטאַט־אַרבעט און אַוועקגיין מיט שטייפע טריט אין זיין ספּעציעלן שלאָף־צימער, וואָס ער האָט געהאַט אין טורעם. דאָן כוליאַן האָט אים שטענדיק פאַרגעבן זיין גראָבע האַנדלונג. ער האָט געוואוסט אַז ראָדריגאָ איז אַן אויסגעלאַסענער יונג, וואָס יאָגט זיך נאָך פרויען. „אַ יונג אַ שטאַרקער, אַ געזונטער ווי אַן אָגער, איז זאָל ער

זיך פּאָרן מיט אַזויפיל קי וויפל ער קען קריגן, ווערט אַרויסקומען אַ געזונטער דור בהמות," האָט דאָן כוליאַן געטראַכט. אָבער, אַז ער, דאָן כוליאַן, זאָל אַליין זיין דער קרבן פון די פענצטערלעך, אַז זיין פלאָרינדא, זיין איין־און־איינציקע טאָכטער ווען ער האָט געהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, זי זאָל באמת האָבן געווען נאָך אַ קו אין די שטאַלן פון דעם וואַנדאַל, דעם הון, דעם גאָטישן באַרבאַר ראָדריגאָ, דאָס איז אים גאָר קיינמאָל אויפן זינען אַפילו נישט געקומען.

דאָן כוליאַן האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט ביים האַרץ ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס האַרץ זאָל נישט טאָן אַ שפּרונג אַרויס פון ברוסט־קאַסטן. מיט צאָרן האָט ער געברומט צום טייך: „מיין טאָכטער, מיין פלאָרינדאָ האָט ער געזען דורך איינעם פון יענע פענצ־טערלעך און איר פאַרשלעפּט אין זיין זינדיקן קאַמערל, אָט דער פרעמדער באַרבאַר, דער זון פון די ווילדע הונען־שבטים. אַ פריינט איז ער געווען מיינער! איך, פירשט דאָן כוליאַן, וואָס פאַרטיידיק מיט מיין בלוט די דרום פראָנטן פון שפּאַניע און האָב מיט מיין גאַנצער מאַכט ביז היינט אָפּגעהיט די טויערן פון לאַנד קעגן די הונגעריקע מחנות באַרבאַרן, וואָס רייסן זיך צו אונדזער פרוכטבאַר לאַנד ווי עס רייסן זיך שטראָמען וואַסער דורך אַ שפּאַרע אין אַ דאַמבע; איך, היטער פון שפּאַניע, זאָל פאַר מיינע גרויסע דינסטן באַלוינט ווערן מיט אַזאַ פאַרראַט קעגן מיר! דו, זון פון די לענדן פון די ווילדע אַטילאַס! ווי דיינע זיידעס, די באַרבאַרישע הונען אַזוי וועסטו און דיינע בוזעם־פריינט נאָך צוריקגע־יאָגט ווערן אין די וועלדער אַריין, דעם פלאַץ פון וואַנען איר זייט געקומען און וואו איר האָט שטענדיק געדאַרפט זיין!"

נאָכאַמאָל איז דאָן כוליאַן איבערגעגאַנגען אין געדאַנק די נקמה פּלענער, וואָס ער האָט פאַרמירט. אים האָט הנאה געטאָן, וואָס ער האָט זיי אַלע אָפּגעוואָרפן; אמת, זעטיקן זיך מיטן בלוט פון ראָדריגאָן וואָלט געווען אַ זיכערער און באַלדיקער מיטל פון נקמה, אָבער וואָס וואָלט עס אויפגעטאָן פאַרן לאַנד, פאַר שפּאַניע? גאָרנישט אַן אַנדער גאָטישער הערשער, נאָך איינער פון די בלאָנד־האָריקע, פרעמדע הונען וואָלט באַשטיגן דעם טראָן און דאָס שלעכטס וואָלט ווייטער אָנגעגאַנגען אין לאַנד ווי ביז אַהער. דער נקמה־אַקט מוז זיין אַ ברייטערער, אַזאַ

וואָס זאָל צוגיין צום וואָרצל פון אַלע צרות אין שפּאַניע. גערעכט זיינען געווען די אַלטע היסטאָריקער, וואָס האָבן געזאָגט וועגן די ווילדע הונען, די וואַנדאַלן, וואָס לעבן ווי ווילדע חיות אין די וועלדער און זייער לוסט איז נאָר מאַכט און בלוט. דוכט זיך, אַז דער רוימישער צעזאַר קלאַדיוס האָט געוואָרנט דער וועלט, אַז אָט די בלאָנד־האָריקע גערמאַנישע שבטים זיינען ווי די ווילדע געוויקסן אויף די רוקנס פון די בערג. אומעטום וואַקסן זיי אויס, זיי מערן זיך און פאַרשפּרייטן זיך איבער דער גאַנצער וועלט און כדי פון זיי פטור צו ווערן איז נישט גענוג זיי פּשוט אויס־צורייסן, זיי מיט די פיס צוצעטרעטן, ניין, דאָס וועט נישט העלפן; זיי מוז מען אויסראָטן, אויסוואָרצלען פון דער ערד און די וואָרצלען פאַר־זיכטיק פאַרברענען. קיין זכר טאָר פון זיי נישט בלייבן. די וועלט וועט נישט זיין זיכער מיט קיין רו אויב מ׳וועט איינמאָל פאַר אַלע מאָל נישט פאַרניכטן די בלאָנדע פעסט מיט איר וואָרצל.

יאָ, וויזט אויס, אַז דער גורל איז געפאַלן אויף אים, אויף דאָן כוליאַנען אָנצוהויבן די הייליקע פאַרניכטונג אַרבעט. ער וועט שוין זען, אַז דער אָנהויב זאָל זיין אַ גוטער און דערפאָלגרייכער!

מיט אַ פלאַטערדיקער האַנט האָט ער אַרויסגענומען זיין טאָכטערס בריוו. צום הונדערטסטן מאָל האָט ער זי געלייענט און נאָך אַלץ נישט געקענט גלויבן זיין טאָכטערס ווערטער. ער האָט געקוקט אויף די קליינע אותיהלעך און באַמערקט אין דער פרימאָרגנדיקער ליכטיקייט, אַז די אותיהלעך זעען אויס ווי שלענגעלעך. זיג־זאַגיש זיינען זיי געשריבן. ער איז געלאָפן איבערן בריוו מיט ברייט־צעעפנטע אויגן:

„...רוף איך צו אייך, מיין פאָטער, נישט איר זאָלט זיך אָננעמען פאַר מיר, נאָר פאַר אייער כבוד, פאַרן כבוד פון דער גאַנצער פאַמיליע, פאַר זיי, מיין פאָטער, נעמט נקמה פון דעם, וואָס האָט מיך פאַרשעמט. אייער פלאָרינדאַ לאַ־קאַוואַ".

ער האָט די בריוו פאַרשטעקט אין קעשענע. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער וועט ניט זען זיין טאָכטער כל זמן ער וועט זיך נישט נוקם זיין אין ראָדריגאָן, ניין, נישט אין ראָדריגאָן נאָר אין זיין גאַנצן שטאַם, די גאָטישע הערשער פון לאַנד, וואָס האָבן חוץ מלחמה, רויבעריי, האַס פון איין טייל פון דער באַפעלקערונג קעגן דעם אַנדערן טייל

נישט געבראַכט. עס איז שוין לאַנג צייט געווען מ׳זאָל פון זיי פטור ווערן.

ער האָט גאָר נישט באַמערקט ווי דער בריק איז געוואָרן פול מיט פויערים, פערד און וועגענער. אייזלען באַלאָדענע מיט פאַרשיידענע סחורות האָבן זיך פויל געשלעפּט איבערן בריק אין שטאָט אַריין צום מאַרק. מיט ליימענע קרוגן, מיט פלאַקס, מיט הינער האָבן זיך פויערטעס געצויגן. און סוחרים מיט וועגענער אָנגעפּאַקטע, באַדעקטע מיט ברעזענטן זיינען אין געאייל געפאָרן און געטריבן די פאַרמאַטערטע פערדלעך.

דאָן כוליאַן האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד און איז באַלד פאַרמישט געוואָרן מיט דער מחנה פוס־גייער און רייטער. אויפן שטויביקן וועג, נאָענט ביי דער וואמבאַ־וואַנט, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע צפון־זייט פון שטאָט, אַזש ביזן טייך טאגוס, האָט זיך געצויגן דער המון ווי צו אַ הייליקער פּראָצעסיע. וואָלקנס שטויב האָבן זיך געהויבן צו די הייכן. די גרויע, מאַסיווע פעלזן־וואַנט אַרום שטאָט האָט שטום און סודותדיק באַטראַכט די פאַרבייגייער. באַרג־אַרויף, העכער און העכער צו די רוקנס פון די בערג האָט זיך געשלענגלט דער וועג.

אויף דער וועגאַ, ביים אַריינגאַנג דורכן הויפּטטויער פון שטאָט, איז אויף אַ פּעדעסטאַל געשטאַנען אַ געקרייציקטער הילצערנער יעזוס. אויף זיין אָרעם האָט זיך געזעצן אַ טיפער שפּאַלט, ווי אַ שניט אין לייב פון אַ מענטשן. דאָן כוליאַן, ווי אַ סך פון די, וואָס זיינען געגאַנגען קיין טאָלייטאָלאָ, האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן צולם און געקניט פאַר גאָטס זון און אים געבעטן ער זאָל אים העלפן נעמען נקמה פאַר די זינד פון גאָט־לעסטערער, דעם באַרבאַר ראָדריגאָ. ער האָט דערזען די וואונד אין לייב פון יעזוסן און אַ ציטער איז דורך זיין קערפּער. ער האָט זיך דערמאָנט די מעשה, וואָס זיין באָבע האָט אים אָפט דערציילט וועגן דעם קריסטוס פון דער וועגאַ. יעדעס וואָרט איז אים ערשט געקומען אויפן געדאַנק: יאָ, אַ ייד, איינער פון די מיט וועמען ער גרייט זיך ערשט צו שליסן אַ בונד קעגן דעם אַנטיקריסט ראָדריגאָ, אַ ייד האָט עס געמאַכט אַ וואונד אין הייליקן לייב פון יעזוסן. גרויס

און קליין אין טאָלייטאָלאַ ווייסן די מעשה מיטן קריסטוס פון דער וועגא, אָבער צום שענסטן האָט עס דערציילט זיין באָבע. קניענדיק לעבן גאָטס זון האָט ער ערשט דייטלעך געהערט איר שטימע. זי האָט טאַקע באמת געגלויבט, אַז דער ייד לאַזאַר האָט געוואָרפן אַ שטיין אין הייליקן געקרייציקטן און געמאַכט דעם וואונד אין זיין לייב פון וואַנען שטראָמען בלוט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן גלייך דעם יידן אין פנים אריין. מיט פרייד האָט זי שטענדיק געענדיקט די מעשה, אַז דער ייד לאַזאַר האָט שטאַרק חרטה געהאַט אויף זיין זינד און איז דערנאָך געוואָרן אַ פרומער קריסט. כאָטש דאָן כוליאַן האָט ווי אַ קינד געגלויבט, וואָס זיין באָבע האָט אים דערציילט האָט ער אָבער אין זיינע עלטערע יאָרן זיך אויס־געלאַכט פון דער שיינער לעגענדע. ערשט אָבער, אַז ער האָט געדאַרפט די הילף פון גאָטס זון קעגן שונא פון לאַנד האָט ער מיט פחד געטראַכט, אַז יעזוס מוז אוודאי געדענקען וועד ס'האָט אים געמאַכט דעם וואונד און וועט נישט געבן זיין צושטימונג, אַז אַ גוטער קריסט זאָל שליסן אַ בונד מיט די יידן, זיינע פאַרלייקענער.

דאָן כוליאַן האָט געזוכט אַן עצה ווי אַזוי צו געווינען דעם קריסטוס פון דער וועגא אויף זיין זייט. ער האָט אים פרובירט איינרעדן, אַז אַט באַלד, אַזוי שנעל ווי ער וועט נאָר באַזיגן די גאָט־לעסטערער וועט ער שוין זען, אַז אַלע יידן פון שפּאַניע, ספּעציעל די יידן פון טאָלייטאָלאַ, זאָלן ווערן אמתע גלויביקער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די יידן פון טאָלייטאָלאַ זיינען בכלל גאָר נישט פון יענע יידן, וואָס האָבן אַ וועלכע עס איז שולד אין דער קרייציקונג פון גאָטס זון. פאָטער כוליאַ אַלוואַ־רעס האָט פאַר אים געלייענט, שוין מיט אַ צייט צוריק, אַן אַלטן לאַטיי־נישן דאָקומענט, וואָס די יידן פון טאָלייטאָלאַ האָבן געשריבן צו זייערע דאַמאָלטדיקע ברידער אין ירושלים, אַז זיי זאָלן יעזוסן נישט קרייציקן ווייל זיי קענען נאָך דערנאָך חרטה האָבן אויף דעם. ער געדענקט נאָך אַפילו אַ סך זאַצן פון יענער בריוו: „ער איז אַ פיינער און רואיקער מענטש. ער חברט זיך מיט די אָרעמע און דערשלאָגענע. ער טוט קיינעם קיין שלעכטס נישט נאָר בלויז גוטס". האָבן געשריבן די יידן פון טאָלייטאָלאַ. זיי האָבן אַפילו געוואָרנט זייערע ירושלימער ברידער: „זייט פאָרזיכטיק, ברידער, ס'קען זיין, אַז משיח איז שוין געקומען און איר האָט אים נישט אויפגענומען. מיר עצה'ן אייך (כאָטש איר זייט

קלוגע לייט מיט אַ סך װיסן), אַז איר זאָלט לאַנג נאָכקלערן אײדער איר גײט טאָן אַזאַ זאַך (אים הרגענען) װײל גאָט פֿון ישׂראל איז אין כּעס אױף אײַך און װעט אײַך נאָכאַמאָל פֿאַרטרײַבן פֿון לאַנד און פֿאַרװיסטן אײַער צװײטן בית־המקדש".

אמת איז, אַז דאָן כוליאַן האָט נישט געהאַט קײן שטאַרקן גלױבן אין דעם דאָקומענט. ער האָט אַפֿילו אָפֿן געזאָגט פּאָטער כוליאַ אַלװאַ־רעס, אַז די בריװ זעט אים אױס צו זײַן די אַרבעט פֿון אַן אַפּעריסט, װײל באמת װי קומט עס, אַז אַ בריװ, װאָס איז געשריבן געװאָרן מיט אַזױ פֿיל הונדערטער יאָרן צוריק קײן ירושלים זאָל זיך געפֿינען דאָ אין שפּאַניע און פֿון װאַנען איז זי אַרײַנגעפֿאַלן צו אים, צו פּאָטער אַלװאַרעסן אין האַנט. אָבער ערשט, קניענדיק פֿאַרן קריסטוס פֿון דער װעגא איז די בריװ געװען גאַנץ נוצלעך אים צו באַװײַזן װי פֿײַן און אײדל די יידן פֿון טאָלײטאָלאַ האָבן זיך שטענדיק באַצױגן צו אים, איז צו װאָס זיך גריבלען אין אמת פֿון דער בריװ? אַ פֿאַקט איז דאָך, אַז די יידן פֿון דער שטאָט װאױנען שױן דאָ פֿון אַ סך הונדערטער יאָרן, זײַנען זײ דאָך אין ירושלים געװיס נישט געװען בעת מ'האָט גאָטס זון געקרײציקט, מעג ער דאָך מיט זײ שליסן אַ בונד קעגן די, װאָס דאַרפֿן זײַן די קינדער פֿון דער הײליקער קירכע אָבער װאָס זײַנען באמת אָנהענגער פֿון אַ גלױבן, װאָס איז פֿרעמד די לערן פֿון יעזוסן, אַ גלױבן, װאָס פּרעדיקט האַס און רױב.

דאָן כוליאַן האָט געהאַלטן פֿאַרריסן די אױגן צום קריסטוס פֿון דער װעגא און האָט קלאָר געזען װי אַ שמײכל פֿון צושטימונג שפּילט זיך אױף זײַן פּנים. אַ דערמוטיקטער האָט ער זיך אױפֿגעהױבן פֿון דער ערד און זיך אַװעקגעלאָזט אין שטאָט.

**
*

דער דרײ־עקיקער מאַרק אין צענטער פֿון שטאָט איז שױן געװען באַלאַגערט מיט טישן, מיט נידעריקע געשטעלן און מיט בײדלעך. סחורות פֿון גאַנץ שפּאַניע, פֿון אַזיע, פֿון אַפֿריקע זײַנען געלעגן אין הױפֿנס אױף די געשטעלן און טישן. בײַכיקע סוחרים מיט רױטע פּנימער האָבן מיט הײזעריקע קולות אױסגערופֿן זײערע סחורות צום פֿאַרקױפֿן און די פּרײַזן פֿון זײ. װעבער פֿון קוענקאַ, פֿון סעגאָװיאַ האָבן צעלײגט זײערע

גרינע, רויטע און בלויע טיכער געמאַכט פון טייערסטע פעדים. די באַרימטע געווער־מייסטערס פון טאָלייטאָלא האָבן געפּאָכעט מיט בלאַנקעדיקע שווערדן געמאַכט פון פיינסטן שטאָל, וואָס איז געוואָרן געוואַשן און געאיידלט אין די וואַסערן פון טאַגוס און זיי האָבן קונציק באַוויזן ווי שאַרף זייערע מעסערס זיינען. יידן מיט לאַנגע בערד האָבן צעוויקלט שטיקער זיידנס און הויך אויף אַ קול געריימט זייער שיינקייט; יידן מיט אומעטיקע אויגן זיינען געשטאַנען ביי טישן מיט צירונג: פּערל, קרעלן, רינגען און שיינעדיקע בראַזלעטן אויסגעאַרבעטע אין מורסיא און אנדאַלוזיע; אַנדערע יידן זיינען געשטאַנען אַרום געשטעלן באַלייגטע מיט געווירצן און בשמים, מיט מירן־זאַפט פון אָריענט. שוואַרץ־הויטיקע אַראַבישע טעפּער זיינען געזעסן מיט די פיס הינטער זיך אַרום שטויסן מיט טעפּ, מיט שיסלען, מיט קרוגן און וואַזעס. פּויערים פון קאַסטיליען, בידעריקע מיט פלינקע אייגעלעך, זיינען אַרומגעגאַנגען זוכן מציאות; הויכע, אויסגעצויגענע סוחרים פון אַראַגאָן מיט ערנסט־פאַרטראַכטע פּנימער האָבן אויסגערופן זייערע סחורות, געשריען און פאַרבעטן צו זיך די קונים.

דאָן כוליאַן האָט זיך געשטופּט מיט די עלנבויגנס צווישן דער מאַסע ליאַרמדיקע סוחרים און קונים און געזוכט. וואו ער האָט נאָר דערזען אַ טיש לעבן וועלכן עס איז געשטאַנען אַ ייד מיט אַ רויטלעכער באָרד מיט צוויי שאַרפע שפּיצן, האָט ער זיך פלינק אַהין דורכגעריסן און אים דורכגענומען מיט זיינע שפּיזיקע אויגן. ער האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן אומרואיק. „אפשר איז עפּעס געשען מיט בענאַדירן?" האָט ער אַ טראַכט געטאָן. „קען זיין, אַז ער איז גאָר קראַנק. דאָס וואָלט אוודאי געווען שלעכט. עס וואָלט געמיינט, אַז מיר וועט נאָך אויסקומען צו גיין אויף דער יידן־גאַס אים טרעפן; וואָלט עס זיכער געוואָרפן אַ חשד אויף מיר." ער האָט דערהערט אַ באַקאַנטן קול. לעבן אַ וואַנט ביים שאַרפסטן שפּיץ אין דריי־עק פון מאַרק, האָט ער דערזען אַ ביידל פון גוטן ברעזענט באַצירט מיט סטענגעס, בלומען, בלעטער און אַנדערע געוויקסן. אין ביידל איז געשטאַנען בענאַדיר. זיין רויטלעכע באָרד האָט זיך שוין געגרויט ביי דער אונטערשטער ליפּ. מיט אַ קלאָרן קול האָט ער אויסגעזונגען זיינע סחורות און דערביי זיך געשפּילט מיט די שפּיצן פון זיין באָרד. ווי ער וואָלט געלערנט פון אַ ספר אַזוי האָט ער

געזונגען: „זאַלבן, באַלזאַמען, גראָזן אַלערליי צו היילן וואונדן, אָפּצו־שפּרעכן אַן עין הרע, סגולות צו קינדער האָבן, רפואות צו פּאַרטרייבן מרה שחורה, קמיעות, מעדאַליאָנען; אַלץ, אַלץ, וואָס איז נויטיק די נשמה אין גוף צו דערהאַלטן קריגט איר ביי מיר."

דאָן כוליאַן איז געשטאַנען פון דערווייטן און אָנגעקוקט דעם זינגענדיקן בענאַדיר און געשמייכלט הינטער די וואָנסעס. ער האָט גוזען אויף בענאַדירס שטערן די טיפע פאַלדן און באַמערקט ווי זיינע אויגן וואָס קוקן ערגעץ וואו, האָבן גאָר קיין שייכות נישט מיט דעם וואָס זיין מויל זאָגט. „ווער וויס, וואָס דער בענאַדיר טראַכט ערשט בעת ער רופט אויס זיינע סחורות פון וועלכע ער אַליין האַלט גאָר נישט." ער איז צוגעגאַנגען צוםביידל און האָט אָנגעהויבן צו זוכן און נישטערן צווישן די אָנגעוואָרפענע קמיעות. ער האָט אויסגעקליבן אַ בייטעלע פון צווישן די סגולות קעגן אַ גוט אויג. בענאַדיר איז געשטאַנען און כסדר אויס־געזונגען זיינע סחורות. ער האָט זיך אַלעמאָל אויסגעבויגן צום טיש און אָנגעוויזן זיין קונה, דאָן כוליאַנען, אויף אַן אַנדער מציאה און ווידער געזונגען. דאָן כוליאַן האָט באַטראַכט דאָס בייטעלע, געקוקט אויף בענאַדירן און אים געפרעגט: „וואָס איז דאָ אין דעם בייטעלע, יידישער סוחר?"

„זאַלץ, פעפער, טשוועקעלעך, צעריבענע גלאָז, טייוול פינגער און—"
בענאַדיר האָט פון אַ ווינקל פון אויג אַ קוק געטאָן אויף דאָן כוליאַנען און אָנגעהויבן צו שטאַמלען. דאָן כוליאַן האָט אויפגעהויבן די אויגן צו אים און אַ זאָג געטאָן: „יאָ, נו, טייוול־פינגער." „דאָן כוליאַן? — ציגן קלאָען; קויפט דאָ קמיעות!"

„וויפיל וועסטו רעכענען, יידישער סוחר? כ'וויל איך זען באַלד ביי בעניודען אין שענק. — זאָל זיין מיין זון צו רפואה — זייער וויכטיק, בענאַדיר. ביז גאָר וויכטיק, געמאַכט?"

„כ'וועל זיין — קמיעות, סגולות — ביי בעניודען, מיין טייערער פירשט".

דאָן כוליאַן האָט גענומען דאָס זעקעלע, וואָס ער האָט אויסגעקליבן און איז אַוועק אין דער ריכטונג פון בעניודעס שענק.

:: :: ::

אין אַ הינטערשטן צימער אין בעניודעס ווײַן־שענק איז געזעסן דאָן כוליאַן און איבערגעפּורעמט אין קאָפּ די ווערטער און פראַזן, וואָס ער האָט זיך געהאַט אײַנגעחזרט אַנצוהויבן דעם געשפּרעך מיט בענאַדירן. ער איז געווען שטאַרק צופרידן מיט זײַנע קלוגע אײַנפאַלן און מיט די פײַנע באַווײַזן, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט צו קענען איבערצײַגן בענאַדירן ווי וויכטיק עס איז, אַז אַלע יידן פון טאַלייטאַלאַ זאָלן זיך פאַראייניקן מיט אים אין זײַן הייליקן קאַמף. מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט אויף בענאַדירן, דעם געלערנטסטן און וויכטיקסטן יידן פון טאַלייטאַלאַ.

איידער ער האָט צײַט געהאַט זיך אַרומצוקוקן איז מיט אַ פּאָר־כאַפּטן אָטעם אַרײַנגעקומען בענאַדיר. דאָן כוליאַן איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַ וואַרעמען שמייכל און מיט אויסגעשטרעקטע הענט: „אייער קומען אַהער זאָל ברענגען מיט זיך גליק פאַרן יידישן פאָלק, וואָס ווערט אומזיסט געטראָטן אונטער די פיס פון די גאָטישע באַרבאַרן און באַפרייאונג פאַר די אמתע שפּאַניער, וואָס זײַנען די שקלאַפן פון פרעמדע הערשער און באַצווינגער." האָט דאָן כוליאַן געזאָגט האַלטנדיק בענאַדירס האַנט שטאַרק אײַנגעקלאַמערט אין זײַנער. ער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ שטול און אים געבעטן זיצן. בענאַדיר האָט זיך אַוועקגעזעצט און צונויפגעצויגן די אויגן אַזוי, אַז פון די גרויסע, טיפע, קײַלעכדיקע אויגן האָבן זיך געזען בלויז שמאָלע שפּעלטעלעך. דורך די שפּעלטעלעך האָבן אַרויסגעקוקט בענאַדירס פאַרשנדיקע אויגן. ער האָט גלײַך פון דער באַגריסונג, וואָס דאָן כוליאַן האָט אים געגעבן, פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. אמת איז, אַז צײַט ער האָט געהערט, וואָסער פאַרברעכן ראָדריגאָ איז באַגאַנגען קעגן פירשט דאָן כוליאַנס טאָכטער האָט ער זיך באַלד אָנגעהויבן פאַרצושטעלן וואָס אַזוינס עס קען ערשט פאַרקומען אין לאַנד. דער הייס־בלוטיקער שפּאַניער, פירשט דאָן כוליאַן, ביי וועמען דער „פון ד'האָנאָר" שטייט העכער ווי גאָט אַליין, דער דאָן כוליאַן וועט אַזאַ באַליידיקונג נישט אַראָפּשלינגען גלאַט אַזוי. געמיינט האָט ער, אַז דאָן כוליאַן וועט דורך בלוט זוכן אָפּצומעקן דעם שווידערלעכן פלעק אויף זײַן פאַמיליע, מסתמא אַ דועל מיטן פרויען־פרעסער ראָדריגאָ. ערשט אָבער האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ מער ערנסטן ענין. דאָס

וואָס דאָן כוליאַן וויל אין זיין נקמה־אַקט אַריינגעמען די יידן פאַר זיינע העלפער מיינט געוויס אַ נקמה פון אַ גאָר גרויסן פאַרנעם.

כאָטש אין צימער איז נישט געווען הייס, פונדעסטוועגן האָט בענאַדיר זיך באַגאָסן מיט שווייס אַזוי שנעל ווי דאָן כוליאַן האָט נאָר אָנגעהויבן צו רעדן. בענאַדיר האָט פאַר העפלעכקייט בלויז קוים געקענט אַרויסזאָגן אַ פאָר ווערטער: „זאָלן די אמתע שפּאַניער און מיר יידן, געטרייע בירגער פון לאַנד, דורך אייער ריטערישער האַנט טאַקע אויפגעריכט ווערן.״ ער האָט געטאָן אַ שווערן זיפץ און באַלד צוגעגעבן: „און טאַקע גיך אויך״.

דאָן כוליאַן האָט געשלונגען די ווערטער וואָס בענאַדיר האָט אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל האַרץ. ער האָט אים אָנגעקוקט און געטראַכט: מיינט עס, הייסט עס, אַז מיר פאַרשטייען זיך ביידע קלאָר און דייטלעך. הייסט עס, אַז בענאַדיר איז גרייט אײדער איך האָב נאָך אָנגעהויבן צו רעדן. פונדעסטוועגן מוז מען דעם ענין מאַכן גאַנץ קלאָר אַזוי, אַז עס זאָל קיין שום מיספאַרשטייעניש נישט זיין.״

ער האָט געטאָן אַ פאָר הוסטן גלאַט אַזוי און אַ צופרידענער פון פײַנעם אָנהויב האָט ער אָנגעהויבן זיין איינגעחזרטע רעדע מיט געציילטע ווערטער רואיק און געלאַסן:

„מיין טייערער, איבערגעגעבענער און געטרייער פריינט בענאַדיר״.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געטראַכט, אַ כאַפּ געטאָן אַ וואָנסע אין האַנט אַריין און איר אימפּעטיק אַ פאָר מאָל אַ דריי געטאָן ווי ער וואָלט איר געוואָלט אַרויסרייסן פון דער אויבערשטער ליפּ. באַלד האָט ער גענומען די אַנדערע וואָנסע און איר שוין מיט מילדקייט אַ דריי געטאָן און זיך דערפילט גאָר פריי. ווי ער וואָלט גערעדט מיט זיך אַליין מיט אַזאַ טאָן האָט ער זיך געווענדט צו בענאַדירן: „די שטאָט טאָלייטאָלאַ, איינע פון די עלטסטע שטעט אין שפּאַניע, געהער לויט נאָך אַלע רעכטן צו די, וואָס וואוינען אין איר פון די אור־אַלטע צייטן, צו די יידן און צו די שפּאַניער. כ׳בין זיכער, מיין וואויל־געלערנטער בענאַדיר, אַז אייך איז גוט באַקאַנט, אַז נאָך אין די צייטן פון גרויסן און קלוגן יידישן הערשער קעניג שלמה האָבן שוין שיפן מיט סחורות געשניטן די וואַסערן פון מיטללענדישן ים צו די ברעגן פון דער אַלטער קאָלאָניע תרשיש״.

מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָט בענאַדיר אָנגעקוקט דאָן כוליאַנען און אומגעדולדיק געוואַרט, אַז דאָן כוליאַן זאָל שוין צוקומען צום הויפּט פּונקט, נאָר דאָן כוליאַן האָט זיך נישט געיאָגט. ער האָט געוואָלט אויסנוצן זיין גאַנצע צוגעגרייטע רעדע.

„נו, איז ווייסט איר דאָך געוויס, מיין חשובער בענאַדיר", האָט ער פאַרגעזעצט „אַז די גרויסע יידישע סוחרים האָבן זיך אין דעם דעמאָלט־דיקן דערפל תרשיש באַזעצט, געבויט הייזער, געפלאַנצט וויינגערטנער און נאָכן אָפּוואוינען דאָרט אַ שיינע פּאָר הונדערט יאָר (און נאָכדעם ווי די צען שבטים זיינען פון נבוכדנצרן פאַרטריבן געוואָרן פון זייער הייליק לאַנד און דאָ זיך באַזעצט אין מאַסן) האָט די ווירדיקע יידישע קהילה באַשיינט אונדזער שטאָט מיטן נאָמען וואָס זי טראָגט היינט, טאָליטאָלאַ, אַ נאָמען גענומען פון דער הייליקער ביבל־שפּראַך, תולדות, וואָס האָט געמיינט צו זאָגן, אַז שוין פון דורות און דורות האָבן יידן דאָ געוואוינט. אַ גליקלעכער צופאַל געווען פאַרן פאָלק פון דער הייליקער ביבל אויסצוקלייבן אָט די זיבן בערג איבערן טאַגוס פאַר זייער מקום מקלט."

„געבענטשט איז דער אַלמעכטיקער פאַר זיין גנאָד, וואָס ער פאַר־לאָזט נישט זיינע דערשלאָגענע קינדער פון פאָלק ישראל", האָט בענאַ־דיר צוגעגעבן פאַררייסנדיק די אויגן צום הימל.

„געבענטשט זאָל זיין דער פאָטער, דער זון און דער הייליקער גייסט," האָט דאָן כוליאַן געזאָגט מיט געמאַכטער פרומקייט „איז מיין איך עס קעגן דעם: איר יידן, גרינדער און בויער פון דער שטאָט און מיר שפּאַניער, אוראַלטע איינוואוינער פון לאַנד, מיר האָבן יאָרן און יאָרן געלעבט אין ברידערלעכער ליבע, אַפילו אין די שטורמישע טעג פון דער רוימישער הערשאַפט; נאָענט ווי איין פאָלק זיינען מיר זיך געווען, ביז די ווילדע רויבער באַנדעס, די וואָס האָבן פאַר־ניכטעט די רוימישע אימפּעריע, ביז די ווילדע גערמאַנישע שבטים זיינען געקומען און באַצוואונגען אונדזער לאַנד און אונדז געמאַכט פאַר זייערע שקלאַפן."

אַ טיפער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון בענאַדירס האַרץ. זיינע אומעטיקע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו זיין ברוסט. ער האָט זיי

געלאָזט רוען אויף דער קיילעכדיקער געלער לאַטע, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ קראַנקע לבנה אין אַ חושכדיקן הימל." דערנידעריקט און באַליידיקט ווערן מיר. דעם ביסן פון מויל רייסט מען אונדז אַרויס. אונדזער לעבן איז אַ שפּילצייג אין די הענט פון אויסגעלאַסענע יונגען," האָט ער געזאָגט שוין מיט ווייטיק, מיט טיפן פּיין ווי ער וואָלט זיך דורכגעשמועסט מיט זיינעם אַ חבר.

אַ פרייד האָט זיך געשפּרייט אויף דאָן כוליאַנס פּנים. ס'האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס ער האָט אָנגערירט די ריכטיקע סטרונע ביי בענאַדירן. ער האָט זיך דערפילט געהויבן און געשטאַרקט. מיט פייערלעכקייט האָט ער ערשט ווייטער געצויגן זיין פריערדיקן געדאַנק. „ווי איין פאָלק, ניין, ווי איין גרויסע משפחה האָבן מיר געלעבט, ווייל מיר שפּאַניער, אמתע קריסטן, קינדער פון גאָט פון ישראל און פון זיין אויסדערוויילטן זון, אויך אַ ייד, זיינען מיטן האַרצן און מיט דער נשמה דאַנקבאַר די יידן פאַרן גלויבן, וואָס זיי האָבן אונדז געגעבן. זיינען צו אונדזער אומגליק געקומען אָט די הונען און געבראַכט מיט זיך אַ נייעם גלויבן, אַ גלויבן, וואָס פּאַסט זיך צו צו זייער אַרט לעבן, צו זייערע באַרבאַרישע פּרינציפּן פון עטיק, אַ גלויבן וואָס פּרעדיקט, אַז די איינציקע מאָס פון גערעכטיקייט איז מאַכט! האָבן זיי מיט זייער מאַכט פאַרכאַפּט גאַנצע וועלט־טיילן; האָבן זיי אונדזער לאַנד פאַרנומען און געמאַכט פון אונדז שפּאַניער און פון אייך יידן זייערע שקלאַפן, זייערע וואַסער־טרעגער און האָלץ־העקער זיינען מיר געוואָרן!"

„זאָל זיך שוין טאַקע גאָט אָננעמען אונדזער קריוודע, שוין צייט, מיין ליבער פירשט דאָן כוליאַן," האָט בענאַדיר זיך אָנגערופן מיט אַ שווער געמיט. ער איז געבליבן שטיל און געוואַרט, אַז דאָן כוליאַן זאָל אָנגיין מיט זיין געשפּרעך, וואָס איז געווען ווי אַ באַלזאַם פאַר זיינע אויערן. דאָן כוליאַן האָט געטאָן אַ פּאָר דרייען ביידע וואָנסעס און זיי שאַרף פאַרשפּיציקט און אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און אָנגעוויזן אויף בענאַדירס ברוסט, דאָרט וואו די געלע לאַטע איז געווען צוגענייט. „ווער, מיין ליבער ברודער בענאַדיר, ווער האָט אויס־געקלערט דעם שאַנדצייכן, וואָס איר מוזט טראָגן אויף אייערע קליידער? נישט זיי, די מענטשן־פיינט, די הונען? האָט נישט זייער קעניג

רעקאָרעדאָ אָנגעהויבן דורכצופירן די מערדערלעכע געזעצן קעגן אייך, גאָטס אויסדערוויילטע קינדער? האָט נישט סיסעבוט אָפּגעטיילט די יידן פון די קריסטן און געשאַפן אַ שטענדיקע שנאה צווישן זיי? און קעניג עגיקאַ, אָט דער בלוטדורשטיקער הונט, האָט ער דען נישט באַפוילן, אַז מ׳זאָל די יידן פאַרקויפן פאַר שקלאַפן, זייערע קינדער צונעמען, זייערע פאַרמעגנס פאַרכאַפן? און פאַרוואָס? ווייל ער האָט אויסגעפונען, אַז די שפּאַנישע רעבעלן קעגן די גערמאַנישע אוזורפּירער פאַראייניקן זיך אין דער שטיל מיט די יידן און גרייטן זיך צו פאַרכאַפּן די מאַכט. צו קלוג זיינען די יידן פאַר אים געווען. זייערע לערן פון יושר און גערעכטיקייט האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין זיין רויבערישער טעאָריע פון מאַכט איז רעכט. האָט ער פאַר גרויס צאָרן געוואָלט אויסראָטן אי די יידן אי זייער תורה. און פון יענער צייט אָן ליגן מיר ווי שקלאַפן אונטער די קנאַפּל פון די פרעמדע הערשער און הויבן אַפילו נישט אויף אונדזער שטימע אין ביטערן פּראָטעסט. וואָלט שוין נישט צייט געווען, מיין טייערער בענאַדיר, אַז מיר זאָלן זיך אויסקויפן פון דער פרעמדער מערדערישער הערשאַפט מיט אונדזער בלוט?״

אמת איז, אַז בענאַדיר האָט שוין לאַנג פאַרשטאַנען, וואָס דאָן כוליאַן האָט געהאַט בדעה פאַרצושלאָגן, ער האָט אָבער אומגעדולדיק געוואַרט אויף די לעצטע פאַר ווערטער, ערשט, אַז דאָן כוליאַן האָט בפירוש אַרויסגעזאָגט, וואָס ער גרייט זיך צו טאָן האָט בענאַדיר זיך דערפילט אַ דערלייזטער. געווני ווי אַזוי דאָן כוליאַן וויל דורכפירן דעם אויפשטאַנד האָט ער נישט געוואוסט. ער האָט אויך נישט געטראַכט צי דער אויפשטאַנד קען האָבן אַ וועלכן עס איז דערפאָלג, אָבער זיין פאַנטאַזיע האָט זיך שטאַרק צעשפּילט בלויז פון געדאַנק, אַז עפּעס וועט ווערן געטאָן. דאָס לעבן אין דער געטאָ איז אים סיי־ווי־סיי געווען שטאַרק דערעסן. ווי לאַנג קען אַ מענטש לעבן אַזוי דערנידעריקט? ווי לאַנג איז דער שיעור זיך צו לאָזן ווערן געטראָטן מיט די פיס און שווייגן? נישט נאָר די געלע לאַטע, נישט נאָר דאָס זיין אָפּגעשלאָסן אין דער יידן־גאַס ווי בהמות אין אַ שטאַל האָט אים געוויטיקט, ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז גאָטס הויז, דער איינציקער בית־המדרש אין שטאָט זאָל שטיין ווי אַ חורבה. נישט נאָר לאָזט מען פאַר אַזאַ גרויסער קהילה נישט בויען קיין נייע שול נאָר אַפילו די

אַלטע לאַזט מען אויך נישט פאַרריכטן. אין זיין געדאַנק האָט ער שוין געזען ווי ראַדריגאַ איז פאַרטריבן פון לאַנד און אויף זיין אָרט זיצט אַ שפּאַניער מיט אַזאַ גוט האַרץ ווי דאָן כוליאַן, וואָס רעגירט מיט יושר און גערעכטיקייט און לאָזט אויסבויען אין צענטער פון שטאָט אַ פּראַקטיקע געביידע, אַ שיינע שול, אַ צירונג פאַר דער קהילה פון טאָלייטאָלאַ. די אויגן האָבן זיך ביי אים אַזש פאַרצויגן מיט טרערן פון פרייד. ער וואָלט שוין גרייט געווען איינצושטעלן נישט נאָר זיין לעבן נאָר אויך דאָס לעבן פון זיינע קינדער, ניין, אַפילו דאָס לעבן פון אַלע יידן פון שטאָט אַבי אָנצוהויבן עפּעס צו טאָן.

אין טיפן שטילשווייגן זיינען זיי ביידע געזעסן. בענאַדיר האָט אין געדאַנק געפורעמט זיין ענטפער צום פירשט. עס איז אים אָנגעקומען שווער אַרויסצוזאָגן, וואָס עס איז געלעגן אויף זיינע ליפּן. ער האָט בלויז מיט אַ ווייטיקדיקן זיפץ אַ זאָג געטאָן עפּעס גלאַט אַזוי אָנשטאָט צו זאָגן וואָס ער האָט געטראַכט: „שוין צייט, אַז מיר זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון אונדזערע צרות, מיין טייערער פירשט דאָן כוליאַן; שוין צייט, אַז גאָט זאָל זיך אויף אונדז דערבאַרימען, ער זאָל אונדז באַהילפיק זיין!"

דאָן כוליאַן האָט אויפגעכאַפּט בענאַדירס לעצטע ווערטער. ער האָט מיט פרייד אַזש אויסגעשריגן: „באַהילפיק וועט ער זיין, מיין ברודער בענאַדיר, נאָר טאָן מוזן מיר אַליין. אז מיר וועלן אָנהויבן וועט ער מיטהעלפן!"

„אונדזערע כוחות, גרויסער פירשט, זיינען זייער קליינע. וואָס, אומשטיינס געזאָגט, קענען מיר יידן אויפטאָן קעגן אַזאַ ליב?" די ווערטער האָט בענאַדיר געזאָגט בלויז מיט די ליפּן אויסצוגעפינען ווי שטאַרק דאָן כוליאַן גלויבט אין דער יידישער הילף, געוואָלט האָט ער באמת זאָגן: „„דאָן כוליאַן, מיר זיינען גרייט."

„נישט קיין לייבן זיינען זיי, די הונען, נאָר פּחדנים, מוראדיקע פּחדנים. ווי מייז וועלן זיי זיך צעלויפן אין די נאָרעס ווען זיי וועלן דערפילן, אַז אַ מאַכט, אַ פאַראייניקטע קראַפט גייט קעגן זיי."

דאָן כוליאַן האָט אָנגעביילט אַ פויסט און זי געוויזן בענאַדירן. „מיט אַזוינע געביילטע פויסטן פון אמתע שפּאַניער, מיט דער הילף פון

אייך יידן, אונדזערע ברידער, וועלן מיר זיך באַפרייען פון די פרעמדע הערשער. חוץ דעם, מיין טייערער בענאַדיר, האָב איך אַ סוד, אַ וויכטיקן סוד אייך איבערצוגעבן". ער האָט זיך צוגעבויגן צו בענאַדירן און אים איינגערוימט אויפן אויער: „איך וועל קריגן די פולסטע שטיצע פון די מורן פון אַפריקע אין מיין אונטערנעמונג. זיי וועלן געטריי שטיצן מיין פּלאַן. מיט גרויסע מיליטערישע אַפּטיילונגען וועלן זיי אונדז קומען צו הילף, פאַר אַ פּרייז, וואָס וועט זיך זיי לוינען און שפּאַניע וועט מיט פאַרגעניגן באַצאָלן."

אַ קאַלטער ציטער איז דורכגעלאָפן דורך בענאַדירס לייב. „איינ־לאַדן די בערבערן פון אַפריקע? עפענען די טויערן פון שפּאַניע פאַר די מורן? מיינט טאַקע דאָן כוליאַן צו ריזיקירן מיט דער זיכערקייט פון לאַנד אַבי צו האָבן אַ מעגלעכקייט, אַפילו אַ שוואַכע, דאָס לאַנד צו באַפרייען פון די גאָטישע הערשער? און אויב דאָן כוליאַן מיינט עס טאַקע ערנסט, איז ווי אַזוי קענען זיך די יידן אַנשליסן אין אַזאַ גע־פערלעכן בונד, וואָס קען מיינען דער סוף פון דער קריסטלעכער שפּאַ־ניע? און צוריקגערעדט, וואָס קענען די יידן דערביי פאַרלירן? אויב דאָן כוליאַן וויל איינשטעלן זיין לאַנד מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט געווינען מעגן מיר יידן דאָך אוודאי זיין ווילליק עס צו טאָן. און לאָמיר שוין זאָגן, אַז מיר טרעטן אַריין אין בונד, טאָ מיט וואָס וועלן מיר יידן קענען העלפן? בענאַדירס פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן פון אומעט. אַ פּחד איז אים באַפאַלן. ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז זיין צוזאָג קען מיינען דער סוף פון די יידן אין טאָלייטאָלאַ. דאָן כוליאַן האָט באַמערקט זיין פאַרצווייפלונג.

„אייער, כ'מיין די אויפגאַבע פון די יידן פון טאָלייטאָלאַ, מיין טייערער בענאַדיר, איז אַ קליינע, גאָר אַ קליינע, נאָר דערפאַר אַ זייער וויכטיקע אויפגאַבע אין אונדזער קאַמף פאַר באַפרייאונג," האָט דאָן כוליאַן געזאָגט געלאַסן אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט." איך, פירשט דאָן כוליאַן, היטער פון די דרומדיקע פּראָנטן וועל צוזאַמען מיט די אמתע שפּאַניער, די ליב־האָבער פון פרייהייט און מיט מיינע איינגע־לאַדענע געסט, די מורן, פאַרנעמען דאָס לאַנד, וויניקסטנס אַ טייל פון לאַנד. מיר וועלן אין דער שטיל דערגרייכן ביז די טויערן פון טאָליי־

טאַלאַ. איידער מיר קענען עפּעס אויפטאָן מוזן מיר האָבן אין אונדזער רשות די הויפּט־שטאָט. דאָ אין טאָליטאָלאַ האָט ראָדריגאָ זיין גאַנצע מאַכט, אָבער צום גליק זייט איר יידן דאָ אין אַ גרויסער צאָל, און דאָ אייגנטלעך קומט אַריין אייער וויכטיקייט: איר קענט אונדז העלפן גרינג צו פאַרנעמען די שטאָט. שפּאַניע וועט זיין באַפרייט און איר יידן וועט ווערן פרייע בירגער פון אַ באַנייט שפּאַניע!"

עס איז געוואָרן אַלץ קלאָרער פאַר בענאַדירן, אַז דאָס אַריינלאָזן די מורן קיין שפּאַניע מיינט אַן אמתע געפאַר פאַרן לאַנד. ער האָט שוין געוואָלט זאָגן קלאָר און דייטלעך: „ניין, דאָן כוליאַן, מיט די כוחות פון שפּאַנישן פאָלק און נאָר מיט זיי וועלן מיר אַרבעטן אומדערמידלעך פאַר דער באַפרייאונג פון שפּאַניע, אָבער מיר קענען זיך נישט פאַר־אייניקן מיט די בערבערן אין אַ פאַרשווערונג קעגן אונדזער לאַנד!" נאָר אין דער מינוט האָט זיך זיין בליק פאַרקליבן אויף זיין ברוסט און איז דאָרט שטיין געבליבן; די געלע לאַטע האָט אים געשטאָרט אין די אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אכזריותן, וואָס די הערשער פון לאַנד זיינען באַגאַנגען קעגן זיין פאָלק אין די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר. די חרפות און בושות, די פּייניקונגען און באַליידיקונגען, קעגן זיין פאָלק האָבן זיך אָנגעשטעלט פאַר זיינע אויגן און אים געטייטלט מיט אַ באַשולדיקונג־פינגער גלייך אין פּנים אַריין: „בענאַדיר, דאָס אומשולדיק בלוט פון דיין פאָלק דורשט נאָך נקמה! לייג נישט אָפּ! טו!" זיין פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ פלאַמיקער רויטקייט. מיט ליפּן פאַרביסענע ביז בלוט האָט ער אַרויסגעזאָגט: „איר, פירשט דאָן כוליאַן, זאָגט וואָס מיר קענען טאָן אייך צו העלפן, מיר וועלן מיט גאָטס הילף טאָן ווי איר וועט הייסן!"

מיט צעשטראַלטע אויגן ווי בליץ־לאַמפּן האָט דאָן כוליאַן אָנגע־קוקט בענאַדירן. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט איין האַנט ביי דער זייט וואו זיין שווערד איז געווייינטלעך געהאַנגען און זיך אָנגערופן: „איר, זייער חשובער בענאַדיר, וועמענס וואָרט די יידן פון שטאָט הערן מיט האַרץ און לעבן, איר דאַרפט זען, אַז אין דער נאַכט פון הייליקן יום־טוב פון קריסטוס פון דער וועגאַ, ווען אַלע קריסטן פון שטאָט וועלן זיין פאַרזאַמלט אויפן פעלד, זאָלן די שטאַרקסטע יידישע יונגעלייט זיין

ביי די טויערן פון שטאָט. ווען די פאָן פון מיין רעגימענט וועט זיך באַווייזן אויף אַ בלאַנקענדיקער שווערד און ווען דער שטאַנדאַרט פון דעם בערבערישן פירער, איבן זיאַד טאַריק וועט זיך זען לעבן די טויערן פון שטאָט, דעמאָלט זאָלן די טויערן פאַר אונדז ווערן געעפנט; די שטאָט וועט זיין אונדזערע; שפּאַניע וועט זיין באַפרייט."

בענאַדיר האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ער האָט פאַרקלאַמערט די אויגן, ער איז געבליבן זיצן אין אַנמאַכט. ס'האַרץ האָט געקלאַפּט אין זיין ברוסט ווי מיט האַמערן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט. זיין קערפּער איז געוואָרן שטייף ווי אַן אָנגעצויגענער דראָט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איז געבליבן שטיין לעבן דאָן כוליאַנען. בענאַדירס אויגן האָבן זיך באַדעקט מיט אַ פייכטקייט. ער האָט פאַר זיך דערזען דאָן כוליאַנס אויסגעשטרעקטע האַנט. ער האָט זיך אַביסל צוריקגעצויגן, געטראַכט, אַ ליפּ פאַרביסן און אַ כאַפּ געטאָן די האַנט.ביידע הענט זיינען ווי שטאָלענע קלאַמערן געווען איינגעגעסן איינע אין דער אַנדערער. בענאַדירס ליפּן האָבן געציטערט און ציטערנדיק האָבן זיי געשעפּטשעט: „פאַרשטאַנען, געמאַכט!"

***

איבער די זיבן בערג פון טאָלעדאָ זיינען געקראָכן נאַכטיקע שאָטנס. די פענצטערלעך אין ראָדריגאָס טורעם האָבן מיט הונדערטער אייגעלעך געקוקט צום בריק איבערן טאַגוס. אויפן בריק איז געשטאַנען דאָן כוליאַן און מיט אויגן פאַרגאָסענע מיט בלוט, מיט צאָרן האָט ער געמורמלט: „אַנטיקריסט ראָדריגאָ! כ'וועל דיר צוריק פאַרטרייבן דאָרט אַהין אין די וועלדער פון וואַנען דו ביסט געקומען. צו אייער גאָט טהאָר, צו אייער ווילדן שבטים־לעבן וועט איר זיך אומקערן, איר הונען, וואָס זיינט געקומען אַ וועלט צו פאַרוויסטן. באַפרייט וועט ווערן פון אייך די וועלט, איר באַרבאַרן, איר טרעגער פון האַס און שנאה, רויב און מאָרד!"

„פאַר, וואַמבאַ, רייט שנעל, העלף מיר אויספירן מיין הייליקע שליחות", האָט דאָן כוליאַן אַ זאָג געטאָן צו זיין פערד און איז אַוועקגעריטן אין דער נאַכט אַריין.